STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01681

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

Permanent preservation of this book was made possible
by Isaiah & Lola Gellman
in memory of their parents
Blume & Shaike Malkis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1936 ווארשע

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאָס פינפטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאל-ביבליאָטעק
ווארשע 1936

Druk. „Grafia“, W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

פ ע ר ט ע ט י י ל.

I

טויזנט נײַנהונדערט זעכצענטע יאָר. אָקטאָבער. נאַכט. רעגן און ווינט. פּאָלעסיע. אָקאָפּעס איבערן זומפּיקן באָדן, פּאַרוואַקסענעם מיט אָלכע. פּאָרויס דראָט־פּאַרצוימונגען. אין די אָקאָפּעס — קאַלטע בלאָטיקייט. טריב פינקלט די פייכטע באַשיצונג פון באַאָבאַכטער. די זעמליאַנקעס* זענען זעלטן באַלויכטן. ביים אַרײַנגאַנג אין איינער פון די אָפיצירישע זעמליאַנקעס האָט אויף אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן אַ נידעריק־געזעצטער אָפיציר; גליטשנדיק די פייכטע פינגער איבער די האָקלען, האָט ער אײַליק אויפגעשפּיליעט דעם שינעל, אָפּגעטרייסלט דאָס וואַסער פון קאָלנער, אויף גיך אָפּגעווישט די שטיוול אָן בינטל שטרוי, אַרײַנגעטרעטענעם אין דער בלאָטע, און ערשט דעמאָלט אַ שטופּ געטון די טיר און, אײַנבייגנדיק זיך, אַרײַנגעגאַנגען אין דער זעמליאַנקע.

אַ געלער שטרײַף ליכט, וואָס איז געפאַלן פון קליינעם נאַפט־לעמפּל, האָט פּעט אַ בלינצל געטון דעם אַרײַנגעקומענעם אין פּנים אַרײַן. פון טאַפּטשאַן האָט זיך אונטערגעהויבן אַן אָפּיציר אין אַ צעשפּיליעטער טוזשורקע, דורכגעפירט די האַנט איבער די צעשויבערטע גרוילעכע האָר, אַ געגעץ געטון.

— דער רעגן?

— גייט, — האָט געענטפערט דער גאַסט און, אויסטוענדיק זיך, אויפגעהאָנגען דעם שינעל און דאָס היטל, צעווייקטע פון

---

* ערד־שטיבלעך.

פּייכטקייט, אויפֿן טשוואָק בײַם אַרײַנגאַנג. — בײַ אײַך איז וואַרעם. איר האָט אָנגעאָטעמט.

— מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעבערענט. ס'איז שלעכט, וואָס דאָס וואַסער טרעט אַרויס פֿון אונטער די ערד-שיכטן. דער רעגן, דער טייוול זאָל אים נעמען, טרײַבט אונדז אַרויס... האַ ? ווי מיינט איר, בונטשוק ?

רײַבנדיק זיך די הענט, באַדעקטע מיט אַ טונקעלער ווייכער האָריקייט, האָט בונטשוק זיך אײַנגעהויקערט און טשיפּקע אָוועקגעזעצט בײַם אײוועלע.

— מאַכט אַ דיל. אין אונזער זעמליאַנקע איז אַ מחיה : מען קאָן באַרוועס אַרומגיין. וואו-זשע איז ליסטניצקי ?

— ער שלאָפֿט.

— שוין לאַנג ?

— ער איז צוריקגעקומען פֿון פּאַטראָל און זיך געלייגט.

— מען קאָן אים שוין וועקן ?

— וועקט. מיר וועלן שפּילן אין שאַך.

בונטשוק האָט מיטן ווייז-פֿינגער אָפּגעווישט די רעגן-פּייכטקייט פֿון די ברייטע, געדיכטע ברעמען, — נישט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, שטיל אַ רוף געטון :

— יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש !

— ער שלאָפֿט, — האָט דער גרוילעכער אָפּיציר אַ זיפֿץ געטון.

— יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש !

— האַ ? — ליסטניצקי האָט זיך אונטערגעהויבן אויפֿן עלענבויגן.

— מיר וועלן שפּילן אין שאַך ?

ליסטניצקי האָט אַראָפּגעלאָזט די פֿיס פֿון טאַפּטשאַן, לאַנג זיך געריבן די פֿולע ברוסט מיטן ראָן ווייכן קישעלע פֿון דער האַנט.

בײַם פֿאַרענדיקן די ערשטע פּאַרטיע, זענען געקומען די

אָפּיצירן פון דער פינפטער סאָטניע — דער עסאַול קאַלמיקאָוו און דער סאָטניק טשובאָוו.

— נייעס! — האָט קאַלמיקאָוו „זין אויף דער שוועל אויסגעשריגן. — דאָס פּאָלק ווערט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, צוריקגערופן.

— פונוואַנען נעמסטו דאָס? — האָט דער גרוילעכער אונטערעסאַול מערקולאָוו אומגלויבלעך אַ שמייכל געטון.

— גלייבסט נישט, פּעטער פּיעטיאַ?

— דעם אמת געזאָגט, — ניין.

— דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע האָט דאָס טעלעפאָניש איבערגעגעבן. פונוואַנען ער ווייסט? וואָס הייסט, ער איז דאָך ערשט נעכטן פון דיוויזיע־שטאַב צוריקגעקומען.

— עס וואָלט נישט שלעכט געווען אין אַ בעדל זיך אויסצופּאַרען.

טשובאָוו האָט, גליקזעליק שמייכלענדיק, נאָכגעמאַכט ווי ער שמייסט זיך מיט אַ בעזעמל איבער די שענקלען. מערקולאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— אין אונזער זעמליאַנקע דאַרף מען בלויז אַ קעסל אַריינשטעלן, — וואָסער איז דאָ איבערגענוג.

— ס'איז נאַס, נאַס באַלעבאַטים, — האָט קאַלמיקאָוו געמירמלט, קוקנדיק אויף די באַלקן־ווענט און ווייכן ליימיקן דיל.

— דער זומפּ איז ביי דער זייט.

— דאַנקט דעם רבונו של עולם, וואָס איר זיצט ביים זומפּ, ווי ביי קריסטוסן אין בוזעם, — האָט בונטשוק אין שמועס זיך אַריינגעמישט. — אויפן אָפענעם פעלד אַטאַקירט מען, און מיר דאָ שיסן אויס צו איין קוילן־מאַגאַזין אַ וואָך.

— ס'איז בעסער צו אַטאַקירן, איידער צו פוילן דאָ לעבעדיקערהייט.

— נישט דערויף האַלט מען די קאָזאַקן, פּעטער פּיעטיאַ, כדי זיי אויסצוראָטן אין אַטאַקעס. דו מאַכסט דיך פּלומרשט נאַיִוו.

— אויף וואָס דען — לויט דיין מיינונג ?

— די רעגירונג וועט אין נייטיקן מאָמענט פרוווּן, לויט דער אַלטער געוואוינהייט, זיך אָנשפּאַרן אויפן אַקסל פון קאָזאַק...

— רעדסט אפּיקורסות. — קאַלמיקאָוו האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— וואָס הייסט — אפּיקורסות ?

— אַזוי.

— לאָז צורו, קאַלמיקאָוו ! דעם אמת דאַרף מען נישט פאַרהוילן.

— וואָס פאַר אַן אמת...

— דאָס איז דאָך אַלגעמיין באַקאַנט. וואָס מאַכסטו דעם אָנשטעל ?

— אַכטונג, הערן אָפיצירן ! — האָט טשובאָוו אויסגעשריגן און, טעאַטראַל זיך פאַרנייגנדיק, אָנגעוויזן אויף בונטשוקן : — דער כאָרונזשי בונטשוק וועט באַלד אָנהייבן לויטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן חלומות-בוך פּותר צו זיין.

— איר מאַכט זיך כלאָ-ידע ? — האָט בונטשוק אַ שמייכל געטון, דורכבויערנדיק טשובאָווס בליק מיט די אויגן. — און, איבעריקנס, טוט עס ווייטער. איטלעכער האָט זיך זיין באַרוף. איך זאָג, אַז מיר זעען שוין נישט די מלחמה פון מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר אָן. זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָזיציע-מלחמה, זענען די קאָזאַקן-פּולקן פאַרשטעקט געוואָרן אין די אָפּגעלעגענע ערטער און ווערן געהאַלטן דאָרט אין פאַרבאָרגעניש ביז אַ געוויסער צייט.

— און דערנאָך ? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, צונויפנעמענדיק די שאַך-פיגורן.

— און דערנאָך, ווען אויפן פראָנט וועלן זיך אָנהייבן אומרוען, — און דאָס איז אומפאַרמיידלעך : די מלחמה הייבט אָן די סאָלדאַטן דערעסן צו ווערן, אויף דעם זאָגט עדות די פאַרגרעסערטע צאָל דעזערטירן, — דערנאָך וועט מען אונטערצודריקן די בונטן, איינצושטילן זיי, אַ וואָרף טון די קאָזאַקן. די רעגירונג האַלט דאָס

קאָזאַקן-מיליטער ווי אַ שטיין אויף אַ שטעקן. אין נייטיקן מאָמענט וועט זי מיט דעם שטיין פּרוּוון צעברעכן דעם שאַרבן דער רעוואָלוציע.

— די פאַרפאַרסט צו ווייט, ליבינקער מיינער! דיינע השערות זענען פונדעסטוועגן געגוג וואַקלהאַפּט. קודם-כל קאָן מען פאַרויס נישט באַשטימען דעם גאַנג פון די געשעענישן. פונוואַנען ווייסטו וועגן קינפטיקע אומרוען און אַלעם איבעריקן? און אויב מיר וועלן פאַרזען אַזאַ שטייגער זאַך: די פאַרבינדעטע צעקלאַפּן די דייטשן, די מלחמה פאַרענדיקט זיך גלענצענד — וואָס פאַר אַ ראָל באַשטימסטו דעמאָלט פאַרן קאָזאַקנטום? — האָט ליסטניצקי אָפּאָנירט.

בונטשוק האָט אַ לייכטן שמייכל געטון.

— עס האָלט עפּעס גאָרנישט ביי פאַרענדיקן זיך און דערצו נאָך גלענצענד.

— מען האָט די קאַמפּאַניע פאַרצויגן...

— און מען וועט זי נאָך מער פאַרציען, — האָט בונטשוק צוגעזאָגט.

— ווען ביסטו צוריקגעקומען פון אורלויב? — האָט קאַלמיקאָוו געפרעגט.

— אייערנעכטן.

בונטשוק האָט געמאַכט אַ רעדעלע פון די ליפּן, אַרויסגעשטויסן אַ קניילעכל רויך מיט דער צונג, אַוועקגעוואָרפן דעם פּיטום.

— וואו ביסטו געווען?

— אין פּעטראָגראַד.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט? ס'איז טומלדיק אין דער רעזידענץ? עך, טייוול, וואָס וואָלט איך נישט אַוועקגעגעבן, צו קאָנען דאָרט כאָטש איין וואָך פאַרברענגען.

— פריילעכס איז דאָ ווייניק, — האָט בונטשוק געזאָגט, וועגנדיק די ווערטער, — עס פעלט אויס ברויט. אין די אַרבעטער-ראַיאָנען איז הונגער, אומצופרידנקייט, טויבער פּראָטעסט.

— גינסטיק וועלן מיר פון דער מלחמה נישט אַרויסקריכן.

ווי מיינט איר, מיינע הערן? — האָט מערקולאָוו אַלע באַטראַכט פרעגנדיק.

— די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט אַרויסגערופן די רעוואָלוציע פון טויזנט נײַנהונדערט פינפטן יאָר, — דידאָזיקע מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ נײַער רעוואָלוציע. און נישט בלויז מיט אַ רעוואָלוציע, נאָר מיט אַ בירגער־קריג.

ליסטניצקי, אויסהערנדיק בונטשוקן, האָט געמאַכט אַן אומבאַשטימטן זשעסט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איבעררײַסן אינמיטן דער פראַזע, דערנאָך אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער זעמליאַנקע, אַן אָנגעכמורעטער. ער האָט גערעדט מיט אײַנגעהאַלטענעם צאָרן:

— מיך וואונדערט דער פאַל, וואָס אין קרייז פון אונזער אָפיצירנטום געפינען זיך אָט אַזעלכע סוביעקטן, — אַ זשעסט אין דער זײַט אַרײַן פון געהויקערטן בונטשוק, — עס וואונדערט מיך דערפאַר, וואָס ביז איצט איז מיר נישט קלאָר זײַן באַציִונג צום פאָטערלאַנד, צו דער מלחמה... ער האָט אַמאָל אין אַ שמועס זיך אויסגעדריקט זייער נעפּלהאַפט, אָבער דאָך גענוג קלאָר, כּדי צו פאַרשטיין, אַז ער איז פאַר אונזער מפּלה אין דערדאָזיקער מלחמה. צי האָב איך דיך ריכטיק פאַרשטאַנען, בונטשוק?

— איך — פאַר אַ מפּלה.

— אָבער פאַרוואָס? לויט מײַן מיינונג, וואָס פאַר אַ פּאָליטישע איבערצײַגונגען דו זאָלסט נישט האָבן, אָבער ווינטשן זיך די מפּלה פון אייגענעם פאָטערלאַנד — דאָס הייסט... נאַציאָנאַלער פאַרראַט. דאָס איז — אומווירדיק פאַר יעדן אָנשטענדיקן מענטש!

— איר געדענקט, ווי די דומע־פראַקציע פון דער רסדאפּ האָט אַגיטירט קעגן דער רעגירונג און אַזויאַרום מיטגעווירקט צו איר מפּלה? — האָט מערקולאָוו זיך אַרײַנגעמישט.

— דו, בונטשוק, אָנערקענסט זייער שטאַנדפּונקט? — האָט ליסטניצקי געשטעלט אַ פראַגע.

— אויב איך זאָג מיך אַרויס פאַר אַ מפּלה, פאַרשטייט זיך דאָך, אַז איך אָנערקען, און עס וואָלט געווען לעכערלעך פאַר

מיר, אַ מיטגליד פון דער רסדאַפּ אַ באָלשעוויק, נישט צו אָנערקענען דעם שטאַנדפונקט פון מיין פּאַרטיי־פראַקציע. עס וואונדערט מיך אַ סך מער, וואָס דו, יעווגעני ליסטניצקי, אַן אינטעליגענטער מענטש, ביסט אַ פּאָליטישער אַנאַלפאַבעט.

— איך בין קודם־כל אַן איבערגעגעבער סאָלדאַט דעם מאָנאַרך. מיך ווארפט די נכפה ביים אָנבליק בלויז פון די „חברים־סאָציאַליסטן".

„דו ביסט קודם־כל אַ באָלוואַן, און דערנאָך ערשט אַ זעלבסט־צופרידענער זשאָלדאַק", — האָט בונטשוק אַ טראַכט געטון און פאַרלאָשן זיין שמייכל.

— נישטאָ קיין גאָט, חוץ אַללאַ...

— אין מיליטערישן שטאַנד זענען געווען אויסנעמלעכע באַדינגונגען, — האָט מערקולאָוו אַריינגעוואָרפן, ווי זיך צו פאַרענטפערן, — מיר אַלע זענען עפּעס געשטאַנען אין דער זייט פון פּאָליטיק, אונזער כאַטע איז געווען די לעצטע.

דער עסאַול קאַלמיקאָוו איז געזעסן, צופּנדיק זיך די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס, שאַרף פינקלענדיק מיט די הייסע מאָנגאָלישע אויגן. טשובאָוו איז געלעגן אויפן טאַפּטשאַן, זיך איינגעהערט אין די קולות פון די רעדנדיקע און באַטראַכט מערקולאָווס אויף דער וואַנט אויפגעקלאַפּטע צייכענונג, וואָס איז שוין געל געווען פון טיטון־רויך: אַ האַלב־נאַקעטע פרוי, מיט אַ מאַגדאַלענאַ־פּנים, קוקט פאַרשמאַכט און אויסגעלאַסן שמייכלענדיק אויף איר אַנטבלויזטער ברוסט. מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט ציט זי אָפּ דעם ברוינעם וואָרצל, דער קליינער פינגער איז וואַכזאַם אויסגעבויגן, אונטער די אַראָפּגעלאָזטע וויִעס איז אויסגעשפּרייט אַ שאָטנדיקע וואַרעמע ליכטיקייט פון די אַפּלען. איר לייכט אונטערגעהויבענער אַקסל פאַרהאַלט דאָס זיך אַראָפּגליטשענדיקע העמדל, אין די גריביקע ערטער פון די שליסל־ביינער — רוט אַ ווייכע פוכיקע ליכטיקייט. אַזוי פיל אוממיטלבאַרע הערלעכקייט און אויטענטישע וואָרהאַפטיקייט איז געווען אין דער פּאָזע פון דער דאָזיקער פרוי, אַזוי אומגעוויינטלעך פאַרביק זענען געווען די

שטילע טענער, אַז טשובאָוו, פאַרגאַפּט שמייכלענדיק, האָט אַן אַנטציקטער געקוקט אויף דער צייכענונג, און דער שמועס, וואָס האָט דערגרייכט זיין געהער, איז שוין נישט אַריינגעדרינגען אין זיין באַוואוסטזיין.

— ווי שיין דאָס איז! — האָט ער אויסגעשריגן, זיך אָפּ־רייסנדיק פון דער צייכענונג זייער נישט אין דער געהעריקער צייט, ווייל בונטשוק האָט גראָד פאַרענדיקט מיט דער פראַזע:

— ...דער צאַריזם וועט פאַרטיליקט ווערן, איר קאָנט זיין זיכער!

פאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, גיפטיק שמייכלענדיק, האָט ליסטניצקי געוואָרפן בליקן דאָ אויף בונטשוקן, דאָ אויף טשובאָוון.

— מערקולאָוו, איר — זענט אַן עכטער מאָלער! — האָט טשובאָוו, אַן אַנטציקטער, אים צוגעוואונקען.

— אַזוי זיך... שפּילעריי...

— מעגן מיר פאַרלירן עטלעכע הונדערט טויזנט סאָלדאַטן, אָבער דער חוב פון יעדן, וועמען דידאָזיקע ערד האָט נאָר אויפ־געהאָדעוועט, איז — צו פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד פון פאַרשקלאַ־פונג. — ליסטניצקי האָט פאַררייכערט; אויסווישנדיק זיך די גלעזלעך פון די פענסנע מיטן נאָז־טיכל, האָט ער אָפּוואַרטנדיק געקוקט אויף בונטשוקן מיט די קורצזיכטיקע נישט פאַרשטעלטע אויגן.

— די אַרבעטער האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד, — האָט בונטשוק ווי מיט אַ שטאַמס אויסגעפּרעגט. — אָט די ווערטער פון מאַרקסן דריקן אויס דעם טיפסטן אמת. מיר האָבן נישט און האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאָטערלאַנד! אָטעמט איר מיט פאַטריאָטיזם! דידאָזיקע פאַרשאָלטענע ערד האָט אייך אָנגעטרונ־קען און אָנגעזעטיקט, און מיר... זענען ווי ווילד־גראָז, ווי ווערמוט אויף די וויסטע פעלצער געוואַקסן... אונז איז נישט באַשערט איינצייטיק מיט אייך צו בליען...

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זייטיקער קעשענע פון שינעל

אַ פּעקל איינגעוויקלטע פּאַפּירן, לאַנג זיך געגראָבן דערין, שטייענ־דיק מיטן רוקן צו ליסטניצקין, צוגעגאַנגען צום טיש, אויסגע־גלייכט מיט דער ברייטער אָדערדיקער האַנט אַ צייטונגס־בלאַט, וואָס איז שוין געל געוועזן פון אַלטקייט.

— איר ווילט געפעליק הערן? — האָט ער זיך געווענדט צו ליסטניצקין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַן אַרטיקל וועגן דער מלחמה. איך וועל איבערלייענען אַן אויסצוג. איך בין דאָך נישט שטאַרק געבילדעט, עפּעס וויכ־טיקס וועל איך אַליין נישט אויסטראַכטן, און דאָ איז אַלץ — ווי אויף דער האַנט.

...די סאָציאַליסטישע באַוועגונג קאָן נישט זיגן אין די אַלטע ראַמען פון פאָטערלאַנד. זי וועט שאַפן נייע, העכע־רע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, ווען די געזעצ־לעכע באַדערפענישן און פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון יעדער נאַציאָנאַליטעט וועלן צום ערשטן מאָל באַפרידיקט ווערן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אייניקייט, אין די באַדינגונגען פון אָפּשאַפן די איצטיקע נאַציאָ־נאַלע גרענעצן. אויף די אָנשטרענגונגען פון דער הייַנטצייטי־קער בורזשואַזיע פונאַנדערצוטיילן און אָפּזינדערן די אַרבעטער דורכן צביעותדיקן פאַררופן זיך אויף דער „פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד", וועלן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער ענט־פערן מיט אַלץ נייע און נייע, זיך כסדר איבערחזרנדיקע אָנשטרענגונגען איינצושטעלן די אַרבעטער־אייניקייט פון די פאַרשידענע נאַציעס אין קאַמף פאַרן אָפּשאַפן די בורזשואַזע הערשאַפט פון אַלע נאַציעס.

די בורזשואַזיע פאַרטונקלט די מאַסן, פאַרדעקנדיק איר אימפּעריאַליסטישן רויב מיט דער אַלטער אידעאָלאָגיע פון דער „נאַציאָנאַלער מלחמה". דער פּראָלעטאַריאַט וועט דעמאַסקירן דעמדאָזיקן שווינדל, פּראָפּאַגירנדיק דעם לאָזונג

פון פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ ביר־גער־מלחמה...

בונטשוק, וועלכער האָט געלייענט פאַמעלעך, נישט הויך, האָט פאַרענדיקט ביי אַן אַלגעמיינער אָנגעשטרענגטער אויפ־מערקזאַמקייט :

...די פּראָלעטאַרישע פאָן פון בירגער־מלחמה וועט — אויב נישט היינט, איז מאָרגן, אויב נישט בשעת דער איצ־טיקער מלחמה, איז נאָך איר, אויב נישט אין דער, איז אין דער נאָענטסטער קינפטיקער מלחמה — פאַרזאַמלען אַרום זיך נישט בלויז הונדערטער טויזנטער באַוואוסטזיני־קע אַרבעטער, נאָר אויך מיליאָנען פון די היינט פאַרנאַרטע דורכן שאָוויניזם האַלב־פּראָלעטאַריער און קליינבירגער, וואָס די גרויזאַמקייטן פון דער מלחמה וועלן זיי נישט בלויז אָנשרעקן און צעטומלען, נאָר אויך באַוואוסטזיניק מאַכן, לערנען, וועקן, אָרגאַניזירן, פאַרהאַרטעווען און צוגרייטן צו דער מלחמה קעגן דער בורזשואַזיע אי פון זייער „אייגן" לאַנד, אי פון די „פרעמדע" לענדער...

נאָך אַ לאַנג שווייגן האָט מערקולאָוו געפרעגט :

— דאָס איז נישט אין רוסלאַנד געדרוקט געוואָרן ?

— ניין.

— וואו־זשע דען ?

— אין זשענעווע. דאָס איז פון דרייאונדרייסיקסטן נומער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" פון יאָר טויזנט ניינהונדערט פערצן.

— און וועמנס אַרטיקל איז דאָס ?

— לענינס.

— דאָס... איז, דאַכט זיך, דער לידער פון די באָלשעוויקעס ?

בונטשוק האָט פאַרשוויגן ; פאָרזיכטיק איינוויקלענדיק די צייטונג, האָבן זיינע פינגער געציטערט. מערקולאָוו האָט אַ שויבער געטון זיינע גרוילעכע האָר און געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף די איבעריקע :

— ער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט פון איבערצייגונג... דער טייוול זאָל עס נעמען, דאָ איז פאַרהאַן אַ סך, איבער וואָס זיך צו פאַרטראַכטן !...

ליסטניצקי האָט אָנגעהויבן רעדן, היצנדיק זיך. ער האָט, אַן אויפגערעגטער, פאַרשפּיליעט דעם קאָלנער פון העמד. און, שנעל שפּרייזנדיק פון איין ווינקל צום צווייטן, געשיט מיט ווערטער, ווי מיט דראָבנע אַרביסלעך :

— דאָסדאָזיקע אַרטיקל — איז אַ נעבעכדיקער פּרווו פון אַ מענטש, אַן אַרויסגעוואָרפענעם דורכן פּאָטערלאַנד פון אירע גרענעצן, צו ווירקן אויפן גאַנג פון דער געשיכטע. אין אונזער יאָרהונדערט האָבן רעאַלע נביאות קיין דערפאָלג נישט, מכל־שכן — אַזאַ נביאות. דער עכט רוסישער מענטש וועט אַריבערגיין דידאָזיקע היסטערישע אויסגעשרייען מיט פאַראַכטונג. פלוידעריי ! דאָס פאַרוואַנדלען די מלחמה פון די פעלקער אין אַ בירגער־מלחמה... אָט, טייוול, ווי נידערטרעכטיק דאָס אַלץ איז !

ליסטניצקי האָט, אַ פאַרקרימטער, אַ קוק געטון אויף בונטשוקן. יענער האָט, אַן אָנגעכמורעטער, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ גענישטערט אין זיין היפשן פאַקעט ; ס'איז קענטיק געווען, ווי האַסטיק דער פּולס קלאַפּט אין דער בולטער, אָנגעקוואָלענער אַרטעריע אויף זיין דיקן טונקל־ברוינעם האַלז.

ליסטניצקי האָט בייז געוואָרפן מיט בינטלעך פראַזן, נאָר דאָס דומפּע נידעריקע קול זיינס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איינדרוק.

— בונטשוק ! — האָט קאַלמיקאָוו אַ רוף געטון. — וואַרט נאָר צו, ליסטניצקי !... בונטשוק, איר הערט ?... נו, גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז דידאָזיקע מלחמה וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בירגער־מלחמה... און וואָס וועט זיין דערנאָך ? נו, איר וועט אַראָפּוואַרפן די מאָנאַרכיע... וואָס־זשע פאַר אַ רעגירונג דאַרף, לויט אייער מיינונג, דעמאָלט זיין ? וואָס פאַר אַ מאַכט ?

— אַ פּראָלעטאַרישע מאַכט.

— אַ פּאַרלאַמענט ?

— צו ווייניק! — האָט בונטשוק אַ שמייכל געטון.

— וואָס-זשע דען אייגנטלעך?

— עס דאַרף זיין אַן אַרבעטער-דיקטאַטור.

— אָט וואָ-אָ-ס!... און די אינטעליגענץ, דאָס פויערנטום — וואָס פאַר אַ ראָל זאָל פאַרנעמען?

— דאָס פויערנטום וועט גיין מיט אונז, אַ טייל פון דער דענקענדיקער אינטעליגענץ אויך, און די איבעריקע... און מיט די איבעריקע וועלן מיר אָט וואָס טוען... — בונטשוק האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג שטייף צונויפגעדרייט עפּעס אַ פּאַפּיר, וואָס האָט זיך געפונען אין זיינע הענט, אַ טרייסל געטון דערמיט, דורכגעזיגן צווישן די ציין: — אָט וואָס מיר וועלן טון.

— איר פליט הויך... — האָט ליסטניצקי אַ שמייכל געטון.

— און וועלן הויך זיך אַוועקזעצן, — האָט בונטשוק פאַרענדיקט.

— מען דאַרף באַצייטנס שטרוי אונטערשפּרייטן...

— צו וואָס-זשע פאַר אַ טייוול זענט איר פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט און אפילו זיך דערדינט צום ראַנג פון אָפיציר? ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאַראייניקן מיט אייערע אָנשויאונגען? וואונדער-באַר! אַ מענטש איז קעגן מלחמה... כע-כע... קעגן דער פאַרניכטונג פון זיינע אָט די... קלאַסן-ברידער — און פלוצלינג... אַ כאָרונזשי!

קאַלמיקאָוו, אַ פּאַטש געבנדיק זיך איבער די כאָלעוועס פון די שטיוול, האָט הארציק זיך צעלאַכט.

— וויפיל דייטשישע אַרבעטער האָט איר פאַרניכטעט מיט אייער מאַשינגעווער-קאָמאַנדע? — האָט ליסטניצקי געפרעגט.

בונטשוק האָט פלינק דורכגעבלעטערט זיין פּעקל פּאַפּירן, נאָך אַלץ אַזוי אָנגעבויגן איבערן טיש, און געזאָגט:

— וויפיל דייטשישע אַרבעטער איך האָב אויסגעשאָסן — דאָס איז... אַ פראַגע. געגאַנגען פרייוויליק בין איך דערפאַר, ווייל מען וואָלט מיך סיי-ווי געוואָרן גענומען. איך מיין, אַז די ידיעות, וועלכע איך האָב דאָ באַקומען, וועלן אין דער צו-

קונפּט צונויף קומען... אין דער צוקונפט. אָט דאָ ווערט גע־זאָגט:

לאָמיר נעמען דאָס היינטיקע מיליטער. אָט איז איין גוּ־טער מוסטער פון אָרגאַניזאַציע. און גוט איז דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע בלויז דערפאַר, וואָס זי איז עלאַסטיש, קאָ־נענדיק איינצייטיק געבן מיליאָנען מענטשן איין ווילן. היינט זיצן דידאָזיקע מיליאָנען מענטשן ביי זיך אין די הייזער אין פאַרשידענע עקן פון לאַנד. מאָרגן איז אַ באַפעל וועגן מאָביליזאַציע — און זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף די באַ־שטימטע פונקטן. היינט ליגן זיי אין די טראַנשייען, ליגן טיילמאָל חדשימווייז. מאָרגן גייען זיי אין אַנדערער אָרדע־נונג אין שטורעם. היינט באַווייזן זיי וואונדער, אויסבאַ־האַלטנדיק זיך פון די קוילן און שראַפּנעלן. מאָרגן באַווייזן זיי וואונדער אין אָפענעם קאַמף. היינט פאַרלייגן זייערע פעדערשטע רייען מינעס אונטער דער ערד. מאָרגן טראָגן זיי זיך איבער אויף צענטליקער וויאָרסט, לויט די אָנווייַ־זונגען פון די לופט־פליער איבער דער ערד. אָט דאָס הייסט אָרגאַניזאַציע אין נאָמען פון איין ציל, באַגייסטערטע פון איין אידעע, ענדערן מיליאָנען מענטשן די פאָרם פון זייער געמיינשאַפטלעכקייט און זייער אַקציע, ענדערן דאָס אָרט און דעם אופן פון זייער טעטיקייט, ענדערן די מכשירים און די וואָפן אַנאַלאָגיש צו די געענדערטע באַדינגונגען און פאָדערונג פון קאַמף. דאָס זעלבע באַציט זיך צום קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס און דער בורזשואַזיע. היינט האָבן מיר נישט פאַר זיך קיין רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע...

— און וואָס איז דאָס אַזויס „סיטואַציע”? — האָט טשובאָוו איבערגעשלאָגן.

בונטשוק האָט זיך אַ באַוועג געטון, ווי נאָר־וואָס אויפ־געוועקט פון שלאָף, און באַמיִענדיק זיך צו פאַרשטיין די פראַגע, זיך געריבן דעם געביילטן שטערן מיטן ביינדל פון גראָבן פינגער.

PUBLIC LIBRARY

— איך פרעג, וואָס מען מיינט דאָס וואָרט „סיטואַציע״?

— פאַרשטיין — פאַרשטיי איך, נאָר אויסטייטשן ווי מען דאַרף וועל איך נישט קאָנען... — בונטשוק האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ העלן, פשוטן, קינדישן שמייכל; דער שמייכל אויפן היפשן מרה־שחורהדיקן פּנים האָט אויסגעזען, ווי דאָס פּלינקע, שטיפערישע פאַרביילויפן פון אַ העל־גרוי יונג העזל איבער אַ האַרבסטיק, פון די רעגנס אומעטיק פעלד. — סיטואַציע — דאָס הייסט אומשטענדן, באַדינגונגען — אין דעם ערך. איך זאָג גוט?

ליסטניצקי האָט אומבאַשטימט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— לייען ווייטער.

...היינט איז נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, קיין באַדינגונגען פאַר אויפברויז אין די מאַסן, פאַר הייבן זייער אַקטיוויטעט, היינט גיט מען דיר אין דער האַנט אַריין אַ וואַל־צעטל, — נעם עס, קאָן דיך אָרגאַניזירן, כדי צו שלאָגן דערמיט דיינע שונאים, און נישט כדי אַריינצופירן אין פאַרלאַמענט אויף באַקוועמע שטעלעס מענטשן, וואָס קלאַמערן זיך אָן בענקל אויס מורא פאַר דער תּפיסה. מאָרגן האָט מען דיר צוגענומען דאָס וואַל־צעטל, דיר געגעבן אין די הענט אַריין אַ ביקס און לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק אויסגעצייכנט־קאָנסטרואירטן, שנעל־שיסנדיקן האַרמאַט, — נעם דידאָזיקע מכשירים פון טויט און צעשטערונג, האָרך נישט די סענטימענטאַלע יאָכצער, וואָס האָבן מורא פאַר מלחמה; אויף דער וועלט איז נאָך פאַרבליבן זייער אַ סך, וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן דורך פייער און אייזן פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, און אויב עס קומט אין די מאַסן צו אַן אויפשוואונג פון צאָרן און פאַרצווייפלונג, אויב עס שאַפט זיך אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, — גרייט דיך צו שאַפן נייע אָרגאַניזאַציעס און לאָזן אין גאַנג די זייער נוצלעכע מכשירים פון טויט און צעשטערונג קעגן דער אייגענער רעגירונג און אייגענער בורזשואַזיע...

בונטשוק האָט נאָך נישט פאַרענדיקט דאָס לייענען, ווי אין דער זעמליאַנקע איז, אָנקלאַפנדיק, אַרײַנגעקומען דער וואַכ-מײַסטער פון דער פינפטער סאָטניע.

— אײַער וואוילגעבוירנהייט, — האָט ער זיך געווענדט צו קאַלמיקאָוון, — אַן אָרדינאַנס איז געקומען פון פולק-שטאַב.

קאַלמיקאָוו און טשובאָוו האָבן זיך אָנגעטון און אַרויסגע-גאַנגען. מערקולאָוו האָט, אונטערפײַפנדיק, זיך אָוועקגעזעצט צײַ-כענען. ליסטניצקי האָט נאָך אַלץ זיך געדרייט איבער דער זעמ-ליאַנקע, זיך ציפנדיק די וואָנסעלעך, עפּעס דורכטראַכטנדיק. באַלד האָט זיך אויך געזעגנט בונטשוק און אַרויסגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען דורכן שמאָלן בלאָטיקן דורכגאַנג, וואָס האָט פאַרייניקט די טראַנשייען, זיך צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דעם קאָלנער און מיט דער רעכטער — פאַרנעמענדיק די פּאָלעס פון שינעל. דער ווינט האָט האַסטיק געבלאָזן איבערן שמאָלן דורכ-גאַנג; זיך קלאַמערנדיק אָן די אַרויסשטאַרנדיקע ערטער, האָט ער געפײַפט און זיך אַלעמאָל פאַרקירעוועט. דער אין דער פינסטער שפּרײַזנדיקער בונטשוק האָט עפּעס אומעטיק געשמייכלט. ער איז צו-געקומען צו זײַן זעמליאַנקע ווידער אינגאַנצן אַ דורכגעווייקטער פון דער רעגן-פײַכטקייט און ריח פון די פוילע אָלכע-בלעטער. דער אָנפירער פון דער מאַשינגעווער-קאָמאַנדע איז געשלאָפן. אויף זײַן ברוין, שווארץ-וואָנסיק פּנים האָבן זיך בלוי געצייכנט די שפּורן פון שלאָפלאָזיקייט (ער האָט דרײַ נעכט געשפּילט אין קאָרטן). בונטשוק האָט אַ זוך געטון אין זעלנערישן רוקזאַק, וואָס איז אים געבליבן פון די פריערדיקע יאָרן, לעבן דער טיר פאַר-ברענט אַ קופּקעלע פּאַפּיר, אַרײַנגערוקט אין די הויזן-קעשענעס צוויי פּושקעס קאָנסערוון, עטלעכע הויפנס רעוואָלווער-קוילן און אַרויס-געגאַנגען. אין דער טיר, וואָס איז אויף אַ רגע געעפנט געוואָרן, האָט זיך צערײַנגעריסן דער ווינט, צעבלאָזן דאָס גרויע אַש, וואָס איז גע-בליבן נאָך די פאַרברענטע פּאַפּירן, אויסגעלאָשן דאָס רויכנדיקע לעמפּעלע.

נאָך בונטשוקס אָוועקגיין האָט ליסטניצקי זיך געדרייט אַ

פינף מינוט שווייגנדיק, דערנאָך צוגעגאַנגען צום טיש. מערקולאָוו האָט מיט אַן אָננעבויגענעם קאָפּ געצייכנט. די שאַרף־צוגעשניצטע בלייפעדער האָט אויסגעלייגט רויִקע שאָטנס. בונטשוקס פּנים, דורגעשניטן פון כאַראַקטעריסטישן פּאַר אים, קאַרגן, אַזוי ווי גע־צוואונגענעם שמייכל, האָט געקוקט פון ווייסן פּאַפּיר־קוואַדראַט.

— אַ פעסטע מאָרדע, — האָט מערקולאָוו געזאָגט, אָפּרוקנ־דיק די האַנט מיט דער צייכענונג, און אויפגעהויבן די אויגן אויף ליסטניצקין.

— נו — וואָס ? — האָט יענער געפרעגט.

— דער טייוול ווייסט אים ! — האָט מערקולאָוו געענטפערט, זיך משער זייענדיק וועגן זין פון דער פראַגע. — דאָס איז אַ מערקווירדיקער חברהמאַן, ער האָט אַצינד זיך אַרויסגעזאָגט, און אַ סך זאַכן זענען קלאָר געוואָרן, אָבער פריער האָב איך טאַקע נישט געוואוסט ווי אַזוי אים אויפצופירן. דו ווייסט, ער האָט דאָך גרויס דערפאָלג ביי די קאָזאַקן, באַזונדערס ביי די, וואָס דינען ביים מאַשין־געווער. דו האָסט עס נישט באַמערקט ?

— יאָ, — האָט עפּעס אומבאַשטימט געענטפערט ליסטניצקי.

— די, וואָס דינען ביים מאַשין־געווער, זענען אַלע באָלשע־וויקעס. ער האָט באַוויזן זיי צו באַארבעטן. מיך האָט איבעראַשט, וואָס ער האָט היינט אויפגעדעקט זיינע קאָרטן. נאָכוואָס ? ער האָט גערעדט להכעיס, בנאמנות ! ער ווייסט דאָך, אַז קיינער פון אונז קאָן נישט טיילן זיינע מיינונגען, פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך אַזוי אָפן אַרויסגעזאָגט ? ער איז דאָך נישט פון די היציקע. דאָס איז אַ געפערלעכער טיפּ.

אַרומרעדנדיק וועגן בונטשוקס מערקווירדיקער אויפפירונג, האָט מערקולאָוו אַוועקגעלייגט די צייכענונג און אָנגעהויבן זיך אויסטון, ער האָט אויפגעהאָנגען די פייכטע זאָקן אויפן אייוועלע, אָנגעדרייט דעם זייגער און, אויסרייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, זיך געלייגט. ער איז באַלד איינגעשלאָפן. ליסטניצקי האָט זיך גע־זעצט אויפן זעלבן טאַבורעט, וואָס מערקולאָוו איז געזעסן

מיט אַ פערטל שעה צוריק, — און אויף דער צווייטער זייט פון דער צייכענונג, מיט אַ ברייט כתב אויפגעשריבן :

איידער הויכוואוילגעבוירנהייט !

די השערות, וועלכע איך האָב אייך מיט אַ צייט צוריק מיטגעטיילט, האָבן זיך היינט פולשטענדיק באַשטעטיקט. דער כאָרונזשי בונטשוק האָט היינט אין אַ שמועס מיט אָפיצירן פון אונזער פולק (עס זענען אָנוועזנד געווען, חוץ מיר, דער עסאַול קאַלמיקאָוו פון דער פינפטער סאָטניע, דער סאָטניק טשובאָוו, דער אונטערעסאַול מערקולאָוו פון דער צווייטער סאָטניע), מיטן ציל, וואָס איז מיר, מודה צו זיין, נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך, אויפגעקלערט די אויפגאַבן, וועלכע ער פירט אויס אין הסכם מיט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און מסתמא לויטן אויפטראַג פון דער פּאַרטיי־מאַכט. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ פּעקל פּאַפּירן פון פּאַר־באַטענעם כאַראַקטער. אַזוי, למשל, האָט ער געלייענט אויס־צוגן פון זיין פּאַרטיי־אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין זשענעווע. דער כאָרונזשי בונטשוק פירט, אָן ספק, אַן אונטערערדישע אַרבעט אין אונזער פּולק (עס זענען דאָ סברות, אַז ער איז צוליב דעם טאַקע אַריינגעטרעטן אין פּולק אַלס פרייוויליקער), די, וואָס די־נען ביים מאַשין־געווער זענען געווען דער דירעקטער אָביעקט פון זיין אַגיטאַציע. זיי זענען דעמאָראַליזירט. זיין שעדלעכע ווירקונג לאָזט זיך שוין מערקן אופן מאָראַלישן צושטאַנד פון פּולק — עס זענען געווען פאַלן פון אָפּזאָגן זיך אויסצופירן מיליטערישע אויפגאַבן, וועגן וואָס איך האָב אין זיין צייט מיטגעטיילט דעם אָאַשד. א. א. וו.

דער כאָרונזשי בונטשוק איז די טעג צוריקגעקומען פון אורלויב (ער איז געווען אין פּעטראָגראַד) באַלאָדנט מיט אַ שפע פון צעשטערערישער ליטעראַטור ; ער וועט אַצינד פירן מיט גרויס אינטענסיווקייט פונאַנדערוויקלען די אַרבעט.

רעזומירנדיק דאָס אויבן געברענגטע, קום איך צו די אויספירן: אַ) די שולדיקייט פון כאָרונזשי בונטשוק איז דערוויזן (די הערן אָפיצירן, וואָס זענען אָנוועזנד געווען ביים שמועסן מיט אים, קאָנען אונטער אַ שבועה באַשטע־טיקן דאָס דורך מיר מיטגעטיילטע); ב) כדי אָפּצושטעלן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, איז נייטיק אים גלייך צו אַרעסטירן און איבערגעבן צום מיליטערישן געריכט; ג) עס איז נייטיק גלייך דורכצושטערן די מאַשין־געווער־קאָ־מענדע, אויסטיילן די באַזונדערס געפערלעכע, און די איבעריקע – אָדער אַוועקשיקן אין הינטער־לאַנד, אָדער פו־נאַנדערוואַרפן איבער די פּולקן.

איך בעט נישט פאַרגעסן וועגן מיין אויפריכטיקער שטרעבונג צו דינען דעם פאָטערלאַנד און מאָנאַרך. אַ קאָפּיע פון דעמדאָזיקן בריוו שיק איך אַוועק אין ס. ט. קאָרפּ.

20 אָקטאָבער 1916 י.

אָפּטיילונג № 7

עסאַול יעווג. ליסטניצקי.

אינדערפרי האָט ליסטניצקי אַוועקגעשיקט מיט אַ שליח דידאָזי־קע מיטטיילונג אין דיוויזיע־שטאַב אַריין; ער האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און אַרויסגעגאַנגען פון דער זעמליאַנקע. נאָכן פייכטן רוקן פון ברוסטווער* האָט איבערן זומפּ זיך געוויגט אַ נעפּל, זיינע צויטן זענען געהאָנגען, ווי צוגענאָגלט צו די שטעכעלקעס פון די דראָט־פאַרצוימונגען. אויפן באָדן פון די טראַנשייען איז אויף אַ האַלבן ווירשאָק געשטאַנען אַ שיטערע בלאָטע. פון די שיס־לעכער זענען אַראָפּגערונען ברוינע ריטשקעלעך. די קאָזאַקן,

* אָנשיט פון ערד פאַר די שוץ־גראָבנס צו פאַרשטעלן די שיסער און האַרמאַטן פון שונאס פייער.

אין פייכטע אויסגעשמירטע שינעלן, האָבן זיך געקאָכט קעסעלעך טיי אויף די שויץ-בלעכן פון די האַרמאַטן און גערייכערט, זיצנ-דיק טשיפּקע, אָנגעשפּאַרט די ביקסן אָן דער וואַנט.

— וויפיל מאָל איז אייך געזאָגט געוואָרן, איר זאָלט נישט וואַגן אָנצולייגן פייער אויף די שויץ-בלעכן! וואָס, אויסוואורפן, איר פאַר-שטייט נישט? — האָט ליסטניצקי בייז אַ געשריי געטון, צוקומענ-דיק צו דער ערשטער גרופּע קאָזאַקן, וואָס איז געזעסן אַרום אַ רויכערנדיק פייערל.

צוויי זענען אומגערן אויפגעשטאַנען, די איבעריקע זענען ווייטער געזעסן מיט פאַרנומענע פּאָלעס און גערייכערט.

אַ ברוינער בערדיקער קאָזאַק, מיט אַ זילבערן אויערינגל, וואָס האָט געבאָמבלט אין זיין געקנייטשט אויער-לעפל, האָט געענט-פערט, אַרונטעררוקנדיק אַ בינטל דראָבנע צווייגלעך אונטערן קעסעלע:

— מיר וואָלטן גערן זיך באַגאַנגען אָן דער שויץ-בלעך, אָבער זויאַזוי, אייער וואולגעבוירנהייט, ווערסטו דאָ אַ פייערל אָנלייגן? זע, וואָס פאַר אַ נעץ דאָ איז! אפשר אויף אַ פערטל...

— שוין די שויץ-בלעך אַפּערנעמען!

— וואָס-זשע, זאָלן מיר, הייסט עס, הונגעריקע זיצן?! אַ-ז-יו-וי... — האָט, כמורענדיק זיך און קוקנדיק אין אַ זייט, געזאָגט אַ ברייטפּלייציקער, געשטופּלטער קאָזאַק.

— איך וועל דיר דאָ רעדן... די שויץ-בלעך נעם אַפּער! — ליסטניצקי האָט מיטן שפּיץ שטיוול אַפּערגעוואָרפן פון אונטערן קעסעלע די ברענענדיקע צווייגלעך.

דער בערדיקער קאָזאַק מיטן אויערינגל האָט, פאַרלוירן און בייז שמייכלענדיק, אויסגעגאָסן פון קעסעלע דאָס הייסע וואַסער און אַ שעפּטשע געטון:

— מיר האָבן שוין געטרונקען טיי, חברה...

די קאָזאַקן האָבן שווייגנדיק באַגלייט מיט די אויגן דעם עסאַול, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען איבער דער ליניע. אין פייכטן בליק פון בערדיקן האָבן געבלישטשעט בליצנדיקע פייערלעך.

— ער האָט באַליידיקט, די צויג!

— ע-ע-עך!... — האָט איינער אויסגעצויגן אַ זיפץ געטון, פאַרוואָרפנדיק דעם רעמעט פון דער ביקס איבערן אַקסל.

אויפן אָפּשניט פון דער פערטער אָפּטיילונג האָט ליסטניצי-קין דעריאָגט מערקולאָוו. ער איז צוגעקומען, אַ פאַרסאָפּעטער, סקריפּענדיק מיט דער נייער לעדערנער טוזשורקע, עס האָט שאַרף געשמעקט פון אים מיט מאַכאָרקע-רויך. אָוועקרופנדיק ליסטניצי-קין אין אַ זייט, האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטון:

— האָסט געהערט דאָס נייעס? בונטשוק האָט דעזערטירט.

— בונטשוק? וואָ-אָ-אָס?

— דעזערטירט... פאַרשטייסט? איגנאַטיטש, דער אָנפירער פון ד ער קאָמענדע, ער וואוינט אין איין זעמליאַנקע מיט בונ-טשוקן, — האָט געזאָגט, אַז ער איז פון אונז נישט צוריקגעקומען. הייסט עס, אַז ווי נאָר ער איז פון אונז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער גלייך עוקר געווען... אָט וואָס.

ליסטניצקי האָט לאַנג געווישט די פענסנע און זיך געזשמורעט.

— דו ביסט, דאַכט זיך, אויפגערעגט, — האָט מערקולאָוו פאַרשנ-דיק אַ קוק געטון אויף אים.

— איך? דו ביסט ביים זינען? פאַרוואָס זאָל איך עס זיין אויפגערעגט? פשוט, דו האָסט מיט דער אומגעריכטער ידיעה מיך צעטומלט.

II

צומאָרגנס אינדערפרי איז צו ליסטניצקין אין דער זעמ-ליאַנקע אַריינגעקומען דער וואַכמייסטער, אַ פאַרדאגהטער.

— אייער וואָילגעבוירנהייט, היינט אינדערפרי האָבן די קאָזאַקן געפונען אין די שוץ-גראָבנס אָט די פאַפּירלעך. ס'איז אומאָנגענעם אַזוי... איך בין געקומען אייך מיטטיילן, עס זאָל עפּעס קיין באַשולדיקונג נישט אַרויסקומען...

— וואָס פאַר אַ פּאַפּירלעך ? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, זיך אונטערהייבנדיק אויף דער קויקע.

דער וואַכמייסטער האָט דערלאַנגט די אין דער פויסט צונויפגעקנייטשטע בלעטלעך. אויף אַ פערטל ביליק פּאַפּיר האָבן דייטלעך זיך געטונקלט אַ סך מיט אַ שרייב-מאַשין אָנגעשריבע-נע ווערטער. ליסטניצקי האָט אין איין אָטעם איבערגעלייענט:

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!

חברים סאָלדאַטן!

צוויי יאָר ציט זיך די פאַרשאָלטענע מלחמה, צוויי יאָר פייניקט איר זיך אין די טראַנשייען, פאַרטיידיקנדיק אייך פרעמדע אינטערעסן. צוויי יאָר גיסט זיך דאָס בלוט פון אַר-בעטער און פויערים פון אַלע נאַציעס. הונדערטער טויזנ-טער דערהרגעטע און צעקאַליעטשעטע, הונדערטער טויזנ-טער יתומים און אלמנות — דאָס זענען די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער שחיטה. צוליב וואָס קעמפט איר? וועמעס אינטערעסן פאַרטיידיקט איר? די צאַרישע רעגירונג האָט געשטעלט אונטערן פייער מיליאָנען סאָלדאַטן, כדי צו פאַר-כאַפּן נייע לענדער און זיי אונטערדריקן, ווי דאָס פאַרשקלאַפטע פוילן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די גרויס-אינדוסטריע-לער קאָנען זיך נישט איינטיילן מיט די מערק, וואו אָפּצו-זעצן די פּראָדוקציע פון זייערע פאַבריקן און באַטריבן; זיי קאָנען זיך נישט איינטיילן מיט די רווחים, די חלוקה ווערט דורכגעפירט מיט באַוואָפנטער מאַכט, — און איר, בלינדע מענטשן, גייט אין קאַמף פאַר זייערע אינטערעסן אויפן טויט, דערהרגעט די זעלבע אַרבעטער, ווי איר אַליין זענט.

גענוג, ברידערלעך, בלוט שוין פאַרגאָסן! באַזינט אייך, אַרבעטנדיקע! אייער שונא איז נישט דער עסטרייכער און דייטשישער סאָלדאַט, דערזעלבער אָפּגענאַרטער, וואָס איר, נאָר אייער אייגענער צאַר, אייער אייגענע אינדוסטריעלער און גוטבאַזיצער. קערן זיי דרייט אויס אייערע ביקסן. פאַרברי-

דערט אייך מיט די דייטשישע און עסטרייכישע סאָלדאַטן. דורך די דראָט־פאַרצוימונגען, מיט וועלכע מען האָט אייך, ווי חיות, אָפּגעטיילט איינעם פון אַנדערן, דערלאַנגט אייך די הענט איינער דעם אַנדערן. איר — זענט ברידער פון אַרבעט, אויף אייערע הענט זענען נאָך נישט פאַרהיילט געוואָרן די שפּורן פון די בלוטיקע אַרבעט־מאָזאָליעס, איר האָט זיך נישט מיט וואָס צו טיילן. נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה! זאָל לעבן די אומבאַרירלעכע אייניקייט פון אַלע אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט!

די לעצטע שורות האָט ליסטניצקי איבערגעלייענט, שטיקנדיק זיך. „אָט איז עס. עס הייבט זיך אָן״! — האָט ער אַ קלער געטון, אַרומגעכאַפּט פון ווילדן האַס און דערדריקט פון לעצטיקע, זיך אָנרוקנדע פּאָרגעפילן. פאַרבינדנדיק זיך דורכן טעלעפאָן מיטן פּולק־קאָמאַנדיר, האָט ליסטניצקי מיטגעטיילט וועגן געשעענעם.

— וואָס באַפעלט איר צו טון, אייער עקסעלענץ? — האָט ער צום סוף געפרעגט.

דורכן מוקן־זומזען און ווייטן קלינגען פון טעלעפאָן זענען פון טרייבל געפאַלן דעם גענעראַלס ווערטער:

— גלייך דורכפירן מיט די וואַכמייסטערס און אָפיצירן פון די אָפּטיילונגען אַן אונטערזוכונג, אַ גרינטלעכע, נישט אויסשליסנדיק אויך די אָפיצירן. איך וועל היינט אָנפרעגן אין דיוויזיעשטאַב, ווען זיי טראַכטן צו טוישן דאָס פּולק. איך וועל זיי צואיילן. אויב עס וועט ביי דער אונטערזוכונג זיך עפּעס אַרויסווייזן — טיילט מיר גלייך מיט.

— איך מיין, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די, וואָס דינען ביים מאַשין־געווער.

— אַזוי? כ׳וועל גלייך באַפעלן איגנאַטיטשן דורכצופירן אַן אונטערזוכונג ביי מיינע קאָזאַקן. אַלדאָס גוטס.

צונויפנעמענדיק אין זיין זעמליאַנקע די אָפיצירן פון די

אָפּטיילונגען, האָט ליסטניצקי זיי מיטגעטיילט וועגן באַפעל פון פּולק־קאָמאַנדיר.

— וואָס פאַר אַן אומזין! — האָט מערקולאָוו זיך אויפגעקאָכט. — וואָס־זשע, מיר וועלן איינער דעם אַנדערן באַזוכן?

— אייך דעם ערשטן, ליסטניצקי! — האָט דער יונגער אַנוואָנסיקער סאָטניק ראַזדאָרצעוו אויסגעשריגן.

— לאָמיר וואַרפן גורל.

— לויטן אַלפאַבעט.

— מיינע הערן, געלעכטער אָן אַ זייט, — האָט ליסטניצקי שטרענג איבערגעשלאָגן. — אונזער אַלטער האָט, פאַרשטייט זיך, איבערגעזאַלצן: די אָפיצירן אין אונזער פּולק זענען — ווי צעזאַרס ווייב*. ס'איז געווען בלויז איינער — דער כאָרונזשי בונטשוק, האָט ער אויך דעזערטירט, אָבער ביי די קאָזאַקן דאַרף מען אַ זוך טון. רופט דעם וואַכמייסטער.

עס איז אַריינגעקומען דער וואַכמייסטער — שוין נישט קיין יונגער קאָזאַק, אַ געאָרגי־קאַוואַליער פון דריי מדרגות. ער האָט, אונטערהוסטנדיק, באַטראַכט די אָפיצירן.

— ווער איז ביי דיר אין דער סאָטניע פון די פאַרדעכטיקע? — ווער, מיינסטו, האָט געקאָנט פונאַנדערוואַרפן דידאָזיקע אויפרופן? — האָט ליסטניצקי זיך געווענדט צו אים.

— ס'איז נישטאָ אַזעלכער, אייער וואוילגעבוירנהייט, — האָט דער וואַכמייסטער מיט זיכערקייט געענטפערט.

---

* יוליוס צעזאַר (102 — 44 י., פאַר אונזער צייט־רעכענונג) — רוימישער מיליטער־פירער און שריפטשטעלער, פון 49־סטן יאָר אָן — דיקטאַטאָר. ליסטניצקי מיינט דאָ די ווערטער, מיט וועלכע צעזאַר האָט כלומרשט געענטפערט אויפן אַרויסגעזאָגטן חשד בנוגע דער אויפפירונג פון זיין ווייב און וואָס זענען געוואָרן אַ שפּריכוואָרט: „צעזאַרס ווייב — איז העכער פון חשד".

— דער אויפרוף איז דאָך אָבער געפינען געוואָרן אויפן אָפשניט פון אונזער סאָטניע ? ווער פון די פרעמדע איז געווען אין די טראַנשייען ?

— ס׳איז קיין שום פרעמדער נישט געווען. פון די אַנדערע סאָטניעס — קיינער נישט.

— קומט שערן אַלע ! — האָט מערקולאָוו אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיך אויסדרייענדיק צום אַרויסגאַנג.

די אונטערזוכונג האָט זיך אָנגעהויבן. די פנימער פון די קאָזאַקן האָבן אויסגעדריקט פאַרשידנאַרטיקע געפילן : טייל האָבן זיך געכמורעט, נישט פאַרשטייענדיק, אַנדערע האָבן געוואָרפן דערשראָקענע בליקן אויף די אָפיצירן, וואָס האָבן גענישטערט אין זייער אָרים קאָזאַקיש פאַרמעגן, דריטע האָבן צוגעשמייכלט. אַ כוואַטסקער אוריאַדניק, אַן אויסשפּירער, האָט געפרעגט :

— זאָגט מיר, וואָס איך זוכט ? אויב עפּעס אַ גנבה — אפשר האָט עמעצער ביי וועמען געזען...

די אונטערזוכונג האָט נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. בלויז ביי איין קאָזאַק פון דער ערשטער אָפּטיילונג האָט מען געפונען אין אַ קעשענע פון שינעל אַ צונויפגעקנייטשט בלעטל פון אויפרוף.

— האָסט געלייענט ? — האָט מערקולאָוו געפרעגט, מיט קאָמישער שרעק אַוועקוואַרפנדיק דאָס אַרויסגענומענע בלעטל.

— צום רייכערן אויפגעהויבן, — האָט דער קאָזאַק אַ שמייכל געטון, נישט אויפהייבנדיק די אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וואָס שמייכלסטו ? — האָט ליסטניצקי אויסגעשריגן, אַן אָנגעצונדענער, רויט ווערנדיק און האַרט צוגייענדיק צום קאָזאַק ; אונטער זיינע פענסנע האָבן די קורצע גאָלדיקע וויעס נערוועז געציטערט.

דעם קאָזאַקס פּנים איז גלייך געוואָרן ערנסט, דער שמייכל איז אָפּגעווישט געוואָרן, ווי דורכן ווינט.

— אַנטשולדיקט, אייער וואָולגעבוירנהייט ! איך קאָן דאָך

כמעט נישט לייענען! איך לייען זייער טעמפּ. און אויפגעהויבן האָב איך דערפאַר, ווייל איך האָב נישט אין וואָס אַ פּאַפּיראָס צונויפצודרייען, טיטון האָב איך, אָבער דאָס פּאַפּיר איז אויסגעגאַנגען, האָב איך אויפגעהויבן.

דער קאָזאַק האָט גערעדט מיט אַ באַליידיקט הויך קול, ז[illegible] האָט אויסגעדריקט פאַרדרוס.

ליסטניצקי האָט אַ שפּיי געטון און אַוועקגעגאַנגען. די אָפּיצירן זענען אים נאָכגעגאַנגען.

אין אַ טאָג אַרום האָט מען דאָס פּולק אַראָפּגענומען פון דער פּאָזיציע און אַוועקגעפירט אין רוקן אויף אַ וויאָרסט צען. אין דער מאַשינגעווער-קאָמענדע האָט מען צוויי אַרעסטירט און איבערגעגעבן צום מיליטערישן געריכט, די איבעריקע — אַ טייל אַוועקגעשיקט אין די רעזערוו-פּולקן, אַ טייל צעוואָרפן איבער די פּולקן פון דער צווייטער קאָזאַקישער דיוויזיע. אין משך פון עטלעכע טעג רו האָט דאָס פּולק זיך געברענגט אין פאַרהעלטנישמעסיקער אָרדענונג. די קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעוואַשן, אָפּגערייניקט, ווי געהעריק אָפּראַזירט — נישט אַזוי ווי אין די אָקאָפּעס, וואו מען האָט אָפּט זיך באַפרייט פון אָנוואוקס אויף די באַקן אויף אַ פּשוטן, אָבער שמערצלעכן אופן: מען האָט אונטערגעצונדן די האָר מיט אַ שוועבעלע, און ווי נאָר דאָס פייער האָט, אָפּלעקנדיק די באַוואַקסנקייט, זיך דערקליבן צו דער הויט, — האָט מען איבער דער באַק אַ פיר געטון מיט אַ נאַס האַנטוך, וואָס איז פריער צוגעגרייט געוואָרן. דאָסדאָזיקע מיטל האָט מען גערופן: דאָס „חזירישע".

— אָפּראַזירן דיך חזיריש, צי אַנדערש? — האָט עפּעס אַ פריזירער פון אַן אָפּטיילונג געפרעגט ביי אַ קליענט.

דאָס פּולק האָט אָפּגערוט. די קאָזאַקן זענען אויסערלעך געוואָרן עלעגאַנטער, פריילעכער, אָבער ליסטניצקי און אַלע אַנדערע אָפיצירן האָבן געוואוסט, אַז דידאָזיקע פריילעכקייט איז — ווי אַ לויטערער טאָג אין נאָוועמבער: היינט איז ער דאָ, און מאָרגן נישט. ס'איז גענוג געווען צו לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן

אַרויסטריט אויף דער פּאָזיציע, ווי דער אויסדרוק פון די פּנימער האָט זיך גלייך געענדערט און אונטער די אַראָפּגעלאָזטע וויעס האָט זיך אויסגעלייגט אַ שאָטן פון אומצופרידנקייט, מרה־שחורהדי־קער אומפּריינטלעכקייט. עס האָט זיך געפילט אַ טויטע מידקייט, אַן איבערגעמאַטערטקייט, און דידאָזיקע מידקייט האָט דאָס אַרויסגערופן די מאָראַלישע וואַקלהאַפטיקייט. ליסטניצקי האָט אויס־געצייכנט געוואוסט, ווי שרעקלעך דער מענטש ווערט, ווען ער רייסט זיך אין אַזאַ צושטאַנד צו עפּעס אַ ציל.

אין 1915־טן יאָר איז פּאַר זיינע אויגן אַ ראָטע סאָלדאַטן געגאַנגען פינף מאָל אין אַטאַקע, ליידנדיק שרעקלעכע פאַרלוסטן און באַקומענדיק כסדרדיקע באַפעלן צו באַנייען די אַטאַקע. די רעשטלעך פון דער ראָטע האָבן אייגנווייליק פאַרלאָזט זייער אָפּשניט און אַוועקגעגאַנגען אין רוקן. ליסטניצקי האָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרהאַלטן זיי, און ווען ער האָט, צעשיטנדיק די סאָטניע, גע־פרוווט אָפּשטעלן זייער באַוועגונג, האָט מען אָנגעהויבן שיסן פון זיי. פון דער ראָטע איז געבליבן נישט מער ווי זעכציק מאַן, און ער האָט געזען, מיט וואָס פאַר אַ ווילדער, פאַרצווייפל־טער העלדישקייט דידאָזיקע מענטשן האָבן זיך פאַרטיידיקט קעגן די קאָזאַקן. זיי זענען געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די שווערדן, געשטאָרבן, און דאָך געגאַנגען פאָרויס, אויף אומקום, פאַרניכטונג, באַשליסנדיק, אַז ס'איז אַלצאיינס וואו צו באַקומען דעם טויט.

ווי אַ שטרענגע וואָרענונג איז אויפגעקומען אין זיין זכרון דערדאָזיקער פאַל, און ליסטניצקי האָט מיט אומרויִקייט און אויף אַ נייעם אופן זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די קאָזאַקן און געטראַכט: „צי וועלן אַמאָל אויך דידאָזיקע זיך אַזוי אויסדרייען און גיין, און קיין זאַך, חוץ דער טויט, וועט נישט בכוח זיין זיי צו פאַרהאַלטן"? און, אָנטרעפנדיק אויף די מידע, בייזע בליקן, האָט ער ערנסט באַשלאָסן: זיי וועלן גיין"!

אויף אַ גרינטלעכן אופן האָבן זיך געענדערט די קאָזאַקן אין פאַרגלייך מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר. אַפילו די לידער — אויך זיי זענען געוואָרן נייע, געשאַפענע דורך דער מלחמה, דורכגעדרונגענע

מיט שוואַרצער טרייסטלאָזיקייט. אין די אָוונטן, פאַרבייגייענדיק די גרויסע פאַבריק־האַלע, וואו די סאָטניע איז איינקוואַטירט געווען, האָט ליסטניצקי מערסטנטייל געהערט איין ליד, אַ פאַרבענקטס, אַ שרעקלעך אומעטיקס. עס איז שטענדיק געזונגען געוואָרן אין דריי־פיר שטימען. אויפפלאַטערנדיק איבער די געדיכטע בעסער, האָט געציטערט אַ זעלטן ריינער און קראַפטפול־באַגלייטנדיקער טענאָר.

אוי, דו הוים, מיין ליבע, כ׳וועל דיך מער נישט זען,
כ׳וועל דיך מער נישט זען, נישט הערן,
ווי עס זינגט דער סאָלאָוויי אין סאַד,
ווען ס׳לעשן זיך די שטערן.
און דו, מאַמע מיינע,
וויין נישט ביי מיין וויג,
ווייסט דאָך, אַז נישט אַלע
שטאַרבן אין דער קריג.

ליסטניצקי פלעגט זיך אָפּשטעלן, איינהערן און פילן, אַז אויך אים רירט שטאַרק דאָסדאָזיקע פּשוטע טרויעריקע ליד. עפּעס אַ שטייפע סטרונע האָט זיך אָנגעצויגן אין האַרץ, וואָס האָט אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן, דער נידעריקער טעמבער פון דער באַגלייט־שטימע האָט געציפּט דידאָזיקע סטרונע, זי געניית ווייטיק צו זיפצן. ליסטניצקי איז געשטאַנען ערגעץ נישט ווייט פון דער האַלע, זיך איינגעקוקט אין האַרבסטיקן אָוונט־נעפּל און געפילט, אַז זיינע אויגן ווערן פייכט און טרערן ציפּן שאַרף און אָנגענעם די וויעס.

רייט איך מיר, רייט איך אין פעלד, אין דעם ווייטן,
דאָס האַרץ איז פון אומעט באַשווערט.
דאָס האַרץ, אוי, עס פילט און עס זאָגט מיר: מיין ליבער,
דו קומסט אין דיין היים שוין נישט מער.

די בעסער האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער, און די באַגלייט־שטימע האָט שוין געפלאַטערט איבער זיי, און די קלאַנגען האָבן, ציטערנדיק, ווי די פליגל פון אַ ווייס־ברוסטיקן, פליענדיקן סטעפּ־פויגל, אייליק גערופן צו זיך, דער־ציילט:

איז אַ קויל, אַ בלייערנע, פאַרבייגעפלויגן,
דורכגעלעכערט מיר דאָס האַרץ.
בין איך אויפן האַלז מיין פערד געפאַלן,
און זיין שוואַרצע גריווע מיט מיין בלוט באַגאָסן.

אין משך פון דער גאַנצער אָפּרו־צייט האָט ליסטניצקי בלויז איין מאָל געהערט די הייטערע, אויפמונטערנדיקע ווערטער פון אַן אַלט קאָזאַקן־ליד. דורכמאַכנדיק זיין געוויינטלעכן אָוונט־שפּאַציר, איז ער געגאַנגען פאַרביי דער האַלע. צו אים האָבן זיך דערטראָגן האַלב־שיכורע קולות און געלעכטער. ליסטניצקי האָט זיך משער געווען, אַז דער קאַפּטענאַרמוס, וואָס איז געפאָרן אין שטעטל בעזוויסק נאָך פּראָדוקטן, האָט געברענגט פון דאָרטן אומדעסטילירטן בראָנפן און מכבד געווען די קאָזאַקן. די קאָזאַקן, האַלב־שיכורע פון קאָרן־בראָנפן, האָבן וועגן עפּעס זיך מתווכח געווען, געלאַכט. זיך אומקערנדיק פון שפּאַציר, האָט ליסטניצקי נאָך פונוויטנס דערהערט די קרעפטיקע קלאַנגען פון ליד און דאָס ווילדע, דורכדרינגלעכע, אָבער האַרמאָנישע צופייפן.

ווער ס'איז אין קריג נישט געווען,
דער האָט קיין שרעק נישט געזען.
געץ בייטאָג, און קעלט ביינאַכט, —
ס'ווערט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

„פּי־יו־יו־יו־יו! פּי־יו־יו־יו־יו! פּי־יו־יו־יו־יו!" — איז אַן איבעררייס, וויברירנדיק, ווי אַ קוואַל געפלאָסן, האָט ספּיראַלאַר־

טיק זיך געשלענגלט דאָס פּייפּעריי, און, פאַרטייבנדיק עס, האָבן מיגדעסטנס אַ דרייסיק שטימען געדונערט:

שרעק און פּיין אין פעלד, אין פרייען,
יעדן טאָג, יעדע שעה.

עפּעס אַן עזותניק, אפּנים פון די יונגע, האָט, הילכיק און קורץ זיך צופּייפנדיק, געטאַנצט אַ טרעפּאַק איבערן הילצערנעם דיל. הויך האָט אָפּגעקלונגען דאָס קלאַפּן פון זיינע אָפּצאַסן, וואָס איז פאַרטייבט געוואָרן דורכן ליד:

ברומט דער שווארצער ים און ס'ברענט —
פייער אין די שיפן-ווענט.
לעשן מיר דאָס פייער גרינג,
שטיקן מיר די טערקן פלינק,
זיי געלויבט, קאָזאַקנטום!

ליסטניצקי איז געגאַנגען, אומווילִיק שמייכלענדיק, באַמיענדיק זיך צו שפּרייזן צום טאַקט פון די שטימען. „מעגלעך, אַז אין די אינפאַנטעריע-טיילן פילט זיך נישט אַזוי שטאַרק דער דראַנג אַהיים, — האָט ער געטראַכט, אָבער דער געזונטער שכל האָט אונטערגערוקט די קאַלטע דערווידערונג: — זענען דען אין דער אינפאַנטעריע דאָ אַנדערע מענטשן? אוודאי רעאַגירן די קאָזאַקן קרענקלעכער אויפן געצוואונגענעם זיצן אין די שוץ-גראָבנס — זיי זענען לויטן כאַראַקטער פון זייער דינסט געוואוינט צו שטענדיקער באַוועגונג. און דאָ קומט אויס אין משך פון צוויי יאָר צו זיצן אָדער זיך טאָפּטשען אויף איין אָרט אין פּרוכטלאָזע פּרוּוון פון אָנגריף. די אַרמיי איז שוואַך, ווי קיינמאָל. עס איז נייטיק אַ שטאַרקע האַנט, אַ גרויסער דערפּאָלג, אַ באַוועגונג פאָרויס, — דאָס וואָלט אויפגעטרייסלט. כאָטש די געשיכטע ווייסט פון אַזעלכע ביישפּילן, ווען אין אַן עפּאָכע פון לאַנג-פאַרצויגענע מלחמות איז דאָס שטאַנדהאַפטיקסטע און דיסציפּלינירטסטע מילי-

טער מאָראַליש זיך פונאַנדערגעפאַלן. סוואָראָוו — אויך ביי אים איז דאָס פאָרגעקומען... אָבער די קאָזאַקן וועלן זיך האַלטן. אויב זיי וועלן אַוועקגיין, איז — די לעצטע. דאָס איז דאָך, פונדעסטוועגן, אַ קליינע, אָפּגעזונדערטע נאַציע, לויט דער טראַדיציע — אַ קריגערישע, און נישט עפּעס אַ פאַבריקאַנטיש אָדער פויעריש ערב־רב".

ווי וועלנדיק אים אַרויספירן פון זיין איינרעדעניש, האָט אין דער האַלע עמעצנס הויל און איינגעבראָכן קול גענומען ציִען די „קאַלינושקאַ". שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט, און ליסטניצקי האָט, אַוועקגייענדיק, געהערט נאָך אַלץ די זעלבע בענקשאַפט, וואָס איז איבערגעגאָסן געוואָרן אין ליד:

בעט צו גאָט אַ יונגער אָפיציר.
בעט אַ יונגער קאָזאַק זיך אַהיים:
— אוי, דו יונגער אָפיציר,
לאָז מיך שוין אַהיים,
לאָז מיך שוין אַהיים,
מיט אַ האַרץ אַ גרינגען,
צו מיין טאַטן,
צו מיין טאַטן, צו מיין מאַמען,
צו מיין טאַטן, צו מיין מאַמען,
און צום ווייבעלע דעם יונגען.

*

דריי טעג נאָכדעם, ווי ער איז אַנטלאָפן פון פראָנט, איז בונטשוק אין אַן אָוונט אַריינגעגאַנגען אין אַ גרעסער האַנדלסשטעטל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער סטרעפּע פון פראָנט. אין די הייזער האָט מען שוין אָנגעצונדן פייער. דאָס פרעסטל האָט פאַרצויגן די קאַלוזשעס מיט אַ דין אייז־הייטל, און די טריט פון די זעלטענע דורכגייער האָבן זיך געהערט נאָך פונוויטנס. בונטשוק איז געגאַנגען, לייכט זיך איינהערנדיק, אויסמיידנדיק די באַלויכטענע גאַסן, זיך דורכקלויבנדיק דורך די ווייניק באַלעבטע

געסלעך. ביים אַריינקומען אין שטעטל האָט ער שיער נישט אָנ־געטראָפן אויף אַ פּאַטראָל, און ער איז אַצינד געגאַנגען מיט וועלפישער פּאָרזיכטיקייט, זיך האַלטנדיק ביי די פּלעטער, נישט אַרויסנעמענדיק די רעכטע האַנט פון דער קעשענע פון שטאַרק אויסגעשמירטן שינעל — ער איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן איינגע־גראָבן אין מעקענע אין אַ סטאַדאָלע.

אין שטעטל האָט זיך געפונען די באַזע פון קאָרפּוס, עס זענען געשטאַנען מיליטער־טיילן, עס איז געפערלעך געווען אָנצוטרעפן אויף אַ פּאַטראָל, דעריבער טאַקע האָבן בונטשוקס האַריקע פינגער כסדר געוואַרעמט דאָס געקאַרבטע הענטל פון רעוואָלווער אין דער קעשענע פון שינעל.

אויף דער צווייטער זייט שטעטל איז בונטשוק לאַנג גע־גאַנגען איבער אַ פּוסט געסל, אַריינקוקנדיק אין די טויערן, אויפ־מערקזאַם באַטראַכטנדיק די פאָרם פון יעדן אָרימען הייזל. אין אַ צוואָנציק מינוט אַרום איז ער צוגעקומען צו אַ קליין הייזל אין ראָג, אַריינגעקוקט דורך דער שפּאַרע אין לאָדן און, אַ שמייכל טוענדיק, אַנטשלאָסן אַריינגעגאַנגען אין טירל. אויף זיין אָנקלאַפּן האָט געעפנט אַ באַיאָרטע פרוי אין אַ טוך.

— באָריס איוואַנאָוויטש וואוינט ביי אייך ? — האָט בונטשוק געפרעגט.

— יאָ. ביטע, קומט אַריין.

בונטשוק האָט זיך זייטיק דורכגערוקט פאַרביי איר. ער האָט דערהערט הינטער זיך דעם קאַלטן גרילץ פון דער קליאַמקע. אין נידעריקן צימער, וואָס איז באַלויכטן געווען פון אַ קליין לעמפּל, איז געזעסן ביים טיש אַ מענטש, שוין נישט קיין יונגער, אין מיליטערישן אוניפאָרם. ער האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן זיך איינגעקוקט און איז אויפגעשטאַנען, אויסשטרעקנדיק מיט איינגעהאַל־טענער פרייד בונטשוקן די הענט.

— פונוואַנען ?...

— פון פראָנט.

— נו ?

— זעסט דאָך... — האָט בונטשוק אַ שמייכל געטון און, אָנירירנדיק מיט אַ שפּיץ פינגער דעם זעלנערישן רעמעט אויפן מענטשס מיליטערישע מלבושים, האָט ער שטיל געזאָגט: — אַ צימער איז דאָ?

— יאָ, יאָ. קום אַריין אַהער.

ער האָט אַריינגעפירט בונטשוקן אין נאָך אַ קלענער צימער, נישט אָנצינדנדיק קיין פייער, אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, פאַרמאַכט די טיר אין שכנותדיקן צימער אַריין, פאַרהאָנגען דאָס פענסטער מיט אַ פאָרהענגל און געזאָגט:

— דו ביסט אינגאַנצן?

— אינגאַנצן.

— וואָס הערט זיך דאָרט?

— אַלץ איז גרייט.

— זיכערע חברה?

— אָ, יאָ.

— איך מיין, דו וועסט דיך גלייך אויסטון און דערנאָך וועלן מיר רעדן. גיב דיין שינעל. איך וועל דיר באַלד ברענגען זיך אָפּצוואַשן.

בשעת בונטשוק האָט זיך געוואַשן איבערן גרינלעכן, מעשענעם בעקן, האָט דער מענטש אין דער מיליטערישער קליידונג, זיך גלעטנדיק איבער די האָר, צוגעשוירענע אין אַ יעזש, גערעדט מיד און שטיל:

— אַצינד זענען זיי אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער פון אונז. אונזער זאַך איז — וואַקסן, אויסברייטערן אונזער ווירקונג, אַרבעטן מיט נישט פאַרלייגטע הענט איבער דער אויפקלערונג פון די אמתע סיבות פון דער מלחמה. און מיר וואַקסן, — קאָנסט זיין זיכער אין דעם. און דאָס, וואָס גייט אַוועק פון זיי, קומט אומפאַרמיידלעך צו אונז. אַ דערוואַקסענער מענטש אין פאַרגלייך מיט אַ יוגנטלעכן איז אומבאַדינגט שטאַרקער, אָבער ווען דערדאָזיקער דערוואַקסענער הייבט אָן זיך עלטערן, ווערט שוואַך, וועט דערדאָזיקער יוגנטלעכער אים באַזייטיקן. און אין דעם פאַל זענען מיר

גישט בלויז געעלטערטע שוואַכקייט, נאָר אַ פּראָגרעסיוון פּאַראַליזש פון גאַנצן אָרגאַניזם.

בונטשוק האָט פאַרענדיקט דאָס וואַשן זיך און, ווישנדיק זיין פּנים מיט אַ האַנטוך פון רויער לייוונט, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פאַרן אַוועקגיין אַרויסגעזאָגט די אָפיצירלעך מיינע אָנשויאונגען... דו ווייסט, עס איז אַזוי קאָמיש אויסגעקו־מען... נאָך מיין אַוועקגיין וועט מען זיכער די, וואָס דינען ביים מאַשין־געווער, גוט דורכטרייסלען, אפשר וועט אויך עמעצער פון דער חברה געשטעלט ווערן פאַרן מיליטער־געריכט, נאָר אויב עס זענען נישטאָ קיין באַווייזן, — וואָס וועט מען זיי טון? איך האָף, אַז מ׳וועט זיי צעוואַרפן איבער פאַרשידענע אָפּטיילונגען, און דאָס איז פאַר אונז אויף דער האַנט: זאָלן זיי באַפרוכפּערן דעם באָדן... אַך, וואָס פאַר אַ יינגלעך דאָרט זענען פאַרהאַן! פון שטיין געהאַקט.

— איך האָב דערהאַלטן אַ צעטעלע פון סטיעפּאַנען, ער בעט צו שיקן אים אַ חברהמאַן, וואָס זאָל זיין באַהאַוונט אין מיליטער־ענינים. דו וועסט פאָרן צו אים, אָבער וואָס וועט זיין מיט דאָקו־מענטן? צי וועט געלינגען?

— וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דאָ ביי אים? — האָט בונטשוק געפרעגט און זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, אויפהענגענ־דיק דאָס האַנטוך אויפן טשוואָק.

— צו אינסטרוקטירן די יונגען. און דו ביסט אַלץ נאָך נישט צוגעוואַקסן? — האָט דער באַלעבאָס אַ שמייכל געטון.

— איך דאַרף עס נישט, — האָט בונטשוק אָפּגעהאַקט. — באַזונדערס ביי מיין איצטיקער לאַגע. איך דאַרף זיין אַזוי גרויס ווי אַן אַרבעס־שויט, זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן אַריין.

זיי האָבן געשמועסט ביזן גרויען באַגינען. און אין אַ טאָג אַרום איז בונטשוק, אַן איבערגעטוענער און פאַרגראַמירטער נישט צום דערקענען, מיט דאָקומענטן אויפן נאָמען פון סאָלדאַט פון 441־סטן אָרשע־פּולק ניקאָלאַי אוכוואַטאָוו, וואָס איז אינגאַנצן באַפרייט

געוואָרן פון מיליטער צוליב אַ וואונד אין דער ברוסט, ארויסגע-גאַנגען פון שטעטל, זיך פאַרנעמענדיק צו דער סטאַציע.

XII

אין דער ריכטונג פון וולאַדימיר-וואָלינסק און קאָוועל, אין ראַיאָן, וואו ס׳איז טעטיק געווען די באַזונדערע אַרמיי (די אַרמיי איז לויטן חשבון געווען די דרייצנטע, נאָר אַזוי ווי 13 איז - אַ נישט מזלדיקער ציפער, און אויף אַבערגלויבן האָבן געליטן אויך די גרויסע גענעראַלן, האָט מען די אַרמיי אָנגערופן „באַזונדערע״), האָט מען די לעצטע טעג פון נאָוועמבער זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַן אָנגריף. נישט ווייט פון דאָרף סוויניוכי איז דורך דער אָנפי-רונג אָפּגעקליבן געוואָרן אַ פּלאַצדאַרם, פון וועלכן ס׳איז באַקוועם געווען צו אַנטוויקלען דעם אָנגריף, און די אַרטילערישע צוגריי-טונג האָט זיך אָנגעהויבן.

אויפן אָנגעוויזענעם אָרט איז קאָנצענטרירט געוואָרן אַן אומגעהייערע צאָל אַרטילעריע. הונדערטער טויזנטער גראַנאַטן פון פאַרשידענעם קאַליבער האָבן אין משך פון ניין טעג געקנעטן דעם שטח, וואָס איז פאַרנומען געווען דורך צוויי ליניעס דייטשישע שוצגראָבנס. באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגע-הויבן די אינטענסיווע באַשיסונג, האָבן די דייטשן פאַרלאָזט די ערשטע ליניע שוצגראָבנס, איבערלאָזנדיק בלויז באַאָבאַכטער. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי פאַרלאָזט אויך די צווייטע ליניע, אַריבערגייענדיק אויף דער דריטער.

אויפן צענטן טאָג זענען די שיסער-טיילן פון טורקעסטאַנער קאָרפּוס געגאַנגען אין אָנגריף. זיי האָבן אַטאַקירט אויפן פראַנ-צויזישן שטייגער — כוואַליעסווייז. זעכצן כוואַליעס האָבן די רו-סישע אָקאָפּעס ארויסגעשפּיגן. די גרויע כוואַליעס פון מענטשלעכן צופלוס האָבן זיך געקייקלט, וויגנדיק זיך, שיטער ווערנדיק, ווימ-לענדיק ביי די אומגעלומפּערטע קנוילן צונויפגעדרייטן שטעכעדיקן

דראָט. און פון דער דייטשישער זייט, פון הינטער די אָפּגעסמאַ־ליעטע שטאַמען פון בלוילעכן אָלכע־וועלדל, פון הינטער די זאַמ־דיקע געהאָרבעטע אָנשיטן, האָט געריסן, געטרייסלט, געשליידערט און געבליצט מיט גערדיכטן אומאויפהערלעכן ליאַרעם, מיט קנאַלנ־דיקער שרפה פון די שאָסן.

הוווו... הוווו... הוק! בווווּם!

זעלטן האָט זיך דורכגעריסן אַ זאַלפּ פון אַ באַזונדערער באַ־טאַרייע, און ווידער האָט זיך גערוקט, דערנענטערט, איינגעשלונ־גען די פּילוויאָרסטיקע געגנט דער זעלבער:

הוווו... הוווו.... הוווו...

טררררראַאַאַ־ררראַאַאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! — האָבן ווילד זיך גע־איילט די דייטשישע מאַשין־געווערן.

אויפן שטח פון אַן ערך אַ וויאָרסט אין דער ברייט האָבן איבער דער פאַרשענדטער זאַמדיקער ערד ווירבלדיק זיך גערדרייט שוואַרצע זיילן פון די עקספּלאָזיעס, און די כוואַליעס אָנגרייפנדי־קע זענען זיך צעפאַלן, האָבן זיך אויסגעמישט, אַרום די זאַמדי־רעדלעך צעשפּריצט געוואָרן און אַלץ גערוקט זיך, גערוקט...

אַלץ אָפטער האָט געקנעטן די ערד דאָס שוואַרצע עקספּלאָ־דירן פון די האַרמאַטן־קוילן, אַלץ גערדיכטער האָט געהאָגלט דער קרומער, שניידנדיקער געוואָי פון די שראַפּנעלן איבער די אָנ־גרייפנדיקע, אַלץ האַרטער האָט געשמיסן דאָס, צו דער ערד צו־פאַלנדיקע, פייער פון די מאַשין־געווערן. זיי האָבן געהאַקט, נישט צולאָזנדיק צו די דראָט־פאַרצוימונגען. און האָבן טאַקע נישט צוגעלאָזט. פון די זעכצן כוואַליעס האָבן זיך צוגעקייקלט בלויז די דריי לעצטע, און פון די צעשטערטע דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס האָבן אויפגעהויבן צום הימל די אָפּגעסמאַליעטע העלצער אויף דער שטעכעדיקער דראָט, זענען די כוואַליעס, ווי צעקלאַפּנדיק זיך, צוריק אָפּגעפלאָסן אין ריטשקעלעך, טראָפּנווייז...

העכער ניין טויזנט מענטשלעכע לעבנס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דעם טאָג איבער דער זאַמדיקער מיזערנער ערד נישט ווייט פון דאָרף סווינױכי.

אין צוויי שעה אַרום איז דער אָנגריף ווידער באַני[illegible] געוואָרן. עס זענען געגאַנגען טיילן פון דער צווייטער און דריטער דיוויזיע פון טורקעסטאַנער שיסער-קאָרפּוס. אַ ביסל מער לינקס האָבן איבער די ראָוועס זיך צונויפגעצויגן צו דער ערשטער ליניע אָקאָפּעס טיילן פון דער 53-סטער פוסגייער-דיוויזיע און די 307-טע סיבירישע שיסער-בריגאַדע, אויפן רעכטן פלאַנג פון די טורקעסטאַנער זענען געגאַנגען באַטאַליאָנען פון דער דריטער גרענאַדערן-דיוויזיע.

דער קאָמאַנדיר פון 30-סטן אַרמיי-קאָרפּוס פון דער באַזונדערער אַרמיי, דער גענעראַל-לייטענאַנט גאַוורילאָוו, האָט באַקומען פון אַרמיי-שטאַב אַ באַפעל אַריבערצוואַרפן אין ראַיאָן פון סוויניוכי צוויי דיוויזיעס. ביינאַכט זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון די פּאָזיציעס דאָס 320-סטע טשעמבאַרסקע, דאָס 319-טע בוגולמינסקע און דאָס 318-טע טשערנאָיאַרסקע פּולק פון דער 80-סטער דיוויזיע. זיי זענען פאַרביטן געוואָרן דורך לעטישע שיסער און נאָר-וואָס אָנגעקומענעם לאַנדשטורעם. די פּולקן זענען אַראָפּגענומען געוואָרן ביינאַכט, נאָר נישט געקוקט דערויף, איז איינס פון די פּולקן נאָך אין אָוונט דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער קעגנאיבערדיקער זייט, און ערשט נאָכדעם ווי עס האָט דורכגעמאַכט אַ מאַרש פון 12 וויאָרסט איבער דער פראָנט-ליניע, האָט עס באַקומען אַ באַפעל זיך צוריק אויסצודרייען. די פּולקן זענען געגאַנגען אין איין ריכטונג, נאָר מיט פאַרשידענע וועגן. לינקס דעם מאַרשרוט פון דער 80-סטער דיוויזיע האָבן זיך איבערגערוקט דאָס 283-סטע פּאַוולאָגראַדער און 284-סטע וועגגראָווער פּולק פון דער 71-סטער דיוויזיע. באַלד הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ פּולק אוראַלער קאָזאַקן און דאָס 44-סטע פּלאַסטונער* פּולק.

* פּלאַסטונער — האָט מען אין דער צאַרישער אַרמיי גערופן די אינפאַנטעריע-טיילן פון קאָזאַקישן חייל.

דאָס 318-טע טשערנאָיאַרער פּולק איז ביזן אַריבער-
וואַרפן געשטאַנען ביים סטאָכאָד, אין ראַיאָן פון שטעטל סאָקאַל,
נישט ווייט פון פּאָלוואַרק רודקאָ מערינסקאָיע. אינדערפרי, באַלד
נאָכן ערשטן מאַרש, האָט מען דאָס פּולק איינקוואַטירט אין וואַלד,
אין די פאַרלאָזטע זעמליאַנקעס, און פיר טעג געלערנט אַנגריי ן
אויפן פראַנצויזישן שטייגער ; אַנשטאָט באַטאַליאָנען, זענען א ן
דער פראָנט-ליניע געגאַנגען האַלבע ראָטעס, די באָמבע-וואַרפער
האָבן זיך געלערנט מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט איבער-
שניידן דראָט-פאַרצוימונגען, נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען דעם קורס
פון וואַרפן האַנט-גראַנאַטן. דערנאָך האָט מען דאָס פּולק געשיקט
ווייטער. אין משך פון דריי טעג איז מען געגאַנגען איבער וועל-
דער, איבער זומפּיקע טאָלן, איבער ווילד-פאַרוואַקסענע פעלד-
וועגן, צעשניטענע דורך פּאַסן פון האַרמאַטן-רעדער. אַ באַנוולנער
שיטערער נעפּל, באַוועגט דורכן ווינט, איז געשוואומען, זיך פאַר-
טשעפּענדיק אָן די שפּיצן פון די סאָסנעס, געפלאָסן איבער די
זומפּיקע טאָלן און, ווי אַ גייער איבער אַ נבלה, זיך געדרייט
צווישן די אָלכעס איבער דער גרוילעכער גרינקייט פון די פאַ-
רענדיקע זומפּן. פון הימל איז געזונקען אַ פייכטער נעפּל. די
מענטשן זענען געגאַנגען דורכגעווייקטע, אָנגעברוגזטע. אין דריי
טעג אַרום האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון אָנגריף-ראַ-
יאָן — אין דאָרף פון קליין-און גרויס-פּאָראָק. זיי האָבן אָפּגערוט
אַ מעת-לעת, גרייטנדיק זיך צום וועג פון טויט.

אין דער צייט האָט צוזאַמען מיטן שטאַב פון דער 80-סטער
דיוויזיע זיך איבערגערוקט צום אָרט פון די נאָענטע שלאַכטן די
ב אַ ז ו נ ד ע ר ע קאָזאַקן-סאָטניע. צו דער סאָטניע האָט מען צו-
געטיילט די קאָזאַקן פון דריטן רעזערוו פון טאָטערישן כוטאָר. די
צווייטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון בלויז כוטאָר-לייט : די צוויי
ברידער פון איינהענטיקן אַלעקסעי שאַמיל — מאַרטין און פּראָ-
כאָר, דער געוועזענער מאַשיניסט פון מאָכאָווס דאַמף-מיל איוואַן
אַלעקסעיעוויטש, דער שטשערב אַפאָנקאַ אָזיעראָוו, דער געוועזע-
נער כוטאָר-אַטאַמאַן מאַניצקאָוו, דער קרומפיסיקער, באַטשופרינ-

טער שכן פון די שאַמילס — יעוולאַנטי קאַלינין, דער אומגעלומ־
פערט־הויכער קאָזאַק באָרשטשעוו, דער קורצהאַלזיקער און בערי־
שער זאַכאַר קאָראָליעוו, דער הויפט־לץ פון דער גאַנצער סאָטניע
גאַוורילאַ ליכאָווידאָוו — אַ קאָזאַק פון זעלטן חיהשן אויסזען, באַ־
קאַנט דורך דעם, וואָס ער האָט אָן ווידערשפעניקייט כסדר אויס
געהאַלטן די קלעפּ פון דער זיבעציקיעריקער מוטער און דעם ווייב —
אַ באַבע נישט קיין שיינע, אָבער העפטיקע; און נאָך אַ סך אַנ־
דערע זענען געווען אין דער צווייטער אָפּטיילונג און אין די אי־
בעריקע אָפּטיילונגען פון דער סאָטניע. טייל קאָזאַקן זענען געווע[ן]
אָרדינאַנסן ביים דיוויזיע־שטאַב. נאָך דעם 2־טן אָקטאָבער זענע[ן]
זיי פאַרטרעטן געוואָרן דורך אולאַנער און די סאָטניע איז, אוי[ף]
באַפעל פון דיוויזיע־קאָמאַנדיר, דעם גענעראַל קיטשינקאָ, אַוועק־
געשיקט געוואָרן אויף דער פּאָזיציע.

דעם דריטן אָקטאָבער פאַרטאָג איז די סאָטניע אַריינגעגאַנ־
גען אין דאָרף קליין־פּאָראָק. פון דאָרט איז אין דעם מאָמענט
אַרויסגעטרעטן דער ערשטער באַטאַליאָן פון 318־טן טשערנאָיאַ־
רער פּולק. אַרויסלויפנדיק פון די פּאַרלאָזטע, האַלב־חרובע כאַלו־
פּעס, האָבן די סאָלדאַטן זיך גלייך אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ.
לעבן דער ערשטער אָפּטיילונג האָט זיך געדרייט אַ טונקל־ברוינער
יונגיטשקער פּראַפּאָרשטשיק. ער האָט אויפגעוויקלט, אַרויסנעמענ־
דיק פון זיין פּלאַנשעטקע* שאָקאָלאַד (זיינע העל־ראָזע ליפּן זענען
געווען אויסגעשמירט אין די ווינקלען מיט שאָקאָלאַד), זיך גע־
דרייט לענגאויס דער קאָלאָנע, און דער פאַרסאַרגעטער לאַנגער
שינעל מיט דער פאַרטרוקנטער בלאָטע אויף די פּאָלעס האָט זיך
געפּלאָנטערט צווישן זיינע פיס, ווי אַ שעפּסענער ווידל. די קאָ־
זאַקן זענען געגאַנגען אויף דער לינקער זייט גאַס. אין איין רייע
פון דער צווייטער אָפּטיילונג, דער עקסטער פון רעכטס, האָט גע־
שפּרייזט דער מאַשיניסט איוואַן אַלעקסעיעוויטש. ער האָט אויפ־

* אָפיציר׳ישע מיליטערישע טאָרבע.

מערקזאַם געקוקט אויף זיינע פיס, באַמיענדיק זיך אַריבערצו־שפּריינגען די קאַלוזשע־גריבער. מען האָט אים אַ רוף געטון פון דער סאָלדאַטישער זייט, און ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און גע־נומען בלאָנזשען מיט די אויגן איבער די רייען פון די פוס־גייער.

— איוואַן אַלעקסעיעוויטש! פריינט טייערער!...

זיך אָפּרייסנדיק פון דער אָפּטיילונג, איז געלאָפן צו אים, מיט אַן אייליקן טריט פון אַ קאַטשקע, אַ זעלנערל. ער האָט, לויפנ־דיק, פאַרוואָרפן אַהינטער די ביקס, נאָר דער רעמעט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט, און די קאָלבע האָט טויב געקלאַפּט איבער דער מאַניערקע.

— דערקענסט נישט? האָסט פאַרגעסן?

אין צוגעלאָפענעם זעלנערל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט שטעכיקע, רויכיק־גרויע האָר ביז די באַקן־ביינער, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש קוים דערקענט וואַלעטן.

— פונוואַנען דערנעמסטו דיך דאָ, קליינער?...

— זעסט דאָך... איך דין.

— אין וועלכן פּולק ביסטו?

— אין 318־טן טשאַרנאָיאַרער. איך האָב מיך גאָרנישט... גאָרנישט געריכט, אַז איך וועל מיך באַגעגענען מיט אייגענע.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין קנאָכיקער האַנט וואַלעטס קליינע שמוציקע הענטל, און פריידיק און אויפגערעגט געשמייכלט. וואַלעט האָט, לויפנדיק, נאָכגעאיילט זיינע ברייטע טריט, געקוקט פון אונטן אַרויף איוואַן אַלעקסעיע־וויטשן אין די אויגן אַריין, און דער בליק פון זיינע שמאָל־אַריינ־געזעצטע בייזע אויגן איז געווען אומגעוויינלעך ווייך, פייכט.

— מיר גייען אין אָנגריף... ווי דו זעסט...

— מיר אויך.

— נו, וואָס מאַכסטו, איוואַן אַלעקסעיעוויטש?

— עך, וואָס איז דאָ צו רעדן!

— איך אויך דאָס אייגענע.

— פון פערזענטן אָן קריך איך נישט אַרויס פון די אָקאָפּעס. קיין אייגן ווינקל, קיין פאַמיליע נישט געהאַט, און דאָך איז מיר אויסגעקומען פאַר עמעצן דעם קאַרק אונטערצושטעלן...

— שטאָקמאַנען געדענקסטו? — אונזער טייערן אָסיפּ דאַווידיטשן! ער וואָלט אונדז אַצינד אַלץ אויסגעקלערט. דאָס איז אַ מענטש... האַ? שוין איינמאָל אַ מענטש... האַ?

— ער וואָלט אויפּשיפּרירט! — האָט וואַלעט, אַ באַגייסטערטער, אויסגעשריגן, אַ טרייסל געבנדיק מיטן פויסטל און פאַרקרימענדיק אין אַ שמייכל זיין קליין האָריק פּנימל. — איך געדענק אים! ער איז מיר נענטער געווען ווי אַ פאָטער. דער פאָטער האָט פאַר מיר אַ קלענערן ווערט געהאַט... און מען הערט נישט וועגן אים? נישטאָ קיין ידיעה פון אים?

— ער איז אין סיביר, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַ זיפץ געטון. — ער זיצט אָפּ.

— וואָס? — האָט וואַלעט איבערגעפרעגט, אונטערשפּרינגענדיק ווי אַ פייגעלע ביי דער זייט פון זיין גרויסן חבר, שאַרף אָנשפּיצנדיק דאָס האַרטע אויער.

— ער זיצט אין תפיסה. און אפשר איז ער שוין געשטאָרבן.

וואַלעט איז אַ געוויסע צייט געגאַנגען שווייגנדיק, וואַרפנדיק בליקן דאָ צוריק, וואו עס האָט זיך אויסגעשטעלט די ראָטע, דאָ אויף דער שיפּער גאָמבע פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, אויפן טיפן קיילעכיקן גריבעלע, וואָס איז ביי אים אויסגעקומען פונקט אונטער דער מיטלסטער אונטערשטער ליפּ.

— זיי געזעגנט! — האָט ער געזאָגט, באַפרייענדיק די האַנט פון איוואַן אַלעקסיעוויטשעס קאַלטע פינגער. — מיר וועלן זיך שוין, מסתמא, נישט זען.

יענער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט דער לינקער האַנט און זיך אָנגעבויגן, אַרומנעמענדיק וואַלעטס שמאָלע אַקסלען. זיי האָבן זיך געקושט שטאַרק, ווי געזעגענענדיק זיך אויף אייביק, און וואַלעט איז הינטערשטעליק געבליבן. ער האָט פּלוצלינג

איילֿיק אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אַזוי אַז אי־בערן גרויען קאַלנער פון זעלנערישן שינעל האָבן געשטאַרט בלויז די טונקל־ראָזע שפּיציק־האַרטע אויערן, און אָנגעהויבן גיין אַ גע־האָרבעטער, שטרויכלענדיק זיך אויפן גלייכן וועג.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז אַרויסגעטרעטן פון די רייען און אַ רוף געטון מיט אַ ציטערדיק קול:

— העי, ברידערל, טייערינקער מיינער! דו ביסט דאָך אַמאָל אַ האַרטער געווען... געדענקסט? אַ שטאַרקער געווען... הא?

וואַלעט האָט אויסגעדרייט דאָס פון טרערן אַלט געוואָרענע פּנים, גענומען שרייען און זיך קלאַפּן מיט דער פויסט אין דער טונקעלער ברוסט אַריין מיט די בולטע ריפּן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אויפגעשפּליטן שינעל און צעריסענעם קאַלנער פון העמד.

— געווען! געווען אַ האַרטער, און אַצינד האָבן זיי צע־ריבן!... ווי אַ פערדל פאַרמאַטערט!...

ער האָט נאָך עפּעס געשריגן, נאָר די סאָטניע האָט זיך פאַרקירעוועט, און איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אים פאַרלוירן פון בליק.

— דאָס איז דאָך וואַלעט? — האָט אים געפרעגט פּראָכאָר שאַמיל, וואָס האָט געשפּאַנט פון הינטן.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ מענטש, — האָט איוואַן אַלעק־סעיעוויטש טויב געענטפערט מיט ציטערנדיקע ליפּן, גלעטנדיק אויפן אַקסל זיין ווייבעלע — די ביקס.

ביים אַרויסגאַנג פון דאָרף האָט די סאָטניע אָנגעהויבן באַ־געגענען פאַרוואונדעטע, פריער איינציקווייז, דערנאָך גרופּעסווייז צו עטלעכע מאַן, און שפּעטער — אין גאַנצע מחנות. עטלעכע פורלעך, אָנגעפּאַקטע מיט שווער־פאַרוואונדעטע, האָבן קוים זיך באַ־וועגט. די קליאַטשעס, וואָס האָבן זיי געשלעפּט, זענען געווען שרעקלעך דאַר. זייערע שאַרפע רוקנס זענען כסדר אויפגעמונטערט געוואָרן דורכן שמייסן פון די בייטשן און האָבן אַרויסגעוויזן די ראָזע, רויט־געפינטלטע ביינער, וואָס זענען דאָ און דאָרט באַדעקט

געווען מיט הערלעך פון דער שערשטש. די פערד האָבן געשלעפט פיר-רעדערדיקע פורלעך, סאַפּעגדיק און אָנשטרענגענדיק זיך אַזוי, אַז זייערע מאָרדעס האָבן שיער נישט דערגרייכט צו דער בלאָטע. פון צייט-צו-צייט האָט וועלכעס קאָבילקעלע זיך אָפּגעשטעלט, מאַכט-לאָז געאַרבעט מיט די איינגעפאַלענע זייטן, פון וועלכע די ריפּן האָבן בולט אַרויסגעשטאַרט, אַראָפּגעזונקען דעם פון דאַרקייט גרויסן קאָפּ. דער שמיץ פון דער בייטש האָט עס מיט געוואַלט אַוועקגע-שטויסן פון אָרט און, זיך אַ וואַקל טוענדיק פריער אין איין זייט אַריין, דערנאָך אין דער צווייטער — האָט עס זיך אָפּגעריסן און ווייטער געגאַנגען. זיך קלאַמערנדיק פון אַלע זייטן אָן די לייטער-שטעקעלעך פון די פורלעך, האָבן די פאַרוואונדעטע נאָכגע-שליאַפּעט.

— פון וועלכער אָפּטיילונג ? — האָט דער סאָטניע-קאָמאַנ-דיר געפרעגט, אויסקלויבנדיק אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעזען אַ ביסל גוטמוטיקער.

— פון טורקעסטאַנער קאָרפּוס, דריטער דיוויזיע.

— הײַנט פאַרוואונדעט געוואָרן ?

דער סאָלדאַט האָט זיך אַוועקגעדרייט, נישט געענטפערט. פאַרנעמענדיק זיך פון וועג, איז די סאָטניע אַוועקגעגאַנגען צום וואַלד, וואָס האָט זיך געזען אויף אַ מהלך פון אַ האַלבער ווערסט. פון הינטן האָבן מיט שווערן אינפאַנטעריע-טריט זיך געשלעפּט די ראָטעס פון *318*-טן טשערנאָיאַרער, וואָס האָבן זיך אַרויסגע-קליבן פון דאָרף. אינדערווייטנס איז אויפן כמורנעם, פון די רעגנס אָפּבליאַקירטן הימל, ווי אַ געלבלעך-גרויער אומבאַוועגלעכער פלעק געהאָנגען אַ דייטשישער אָנגעבונדענער אַעראָסטאַט.

— זעט נאָר, סטאַניצע-לייט, וואָס פאַר אַן אויסטערלישע זאַך עס הענגט !

— אַ וואורשט.

— ער זעט פון דאָרט, דער פאַרשאָלטענער, ווי דאָס מילי-טער גייט דורך.

— און דו האָסט געמיינט — אומזיסט וועט ער זיך אַזוי הויך פאַרקלויבן?

— אָך, ער איז ווייס!

— וואָס דען, נאָענט? האָב קיין מורא נישט. וועסט אים מיט קיין גראַנאַט אויך נישט דערגרייכן.

אין וואַלד האָט די קאָזאַקן דעריאָגט די ערשטע ראָטע פון די טשערנאָיאַרער. ביז אָוונט האָבן זיי זיך געטוליעט אונטער די נאַסע טאָסנעס, אין די קעלנער איז אַריינגערונען, די רוקנס האָבן געפיבערט; פייער האָט מען פאַרבאָטן אָנצוצינדן, און עס איז אויך שווער געווען פונאַנדערצוברענען איבערן רעגן. ערשט בין־השמשות־צייט האָט מען אַריינגעפירט אין אַ גרובן. דער נישט טיפער ראָוו, עטוואָס העכער פון מענטשלעכן וואוקס, איז פאַרגאָסן געווען אויף אַ האַלב פערטל מיט וואַסער. עס האָט געשמעקט מיט שליים, פאַרפוילטע סאָסנע־נאָדלען און זיסלעכן סאַמעט־ווייכן ריח פון רעגן. די קאָזאַקן זענען געזעסן טשיפּקע, מיט פאַרנומענע פּאָלעס פון די שינעלן, געדרייכערט און געשפּינען דעם גרויען פּאָדעם פון זייער שמועס, וואָס איז אַלע מאָל איבערגעריסן געוואָרן. די צווייטע אָפּטיילונג האָט, נאָכן צעטיילן די פּאָרציע מאַכאָרקע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרן אַרויסמאַרשירן, זיך געטוליעט ביים אַריינדריי פון גרובן, אַרומרינגלענדיק דעם אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג. יענער איז געזעסן אויף אַ קנויל דראָט, וואָס איז אײַ־בערגעלאָזט געוואָרן דורך עמעצן, און דערציילט וועגן דערהרגעטן, דעם פאַרגאַנגענעם מאַנטיק, גענעראַל קאַפּילאָווסקי, אין וועמעס בריגאַדע ער האָט געדינט נאָך פרידנס־צייט. ער האָט נישט פאַרענדיקט דאָס דערציילן, ווייל דער אָפּיציר פון דער אָפּ־טיילונג האָט אַ געשריי געטון: „צום געוועהר!“ — און די קאָזאַקן זענען אויפגעשפּרונגען, זיך בריעבדיק די פינגער, גיריק צורייכערנדיק די לעצטע שטיקלעך פּאַפּיראָסן. פון גרובן איז די סאָטניע ווידער אַרויסגעקראָכן אין סאָסנע־וואַלד אַריין, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. זיי זענען געגאַנגען, זיך צוגעבנדיק

מוט אײנער דעם אַנדערן דורך װיצן. עמעצער האָט אונטערגע־פײפט.

אין אַ נישט גרויסן זומפּיקן טאָל האָבן זײ אָנגעטראָפן אויף אַ לאַנגער שורה דערהרגעטע. זײ זענען געלעגן אײנער לעבן אַנדערן, פּלײצע צו פּלײצע, אין פאַרשידענע פּאָזעס, מערסטנטײל נישט אָנשטענדיקע און שרעקלעכע. דערלעבן האָט זיך געדרײט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און אַ גאַז־מאַסקע, אָנגעהאָנגען בײ דער זײט פון פּאַסעק. אַרום די דערהרגעטע איז די פײכטע ערד געװען שטאַרק צעגראָבן, עס האָבן זיך געזען שפּורן פון אַ סך פיס, טיפע פּאַסן אין גראָז, איבערגעלאָזטע דורך די רעדער פון פורלעך. די סאָטניע איז דורכגעגאַנגען עטלעכע טריט פון די דערהרגעטע. פון זײ האָט זיך שוין געטראָגן אַ שװערער זיסלעכער ריח פון נבלה. דער סאָטניע־קאָמאַנדיר האָט פאַרהאַלטן די קאָזאַקן און מיט די אָפּטײלונג־אָפיצירן צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט. זײ האָבן װעגן עפּעס גערעדט. אין דער צײט האָבן די קאָזאַקן, דעפאָרמירנדיק די רײען, זיך נענטער צוגערוקט צו די טויטע, אַראָפּגענומען די היטלען און באַטראַכט די פיגורן פון די דערהרגעטע מיט יענעם געפיל פון געהײמער שרעק און חיהשער בײגיריקײט, װאָס עס שפּירט יעדער לעבעדיקער צו דער געהײמניש פון אַ טויטן. אַלע דערהרגעטע זענען געװען אָפיצירן. די קאָזאַקן האָבן איבערגעצײלט זיבן און פערציק מאַן. די מערהײט פון זײ זענען געװען יונגע, אורטײלנדיק לויטן אויסזען, — אין עלטער פון *20* ביז *25* יאָר, בלויז דער עקסטער פון רעכטס, מיט שליפעס פון אַ שטאַבס־קאַפּיטאַן, איז געװען אַ באַיאָרטער. איבער זײן ברײט צעעפנט מויל, װאָס האָט פאַרבאָרגן דעם שטומען עכאָ פון לעצטן אויסגעשרײ, זענען מרה־שחורהדיק געהאָנגען געדיכטע שװאַרצע װאָנסעס, אויפן טויט־בלײכן פּנים האָבן זיך געכמורעט דרײסט־פונאַנדערגעװאָרפענע ברײטע ברעמען. טײל פון די דערהרגעטע זענען געװען אָנגעטון אין פאַרבלאָטיקטע לעדערנע טוזשורקעס, די איבעריקע — אין שינעלן. אַ צװײ אָדער דרײ האָבן נישט געהאַט אויף זיך קײן היטלען. די קאָזאַקן האָבן

באַזונדערס לאַנג געקוקט אויף דער פיגור פון איין פּאָרוטשניק, וואָס איז געווען שיין אויך נאָכן טויט. זיין לינקע האַנט — פעסט צוגעדריקט צו דער ברוסט, אין דער רעכטער, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען אין אַ זייט, איז אויף אייביק פאַרגליווערט געוואָרן דאָס העפטל פון רעוואָלווער. דעם רעוואָלווער האָט מען, קענטיק, זיך באַמיט אַרויסצונעמען, — אויף דער געלער, ברייטער האַנט האָבן זיך געזען ווייסע ראַצן, נאָר דאָס שטאָל האָט, אַפנים, פעסט זיך איינגעשניטן, — נישט צום צעשיידן. דער בלאָנדער געקרייזלטער קאָפּ מיטן פאַררוקטן היטל איז, ווי צערטלענדיק זיך, צוגעפאַלן מיט דער באַק צו דער ערד און די בלוילעכע אָראַנזש־ליפּן זענען פאַרקרימט געווען אין אַ שמערצלעך־פאַרוואונדערטער גרימאַסע. זיין שכן פון רעכטס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, אויף דער פּלייצע האָט, ווי אַ האָרב, זיך געבערגלט דער שינעל מיטן אַראָפּגעריסענעם פּעטל, אַנטפּלעקנדיק קרעפּטיקע, שטייף־מוסקולירטע פיס אין הויזן פון האַקי־קאָליר און קורצע כראָמענע שטיוול, מיט קרום־אויסגעדרייטע אָפּצאַסן. ער האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין היטל, נישט געהאַט אויך די אייבערשטע טייל שאַרבן, וואָס איז גלייך געווען אָפּגעהאַקט דורך אַ שפּליטער פון אַ גראַנאַט; פון ליידיקן געהירן־קעסטל, וואָס איז אַרומגערעמט געווען מיט די נאַסע האָר־פלעכטלעך, האָט אַרויסגעלויכטן ראָז וואַסער, — דאָס האָט דער רעגן אָנגעגאָסן. נאָך אים איז געלעגן אין אַ צעשפּיליעטער טוזשורקע און צעריסענער בלוזע אַ פעסט־געבויטער, נישט הויכער, אָן אַ פּנים. אויף דער אַנטבלויזטער ברוסט איז קרימלעך אַראָפּגעזונקען דער אונטערשטער קין, און אונטער די האָר האָט זיך געבלייכט אַ שמאָל פּאַסיקל שטערן מיט אָפּגעסמאַליעטער, אין רערלעך־צונויפגעדרייטער הויט, אינמיטן פון קין און פּאַסיקל שטערן — רעשטלעך ביין, אַ שוואַרץ־רויטע שיטערע ברייע. ווייטער אַ ביסל — שטיקלעך אברים, נאַכלעסיק־צונויפגענומענע אין אַ קופּע, צעריסענע טיילן פון אַ שינעל, אַ צעקוועטשטער פוס אָנשטאָט אַ קאָפּ; און נאָך ווייטער — נאָך גאָר אַ ייִנגל מיט פּוכיקע ליפּן און יוגנטלעכן אָוואַל־פּנים; איבער דער ברוסט האָט אַ פּלייץ געטון

דער שטראָם פון מאַשין־געווער, אין פיר ערטער איז דער שי־
נעל דורכגעלעכערט, פון די לעכער שטאַרן אַרויס אָפּגעסמאַליעטע
צויטן.

— אָט דער... דער... — וועמען האָט ער פאַרן טויט
גערופן? די מוטער? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש גע־
פרעגט, פאַרהיקענדיק זיך און קלאַפּנדיק מיט די ציין; ער האָט
זיך האַסטיק אויסגעדרייט און גענומען גיין, ווי אַ בלינדער.

די קאָזאַקן זענען איילִיק אַוועקגעגאַנגען, זיך געצלמט, נישט
אומגעקוקט. און דערנאָך לאַנג געשוויגן, דורכגייענדיק די שמאָלע
וואַלד־דורכגענג, באַמיענדיק זיך צו פאַרגעסן דאָס געזעענע. לעבן
אַ געדיכטער רייע פוסטע, דורך עמעצן פאַרלאָזטע זעמליאַנקעס,
האָט מען די סאָטניע פאַרהאַלטן. די אָפיצירן צוזאַמען מיטן אָר־
דינאַנס, וואָס איז געקומען צו רייטן פון טשערנאָיאַרער פולק־
שטאַב, זענען אַריינגעגאַנגען אין אייבער פון די זעמליאַנקעס.
ערשט דאָ האָט אַפאַנקאַ אַזאָראָוו אָנגעכאַפּט איוואַן אַלעקסעיע־
וויטשן ביי דער האַנט און מיט שעפּטשענדיקע ליפּן אַ זאָג
געטון:

— אָט דאָס בחורל... דער לעצטער... ער האָט, מסתמא, אין
זיין גאַנץ לעבן קיין פרוי נישט קיין קוש געטון... ווי אַזוי־זשע האָט
מען עס אים אַוועקגעקוילעט?

— וואו האָט מען עס זיי אַזוי אויסגעשאָכטן? — האָט זאַ־
כאַר קאָראָלעוו זיך אַריינגעמישט.

— זיי זענען געגאַנגען אין אָנגריף. דער סאָלדאַט, וואָס האָט
זיי געהיטן, האָט געזאָגט, — האָט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געענט־
פערט באָרשטשעוו.

די קאָזאַקן זענען געשטאַנען אויף „אַפּרוּ". אין וואַלד איז
פינסטער געוואָרן. דער ווינט האָט געטריבן די וואָלקנס, זיי צע־
ריסן, אַנטפּלעקנדיק די פיאָלעטע קוילעכלעך פון די ווייטע שטערן.

אין דער זעמליאַנקע, וואו די אָפיצירן זענען פאַרזאַמלט
געוועזן, האָט דער קאָמאַנדיר דערוויל פריי געלאָזט דעם אָרדינאַנס,

געעפנט דעם פּאַקעט און, באַקענענדיק זיך מיט זיין אינהאַלט, איבערגעלייענט ביי דער שיין פון אַ שטיקל ליכט:

דעם דריטן אָקטאָבער פּאַרטאָג האָבן די דייטשן, באַנוצנדיק שטיקנדיקע גאַזן, אָפּגעסמט דריי באַטאַליאָנען פון 256־סטן פולק און פאַרנומען די ערשטע ליניע פון אונזערע אָקאָפּעס. איך באַפעל אייך זיך צוצורוקן צו דער צווייטער ליניע אָקאָפּעס, פאַרבינדן מיטן ערשטן באַטאַליאָן פון טשערנאָיאַרער פולק און פאַרנעמען דעם אָפּשניט פון דער צווייטער ליניע, כדי נאָך די היינטיקע נאַכט אַרויסצושטויסן דעם שונא פון דער ערשטער ליניע. אויפן רעכטן פלאַנג וועט איר האָבן צוויי ראָטעס פון צווייטן באַטאַליאָן און אַ באַטאַליאָן פון פאַנאַגאָרער פולק פון דער דריטער גרענאַדערן־דיוויזיע.

נאָכן באַטראַכטן די לאַגע און אויסרייכערן צו פּאַפּיראָסן, זענען די אָפיצירן אַרויסגעגאַנגען. די סאָטניע האָט געריִרט.

בשעת די קאָזאַקן האָבן אָפּגערוט ביי די זעמליאַנקעס, האָט דער ערשטער באַטאַליאָן פון די טשערנאָיאַרער זיי איבערגעיאָגט און צוגעגאַנגען צו דער בריק איבערן סטאָכאָד. די בריק איז געהיטן געוואָרן דורך אַ שטאַרקער אָפּטיילונג מאַשין־געווער פון איינעם פון די גרענאַדערן־פולקן. דער פעלדוועבעל האָט אויפגעקלערט דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר די לאַגע, און אַריבערגייענדיק די בריק, האָט דער באַטאַליאָן זיך צעטיילט: צוויי ראָטעס זענען געגאַנגען רעכטס, איינע — לינקס, די לעצטע מיטן באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר איז געבליבן אין רעזערוו. די ראָטעס זענען געגאַנגען אין טיראַלערקע*. דער שיטערער וואַלד איז צעאַקערט געווען פון האַרמאַטן־קוילן. די זעלנער האָבן זיך גערוקט פּאַרזיכטיק, טאַפּנדיק דעם באָדן מיט די פיס, פון צייט־צו־צייט איז עמעצער געפאַלן, מיט אַ פאַרשטיקט קול געזידלט. אין דער עקסטער ראָטע

* פונאַנדערגעשיט אין קאַמף־ליניעס.

פון רעכטן פלאַנג איז דער זעקסטער פון סוף געגאַנגען וואָלעט. נאָך דער קאָמענדע „גרייט זיין!“ האָט ער אָנגעשטעלט צום שיסן דאָס צינגל פון דער ביקס, געגאַנגען מיט איר אויסגעשטרעקט פאָרויס, פאַרטשעפּענדיק מיטן שפּיץ פון באַגנעט די קוסטעס און שטאַמען פון די סאָסנעס. פאַרביי אים לענגאויס דער קאַמף־ליניע זענען דורכגעגאַנגען צוויי אָפיצירן; זיי האָבן געשמועסט מיט איינ־געהאַלטענע שטימען. דעם ראָטע־קאָמאַנדירס זאַפּטיק, צייטיק קול האָט זיך געקלאָגט:

— די אַלטע וואונד האָט זיך מיר געעפנט. דער טייוול האָט אים געקערט נעמען, דעם שטאָם! איר פאַרשטייט, איוואַן איוואַנאָוויטש, איך בין אין דער פינסטערניש אַרויף אויף אַ שטאָם און זיך דעם פוס צעקלאַפּט. דער פּועל־יוצא — די וואונד האָט זיך געעפנט און איך קאָן נישט גיין. איך וועל מוזן זיך אומקערן. — דעם ראָטנעס באַריטאָן איז אויף אַ ווײַלע שטיל גע־וואָרן און, דערוויַיטערנדיק זיך, געקלונגען נאָך שטילער. — איר וועט נעמען אויף זיך דאָס קאָמאַנדעווען מיט דער ערשטער האַל־בער ראָטע, באָגדאַנאָוו וועט נעמען די צווייטע, און איך... ערג־וואָרט, איך קאָן נישט. איך מוז מיך אומקערן.

אַלס ענטפער האָט דאָס טענאָרל פון פּראַפּאָרשטשיק ביעלי־קאָוו הייזעריק זיך צעהאַווקעט:

— וואונדערלעך! ווי נאָר עס קומט אויס צו גיין אין קאַמף, עפענען זיך ביי אייך אַלטע וואונדן.

— איך וועל אייך בעטן צו האַלטן דאָס מויל, הער פּראַ־פּאָרשטשיק! — האָט דער ראָטנע גענומען אַ העכערן טאָן.

— הערט אויף, איך בעט אייך! איר קאָנט זיך אומקערן!

זיך צוהערנדיק צו זיינע אייגענע און פרעמדע טריט, האָט וואָלעט הינטער זיך דערהערט אַן אייליק קנאַקן, פאַרשטאַ־נען: דער ראָטנע קערט זיך אום. און אין אַ מינוט אַרום, דורכ־גייענדיק מיטן פעלדפעבעל איבערן לינקן פליגל פון דער ראָטע, האָט בעליקאָוו געבורטשעט:

— ...די נבלות, זיי דערשמעקן שוין! ווי נאָר עס האַלט ביי אַן

ערנסטער שלאַכט, ווערן זיי קראַנק, אָדער עס עפּענען זיך זייַ אַלטע וואונדן. און דו, ניי־געבאַקענער, גיי, פיר אָן מיט אַ האַל־בער ראָטע... אויס־אורפן! איך וואָלט אַזעלכע... די סאָלדאַטן...

די שטימען זענען פלוצלינג פאַרשוויגן געוואָרן, און וואַלעט האָט בלויז געהערט דאָס פייכטע פליוכען פון די אייגענע טריט און טריליענדיקע קלינגען אין די אויערן.

— העי, לאַנדמסאַן! — האָט עמעצער פון לינקס הייזעריק אַ שעפּטשע געטון.

— וואָס ?

— גייסט ?

— איך ג־גיי, — האָט וואַלעט געענטפערט, פאַלנדיק און זיך אַריינגליטשנדיק מיטן הינטן אין אַ קאַלוזשע.

— שוין איינמאָל אַ פינסטערניש... — האָט זיך געהערט פון לינקס.

אַ מינוט זענען זיי געגאַנגען, נישט זעענדיק איינער דעם אַנדערן, און פלוצלינג האָט הארט ביי וואַלעטס אויער דאָס זעל־בע הייזעריקע קול אַ זאָג געטון :

— לאָמיר גיין צוזאַמען! וועט נישט אַזוי שרעקלעך זיין.

ווידער האָבן זיי געשוויגן, שטעלנדיק איבער דער פייכטער ערד די אַנגעקוואָלענע שטיוול. די אויסגעשטשערביעטע, געפלעקטע לבנה איז פלוצלינג אַפּערגעשפּרונגען פון אונטער אַ וואָלקן־קאַם, עטלעכע רגעס ווי אַ קאָריס זיך געטוקט אין די פליסנדיקע וואָלקן־כוואַליעס, בלישטשענדיק מיט איר געלער שיפּן־הויט, און, אַרויס־קומענדיק אויפן לויטערן הימל, געגומען אַראָפּגיסן אַ מאַטע ליכטי־קייט. פאָספאָריש האָבן אַ בלענד געטון די נאַסע נאָדלען פון די סאָסנעס, — עס האָט זיך געדאַכט — שטאַרקער האָבן גענומען שמעקן די נאָדל־ביימער, האַרבער האָט אַן אָטעם געטון מיט קיל־קייט די פייכטע ערד. וואַלעט האָט זיך אומגעקוקט אויף זיין שכן. יענער האָט פלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, ווי פון אַ קלאַפּ, און צעעפנט די ליפּן.

— זע נאר! — האָט ער אַרויסגעכרעכצט.

דריי טריט פון זיי איז בײַ אַ סאָסנע געשטאַנען, מיט ברייט־צעשטעלטע פיס, אַ מענטש.

— אַ מע־נ־טש, — האָט וואַלעט געזאָגט, אָדער בלויז גע־קלערט צו זאָגן.

— ווער איז דאָס ? — האָט אַ געשריי געטון דער סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען לעבן וואַלעטן, פלוצלינג אַ כאַפּ טוענדיק די ביקס צום אַקסל.

— ווער ביסטו ? איך שיס !...

דער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער סאָסנע, האָט געשוויגן. זיין קאָפּ, ווי דאָס קאַפּעלושל פון אַ ביר־רויז, איז געהאָנגען אָנ־געבויגן אָן אַ זייט.

— ער שלאָפט ! — האָט וואַלעט סקריפּענדיק זיך צעלאַכט און, טרייסלענדיק זיך, אונטערגעבנדיק זיך מוט דורכן גענייטן לאַכן, האָט ער אַ שפּרייז געטון פאָרויס.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום שטייענדיקן. וואַלעט האָט גע־קוקט מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז. זיין חבר האָט אַ ריר געטון די אומבאַוועגלעכע גרויע פיגור מיט דער קאָלבע.

— העי, דו, פענזע־ע־ער ! שלאָפסט ? אַ לאַנדסמאַן ?... — האָט ער, שפּאַסנדיק, געפרעגט. — דאָס הייסט אַ קאָמישער ! נו, וואָס־זשע ?... — זיין קול האָט זיך פאַרהאַקט. — אַ מת ! — האָט ער, אָפּטרעטנדיק, אויסגעשריגן.

וואַלעט איז מיט קלאַפּנדיקע ציין אָפּגעשפּרונגען, און אויפן אָרט, וואו ס׳זענען מיט אַ רגע צוריק געשטאַנען זיינע פיס, איז, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים, אַ פאַל געטון דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער סאָסנע. זיי האָבן אים איבערגעדרייט מיטן פּנים אַרויף, און דאָ ערשט זיך משער געווען, אַז אונטער דער סאָסנע האָט זיך געפונען זיין לעצט שוץ־ווינקל דערדאָזיקער פון גאַז־אָפּגעסמטער סאָלדאַט פון איינעם פון די דריי באַטאַליאָ־נען פון 256־סטן אינפאַנטעריע־פּולק, וואָס איז אַנטלאָפן פאַרן טויט, וועלכן ער האָט שוין געטראָגן אין זיינע לונגען. אַ הויך־געוואוקסיקער, ברייט־פּלייציקער חברהמאַן, איז ער געלעגן

מיט אַ פּאַרוואָרפּענעם קאָפּ, דאָס פּנים אויסגעשמירט מיט געדיכטער בלאָטע פון פאַלן, מיט אויסגעגעסענע שיטער־געוואָרענע אויגן פון גאַז; פון זיינע צונויפגעדריקטע ציין האָט ווי אַ שוואַרץ־גלאַנציק שלייף־שטיינדל געשטאַרט די אָנגעשוואָלע־נע פליישיקע צונג.

— קום. קום. ווי גאָט איז דיר ליב! זאָל ער זיך ליגן, — האָט דער חבר געשעפּטשעט, צופּנדיק וואַלעטן ביי דער האַנט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין און באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ צווייטן טויטן. די טויטע האָט מען אָנגעהויבן באַגעגענען אַלץ אָפ־טער. אויף עטלעכע ערטער זענען די אָפּגעסמטע געלעגן קופּקע־לעכווייז, אַנדערע זענען פאַרגליווערט געבליבן, זיצנדיק טשיפּקע, טייל זענען געשטאַנען אויף אַלע פיר — ווי זיי וואָלטן זיך געפּאַ־שעט, און איינער, ביים סאַמע דורכגאַנג, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער צווייטער ליניע אָקאָפּעס, איז געלעגן צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל, די פון יסורים צעביסענע האַנט אַריינגעשטופּט אין מויל.

וואַלעט און דער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים, האָבן, לויפנדיק, דעריאָגט די פּאַרויס־אַוועקגעגאַנגענע קאַמף־ליניע; איבעריאָגנדיק זי, זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען. זיי זענען איינאיינעם אַריינגעשפּרונגען אין פינסטערן גרובן פון די אָקאָפּעס, וואָס האָבן זיגזאַגיש זיך אַוועקגעצויגן אין דער פינ־סטערניש און צעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן.

— מען דאַרף אַ זוך טון אין די זעמליאַנקעס. אפשר איז דאָרט געבליבן עפּעס עסן, — האָט וואַלעט אומזיכער פאָרגעלייגט זיין חבר.

— קום.

— דו — רעכטס, איך — לינקס. ביז אונזערע ווען צוקו־מען, וועלן מיר דורכזוכן.

וואַלעט האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אַריינגעשפּרייזט אין דער געעפנטער טיר פון דער ערשטער זעמליאַנקע און אַרויסגעפלויגן פון דאָרט, ווי אַרויסגעוואָרפן דורך אַ פּרוזשינע: אין דער זעמ־

ליאַנקע זענען געלעגן ווי אַ צלם איינער איבערן אַנדע טויטע. ער איז, בחינם זוכנדיק, דורכגעגאַנגען דריי זעמל מיט אַ שטויס פון פיס געעפנט די טיר פון דער פער שיער נישט אומגעפאַלן פון אַ פרעמדן מעטאַלישן אויסגע

— ווער איסט דאַס ?*

ווי אָפּגעשיט מיט פייער, איז וואַלעט שווייגנדיק אָפּגעשפרונגען צוריק.

— דאַס ביסט דו, אָטטאָ ? וועכאַלד ביסט דו זאָ געקאָממען ?* — האָט דער דייטש געפרעגט, אַרויסקומענדי דער זעמליאַנקע און גלייך מאַכנדיק זיך מיט אַ הייב פון דעם אָנגעהאָנגענעם שינעל.

— די הענט ! די הענט הייב אויף ! גיב דיך אונטער ! — האָט וואַלעט הייזעריק אויסגעשריגן און זיך אַראָפּגעזעצט, ווי אויף קאָמענדע „צום קאַמף !”

שטום פון פאַרוואונדערונג, האָט דער דייטש פאַמעלעך אויפגעהויבן די הענט, זייטיק זיך אויסגעדרייט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויפן שאַרף-פינקלענדיקן שפּיץ פון באַגנעט, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט קעגן אים. דער שינעל איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען, דער איינרייאיקער גרוילעך-גרינער מונדיר האָט דין זיך געקנייטשט אונטער די אָרעמס. די אינדערהייך אויפגעהויבענע גרויסע אַרבעטער-הענט האָבן זיך געטרייסלט און די פינגער באַוועגט, ווי איבערקלויבנדיק אומגעזעענע קלאַווישן. וואַלעט איז געשטאַנען, נישט ענדערנדיק די פויזע, באַטראַכטנדיק די הויכע פעסט-געבויטע פיגור פון דייטש, די מעטאַלענע קנעפּ פון מונדיר, די קורצע אין דער זייט געבייטע שטיוול, דאָס היטל אָן אַ דאַשיק, וואָס איז אָנגעטון געווען אויף אַ זייט. דערנאָך האָט ער עפּעס מיטאַמאָל געענדערט די פּאָזע, זיך אַ וואַקל געטון, ווי אַרויסגעטרייסלט פון

---

* ווער איז דאָס ?

** דאָס ביסטו, אָטטאָ ? פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען ?

…לומפּערטן שינעל ; אַרויסגעגעבן אַן אויסטערלישן קלאַנג …אַלז — אַ הוסט אָדער שלוכץ, און אַ שפּרייז געטון צום …:

— אַנטלויף ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ הויל געבראָכן …ק — אַנטלויף, דייטש ! איך בין אויף דיר נישט בייז. איך וועל נישט שיסן.

ער האָט אָנגעלענט די ביקס אָן דער וואַנט פון דער אָקאָ־ אַ צי געטון אויף די שפּיץ פינגער, דערגרייכט דעם … רעכטע האַנט. זיינע זיכערע באַוועגונגען האָבן באַרויִקט די… פאַנגענעם ; יענער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, שאַרף זיך איינ…רנדיק אין די אויסטערלישע אינטאָנאַציעס פון פיינט־ לעכן קול.

וואַלעט האָט אָן וואַקלעניש אים אַריינגערוקט זיין רויע, פון צוואָנציק יאָר אַרבעט פאַרהאַרטעוועטע האַנט, אַ דריק געטון דעם דייטשס קאַלטע שלאַבעריקע פינגער און געעפנט די האַנט־ פלאַך ; אויף איר, אַ קליינער און געלער, ברוינלעך־געבערגלטער פון די אַמאָליקע מאָזאָליעס, זענען געפאַלן די בעז־בלויע בלעטע־ לעך פון דער אויסגעשטשערביעטער לבנה.

— איך בין אַן אַרבעטער, — האָט וואַלעט געזאָגט, ציטערנדיק, ווי אין פיבער. — פאַרוואָס זאָל איך דיך דערהרגענען ? אַנטלויף ! — און ער האָט לייכט אַ שטויס געטון דעם דייטש מיט דער רעכטער האַנט אין אַקסל און אָנגעוויזן אויף דער געדיכטער פינסטערניש פון וואַלד. — אַנטלויף, שוטה, וואָרים אונזערע וועלן באַלד אָנקומען...

דער דייטש האָט אַלץ געקוקט אויף וואַלעטס אויסגעשטרעק־ טער האַנט, געקוקט, אַ שאַרף־אָנגעשטרענגטער, לייכט אָנגעבויגן פאָרויס, באַמיִענדיק זיך פון די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אַרויסצופילן זייער באַהאַלטענעם מיין. אַזוי האָט דאָס געדויערט אַ צוויי רגעס ; זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט וואַלעטס אויגן, און פלוצלינג האָט דעם דייטשס בליק אַ פלאַטער געטון מיט אַ פריידיקן שמייכל. אָפּטרעטנדיק אַ טריט צוריק, האָט ער

מיט אַ ברייטן זשעסט אויסגעשטרעקט די הענט, פּעסט צונויפגעדריקט וואַלעטס הענט, זיי אַ טרייסל געטון; פינקלענדיק מיט צושמייכלטע אויגן פון גערירטקייט, זיך אָנגעבויגן און אַריינגעוואַלטן אין די אויגן.

— דו ענטלעסט מיך ?... אָ, יעצט האָב איך פערשטאַנדען. דו ביסט איין רוססישער אַרבייטער ? סאָציאַל-דעמאָקראַט, ווי איז זאָ ? אָ ! אָ ! דאַס איסט ווי אים טראַום... מיין ברודער, ווי ט... איך פערגעססען ? איך פינדע קיינע וואָרטע... נור דו ביסט א... וואונדערבאַרער וואַגענדער יונגע... איך...*

אין הייסן שטראָם פרעמד-שפּראַכיקע ווערטער האָט וואַלעט אויפגעכאַפּט דאָס איינע באַקאַנטע, פּרעגנדיקע — „אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט ?"

— נו, יאָ, איך — בין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. אָבער דו אַנטלויף... זיי געזעגנט, ברידערל. די לאַפּע דערלאַנג !

מיטן געפיל פאַרשטייענדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן אַריין, — דער הויכער, שטאַלטנער באַוואַריער און דער קליינער רוסישער זעלנער. איבערן וואַלד האָבן גענומען טשמאָקען די טריט פון דער אָנקומענדיקער קאַמף-ליניע. דער באַוואַריער האָט אַ שעפּטשע געטון:

— אין דען צוקינפטיגען קלאַססען קעמפען ווערדען ווירר אין דענזעלבען אַוסגעגנגען זיין, ניכט וואַר, גענאָססע ?** — און ער איז ווי אַ גרויסע חיה אויפן ברוסטווער אַרויפגעשפּרונגען.

---

* — דו לאָזסט מיך פריי ?... אָ ! אַצינד האָב איך פאַרשטאַנען ! דו — ביסט אַ רוסישער אַרבעטער ? אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, ווי איך ? יאָ ? אָ ! אָ ! דאָס — איז ווי אין אַ חלום. מיין ברודער, ווי קאָן איך פאַרגעסן ?... איך געפין נישט קיין ווערטער... אָבער דו ביסט אַ וואונדערבאַרער דרייסטער חברהמאַן... איך...

** אין די קינפטיקע קלאַסן-קאַמפן וועלן מיר זיין אין איין אָקאָפּע, אמת, חבר ?

די קאַמף־ליניע האָט זיך דערנענטערט. פּאָרויס האָט זיך גערוקט אַ טשעכישע אויספיר־אָפּטיילונג מיט איר אָפיציר. זיי האָבן שיער נישט דערשאָסן דעם סאָלדאַט, וואָס איז אַרויס פון אַ זעמליאַנקע; ער האָט דאָרט ווי וואָלעט אַרומגענישטערט, זוכנדיק עפּעס עסן.

— אַן אייגענער! זעסט נישט... אין דער מאָרדע דיר, אין דער נשמה אַריין!... — האָט יענער דערשראָקן אויסגעשריגן, דערזעענדיק אָנגעשטעלט אויף זיך דאָס שוואַרצע אייגל פון דער ביקסן־לופּע.

— אייגענע דאָ, — האָט ער איבערגעחזרט, צודריקנדיק אַ שוואַרץ ברויט ווי אַ קינד צו דער ברוסט.

דער אונטעראָפיציר, דערקענענדיק וואָלעטן, איז אַרי־בערגעשפּרונגען די אָקאָפּע און ליבלעך אַ שטויס געגעבן וואָלעטן מיט דער קאָלבע אין רוקן.

— איך וועל דערמיתן! צעבלוטן! וואו ביסטו געווען?

וואָלעט איז געגאַנגען, אַ שלאַבעריקער, אַ מאַכטלאָזער, אפילו דער קלאַפּ האָט נישט געמאַכט אויף אים דעם געהעריקן איינדרוק. זיך אַ וואַקל טוענדיק, האָט ער איבערראַשט דעם אונטער־אָפיציר מיטן נישט כאַראַקטעריסטישן פאַר אים גוטמוטיקן ענטפער:

— איך בין געגאַנגען פאָרויס. און דו זידל נישט.

— און דו פּלאָנטער דיך נישט ווי אַ הינטישער ווידל! דאָ בלייבט ער הינטערשטעליק, דאָ גייט ער פּאָרויס. קענסט נישט די דינסט? דאָס ערשטע יאָר ביי דיר, צי וואָס? — שוויי־גנדיק אַ ווײַלע האָט ער געפרעגט: — טיטון האָסטו?

— בלויז צעריבענעם.

— גיב.

דער אונטעראָפיציר האָט פאַררייכערט און אַוועקגעגאַנגען צום עק פון דער אָפּטיילונג.

ערשט פאַרטאָג האָבן די טשעכישע אויספירער זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ דייטשישן באַאָבאַכטונגס־פּאָסטן. די דייטשן האָבן איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ זאַלפּ. מיט גלייכע הפסקות

געגעבן נאָך צוויי זאַלפּן. איבער די אָקאָפּעס האָט זיך אַ טראָג געטון אַ רויטע ראַקעטע, עס האָבן זיך דערהערט שטימען, און עס האָבן נישט באַוויזן אין דער לופט זיך אויסצולעשן די פֿײַערפֿונקען פֿון דער ראַקעטע, ווי פֿון דער דײַטשישער זײַט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרטילעריע־באַשיסונג.

בום! בום! — און, דעריאָגנדיק די ערשטע הילכיקע קלעפּ, נאָך צוויי: בום! בום!

קלע־קלע־קלע־וווזי־י־י־י — האָבן מיט שטײַגנדיקער קראַפט זיך צעקוואַקעט די גראַנאַטן, דורכבויערנדיק די לופט, ווי אַן עקבער, זיך אַריבערטראָגנדיק מיט אַ גרילצערײַ איבער די קעפּ פֿון די סאָלדאַטן פֿון דער ערשטער האַלבער ראָטע; אַ רגע שטילקייט — און דאָרט ווײַט, בײַם אַריבערפֿאָר איבערן סטאָכאָד, דאָס דערלײַכטערנדיקע הילכן פֿון די אויפֿרײַסן — באַך!... באַך!...

די קאַמף־ליניע, וואָס איז געגאַנגען אויף פֿערציק קלאַפֿטער הינטער די טשעכישע אויסשפּירער, האָט באַלד נאָכן ערשטן זאַלפּ זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. די ראַקעטע האָט אָנגעצונדן אַ פּורפּור־רויטע לונע; בײַ איר שײַן האָט וואַלעט געזען, ווי די סאָלדאַטן זענען געקראָכן ווי מוראַשקעס צווישן די קוסטעס און ביימער, זיך שוין נישט געבּרעקלט מיט דער בלאָטיקער ערד, נאָר זיך צוגעדריקט צו איר, זוכנדיק באַשיצונג. די מענטשן האָבן געווימלט אין יעדן טאָליקן אָרט, זיך באַהאַלטן אין יעדן קלענסטן פֿאַלב פֿון דער ערד־קאָרע, אײַנגעגראָבן די קעפּ אין יעדן גריבל. און דאָך, ווען עס האָט ווי אַ פֿלײַצנדיקער מאַי־רעגן האַסטיק אַ שפּריץ געטון און געגומען פּויקן איבערן וואַלד דאָס קנאַלנדיקע פֿײַער פֿון די מאַשין־געווערן, — האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן: געקראָכן צוריק, ווי ווײַט מעגלעך אַרײַנציענדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי שטרײַמל־ווערים זיך אײַנגעטוליעט אין דע־ ער ד, זיך גערוקט, נישט אויסבייגנדיק נישט די הענט, נישט די פֿיס, געקראָכן ווי שלאַנגען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שפּור איבער דער בלאָטע... טייל זענען אויפֿגעשפּרונגען און געלאָפֿן. אָפּהאַקנדיק די נאָדלען, אָפּרײַסנדיק שטיקער פֿון די סאָסנעס, מיט אַ

שלאַנגיש שיפּען זיך איינגראָבנדיק אין דער ערד, זענען איבערן וואַלד געשפּרונגען און האָבן אויפגעריסן די עקספּלאָדיר־קוילן.

זיבעצן מענטשן האָבן געפעלט אין דער ערשטער האַלבער ראָטע, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צו דער צווייטער ליניע אָקאָפּעס. נישט ווייט האָבן זיך פאָרמירט די קאָזאַקן פון דער באַזונדערער סאָטניע. זיי זענען געגאַנגען רעכטס פון דער ערשטער האַלבער ראָטע, געגאַנגען פאָרזיכטיק, און וואָלטן אפשר אָנגעפאַלן אויף די דייטשן אומגעריכט, פריער אָראָפּנעמענדיק די וואַך־פּאָסטנס, אָבער ווען מען האָט אויף די טשעכישע אויסשפּירער געגעבן דעם זאַלפּ, — זענען די דייטשן אומרויִק געוואָרן אויפן גאַנצן אָפּשניט. שיסנדיק אָן אַ ציל, האָבן זיי דערהרגעט צוויי קאָזאַקן און איינעם פאַרוואונדעט. די קאָזאַקן האָבן מיטגעבראַכט דעם פאַרוואונדעטן מיט די דערהרגעטע און פאָרמירנדיק די ליניע, זיך דורכגעשמועסט:

— מען דאַרף קובר זיין די אייגענע.

— מען וועט זיי אָן אונז קובר זיין.

— דאָ דאַרף מען וועגן די לעבעדיקע טראַכטן, די טויטע דאַרפן שוין ווייניק.

פון פּולק־שטאַב איז אין אַ האַלבער שעה אַרום דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל: „נאָך אַן אַרטילערישער צוגרייטונג באַפעל איך דעם באַטאַליאָן צוזאַמען מיט דער באַזונדערער קאָזאַקן־סאָטניע צו אַטאַקירן דעם קעגנער און אַרויסשטויסן אים פון דער ערשטער ליניע אָקאָפּעס.

די שיטערע צוגרייטונג האָט געדויערט ביז צוועלף ביינאַכט. די קאָזאַקן און סאָלדאַטן, אויסשטעלנדיק וואַך־פּאָסטנס, האָבן אָפּגערוט אין די זעמליאַנקעס. אין מיטן טאָג זענען זיי געגאַנגען אין אַטאַקע. לינקס, אויפן הויפּט־אָפּשניט, האָט געדונערט אַ קאַנאָנאַדע, — דאָרט האָט מען אויפסניי אַטאַקירט.

אין סאַמע עק פון רעכטן פלאַנג האָבן זיך געפונען די זאַבייקאַלער קאָזאַקן, לינקער — דאָס טשערנאָיאַרער פּולק מיט דער

באַזונדערער קאָזאַקן-סאָטניע, נאָך זיי — דאָס פאַנאַגאָרער גרענאַדירן-פולק, ווייטער — דאָס טשעמבאַרער, בוגולמינער, 208-טע אינפאַנטערישע, 211-טע אינפאַנטערישע, פאַוולאָגראַדער, וועגראָווער; די פולקן פון דער 53-טער דיוויזיע האָבן אַנטוויקלט דעם אָנגריף אין צענטער, דעם גאַנצן לינקן פלאַנג האָט אַרומגענומען די צווייטע טורקעסטאַנער שיסער-דיוויזיע. עס האָט געדונערט איבערן גאַנצן אָפשניט, — די רוסן האָבן אַטאַקירט אומעטום.

די סאָטניע איז געגאַנגען אין אַ נישט געדיכטער קאַמף-ליניע. איר לינקער פליגל האָט זיך פאַראייניקט מיטן רעכטן פון די טשערנאָיאַרער. ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן דער רוקן פון ברוסטווער, האָבן די דייטשן געעפנט אַ הוראַגאַן-פייער. די סאָטניע איז אַריבערגעלאָפן אָן געשריי; זיי זענען צוגעפאַלן צו דער ערד, אויסגעליידיקט די קוילן-מאַגאַזינען פון די ביקסן און ווידער געלאָפן. צום סוף האָבן זיי זיך אויסגעלייגט אויף פופציק טריט פון די אָקאָפעס. זיי האָבן געשאָסן, נישט אויפהייבנדיק די קעפ. די דייטשן האָבן אַרויסגעוואָרפן איבער דער גאַנצער ליניע פון די אָקאָפעס שטערונגען פון דראָט-נעצן. צוויי גראַנאַטן, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן דורך אַפאָנקאַ אָזיעראָוו, האָבן אויפגעריסן, אָפשפרינגענדיק פון דער נעץ. ער האָט זיך לייכט אונטערגעהויבן, געוואָלט וואַרפן דעם דריטן, נאָר אַ קויל איז אים אַריין אונטערן לינקן אַקסל און אַרויס לעבן דער גראָבער קישקע. איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס איז געלעגן נישט ווייט, האָט געזען ווי אַפאָנקאַ האָט אָנגעהויבן שנעל רודערן מיט די פיס און שטיל געבליבן. עס איז דערהרגעט געוואָרן פראָכאָר שאַמיל — דעם איינהענטיקן אַליאָשקאַס ברודער; דער דריטער איז געפאַלן דער געוועזענער אַטאַמאַן מאַניצקאָוו, און באַלד האָט פאַרטשעפעט אַ קויל דעם קרומפוסיקן, באַטשופרינטן, שאַמילס שכן — יעוולאַנטי קאַלינין.

פון דער צווייטער אָפטיילונג זענען אין משך פון אַ האַלבער שעה אָפגעקומען אַכט מאַן. עס איז דערהרגעט געוואָרן דער עסאַול — דער סאָטניע-קאָמאַנדיר, צוויי אָפטיילונג-אָפיצירן, און די סאָטניע איז אָן אָנפירונג אָפגעטרעטן צוריק. געפינענדיק זיך

אויסער דער ווירקונג פון פייער, זענען די קאָזאַקן זיך צונויפגעקומען, — עס האָט געפעלט האַלב מענטשן. עס האָבן אָפּגעטרעטן אויך די טשערנאָיאַרער. אין ערשטן באַטאַליאָן איז דער פאַרלוסט געווען נאָך באַדייטנדיקער, אָבער נישט געקוקט דערויף איז פון פולק־שטאַב אָנגעקומען אַ באַפעל: „אומבאַדינגט באַנייען די אַטאַקע, פאַר יעדן פּרייז אַרויסשטויסן דעם קעגנער פון דער ערשטער ליניע אָקאָפּעס. פון דערפאָלג אין צוריקשטעלן די פריערדיקע לאַגע איז אָפּהענגיק דער לעצטער דערפאָלג פון דער אָפּעראַציע איבער דער גאַנצער ליניע".

די סאָטניע האָט זיך פונאַנדערגעשיט אין אַ שיטערער קאַמף־ליניע. זיי זענען ווידער געגאַנגען. אונטערן פאַרניכטנדיקן פייער פון די דייטשן האָבן זיי זיך אויסגעלייגט הונדערט טריט ווייט פון די אָקאָפּעס. ווידער האָבן אָנגעהויבן איינגיין די קאַדרען פון די אָפּטיילונגען, און די דול־געוואָרענע מענטשן זענען אַרייננגעוואַקסן אין דער ערד, געלעגן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, נישט באַוועגנדיק זיך, צוגעשמידט פון טויט־אַנגסט.

פאַרנאַכט האָט די צווייטע האַלבע ראָטע טשערנאָיאַרער אַ ציטער געטון און אָנגעהויבן אַנטלויפן. דאָס שרייען „זיי האָבן אַרומגערינגלט" האָט דערגרייכט צו די קאָזאַקן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, געקייקלט צוריק, ברעכנדיק די קוסטעס, פאַלנדיק, פאַרלירנדיק דאָס געווער. אַרויסקומענדיק אויף אַן אומגעפערלעך אָרט, איז איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַ פאַל געטון לעבן אַ סאָסנע, אַ צעבראָכענער דורך אַ גראַנאַט, אָפּגעסאַפּעט און דערזען זיך דערנעענטערן צו אים גאַוורילאַ ליכאָווידאָוון. יענער איז געגאַנגען, שטעלנדיק די פיס ווי אַ שיכורער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, עפּעס געכאַפּט אין דער לופט מיט דער האַנט, מיט דער צווייטער — ווי אָפּגעיאָגט פון פּנים אומגעזען שפּינוועבס. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין ביקס, נישט קיין שווערד, איבער די אויגן זענען נידעריק אַראָפּגעהאָנגען גלייכע, נאַסע פון שווייס, טונקל־בלאָנדע האָר. אויסמיידנדיק אַ קאַלוזשע, איז ער צוגעקומען צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. ער איז שטיין געבליבן, איינגעגראָבן דעם

קרומען, בלאָנזשענדיק־צעשוואומענעם בליק אין דער ערד. די קני̇ען פון זיינע פיס האָבן דראָבנע געציטערט, זיך אונטערגעבראָכן, און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן האָט זיך געדאַכט, אַז ליכאָווידאָוו וועט זיך אַראָפּ, כדי אַ פּלי צו טון.

— אָט... אַזוי זעסטו... — האָט ער אָנגעהויבן, פּרווונדיק עפּעס זאָגן, נאָר ליכאָווידאָווס פּנים האָט זיך קראַמפּהאַפט פאַר־קרומט.

— שטיי! — האָט יענער אויסגעשריגן און זיך טשיפּקע אַראָפּ־געזעצט, צעשפּרייטנדיק די פינגער, דערשראָקן זיך אַרומקוקנדיק. — הער! איך וועל באַלד אַ ליד אויפזינגען. איז געקומען גאָטס פיי־געלע צו דער סאָווע און זאָגט:

זאָג מיר, סאָוועלע מיינס, זאָג מיר:
ווער איז גרעסער פון דיר, ווער איז עלטער פון דיר?
אָט דער אָדלער — דער קייסער,
אָט דער גייער — דער מאַיאָר,
אָט דער פאַלק — דער עסאַול,
און די טויבן — אַטאַמאַנצעס,
שפּאַקן — קאַלמוקן,
קאַוקעס — ציגאַנקעס,
סראָקעס — דוואָריאַנקעס,
גרויע קאַטשקע — אינפאַנטעריע,
דודאָקעס — מאָלדאַוואַנקעס...

— וואַרט נאָר צו! — איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז בלייך געוואָרן. — ליכאָווידאָוו, וואָס איז עס מיט דיר? דו ביסט קראַנק געוואָרן? האַ?

— שטער נישט! — יענער איז רויט געוואָרן און, צע־שפּרייטנדיק די ליפּן אין אַ זינלאָזן שמייכל, מיטן זעלבן אומ־היימלעכן רעטשיטאַטיוו ווייטער געצויגן:

דודאַקעס — מאַלדאַוואַנקעס,
קאַווקעס — סקאַנדאַליסטקעס,
גאַפּעס — אַרטילעריע,
וואָראָנעס — וואַלאַכן,
מעוועס — קאַוואַלעריע...

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז אויפגעשפּרונגען:

— קום, קום צו אונזערע, וואָרים אַז נישט, וועלן אונז די דייטשן פאַרנעמען! הערסט!

אויסרייסנדיק די האַנט און באַגיסנדיק זיך מיט וואַרעמען גאַווער, האָט ליכאָווידאָוו ווייטער איילִיק געשריגן:

סאָלאָווייען — מוזיקאַנטן,
שוואַלבן — גיגאַנטן,
שוואַרצבייכעלע — גאַלבייכעלע,
זינגפייגעלע — בעטלאייגעלע...

און פּלוצלינג איבעררייסנדיק, אָנגעהויבן זינגען שווער און הייזעריק. נישט קיין ליד, נאָר אַ וועלפיש שטייגנדיק וואָיען האָט זיך געריסן פון זיין אויסגעשטשירעט מויל. אויף די שאַרפע רייס-ציין האָט געשימערט אַ פּערלמוטערנע שלינע. איוואַן אַלעקסעיע-וויטש האָט מיט פּחד געקוקט אויף די וואַנזיניק-אויפגעריסענע אויגן פון זיין פריערדיקן פריינט, אויף זיין קאָפּ מיט די גלאַ-טע האָר און ווי פון וואַקס געגאָסענע אויערן. שוין מיט עפּעס אַ ווילדער פאַרביסנקייט האָט ליכאָווידאָוו געוואָיעט:

יובלען הילכיק די טרומפּייטן:
נאָכן דונאַי-טייך, דעםברייטן —
שוין באַזיגט דעם טערקס אַרמיי,
און די קריסטן זענען פריי!

וי דער היישעריק געפלויגן
איבער זיין געבערגלט לאַנד —
זענען מיר, קאָזאַקן־העלדן,
פון דעם וויטן דאָנער קאַנט.

— מאַרטין! מאַרטין, קום אַהער! — האָט איוואַן אַלעקסע־יעוויטש אויסגעשריגן, דערזעענדיק מאַרטין שאַמילן, וואָס האָט אונטערגעהינקט איבער דער וואַלד־לאָנקע.

— העלף מיר צו אים אַוועקפירן. דו זעסט? — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפן משוגענעם. — דערגאַנגען ביזן לעצטן. דאָס בלוט האָט אין קאָפּ אַריין אַ שלאָג געטון.

שאַמיל האָט זיך איבערגעבונדן דעם פאַרוואונדעטן פוס מיט אַן אַרבל, וואָס ער האָט פון אונטערהעמד אָפּגעריסן; נישט קוקנדיק אויף ליכאָווידאָוון, אים גענומען אונטער דער האַנט פון איין זייט, איוואַן אַלעקסעיעוויטש — פון דער צווייטער, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין.

וי דער היישעריק געפלויגן
איבער זיין געבערגלט לאַנד —

האָט ליכאָווידאָוו שוין שטילער אויסגעשריגן. שאַמיל האָט קרענק־לעך זיך פאַרקרימט, אים געבעטן:

— הער שוין אויף צו שרייען! הער אויף, ווי גאָט איז דיר ליב. דו האָסט שוין גענוג אָנגעאַרבעט. הער אויף!

זענען מיר, קאָזאַקן־העלדן,
פון דעם וויטן דאָנער קאַנט.

דער משוגענער האָט זיך געריסן פון די קאָזאַקנס הענט,

נישט אויפגעהערט צו זינגען, און בלויז פון צייט־צו־צייט זיך צונויפגעדריקט די שלייפן מיט די הענט, געקריצט מיט די ציין און, ציטערנדיק מיט דער אַראָפגעהאָנגענער ליפּ, קרום אויסגעדרייט דעם קאָפּ, וואָס איז אָפּגעסמאַליעט געווען פון הייסן אָטעם פון שגעון.

IV

אַ פערציק וויאָרסט נידעריקער — זענען ביים סטאָכאָד פאָרגעקומען שלאַכטן. צוויי וואָכן האָט אומאויפהערלעך געדונערט אַ כסדרדיקע האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע, אין די נעכט האָבן דעם וייטן פיאָלעטן הימל אויף פּאַסן צעשניטן די אָפּשטראַלונגען פון די פּראָזשעקטאָר־פייערן, זיי האָבן געלויכטן מיט רעגנבויגנדיק־מאַטע אויפבליצן, זיך איבערגעוואונקען, אָנגעשטעקט מיט געהיימען אומרו די, וואָס האָבן פונווייטנס זיך צוגעקוקט צו די עקספּלאָזיעס און מלחמה־לונעס.

דאָס צוועלפטע קאָזאַקן־פּולק האָט פאַרנומען אַ זומפּיקן און ווילד־פאַרוואַקסענעם אָפּשניט. בייטאָג האָט מען פון צייט־צו־צייט געשאָסן אויף די עסטרייכער, וואָס זענען אַריבערגעלאָפן אין די נישט טיפע שוצגרובנס, ביינאַכט, געשיצט דורכן זומפּ, איז מען געשלאָפן אָדער מען האָט געשפּילט אין קאָרטן ; בלויז די וואַך־פּאָסטנס האָבן זיך צוגעקוקט צו די אָראַנזש־פאַרביקע, אומהיימלעכע ליכט־אויפשטראַלונגען דאָרט, וואו עס זענען פאָרגעקומען די שלאַכטן, — אַ פערציק וויאָרסט נידעריקער, ביים סטאָכאָד.

אין איינער פון די טרוקענע פּראָסטיקע נעכט, ווען די וויטע אָפּשיינען האָבן באַזונדערס העל געשימערט איבערן הימל, איז גריגאָרי מעליעכאָוו אַרויסגעגאַנגען פון דער זעמליאַנקע, מיטן פאַרקער־גאַנג זיך פאַרקליבן אין וואַלד אַריין, וואָס האָט געשטאַרט הינטער די אָקאָפּעס ווי אַ גרוי־שטעכעדיקע האָר־באַרשט אויפן שוואַרצן שאַרבן פון נישט הויכן בערגל, און זיך געלייגט אויף דער ברייטער שמעקעדיקער ערד. אין דער זעמליאַנקע איז געווען

אָנגערייכערט, עיפּושדיק. דער גרויער טיטון-רויך איז געהאָנגען, ווי אַ באַפּרעגזלט טישטוך איבערן טיש, ביי וועלכן עס זענען גע-זעסן אַ מאַן אַכט קאָזאַקן און געשפּילט אין קאָרטן. אָבער אין וואַלד, אויפן שפּיץ בערגל, ווייעט אַ ווינטל, אַ לייכטס, ווי פון די פליגל פון אַ דורכפליענדיקן נישט געזעענעם פויגל; אַן אומבאַ-קאַנטן ריח, וואָס אָטעמט מיט טרויער, גיבן אַרויס פון זיך די פון די פרעסטלעך אָפּגעטייטע גראָזן. איבערן וואַלד, דעם שענדלעך-אָפּגעשוירענעם דורך די גראַנאַטן, ווערט די פינסטערניש אַלץ גע-דיכטער, עס טליִעט און לעשט זיך אויפן הימל דער רויכיקער פייער-שטויס פון די שטערן. די גרויסע קאָנסטעלאַציע ליגט ביי דער זייט פון מילך-וועג, ווי אַן איבערגעקערטער וואָגן מיט אַ קרום-פאַרהויבענעם דישעל, בלויז אויף צפון שטראַלט רויִק מיט זיין מאַט ליכט דער פּאָלאַר-שטערן.

גריגאָרי האָט, אַ פאַרזשמורעטער, געקוקט אויף אים, און דאָס אייז-קאַלטע ליכט פון שטערן, וואָס איז געווען נישט העל, נאָר האָט שאַרף געשטאָכן אין די אויגן, האָט אַרויסגערופן אונטער די וויִעס אויך אַזעלכע קאַלטע טרערן.

ליגנדיק דאָ אויפן בערגל, האָט ער עפּעס זיך דערמאַנט אָן יענער נאַכט, ווען ער איז פון ניזשניע-יאַבלאָנאָווער כוטאָר געגאַנגען קיין יאַגאָדנאָיע צו אַקסיניען; מיט אַ שאַרפער ווייטיק האָט ער זיך דערמאַנט אויך אָן איר. דער זכרון האָט אויסגע-קלעפּט די אומקלאָרע, דורך דער צייט אָפּגעריבענע, אומענדלעך-טייערע, אַצינד שוין פרעמד-געוואָרענע שטריכן פון איר פּנים. מיט אַן אומגעריכט קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער געפּרוווט עס אויפלעבן אַזוי, ווי ער האָט עס געזען דאָס לעצטע מאָל, צעקרומט פון ווײ-טיק, מיט אַ שאַרלאַך-רויטן שטרייף פון דער בייטש אויף דער באַק, אָבער דער זכרון האָט עקשנותדיק אונטערגערוקט אַן אַנדער פּנים, אַ קוים אָנגעבויגנס אָן אַ זייט, אַ זיגעריש-שמייכלענדיקס. אָט דרייט זי אויס דעם קאָפּ, עזותדיק און ליבלעך, קוקט פון אונטן אַרויף מיט אירע פייערדיק-שוואַרצע אויגן, עפּעס אומאויסדריק-לעך-צערטלעכס, פלאַמענדיקס, שעפּטשען אירע ליידנשאַפטלעך-

גיריקע רויטע ליפּן, און זי ווענדט פּאַמעלעך אָפּ דעם בליק, דרייט זיך אַוועק, אויפן טונקל-ברוינעם האַלז זעען זיך די צוויי היפּשע פּוכיקע לאָקן... דידאָזיקע לאָקן האָט ער אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב געהאַט צו קושן...

גריגאָרי ציטערט אויף. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ רגע דערשפּירט דעם איידעלן פּיאָלון-ריח פון אַקסיניעס האָר; ער בייגט זיך איינגאַנצן אויס, צעשפּרייט די נאָזלעכער, אָבער... ניין! דאָס איז דער אויפרעגנדיקער ריח פון די צוגעלעגענע בלעטער. עס לעשט זיך, ווערט צעשוואומען דער אָוואַל פון אַקסיניעס פּנים. גריגאָרי פאַרמאַכט די אויגן, לייגט אַרויף די הענט אויף דער האָריקער קאָרע פון דער ערד און קוקט לאַנג, נישט מרוגענדיק, אויפן פּאָלאַר-שטערן, וואָס פלאַטערט אין אומבאַוועגלעכן פל ען, ווי אַ בלוי צירלעך זומער-פייגעלע אויפן הימל-ראַנד נאָך דער צעבראָכענער סאָסנע.

באַזונדערע שטיקלעך אומגעבונדענע דערינערונגען האָבן פאַרטונקלט דאָס געשטאַלט פון אַקסיניען. ער האָט זיך דערמאַנט די וואָכן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין טאָטערישן כוטאָר אין דער פאַמיליע, נאָכן איבעררייסן מיט אַקסיניען; אין די נעכט — די גיריקע, אויסשעפּנדיקע צערטלעכקייטן פון נאַטאַליען, וואָס האָט זיך אַזוי ווי געמיט צו באַלוינען אים פאַר איר פריערדיקער מיידלישער קאַלטקייט; אין די טעג — די אויפמערקזאַמע, כמעט חניפהדיקע באַציִונג פון דער פאַמיליע, די אַכטונג, מיט וועלכער די כוטאָר-לייט האָבן באַגעגנט דעם ערשטן געאָרגי-קאַוואַלער. גריגאָרי האָט אומעטום, אפילו אין דער פאַמיליע, אויפגעכאַפּט זייטיקע בליקן, וואָס האָבן אויסגעדרוקט פאַרוואונדערונג און דרך-ארץ, — מ'האָט געקוקט אויף אים, ווי מ'וואָלט זיך נישט געגלייבט, אַז דאָס איז ער טאַקע — דער זעלבער גריגאָרי, דער אַמאָל אויסגעלאַסענער, פריילעכער בחור. מיט אים האָבן, ווי מיט אַ גלייכן, געשמועסט די אַלטע לייט אויפן מיידאַן, ביים באַגעגענען אַראָפּגענומען די היטלען אויף זיין באַגריסונג, די מיידלעך און ווייבער האָבן מיט נישט פאַרבאָרגענער אַנטציקונג געקוקט אויף זיין

בראַוער, עטוואָס געזעצטער פיגור אין שינעל מיטן צוגעשפּיליעטן צלם אויף דער געשטרייפטער באַנד. ער האָט געזען, ווי פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אָפּן שטאָלצירט, גייענדיק צוזאַמען מיט אים אין צערקווע אַריין אָדער אויפן פּלאַץ אַרויף. און אָט דער גאַנצער קאָמפּליצירטער סובטעלער סם פון חניפה, דרך־ארץ, אַנטציקונג האָט ביסלעכווייז פאַרניכטעט און אויסגעראָטן פון זיין באַוואוסטזיין די זוימען פון יענעם אמת, וועלכע האַראַנזשאַ האָט פאַרזייעט אין אים. גריגאָרי איז געקומען פון פראָנט מיט געוויסע איבערצייגונגען, און צוריק אַוועקגעגאַנגען איז ער אַן אַנדערער. דאָס היימישע, קאָזאַקישע, וואָס ער האָט איינגעזויגן מיט דער מוטערס מילך, וואָס ער האָט ליב געהאַט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן, האָט גובר געווען דעם גרויסן מענטשלעכן אמת.

— איך האָב געוואוסט, גרישקאַ, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געזאָגט, מאַכנדיק אַ כוסה צום געזעגענען און, גערירט, גלעטנדיק זיך די שוואַרצע מיט זילבער־דורכגעוואָרפענע האָר: — איך האָב שוין לאַנג געוואוסט, אַז פון דיר וועט אַ גוטער קאָזאַק אַרויסקומען. ווען דו ביסט אַלט געוואָרן אַ יאָר, האָב איך, לויטן פאַרצייטישן קאָזאַקישן מנהג, דיך אַרויסגעטראָגן אויפן הויף, — געדענקסט, אַלטע? — און אַרויפגעזעצט רייטן אויף אַ פערד. דו, הינטישער זון, האָסט דיך באַלד אָנגעכאַפּט מיט די הענטלעך ביי דער גריווע!... שוין דעמאָלט האָב איך מיך משער געווען, אַז פון דיר וועט עפּעס אַרויסקומען — און עס איז טאַקע אַרויסגעקומען.

גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט אויפן פראָנט אַלס גוטער קאָזאַק; נישט שלום־שליסנדיק אין האַרץ מיט דער זינלאָזיקייט פון דער מלחמה, האָט ער דאָך טריי געהיטן זיין קאָזאַקישן רום...

טויזנט ניינהונדערט פופצנטע יאָר. מאַי. הינטערן דאָרף אָלכאָווטשיק גרייפט אָן צופוס איבער דער העל־גרינער לאָנקע דאָס דרייצנטע דייטשישע א יי ז ע ר נ ע פולק. ווי גרילן זעגן די מאַשין־געווערן. שווער הודזשעט דער גרויס־קאַליבערדיקער קוילנוואַרפער פון דער רוסישער ראָטע, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט

בּיים טייכל. דאָס צוועלפטע קאָזאַקן־פּולק נעמט אויף די שלאַכט.
גריגאָרי לויפט איבּער אין דער קאַמף־ליניע מיט די קאָזאַקן פון
זיין סאָטניע און, אומקוקנדיק זיך, דערזעט ער דעם צעשמאָלצענעם
דיסק פון דער זון אין האַלבּטאָגיקן הימל און אַ צווייטן, אויך
אַזעלכן, אין טייכל, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט געל־געקרייזלטע
לאָזע־קוסטעס. הינטערן טייכל, הינטער די טאָפּאָלעס בּאַהאַלטן זיך
די אָנטרייבּער מיט די פערד, און פאָרויס זעט זיך די דריי־
טשישע קאַמפּס־ליניע, דער געלער גלאַנץ פון די מעשענע אָד־
לערס אויף די קאַסקעס. דער ווינט בּאַוועגט דעם בּלויליכן פּיאָ־
לון־רויך פון די שאָסן.

גריגאָרי שיסט נישט איילנדיק, צילט טיכטיק, זיך צוהערנ־
דיק צום קאַפּראַל, וואָס רופט אויס דעם ציל, און בּאַווייזט פון
איין שאָס צום צווייטן פאָרזיכטיק אַראָפּצונעמען אַ געפינטלט שניי־
דערל, וואָס איז אַרויפגעקראָכן אויפן אַרבּל פון זיין בּלוזע. דערנאָך
קומט פאָר די אַטאַקע... גריגאָרי וואַרפט אום מיט דער געשמידטער
קאָלבּע אַ דייטשישן לייטענאַנט, נעמט אין געפאַנגענשאַפט דריי
דייטשישע זעלנער און, שיסנדיק אינדערהייך איבּער זייערע קעפּ,
גייט ער זיי שנעל צו לויפן צום טייכל.

הינטער ראַווע־רוסקע שלאָגט ער אָפּ מיט אַ קאָזאַקן־אָפּטיי־
לונג אין יולי *1915* אַ קאָזאַקישע בּאַטאַרייע, וואָס איז פאַרכאַפּט
געוואָרן דורך די עסטרייכער. אויפן זעלבּן אָרט קומט ער אונטער
בּשעת אַ שלאַכט דעם קעגנער אין רוקן, עפנט אַ שיסעריי פון אַ
מאַשין־בּיקס און גייט די אָנגרייפנדיקע עסטרייכער צו אַנטלויפן.

דורכגייענדיק בּאַיאַניעץ, נעמט ער אין אַ געפעכט אין גע־
פאַנגענשאַפט אַ דיקן עסטרייכישן אָפיציר, פאַרוואַרפט אים, ווי אַ
שעפּס, אין דער קווער איבּערן זאָטל, און רייט מיט אים, שפּירנ־
דיק די גאַנצע צייט אַן עקלהאַפטן ריח פון מענטשלעכער צואה,
וואָס גייט אַרויס פון אָפיציר, און דאָס ציטערן פון זיין דיקן, פון
שרעק נאַסן קערפּער.

בּאַזונדערס בּולט האָט גריגאָרי זיך דערמאַנט, ליגנדיק אויפן
שוואַרצן פליכיקן בּערגל, דעם פאַל, וואָס האָט אים צונויפגע־

שטויסן מיט זיין פאַרביסענעם שונא — סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו. דאָס איז געווען, ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען דאָס צוועלפטע פּולק פון פראָנט און עס איבערגעוואָרפן קיין מזרח-פּרייסן. די קאָזאַקישע פערד האָבן געטראַטעוועט די טיכטיק-באַאַרבעטע דייטשישע פעלדער, די קאָזאַקן האָבן געברענט די דייטשישע דערפער. איבערן וועג, וועלכן זיי זענען דורכגעגאַנגען, האָט זיך געשפּרייט אַ געלער רויך און עס האָבן געטליִעט די אָפּגעסמאַליעטע ווענט פון די חורבות און געפּלאַצטע דאַכעווקע-דעכער. הינטער דער שטאָט סטאַליפּין איז דאָס פּולק געגאַנגען אין אָנגריף צוזאַמען מיטן 27-סטן דאָנער קאָזאַקן-פּולק. גריגאָרי האָט צופעליק געזען זיין דאַר-געוואָרענעם ברודער, דעם ריין-ראַזירטן סטיעפּאַנען און אַנדערע קאָזאַקן פון זייער כוטאָר. אין אָט דער שלאַכט האָבן די פּולקן געליטן אַ מפּלה. די דייטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט, און ווען צוועלף סאָטניעס, איינע נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך אַ לאָז געטון אין אַטאַקע, מיטן ציל דורכצורייסן דעם פאַרשלאָסענעם פּיינטלעכן רינג, האָט גריגאָרי דערזען, ווי סטיעפּאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין שוואַרץ, אונטער אים דערהרגעט פערד, און זיך גענומען דרייען ווי אַ דריידל. גריגאָרי, פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט פון פריידיקער אַנט-שלאָסנקייט, האָט קוים איינגעהאַלטן דאָס פערד, און ווען די לעצ-טע סאָטניע, וואָס האָט שיער נישט צעטרעטן סטיעפּאַנען, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, האָט ער צוגעלאָפּירט צו אים און אַ געשריי געטון:

— כאַפּ דיך אָן בײַם רייט-אייזן!

סטיעפּאַן האָט צונויפגעדריקט אין דער האַנט דעם רעמעט פון רייט-אייזן און אַן ערך אַ האַלבע וויאָרסט געלאָפן צוזאַמען מיט גריגאָריעס פערד.

— טרייב נישט אַזוי! טרייב נישט, ווי גאָט איז דיר ליב! — האָט ער געבעטן, שווער סאָפּענדיק מיט אַ געעפנט מויל.

דעם דורכריס האָבן זיי געמיטן בשלום. ביזן וואַלד, וואו די סאָטניעס, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן, זענען אַראָפּגעשטיגן פון

די פערד, איז געבליבן נישט מער ווי הונדערט קלאַפטער, נאָר דאָ האָט אַ קויל אַ שמיץ געטון סטיעפּאַנען איבער אַ פוס, און אָפּרייסנדיק זיך פון רייט-אייזן, איז ער אַהינטערגעפאַלן. דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן גריגאָריען דאָס היטל, אים אַראָפּגע-וואָרפן דעם טשוב איבער די אויגן. גריגאָרי האָט פאַרוואָרפן די האָר, זיך אומגעקוקט. סטיעפּאַן איז הינקענדיק צוגעלאָפן צו אַ קוסט, אַריינגעוואָרפן אין אים דאָס קאָזאַקישע היטל, זיך אַ זעץ געטון, אייליק אַראָפּציִענדיק די שאַראָוואַרן מיט די רויטע לאַמפּאַסן. פון הינטערן בערגל אָפּער האָט זיך באַוויזן די דייטשישע קאַמפּס-ליניע, און גריגאָרי האָט פאַרשטאַנען: סטיעפּאַן וויל לעבן, — דערפאַר רייסט ער פון זיך די קאָזאַקישע שאַראָוואַרן, ער זאָל אָנגיין פאַר אַ זעלנער: קיין קאָזאַקן האָבן די דייטשן דע-מאָלט נישט גענומען אין געפאַנגענשאַפט... נאָכגעבנדיק זיין געפיל, האָט גריגאָרי האַסטיק אויסגעדרייט דאָס פערד און אַוועקגאַלאָ-פּירט צום קוסט, אַראָפּשפּרינגענדיק אינמיטן רייטן.

— זיץ אויף!...

גריגאָרי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם קורצן בליק פון סטיעפּאַנס אויגן. ער האָט געהאָלפן סטיעפּאַנען אויפזיצן אויפן זאָטל, און אַליין איז ער געלאָפן, האַלטנדיק זיך ביים רייט-אייזן, צוזאַמען מיטן שווייס-באַגאָסענעם פערד.

ציוווו... האָט אַ קויל געזיגן אַ הייס פייפן און, אַרויספליִענ-דיק פון געהער, דאָס פייפן אָפּגעריסן: — יוווט!

איבערן קאָפּ פון גריגאָריען, איבערן קרייד-בלייכן פּנים פון סטיעפּאַנען, אין די זייטן — האָט כּסדר געעקבערט דאָס פייפן: ציוווט, פיוווט, און פון הינטן — דאָס קנאַלן פון די שאָסן, ווי דאָס קנאַקן פון צייטיקע אַקאַציע-שויטן:

פּוק-פּאַק! פּוק-פּאַק! טאָ-טאַך-אַך-אַך!

אין וואַלד איז סטיעפּאַן אַראָפּגעקראָכן פון זאָטל, קרימענ-דיק זיך פון ווייטיק; ער האָט נאָכגעלאָזט די לייצן און אַוועק-געהינקט אין אַ זייט אַריין. דורך דער כאָלעווע פון לינקן שטיוול איז גערונען בלוט, און ביי יעדן טריט, ווען ער האָט אַ שטעל

געטון דעם רעכטן פוס, האָט פון אונטער דער אָפּשטייענדיקער פּאָדעשוואַ אַ פליוך געטון אַ קערשן־רויט דין ריטשקעלע. סטיעפּאַן האָט זיך אָנגעלענט אָן שטאָם פון אַ צווייגהאַפטן דעמב, אַ רוף געטון גריגאָריען מיט אַ פינגער. יענער איז צוגעקומען.

— אַ פולער שטיוול בלוט אָנגערונען, — האָט סטיעפּאַן געזאָגט.

גריגאָרי האָט געשוויגן, געקוקט אין אַ זייט.

— גרישקאַ... ווען מיר זענען היינט געגאַנגען אין אָנגריף, הערסט, גריגאָרי? — האָט סטיעפּאַן אָנגעהויבן רעדן, זוכנדיק מיט די איינגעפאַלענע אויגן גריגאָריעס אויגן. — ווען מיר זענען געגאַנגען, האָב איך פון הינטן דריי מאָל אויסגעשאָסן צו דיר... נישט באַשערט געווען דיך צו דערהרגענען...

זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די אויגן. פון די איינגעפאַלענע אויגנלעכער האָט אומדערטרעגלעך געפינקלט סטיעפּאַנס שטאַרק אָנגעשאַרפטער בליק. סטיעפּאַן האָט גערעדט, כמעט נישט צענעמענדיק די צונויפגעדריקטע ציין:

— דו האָסט מיך פון טויט מציל געווען... איך דאַנק דיר... אָבער פאַר אַקסיניען קאָן איך דיר נישט מוחל זיין. די נשמה וויל נישט... דו צווינג מיך נישט, גריגאָרי...

— איך צווינג דיך נישט, — האָט דעמאָלט גריגאָרי געענטפערט.

זיי זענען זיך צעגאַנגען ווי פריער, נישט איבערגעבעטענע...

און נאָך... אין מאַי האָט דאָס פולק צוזאַמען מיט די איבעריקע טיילן פון ברוסילאָווס* אַרמיי, דורכגעריסן ביי לוצק דעם פראָנט, גראַסירט אין רוקן פון שונא, געשלאָגן און אַליין באַקו־

---

* ברוסילאָוו אַ. אַ. (1926–1853) — מיליטער־פירער. אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה — קאָמאַנדיר פון דער אַכטער אַרמיי פון דרום־מערבדיקן פראָנט. פון מאַי ביז יוני 1917 — העכסטער קאָמאַנדיר. נאָך אָקטאָבער האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער רויטער אַרמיי.

מען קלעפּ. הינטער „וואָוו"* האָט גריגאָרי אויף אייגענער האַנט אַריינגעפירט זיין סאָטניע אין אַן אַטאַקע, אָפּגעשלאָגן אַן עסטרייכישע באַטאַריע הויביצעס** צוזאַמען מיט דער באַדינונג. אין אַ חודש אַרום איז ער איינמאָל ביינאַכט געשוואומען איבערן בוג נאָך אַ „צונג". ער האָט אומגעוואָרפן אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף וואַך, און דער קרעמפּער, פעסט-געבויטער דייטש האָט לאַנג געפּרווט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אָנגעהאַנגענעם האַלב-נאַקעטן גריגאָרי, זיך באַמיט צו שרייען און בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן זיך בינדן.

מיט אַ שמייכל האָט גריגאָרי זיך דערמאַנט אין אָט דער געשעעניש.

וויפיל אַזעלכע טעג האָט די צייט אויסגעשפּרייט איבער די פעלדער פון די לעצטע און פריער פאָרגעקומענע שלאַכטן? גריגאָרי האָט שטאַרק אָפּגעהיטן זיין קאָזאַקישן רום. אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אַרויסצוווייזן אומגעצוימטע העלדישקייט, ריזיקירט, אָפּגעטון ווילדקייטן, געגאַנגען אַן איבערגעטוענער אין רוקן פון די עסטרייכער, געגומען אין געפּאַנגענשאַפט וואַך-פּאָסטנס אָן בלוט-פאַרגיסונג, — ער האָט דזשיגיטירט, דער קאָזאַק, און געפילט, אַז ער האָט אויף אייביק שוין פאַרלוירן יענץ געפיל פון מיטלייד צום מענטש, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין רו די ערשטע טעג פון דער מלחמה. זיין האַרץ איז פאַרגרעבט געוואָרן, פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי זאַלציקער באָדן אין דער צייט פון טרוקעניש. און ווי זאַלציקער באָדן זאַפּט נישט איין קיין וואַסער, אַזוי האָט אויך גריגאָריעס האַרץ נישט איינגעזאַפּט אין זיך קיין רחמנות. מיט קאַלטער פאַראַכטונג זיך געשפּילט מיט פרעמדן און אייגענעם לעבן. דערפאַר האָט ער געשמט פאַר אַ העלד — זיך דערדינט צו פיר געאָרגי-קרייצן און פיר מעדאַלן. אויף זעלטענע

---

* לעמבערג.

** האַרמאַטן פון גרויסן קאַליבר.

פאראדן געשטאַנען לעבן דער סאָן פון פולק, וואָס איז איינגע-הילט געווען אין פולווער-רויך פון אַ סך מלחמות ; אָבער געוואוסט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט אַזוי לאַכן ווי פריער ; געוואוסט, אַז זיינע אויגן זענען איינגעפאַלן און עס שטאַרן ביי אים שאַרף די באַקנביינער ; געוואוסט, אַז קושנדיק אַ קינד, איז אים שווער גלייך צו קוקן אין די ליכטיקע אויגן אַריין ; ער האָט געוואוסט, גריגאָרי, וואָס פאַר אַ פרייז ער האָט באַצאָלט פאַר דער פולער באַנד קרייצן און אַוואַנסן.

ער איז געלעגן אויפן בערגל, אונטערגעלייגט די פאָלע פון שינעל אונטער דער זייט, אָנגעשפאַרט אויפן עלנבויגן פון דער לינקער האַנט. דער זכרון האָט כסדר דערמאַנט דאָס איבערגע-לעבטע, און אין די קאַרגע אָפּגעריסענע מלחמה-דערינערונגען האָט ווי אַ דינער בלויער פאָדים זיך אַריינגעפלאָכטן אַ ווייטע דערי-נערונג פון דער קינדהייט. אויף אַ רגע האָט גריגאָרי מיט ליב-שאַפט און טרויער פאַרהאַלטן דעם געדאַנקלעכן בליק אויף דער-דאָזיקער דערינערונג, דערנאָך ווידער זיך אומגעקערט צו דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט. אין די עסטרייכישע שוצגראָבנס האָט עמעצער מייסטערהאַפט געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע. די דינינקע, דורכן ווינט געוויגטע קלאַנגען האָבן זיך איילנדיק געטראָגן פון דאָרטן, אַריבערגעקליבן איבערן סטאַכאַד, לייכט געשפּרייט איבער דער ערד, וואָס איז פילפאַך באַגאָסן געווען מיט מענטש-לעך בלוט. אין זעניט האָבן נאָך פלאַמענדיקער געגליט די שטערן, די פינסטערניש איז געדיכטער געוואָרן און איבערן זומפּ האָט זיך שוין געהאָרבעט דער האַלבנאַכטיקער נעפּל. גריגאָרי האָט אויס-גערייכערט צוויי פאַפּיראָסלעך איינס נאָכן אַנדערן, מיט האַרבער צערטלעכקייט אַ גלעט געטון דעם רעמעט פון דער ביקס, זיך אויפגעהויבן פון דער גאַסטפריינטלעכער ערד, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די פינגער פון דער לינקער האַנט, און אַוועקגעגאַנגען צו די אָקאָפּעס.

אין דער זעמליאַנקע האָט מען נאָך אַלץ געשפּילט אין קאָרטן. גריגאָרי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן טאַפּטשאַן, גע-

וואָלט ווייטער בלאָנזשען אין די דערינערונגען איבער די אַמאָליקע, דורך דער צייט פאַרוואַקסענע שטעגעלעך, נאָר דער שלאָף האָט אים פאַרשיכּורט ; ער איז איינגעשלאָפן אין דער זעלבער אומבאַקוועמער פּאָזע, ווי ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, און אין שלאָף געזען אַן ענדלאָזן, פון טרוקעניש פאַרברענטן סטעפּ, ראָז-פאַרביקע און לילאַ-בלויע בלומען-קעמפּעלעך, צווישן ווילדן האָריק-פּיאָלעטן טימיאַן — שפּורן פון נישט געקאָוועטע פערד-קאָפּיטעס... אין סטעפּ איז געווען פּוסט, שרעקלעך שטיל. ער, גריגאָרי, איז געגאַנגען איבער דער הארטן ליימיקן באָדן, נאָר זיינע טריט נישט געהערט, און דערפאַר איז אים באַפאַלן אַ שרעק... אויפוואַכנדיק און אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ, מיט קרומע קאַרבן פון נישט באַקוועמען ליגן אויף דער באַק, האָט גריגאָרי לאַנג געקייעט מיט די ליפּן, ווי אַ פערד, וואָס האָט אַ רגע דערשפּירט און באַלד פאַרלוירן דעם אומגעוויינטלעכן טעם פון עפּעס אַ גרעזל. דערנאָך איז ער געשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף, אָן חלומות.

צומאָרגנס איז גריגאָרי אויפגעשטאַנען מיט אַן אומקלאָרן, נאָגנדיקן טרויער.

— וואָס ביסטו היינט עפּעס אַזוי תּענותדיק ? די סטאַניצע האָט זיך דיר געחלומט ? — האָט דער באַטשופּרינטער אים געפרעגט.

— האָסט געטראָפן. דער סטעפּ האָט זיך מיר געחלומט. די נשמה איז אַזוי אומרויִק געוואָרן... עס בענקט זיך אַהיים. צו אַלדי טייוול, די דינסט פאַרן צאַר איז שוין נמאס געוואָרן.

דער באַטשופּרינטער האָט לייטזעליק געשמייכלט. ער האָט די גאַנצע צייט געוואוינט אין איין זעמליאַנקע מיט גריגאָריען, זיך באַצויגן צו אים מיט יענער אַכטונג, וואָס אַ שטאַרקע חיה פילט צו אַ צווייטער, אויך אַזאַ שטאַרקער ; זינט דעם ערשטן אינצידענט אין *1914*-טן יאָר איז צווישן זיי קיין צוזאַמענשטויסן שוין מער נישט פאָרגעקומען, און דעם באַטשופּרינטנס השפּעה האָט זיך דייטלעך אָפּגערופן אויפן כאַראַקטער און דער פּסיכיק פון גריגאָריען. די מלחמה האָט שטאַרק געענדערט דעם באַטשופּרינטנס

וועלט-אָנשויאונג. ער האָט שווערפעליק, אָבער אומפאַרמיידלעך זיך געקייקלט צו דער פאַרלייקענונג פון דער מלחמה, אָפּטמאָל לאַנג גערעדט ווען די פאַררעטער-גענעראַלן און דייטשן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין קייסערלעכן הויף. אַמאָל אפילו זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פראַזע: „וואָרט נישט אויף קיין גוטס, אויב די קייסערטע אַליין איז פון דייטשישער אָפּשטאַמונג. אין אַ געהעריקן מאָמענט קאָן זי אונז פאַרקויפן פאַר גאָרנישט"... איינמאָל האָט גריגאָרי אים אַרויסגעזאָגט דעם תמצית פון האַראַנזשאַס לערע, אָבער דער באַטשופּרינגטער האָט זיך באַצויגן צו דעם אומגינסטיק.

— דאָס ליד איז אַ גוטס, נאָר די שטימע איז אַ הייזעריקע, — האָט ער געזאָגט, שפּאָטיש שמייכלענדיק און פּאַטשנדיק זיך איבערן בלוילעכן פּליך. — וועגן דעם קרייעט שוין לאַנג מישקאַ קאָשעוואָי ווי אַ האָן פון אַ פּאַרקן אַראָפּ. עס קומט גאָרנישט אַרויס פון די רעוואָלוציעס, בלויז קאָפּ-פאַרדרייעניש. דו פאַרשטיי, אַז אונז קאָזאַקן איז נייטיק אַן אייגענע מאַכט, נישט קיין פרעמדע. אונז איז נייטיק אַ שטרענגער קייסער, אויפן שטייגער פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן*, און מיט די פויערן האָבן מיר נישט קיין געמיינזאַמס — אַ גאַנז מיט אַ חזיר זענען קיין מחותנים נישט. די פויערן ווילן באַקומען ערד, די אַרבעטער ווילן זיך העכערן דעם לוין, — און אונז וואָס וועט מען געבן? ערד האָבן מיר — אָהאָ! און וואָס דאַרפן מיר נאָך? אונזער קייסערל איז אַ טפּש — נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן. זיין פאָטער איז געווען אַ שטרענגער, און

* ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש (1856 — 1929) — גרויספירשט, טאַלענטלאָזער העכסטער הויפּטקאָמאַנדיר פון די רוסישע חיילות אין אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה. אין דער צייט פון בירגער-קריג איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, וואו ער איז געשטיצט געוואָרן דורך ווראַנגעלן און אַ גרויסער טייל מאָנאַרכיסטן און געווען איינער פון די פּרעטענדענטן אויף דער רוסישער קרוין.

דער וועט זיך נאָך דערשפּילן, אַז ס׳וועט ווי אין פינפטן יאָר אַ רעוואָלוציע אַרויסשפּרונגען, און אַלץ, יעדריאָנאַ מאַטריאָנאַ, וועט גיין ווי אויף רעדער באַרג־אַראָפּ. דאָס איז אונז נישט אויף דער האַנט. אויב מען זאָל חס־ושלום פּאַרטרייבן דעם קייסער, וועט מען זיך אויך צו אונז דערקלויבן. פריער אַלטע חטאים אויפוועקן און דערנאָך אָנהייבן אונזער ערד צווישן די פּויערים איינטיילן. מען דאַרף שאַרף האַלטן די אויערן אָנגעשפּיצט...

— דו טראַכטסט תמיד אויף איין זייט, — האָט גריגאָרי זיך געכמורעט.

— פּוסטע דיבורים. דו ביסט נאָך יונג, נישט איינגעפּאָרן. וואַרט צו, מ׳וועט דיר אַ ביסל אָנרייבן, וועסטו דעמאָלט געוואויר ווערן, ווער ס׳איז גערעכט.

מיט דעם האָבן געוויינטלעך די שמועסן זיך פאַרענדיקט. גריגאָרי האָט געשוויגן און דער באַטשופרינטער האָט זיך באַמיט צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

דעם טאָג האָט דער צופאַל אַריינגעצויגן גריגאָריען אין אַ נישט אָנגענעמער געשיכטע. אינמיטן טאָג איז, ווי שטענ־דיק, די פעלד־קיך צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער זייט בערגל. די קאָזאַקן, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן איילִיק זיך אַ לאָז געטון לויפן צו איר דורך די טראַנשיי־קאָרידאָרן. נאָך עסן פאַר דער דריטער אָפּטיילונג איז געגאַנגען מישקאַ קאָשעוואָי. ער האָט אויף אַ לאַנגן שטעקן געבראַנגט אַ שורה קעסעלעך, וואָס האָבן געלאָזט אויפגיין אַ פאַרע איבער זיך, און ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, האָט ער אויסגעשריגן:

— דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן, ברידערלעך! וואָס־זשע איז דאָס, הינט זענען מיר?

— וועגן וואָס מיינסטו עס? — האָט דער באַטשופרינטער געפרעגט.

— מיט נבלה קאָרמעט מען אונז! — האָט קאָשעוואָי מיט רוגזה אויסגעשריגן.

ער האָט מיט אַ באַוועגונג פאַרוואָרפן דעם גאָלדיקן טשוב,

וואָס איז ענלעך געווען צו אַ געפּלאָכטענעם שטראַנג ווילדע האָפּן און, אַרויפשטעלנדיק די קעסעלעך אויפן טאַפּטשאַן, זייטיק געקוקט אויפן באַטשופּרינטן און ווייטער גערעדט:

— גיב אַ שמעק, וואָס מען פילט פון דעם באָרשטש.

דער באַטשופרינטער האָט זיך אָנגעבויגן איבער זיין קעסע-לע, געשניפּט מיט די נאָזלעכער, זיך געקרומט און, אומגערן אים נאָכמאַכנדיק, האָט קאָשעוואָי אויך אַזוי באַוועגט מיט די נאָזלע-כער און געקרומט זיין מאָט פּנים.

— פאַרשטונקען פלייש, — האָט דער באַטשופרינטער באַ-שלאָסן.

ער האָט מיט עקל אָפּגערוקט דאָס קעסעלע און אַ קוק גע-טון אויף גריגאָריען.

יענער האָט האַסטיק זיך אויפגעהויבן פון טאַפּטשאַן, אָנגע-האָרבעט די לאַנגע נאָז איבערן באָרשטש, זיך אַ כאַפּ געטון צו-ריק און, מיט אַ פוילער באַוועגונג פון פוס, אַראָפּגעוואָרפן דאָס פעדערשטע קעסעלע אויף דער ערד.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס? — האָט דער באַטשופרינטער אומ-זיכער געפרעגט.

— דו זעסט — פאַרוואָס? קוק. ביסט בלינד? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט גריגאָרי אָנגעוויזן אויף דער מוטנע פליסיקייט, וואָס איז זיך צערונען פאַר זייערע פיס.

— אָ-אָ-אָ!... ווערים!... אין זייער מאַמען אַריין... און איך האָב גאָרנישט געזען!... דאָס איז שוין איינמאָל אַ מיטאָג. דאָס איז נישט קיין באָרשטש, נאָר קרעפּלעך.... אָנשטאָט געפילעכטס — ווערים.

אויפן דיל, לעבן וואונדיק-רויטן שטיקל פלייש, אין קיילע-כיקע טראָפּנס פעטס, זענען געלעגן ווייך-צעקאָכטע, ווייס-אָנגע-קוואָלענע ווערים.

— איינס, צוויי, דריי, פיר... — האָט קאָשעוואָי צוליב עפּעס שעפּטשענדיק געציילט.

קעגן אַ מינוט האָבן זיי געשוויגן. גריגאָרי האָט געשפּיגן

דורך די ציין. קאָשעוואָי האָט אַרויסגעצויגן די שווערד און געזאָגט:

— מיר אַרעסטירן דעמדאָזיקן באָרשטש און — צום סאָטניע־קאָמאַנדיר.

— יאָ! געוועכט! — האָט דער באַטשופּרינטער באַגיטיקט.

ער האָט זיך אַ רודער געטון, אַראָפּשרויפנדיק דעם באַגנעט, און געזאָגט:

— מיר וועלן טראָגן דעם באָרשטש און דו, גרישאַ, דאַרפסט נאָכגיין פון הינטן. דו וועסט דעם סאָטניע־קאָמאַנדיר ראַפּאָרטירן.

דער באַטשופּרינטער מיט מישקאַ קאָשעוואָי האָבן געטראָגן דאָס קעסעלע באָרשטש אויפן באַגנעט, די שווערדן האָבן זיי געהאַלטן אַנטבלויזט. פון הינטן האָט זיי באַגלייט גריגאָרי, און נאָך זיי האָבן אין אַ געדיכטער גרינלעך־גרויער כוואַליע איבער די זיגזאַגן פון די טראַנשייען זיך באַוועגט די קאָזאַקן, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן פון די זעמליאַנקעס.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַלאַרם?

— אפשר וועגן שלום עפּעס?

— ווי דאָרט... שלום האָט זיך אים פאַרגלוסט, און אַ סוכאַרע ווילסטו נישט?

— דעם ווערמיקן באָרשטש האָבן זיי אַרעסטירט!

ביי דער אָפיצירישער זעמליאַנקע האָט דער באַטשופּרינטער מיט קאָשעוואָיען זיך אָפּגעשטעלט. גריגאָרי האָט זיך אָנגעבויגן און, צוהאַלטנדיק דאָס היטל מיט דער לינקער האַנט, אַריינגעשפּרייזט אין דער „פוקסן־נאָרע”.

— פּאַק דיך נישט! — האָט דער באַטשופּרינטער בייז אַ וואָרטשע געטון, זיך אומקוקנדיק אויפן קאָזאַק, וואָס האָט אים אַ שטופּ געגעבן.

דער סאָטניע־קאָמאַנדיר איז אַרויסגעקומען, פאַרשפּיליענדיק דעם שינעל, געוואָרפן אַ פאַרוואונדערטן, לייכט־אויפגערעגטן

בליק אויף גריגאָריען, וואָס האָט זיך באַוויזן דער לעצטער פון דער זעמליאַנקע.

— אין וואָס האַנדלט זיך, ברידערלעך? — דער קאָמאַנדיר איז דורכגעלאָפן מיטן בליק איבער די קעפּ פון די קאָזאַקן.

גריגאָרי האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און געענטפערט ביי אַן אַלגעמיין שטילשווייגן:

— מיר האָבן געברענגט אַן אַרעסטירטן.

— וואָסער אַרעסטירטן?

— אָט איז ער... — גריגאָרי האָט אָנגעוויזן אויפן קעסעלע באָרשטש, וואָס איז געשטאַנען ביי די פיס פון באַטשופרינטן. — אָט איז דער אַרעסטירטער... גיט אַ שמעק מיט וואָס מען קאָרמעט אייערע קאָזאַקן.

זיין ברעם האָט זיך איינגעבראָכן אין אַ קרומען דרייעק, אַ ציטער געטון און זיך אויסגעגלייכט. דער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף גריגאָריעס פּנים; ער האָט זיך אָנגעכמורעט און איבערגעפירט דעם בליק אויפן קעסעלע.

— מיט נבלה האָט מען אָנגעהויבן קאָרמען! — האָט מישקאַ קאָשעוואָי היציק אויסגעשריגן.

— דעם קאַפּטענאַרמוס דאַרף מען טוישן!

— די שלאַנג!...

— ער האָט זיך אויסגעפּאַשעט, דער טייוול!

— ער אַליין פרעסט באָרשטשן פון רינדערנע נירלעך...

— און אונז גיט ער מיט ווערים! — האָבן די נאָענט-שטייענדיקע אונטערגעכאַפּט.

דער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט צוגעוואַרט ביז די שטימען האָבן זיך איינגעשטילט; דערנאָך שטרענג אַ זאָג געטון:

— שטי-ל-לער! שווייגן אַצינד! אַלץ איז שוין געזאָגט. דעם קאַפּטענאַרמוס וועל איך נאָך היינט טוישן. באַשטימען אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן זיינע עסקים. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס פלייש איז געווען פון שלעכטער קוואַליטעט...

— צום געריכט אים! — האָט עמעצער פון הינטן אויסגע־שריגן.

דאָס קול פון סאָטניע־קאָמאַנדיר איז פאַרגאַסן געוואָרן דורך אַ נייער כוואַליע אויסגעשרייען. דעם קאַפּטענאַרמוס איז אויסגע־קומען צו טוישן אין וועג. עטלעכע שעה נאָכדעם, ווי די צעבונ־טעוועטע קאָזאַקן האָבן אַרעסטירט און געבראַנגט צום סאָטניע־קאָמאַנדיר דעם באָרשטש, האָט דער שטאַב פון צוועלפטן פּולק באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די פּאָזיציעס און לויטן צום באַפעל צוגעלייגטן מאַרשרוט אין מאַרש־אָרדענונג אַוועקצוגיין קיין רומעניע. ביינאַכט זענען די קאָזאַקן געטוישט געוואָרן דורך סיבירער שיסער. אין שטעטל רינוויטש האָט דאָס פּולק קאָנטראָלירט די פערד און צומאָרגנס אין פאַרסירנדיקן מאַרש אַוועקגעגאַנגען קיין רומעניע.

צוהילף די רומענער, וואָס האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער, זענען איבערגעוואָרפן געוואָרן היפּשע מיליטער־טיילן. דאָס איז קענטיק געווען שוין פון דעם, וואָס באַלד דעם ערשטן טאָג פון מאַרש האָבן די קוואַרטיר־מייסטערס, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרנאַכט אין דאָרף אַריין, ווי ס׳איז לויטן פאָרשריפט פון מאַרשרוט אָנגעוויזן געוואָרן צו נעכטיקן, זיך אומ־געקערט מיט גאָרנישט: דאָס דאָרף איז געווען איבער די ברעגן פאַרפּאַקט מיט אינפאַנטעריע און אַרטילעריע, וואָס איז אויך אי־בערגעוואָרפן געוואָרן צו דער רומענישער גרענעץ. דאָס פּולק איז געניייט געווען צו מאַכן איבעריקע אַכט ווירסט, כדי צו פאַר־זאָרגן זיך מיט קוואַרטירן.

מען איז געגאַנגען זיבעצן טעג. די פערד זענען אָפּגעמאָ־גערט געוואָרן פון מאַנגל אין פּאַשע. אויפן שטח פון פראָנט, וואָס איז רואינירט געוואָרן פון דער מלחמה, איז נישט געווען קיין פּאַ־שע; די איינוואוינער זענען אַנטלאָפן אָדער טיף קיין רוסלאַנד, אָדער זיך באַהאַלטן אין די וועלדער; די אָפענע כאַלופּעס האָבן פאַראומערט זיך געשוואַרצט מיט די נאַקעטע ווענט, אויף די פּוס־טע גאַסן האָבן די קאָזאַקן זעלטן באַגעגנט אַן אָנגעכמורעטן דער־שראָקענעם איינוואוינער, און אויך דער, דערזעענדיק באַוואָפנטע,

האָט זיך צוגעאײַלט צו פֿאַרבאָרגן. די קאָזאַקן, אויסגעשעפּט פֿון אומאויפֿהערלעכן מאַרש, געפּרווירענע און בייזע פֿאַר זיך, פֿאַר די פֿערד, פֿאַר אַלץ, וואָס איז אויסגעקומען צו ליידן, האָבן צענומען די שטרויענע דעכער פֿון די הייזער; אין די דערפֿער, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם חורבן, זיך נישט זשענירט צו גנבענען אַ ביסל פּאַשע, און די אָנפֿירונג האָט מיט קיין שום דראָונגען זיי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פֿון געוואַלט און גנבה.

שוין נישט ווייט פֿון דער רומענישער טעריטאָריע, אין עפּעס אַ פֿאַרמעגלעך דערפֿל, איז דעם באַטשופּרינטן געלונגען אַרויסצוגנבענען אַ מעסטל גערשטן פֿון אַ שפּייכלער. דער באַלע־באָס האָט אים געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט, אָבער דער באַ־טשופּרינטער האָט דעם שטילן זקן, דעם בעסאַראַבער, צעשלאָגן, און דעם גערשטן דאָך אַוועקגעטראָגן צו זיין פֿערד. דער אָפּטיי־לונג־אָפֿיציר האָט אים געטראָפֿן ביי די פֿערד. דער באַטשופּרינ־טער האָט אָנגעהאָנגען די טאָרבע זיין פֿערד, זיך געדרייט, גלעטנ־דיק מיט ציטערדיקע הענט זיינע איינגעפֿאַלענע קנאָכיקע זייטן, געקוקט אים ווי אַ מענטש אין די אויגן אַריין.

— אוריופֿין! גיב אָפּ דעם גערשטן, הינטישער זון! מען וועט דאָך דיך, אויסוואורף, פֿאַר דעם דערשיסן!...

דער באַטשופּרינטער האָט אַ קוק געטון אויפֿן אָפֿיציר מיט אַ פֿייערדיקן קרומען בליק און, אַ זעץ געבנדיק דאָס היטל פֿאַר די פּיס, האָט ער דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון זיין אויפֿהאַלטן זיך אין פּולק, זיך צעשריגן מיט ווילדע קולות:

— משפּט! דערשיסט! דערהרגעט מיך אפֿילו דאָ אויפֿן אָרט, וועל איך אויך דעם גערשטן נישט אָפּגעבן! וואָס, מיין פֿערד זאָל פֿון הונגער פּגרן? האַ? איך וועל נישט אָפּגעבן דעם גערשטן!... קיין איין קערנדל נישט אָפּגעבן!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, ביי דער גריווע פֿון גיריק־קייענדיקן פֿערד, ביי דער שווערד...

דער אָפֿיציר איז געשטאַנען אַ ווילע שווייגנדיק, געקוקט

אויף די אויסטערליש־דאַרע בײנער פון פערד און, אַ שאָקל טוענ־דיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— וואָס־זשע, אַ דערשוויצטן גיסטו קערנער צו עסן?

אין זײַן קול האָט זיך קלאָר געהערט געפּלעפטקײט.

— נײן, ער איז שוין אָפּגעקילט, — האָט דער באַטשופּוינ־טער געענטפערט כמעט שעפּטשענדיק און, צונויפקלויבנדיק די אַראָפּגעפאַלענע קערנער אויף דער האַנט־פלאַך, האָט ער זײ צו־ריק אַרײַנגעשיט אין דער טאָרבע.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער איז דאָס פּולק שוין געווען אויף די פּאָזיציעס. איבער די טראַנסילוואַנער בערג האָבן געבושעוועט ווינטן, אין די הײלן איז אויפגעגאַנגען אַ פראָסטי־קער נעפּל, האַרב האָבן געשמעקט די סאָסנע־וועלדער, אָפּגעברי־טע פון די פרעסטלעך, און אויפן ערשטן סקריפּענדיקן שניי אין די בערג האָבן אַלץ אָפּטער זיך געוויזן די שפּורן פון חיות: וועלף, הירשן, סאַרנעס, דערשראָקענע פון דער מלחמה האָבן פאַרלאָזט זײערע ווילדע באַהעלטענישן און אַוועקגעגאַנגען טיף אין לאַנד אַרײַן.

דעם 7־טן נאָוועמבער האָט דאָס 12־טע פּולק געשטורעמט די הײך "320". מיט אַ טאָג פריִער זענען די אָקאָפּעס פאַרנומען געווען דורך עסטרײַכער, און אין טאָג פון שטורעם האָבן אינדער־פרי זײ געטויִשט זאַקסן, וואָס זענען נאָרוואָס איבערגעוואָרפן גע־וואָרן פון פראַנצויזישן פראָנט. די קאָזאַקן זענען געגאַנגען איבער די שטײניקע, לײַכט מיט שניי־באַפּרושעטע שיפּועים. פון אונטער די פיס האָבן זיך געשיט געפרוירענע קרישלדיקע שטײנדלעך, עס האָט זיך געריוכערט אַ דינער שניי־שטויב. גריגאָרי איז געגאַנגען לעבן באַטשופּרינטן, אומגעווײנטלעך־שעמעוודיק געשמײכלט און גערעדט צו אים מיט אַ שולדיקן טאָן:

— איך האָב עפּעס הײַנט מורא... ווי איך וואָלט דאָס ער־שטע מאָל אין אָנגריף געגאַנגען.

— וואָס רעדסטו? — האָט דער באַטשופּרינטער זיך גע־וואונדערט.

ער האָט געטראָגן זיין אָפּגעריבענע ביקס, האַלטנדיק זי ביים רעמעט; אָפּגענאָגט די אייז־צעפּלעך פון די וואָנסעס.

די קאָזאַקן האָבן זיך באַוועגט באַרג־אַרויף אין נישט גליי־כע רייען, געגאַנגען אָן אַ שאָס. די קאַמען פון די פּיינטלעכע אָקאָפּעס האָבן געדראָעט מיט שוויגן. דאָרט אונטער דער פּאַר־שאַנצונג ביי די דייטשן האָט אַ לייטענאַנט, אַ זאַקס, מיט אַ רויט פּנים פון ווינט און אָפּגעשיילטער נאָז, זיך אויסבייגנדיק אַהינטער מיטן גאַנצן קערפּער, אַ שמייכלענדיקער, אויפגעהעצט די סאָלדאַטן:

— קאַמעראַדען! וויר האַבען די בלאָומענטעל אָפּט גענוג געדראָשען! דאַ וואָללען וויר׳ס אַוך דיזען איינפּפעפּערן, וואָס עס הייסט מיט אונס׳ן הינכען צו רופּפען אוסהאַררען! שיסט נאָך ניכט.*

די קאָזאַקן־סאָטניעס זענען געגאַנגען אין שטורעם. די קרישלדיקע שטיינדלעך האָבן זיך געשיט פון אונטער די פּיס. זיך פאַרשטעקנדיק די שפּיצן פון געל־געוואָרענעם באַשליק, האָט גריגאָרי נערוועז געשמייכלט. זיינע איינגעפאַלענע באַקן, וואָס זענען באַוואַקסן געווען מיט שוואַרץ־שטעכעדיקע האָר פון דער נישט לאַנג געגאָלטער באָרד און די אַראָפּגעהאָנגענע נאָז האָבן אָפּגעשלאָגן מיט אַ געל־בלויער קאָליר, פון אונטער די פאַר־ראָסטעטע ברעמען האָבן, ווי שטיקלעך אַנטראַציט, געלויכטן די אויגן. זיין געווינטלעכע רויִקייט האָט אים פאַרלאָזט. ברעכנדיק אין זיך דאָס פאַרשאָלטענע געפיל פון פּחד, וואָס איז אים פּלוצ־לינג באַפאַלן, האָט ער געזאָגט צום באַטשופּרינטן, זשמורענדיק

* קאַמעראַדן! מיר האָבן נישט איינמאָל די בלויע מאַנטלען גע־שלאָגן! לאָמיר אויך וויזן די, וואָס עס הייסט האָבן צו טון מיט אונז. מער אויסגעהאַלטנקייט! נישט שיסן דערווייל!

דעם אומזיכערן בליק איבערן גרויען, מיט שניי באַפּרושעטן קאָם פון די שוצגראָבנס:

— זיי שווייגן. לאָזן צו נענטער. און איך האָב מורא און שעם מיך גאַרנישט... וואָס וואָלט געווען, ווען מען דרייט זיך שוין אויס. און — צוריק?

— וואָס פּלוידערסטו היינט? — האָט דער באַטשופּרינטער דענערווירט געזאָגט. — דאָ, ליבינקער, איז ווי אין קאָרטן-שפּיל. גלייבסט נישט אין דיר — ווערסטו דעם קאָפּ פאַרלירן. דו ביסט געל אויפן פּנים, גרישקאַ... אָדער דו ביסט קראַנק, אָדער... מ'ווערט דיך היינט אַוועקלייגן. קוק-נאָר! האָסט געזען!

איבער די שוצגראָבנס האָט אויף אַ רגע אין זיין גאַנצער וואוקס זיך אַ הייב געטון און באַלד צוריק אַראָפּגעזעצט אַ דייטש אין אַ קורצן שינעל און שפּיציקער קאַסקע.

לינקס פון גריגאָריען האָט דער שיינער בלאָנדער קאָזאַק פון דער יעמעלאַנער סטאַניצע, גייענדיק, דאָ אויסגעטון פון דער רעכטער האַנט די הענטשקע, דאָ זי ווידער צוריק אָנגעטון. ער האָט איבער-געחזרט דידאָזיקע באַוועגונג אָן אויפהער, אייליק געשפּרייזט, שווער אויסבייגנדיק די פיס אין די קניען, און אומנאַטירלעך הויך אונ-טערגעהוסט. „ווי ער וואָלט איינער אַליין געגאַנגען ביינאַכט... ער נייט זיך צו הוסטן, — גוט זיך אונטער מוט", — האָט גריגאָרי וועגן אים אַ קלער געטון. הינטער אים האָט זיך געזען די זומער-געשפּרענקלטע באַק פון אוריאַדניק מאַקסייעוו, ווייטער אַ ביסל האָט געשפּאַנט עמעליאַן גראָשעוו, האַלטנדיק אויסגעשטרעקט די ביקס מיטן זייטיק-אָנגעבויגענעם שפּיץ פון באַגנעט. גריגאָרי האָט זיך דערמאָנט, אַז עמעליאַן האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אין מאַרש צוגעגנבעט ביי אַ רומענער אַ זאַק קוקורוזע, אויפּברעכנדיק מיטן זעלבן באַגנעט דאָס שלאָס פון דער קאַמער. כמעט לעבן מאַקסייעוון איז געגאַנגען מישקאַ קאָשעוואָי. ער האָט גיריק געריכערט, אָפּט געשנייצט די נאָז, אָפּווישנדיק די פינגער אָן דער אייבערשטער לינקער פּאָלע פון שינעל.

— איך בין דורשטיק — האָט מאַקסייעוו געזאָגט.

— מיך, עמעליאַן, קוועטשן די שטיוול. איך קאָן נישט גיין איבער זיי. — האָט מישקאַ קאָשעוואָי זיך געקלאָגט.

גראָשעוו האָט אים בייז איבערגעשלאָגן:

— נישט אין שטיוול גייט דאָ! האַלט דיך, באַלד וועט דער דייטש פון די מאַשין־געווערן אַ פלייץ טון.

באַלד נאָכן ערשטן זאַלפּ, אומגעוואָרפן דורך אַ קויל, האָט גריגאָרי אַ זיפץ געטון און געפאַלן. ער האָט געוואָלט זיך פאַרבינדן די פאַרוואונדעטע האַנט, זיך אַ צי געטון צום רוקזאַק, וואו ס׳איז געלעגן דער באַנדאַזש, נאָר דערפילנדיק דאָס הייסע בלוט, וואָס איז שנעל גערונען פון זיין עלנבויגן אין אַרבל, איז ער געוואָרן מאַכטלאָז. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ און באַהאַלטנדיק אונטער אַ שטיין דעם שווער־געוואָרענעם קאָפּ, האָט ער אַ לעק געטון מיט דער פאַרטרוקנטער צונג דעם פוכיקן שניי. ער האָט גיריק געכאַפּט מיט די ציטערנדיקע ליפּן דעם שיטערן שניי־שטויב, מיט אומגעוויינטלעכער שרעק און ציטערניש זיך איינהערנדיק אין טרוקענעם שאַרפן קנאַקן פון די קוילן און אַלץ פאַרשלונגענדיקן געוויש פון די שאָסן. אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער געזען ווי די קאָזאַקן פון זיין סאָטניע לויפן באַרגאַרויף, גליטשן זיך, פאַלן, שיסן אָן אַ ציל צוריק און אינדערהייך. די שרעק, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט געלאָזט דערקלערן און באַרעכטיקן, האָט אים געשטעלט אויף די פיס און אויך געבייט צו לויפן אַראָפּ, אַהין צום שאַרף־שפּיציקן ראַנד פון סאָסנע־וואַלד, פונוואַנען דאָס פולק האָט אַנטוויקלט דעם אָנגריף. גריגאָרי האָט איבערגעיאָגט עמעליאַן גראָשעוון, וואָס האָט געשלעפּט נאָך זיך אַ פאַרוואונדעטן אָפיציר פון דער אָפּטיילונג. גראָשעוו איז איילִיק אַראָפּגעלאָפן מיט אים פון אַ קרומער שיפּוע; דער סאָטניק האָט שיכּור געפּלאָנטערט מיט די פיס, אַלעמאָל צוגעפאַלן צו גראָשעווס אַקסל און געשפּיגן מיט שוואַרצע שטיקער בלוט. די סאָטניעס האָבן ווי אַ לאַווינע זיך געקאָלערט צום וואַלד. איבער גרויע שיפּועים זענען געבליבן גרויע קופּקעלעך דערהרגעטע; די פאַרוואונדעטע, וואָס מ׳האָט נישט באַוויזן מיטצונעמען,

זענען אַראָפּגעקראָכן אַלײן. פון הינטן האָבן נאָכגעקנאַלט די מאַשין־געווערן.

— אוו־ו־קאַ־קאַ־קאַ־קאַ !... — האָט דאָס פלײצנדיקע שיסערײ אומאױפהערלעך זיך געריסן.

זיך אָנשפּאַרנדיק אויף מישקאַ קאָשעוואָיס האַנט, איז גריגאָרי אַרײנגעגאַנגען אין וואַלד. איבער דער שיפּער לאָנקע בײם וואַלד האָבן ריקאָשעטאַרטיק געטאַנצט די קוילן. אויפן לינקן פלאַנג בײ די דײטשן האָט אײליק געזעצט אַ קוילנוואַרפער. עס האָט אויסגעזען, ווי איבער יונג ראַציק איז שפּרינגט קלינגענדיק אַ שטײן, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דורך אַ שטאַרקער האַנט.

או־ו־ו־קאַ־קאַ־קאַ־קאַ !...

— זײ האָבן אונז אַרײנגעשיט ! — האָט דער באַטשופּרינטער אויסגעשריגן, ווי פרײענדיק זיך.

זיך אָנשפּאַרנדיק אָן געלן שטאַם פון אַ סאָסנע, האָט ער פויל געשאָסן צו די דײטשן, וואָס זענען אַריבערגעלאָפן די שוצגראָבנס.

— שוטים דאַרף מען לערנען ! לערנען ! — האָט קאָשעוואָי פאַרשטיקט אויסגעשריגן, אויסרײסנדיק די האַנט בײ גריגאָריען. — אַ צויגן־פאָלק ! עס וועט אײנגאַנצן מיט בלוט אָפּגײן, וועט עס ערשט דעמאָלט פאַרשטײן, פאַרוואָס מען שלאָגט עס איבערן קאָפּ.

— פאַרוואָס זאָגסטו דאָס ? — האָט דער באַטשופּרינטער זיך פאַרזשמורעט.

— אַ קלוגער וועט אַלײן פאַרשטײן, און אַ שוטה... וואָס וועסטו מאַכן מיט אַ שוטה ? מיט געוואַלט וועסטו אים נישט אַרײנקלאַפּן.

— אָן דער שבועה געדענקסטו ? דו האָסט געשוואוירן, צי נישט ? — האָט דער באַטשופּרינטער זיך צוגעטשעפּעט.

קאָשעוואָי האָט נישט געענטפערט. ער איז אַ פאַל געטון אויף די קניען, צונויפגעשאַרט מיט די הענט שנײ פון דער ערד, גיריק געשלונגען, געציטערט און געהוסט.

V

אין דער זייט פֿון טאָטערישן כוטאָר האָט איבערן הימל, וואָס איז פֿאַרצויגן געווען מיט גרויע געקרייזלטע וואָלקנס, זיך געקאָלערט די האַרבסטיקע זון. דאָרט אינדערהייך האָט דאָס שטילע ווינטל קוים אונטערגעשטופּט די וואָלקנס, אַוועקשיפֿנדיק זי אויף מערב, און איבערן כוטאָר, איבער דער טונקל-גרינער פּלאַן פֿון דאָן האָט עס שטורעמדיק געבלאָזן, געבויגן די שפּיצן ווערבעס און טאָפּאָלעס, אויפֿגערודערט דעם דאָן, געטריבן איבער די גאַסן טאַבונען געלע בלעטער. אין כריסטאָניעס שייער איז צעשויבערט געוואָרן אַ שלעכט פֿאַרענדיקטער ווייצענער סטויג שטרוי, דער ווינט האָט זיך אַריינגעביסן, אונטערגעגראָבן זיין שפּיץ, אַראָפּגעוואָרפֿן די דינע שטעקנס, און פֿלוצלינג, אַ כאַפּ געבנדיק אַ גאָלדענעם בינט שטרוי ווי אויף אַ היי-גאָפּל, האָט ער אים אַוועקגעטראָגן איבערן הויף, גענומען דרייען מיט אים איבערן פּוסטן וועג און אַרויפֿגעשליידערט אויפֿן דאַך פֿון סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס כאַטע. כריסטאָניעס ווייב איז מיטן בלויזן קאָפּ אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן הויף, צונויפֿדריקנדיק מיט די קני דאָס קלייד, אַ קוק געטון ווי דער ווינט באַלעבאַטעוועט אין שייער, און צוריק אַריינגעגאַנגען אין הויז.

דאָס דריטע מלחמה-יאָר האָט בולט זיך אָנגעזען אויף דער באַלעבאַטישקייט פֿון כוטאָר. די הייף, אין וועלכע די קאָזאַקן זענען נישט געבליבן, האָבן געפּוסטעוועט מיט זייערע אָפֿענע שפּייכלערס, מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט; די בהדרגהדיקע צעשטערונג האָט איבערגעלאָזט מיאוסע שפּורן אויף זיי. כריסטאָניעס ווייב האָט באַלעבאַטעוועט מיט איר נייניעריק זינדל; אַניקושקעס באַבע האָט אינגאַנצן נישט געפֿירט קיין באַלעבאַטישקייט, נאָר ווי אַ זעלנערקע כסדר אין זינען געהאַט איר אויסזען: זיך געפּאַרבט, שענער געמאַכט, און צוליב מאַנגל אין דערוואַקסענע קאָזאַקן,

אויפגענומען פערצניעריקע און עלטערע יינגלעך, וועגן וואָס עס האָט קלאָר עדות געזאָגט איר הילצערן טויער, וואָס איז אין דער געהעריקער צייט היפּש אויסגעשמירט געוואָרן מיט דזשעגעכץ און אויף וועלכן עס זענען נאָך ביז אַצינד געבליבן טונקל־גרויע פלעקן, וואָס האָבן דערציילט וועגן איר אויפפירונג. סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס כאַטע איז געשטאַנען ליידיק, די פענסטער האָט דער באַלעבאָס פאַרן אַוועקגיין פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, דער דאַך איז ערטערווייז איינגעפאַלן, פאַרוואַקסן געוואָר מיט לאָפּיאַן, אויף דער טיר האָט געזשאַווערט דאָס שלאָס, און אין געעפנטן טויער פון הויף, וואָס איז געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט גראָזן און ווילדע קרייטעכצער, פלעגן צו יעדער צייט אַריינגיין פאַרבלאָנזשעטע בהמות, זיך באַהאַלטן פאַר דער זון אָדער שלעכטן וועטער. ביי איוואַן טאָמילין האָט די וואַנט פון דער כאַטע זיך אויסגעבויגן צו דער גאַס, געהאַלטן אויפן טאָפּלטן אָנשפּאַר, וואָס איז איינגעגראָבן געווען אין דער ערד, — דאָס האָט, אפנים, דער גורל זיך נוקם געווען אין טיכטיקן אַרטילעריסט פאַר די דייטשישע און רוסישע הייזלעך, וועלכע ער האָט צעשטערט אַלס פייערווערקער.

און אַזוי איבער אַלע גאַסן און געסלעך פון כוטאָר. בלויז אין אונטערשטן עק ביי פּאַנטאַלעי פּראָקאָפיעוויטשן האָט דער הויף אויסגעזען ווי עס געהער צו זיין: אַלץ פּינקטלעך, אין אָרדענונג. אָבער אויך נישט איגאַנצן. אויפן דאַך פון שייער זענען די בלעכענע העגער אַראָפּגעפאַלן פון אַלטקייט, דער שפּייכלער האָט זיך קרום אָנגעבויגן, אַ געניט אויג האָט געקאָנט באַמערקן אַ געוויסע נישט באַלעבאַטישקייט. נישט צו אַלעם האָבן דערגרייכט דעם אַלטנס הענט, דאָס פאַרזייען האָט זיך פאַרקלענערט און וועגן איבעריקן איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן; בלויז מעליעכאָווס פאַמיליע האָט זיך נישט פאַרקלענערט אין דער צאָל: אויפן אָרט פון פּיאָטערן און גריגאָריען, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די פראָנטן, האָט נאַטאַליאַ אָנהייב האַרבסט פון פאַרגאַנגענעם יאָר געבוירן אַ צווילינג. עס איז איר געלונגען

געגוגן צו טון די שוויגער־עלטערן מיט דעם, וואָס זי האָט גע־בוירן אַ יינגל מיט אַ מיידל. אַ טראָגן האָט נאַטאַליאַ געהאַט אַ שווערס, זי האָט טיילמאָל גאַנצע טעג נישט געקאָנט גיין איבער דער פיינלעכער ווייטיק אין די פיס, זיך באַוועגט, נאָכשלעפנדיק אַ פוס, קרימענדיק זיך, אָבער די ווייטיק האָט זי איבערגעטראָגן געדולדיק, — אויפן ברוינעם, אָפּגעמאָגערטן און גליקלעכן פּנים האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט אָנגעזען. אין מינוטן, ווען די פיס האָבן איר באַזונדערס שטאַרק וויי געטון, האָט אויף אירע שלייפן זיך געפּערלט אַ שווייס; בלויז פון דעם האָט איליניטשנאַ זיך משער געווען; שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט זי געשריגן אויף איר:

— נו, גיי לייג דיך שוין, צרה! וואָס מאָרדעוועסט דו דיך?

אין אַ לויטערן סעפּטעמבער־טאָג האָט נאַטאַליאַ דערפילט, אַז זי קריגט ווייען, און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— וואו גייסטו דאָס? — האָט די שוויגער געפרעגט.

— אויף דער פּאַשע. צו די בהמות אַ קוק טון.

נאַטאַליאַ איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען פון כוטאָר, זיך אומ־קוקנדיק, קרעכצנדיק, זיך צוהאַלטנדיק מיט די הענט ביים בויך, אַריינגעגאַנגען צווישן די געדיכטע פּאַרוואַקסענע דערנער־קוסטעס און זיך אַנידערגעלייגט. עס איז שוין טונקל געוואָרן, ווען זי האָט מיט היינטערוועגלעך זיך פּאַרקליבן אַהיים. זי האָט אין לייוונטענעם פּאַרטוך אַהיימגעבראַכט אַ צווילינג.

— ליבינקע מיינע! פּאַרשאָלטענע! וואָס איז מיט דיר?...

וואו־זשע ביסטו עס געווען? — האָט איליניטשנאַ זיך צעשריגן.

— איך בין אויס בושה אַוועקגעגאַנגען... פּאַרן פאָטער נישט דרייסט געווען... איך בין ריין, מאַמע, און האָב אויך זיי אָפּגע־באָדן... נעמט זיי... — האָט נאַטאַליאַ, בלייך ווערנדיק, זיך פּאַר־ענטפערט.

דוניאַשקאַ איז אַוועקגעלאָפן נאָך דער באַבע, דער הייבאַם, דאַריאַ האָט זיך געפּאָרעט, איבערדעקנדיק די רעשטע, און איליניטשנאַ האָט לאַכנדיק און וויינענדיק געשריגן:

— דאַשקאַ ! הער אויף מיט דער רעשעטע ! דאָס איז דען קעצלעך, וואָס דו האָסט זיי אַריינגעלייגט אין דער רעשעטע ?... גאָט מיינער ! צוויי מיטאַמאָל ! אוי, גאָט, איינס איז אַ ייִנגל !... נאַטאַליושקאַ !... בעט איר דאָס בעט !...

פּאַנטאַלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט דערהערט אויפן הויף, אַז די שנור האָט געבוירן אַ צווילינג, האָט ער פריער אַ צעשפּרייט געט־ן די הענט, דערנאָך אַ דערפרייטער אַ טרייסל געטון מיט דער באָרד, זיך צעוויינט און אָן אַ פּאַרוואָס גענומען שרייען אויף ד־־ בּאַבּקע, דער הייבאַם, וואָס איז געקומען שנעל אָנצולויפן.

— זאָגסט ליגנט ! — האָט ער געשאָקלט מיטן באַנאָגלטן פינגער פאַר דער אַלטערס נאָז. — זאָגסט ליגנט ! די מעליעכאָווס גייען נאָך אַזוי שנעל נישט אונטער ! אַ קאָזאַק מיט אַ מויד האָט די שנור אונז געשענקט. דאָס איז שוין איינמאָל אַ שנור ! גאָט מיינער ! מיט וואָס וועל איך דער האַרציקער פאַר אַזאַ גענעדי־קייט אָפּדינען ?

דאָס איז געווען אַ יאָר פון גערעטעניש : די קו האָט גע־האַט אַ צווילינג, צום מיכאַילאָוו־טאָג האָבן די שעפּסן געבוירן צווילינגס, די קאָזעס... פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך צו־ליב דעם געוואונדערט, און מיט זיך אַליין גערעדט :

„אַ גליקלעך יאָר, אַ בשפעדיקס ! אַלץ טאָפּלט זיך. אַצינד האָבן מיר יונגוואַרג... אָהאָ־האָ !"

נאַטאַליאַ האָט געזייגט די קינדער ביז אַ יאָר. אין סעפּ־טעמבער האָט זי זיי אַנטוויינט, אָבער זיך נישט פאַרבעסערט ביזן טיפן האַרבסט ; אויפן אָפּגעמאָגערטן פּנים האָבן מילך־ווייס געבלישטשעט אירע ציין און מיט אַ וואַרעמען פייכטן גלאַנץ האָבן געלויכטן די אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען אַ סך גרעסער צוליב דער אָפּגעמאָגערטקייט. זי האָט דאָס גאַנצע לעבן אַריינגעלייגט אין די קינדער, זיך אַליין נישט אין זינען געהאַט, די גאַנצע פרייע צייט נאָך דער שטוב־אַרבעט אויסגעברענגט אויף זיי : גע־באָדן, געוואַשן, געשטריקט, גענייט, און אָפט, זייטיק זיך אָנשפּאַרנ־דיק אָן בעט, אַראָפּגעהאָנגען אַ פוס, אַרויסגענומען דאָס צווילינג

פון וויגל, מיט אַ באַוועגונג פון די אַקסלען באַפרייט פון לויזן העמד די שטייף־אָנגעקוואָלענע, גרויסע, העל־געלע בריסטן, ווי באַניעס, און געזייגט מיטאַמאָל ביידע.

— זיי האָבן דיך שוין אַזוי אויך איינגאַנצן אויסגענאָגט. דו זייגסט זיי צו אָפט! — און איליניטשנאַ האָט געפּאַטשט איבער די פולענקע געקנייטשטע פּיסלעך פון די אייניקלעך.

— זייג! קאַרג נישט די מילך! וועסט זי אויף צוואָרעכץ נישט צונויפנעמען, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מיט האַרבער אייפעריקייט פאַרטיידיקט.

אין די יאָרן איז דאָט לעבן געפלאָסן אַבי איבערצוקומען — ווי דאָס וואַסער אין דאָן. די טעג האָבן זיך געשלעפּט, לאַנגווייליקע, און דורכגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן אין כסדרדיקער יאָגעניש, אין אַרבעט, אין דאגות, אין קליינע פריידן און גרויסער אומאויפהערלעכער זאָרג פאַר די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער מלחמה. פון פּיאָטערן און גריגאָריען זענען דערהאַלטן געוואָרן פון דער אַרמיי זעלטענע בריוו אין קאָנווערטן, אויסגעשמירטע און פאַרפלעקטע מיט פּאָסט־שטעמפּלען. דער לעצטער בריוו פון גריגאָריען איז דורכגעגאַנגען דורך עמעצנס הענט: אַ האַלבער בריוו איז געווען פּינקטלעך פאַרטושירט מיט פיאָלעטער טינט און אויף די מאַרגינעסן פון גרויען פּאַפּיר האָט זיך געפונען אַן אומפאַרשטענדלעכער שוואַרצער צייכן. פּיעטראָ האָט געשריבן אָפטער פון גריגאָריען און אין די בריוו, וואָס זענען אַדרעסירט געווען צו דאַריען, האָט ער זי געדראָעט און געבעטן אַוועקצוּוואַרפן אירע הולטייאישע גענג, — אפנים, אַז די קלאַנגען וועגן ווייבס אויסגעלאַסענער אויפפירונג האָבן דערגרייכט אויך צו אים. גריגאָרי האָט צוזאַמען מיט די בריוו אַהיימגעשיקט — דאָס געהאַלט מיט די „צוגאָבן" פאַר די קרייצן, צוגעזאָגט אַהיימצוקומען אויף אורלויב, אָבער דאָך נישט געקומען. די וועגן פון די ברידער זענען זיך צעגאַנגען: גריגאָריען האָט די מלחמה איינגעבויגן, אויסגעזויגן פון זיין פּנים די רויטקייט, צוגעגעבן אַ גאַליק־געלן קאָליר; ער האָט נישט געהאָפט זיך צו דערוואַרטן

אויפֿן סוף פֿון דער מלחמה, און פּיעטראָ איז פֿלינק און לײַכט געגאַנגען באַרג-אַרויף, אַוואַנסירט אויף וואַכמײַסטער אין האַרבסט פֿון זעכצעטן יאָר, זיך דערדינט צו צוויי קרײַצן דורך חנפֿענען דעם סאָטניע-קאָמאַנדיר און שוין דערמאַנט אין די בריוו, אַז ער באַמיט זיך, מ'זאָל אים שיקן זיך צולערנען אין דער אָפֿיצירן-שולע. זומער האָט ער מיט אַניקושקען, וואָס איז געפֿאָרן אויף אורלויב, אַהײמגעשיקט אַ דײַטשישע קאַסקע, אַ שינעל און זײַן פֿאָטאָגראַפֿיש בילד. פֿון גרויען שטיקל קאַרטאָן האָט זעלבסטצופֿרידן געקוקט זײַן עלטער געוואָרן פּנים, שטײַף זענען געשטאַנען די פֿאַרדרייטע בלאָנדע וואָנסעס, אונטער דער פֿאַרריסענער נאָז האָבן מיטן באַקאַנטן שמײכל זיך געשטשירעט די פֿעסטע ציין: דאָס לעבן אַליין האָט צוגעשמײכלט פּיאָטערן און די מלחמה האָט אים געפּרייט דערפֿאַר, וואָס זי האָט געעפֿנט אומגעוויינטלעכע פּערספּעקטיוון: צי איז אים אַמאָל אײַנגעפֿאַלן, אַז ער, דער פּראָסטער קאָזאַק, וואָס האָט אין דער יוגנט געדרייט די אָקסן בײַ די ווײדלען, וועט אַמאָל טראַכטן וועגן ווערן אַן אָפֿיציר און לעבן מיט אַ גאָר אַנדער באַקוועם לעבן? און אָט האָט די מלחמה אויסגעבראָכן, — און אין איר לונע האָט בולט זיך געצייכנט דאָס קינפֿטיקע באַקוועמע לעבן... בלויז אין איין זײַט האָט פּיעטראָס לעבן באַקומען אַ מיאוסן ראַץ: עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן וועגן זײַן ווײַב נישט אָנשטענדיקע קלאַנגען איבערן כוטאָר. סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו איז געוועזן דאָס יאָר האַרבסט-צײַט אויף אורלויב און, צוריקקומענדיק אין פּולק אַרײַן, זיך געריִמט פֿאַר דער גאַנצער סאָטניע, אַז ער האָט געמאַכט דאָס אמתע לעבן מיט פּיאָטערס זעלנערקע. פּיאָטער האָט נישט געגלייבט, וואָס די חברים האָבן אים דערציילט; טונקל-ווערנדיק אויפֿן פּנים, האָט ער געשמײכלט און געזאָגט:

— ער זאָגט ליגנט, סטיעפּקאַ! דאָס וויל ער מיר פֿאַר גרישקען אָפּצאָלן.

אָבער איינמאָל, צי דאָס איז געוועזן צופֿעליק אָדער בפֿיוון, איז סטיעפּאַן אַרויסגעגאַנגען פֿון דער זעמליאַנקע און פֿאַרלוירן

אַ טיכעלע; פון הינטן איז אים נאָכגעגאַנגען פּיעטראָ, אויפגעהויבן דאָס מיט האַפט אַרומגעזוימטע טיכעלע און דערקענט דערין דעם ווייבס האַנט-אַרבעט. ווידער האָט אין אַ קאַלמוקישן קנופּ זיך פאַרבונדן די שנאה צווישן פּיאָטערן און סטיעפּאַנען. פּיאָטער האָט געלאָקערט אויף אַ געלעגנהייט, דער טויט האָט געלאָקערט אויף סטיעפּאַנען, — ער וואָלט זיכער געלעגן אויפן ברעג פון דער דווינע מיט פּיאָטערס אַ צייכן אויפן שאַרבן, נאָר אינקורצן איז געשען אַזוי, אַז סטיעפּאַן איז פרייוויליק נעגאַנגען אַראָפּנעמען אַ דייטשישן וואַך-פּאָסטן און זיך נישט אומגעקערט. די קאָזאַקן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אים, האָבן דערציילט, אַז דער וואַך-זעלנער האָט כלומרשט דערהערט, ווי זיי שניידן איבער די דראָט-פאַרצוימונגען און געוואָרפן אַ גראַנאַט; די קאָזאַקן האָבן באַוויזן זיך דורכצורייסן צו אים, סטיעפּאַן האָט אים אומגעוואָרפן מיט דער פויסט, נאָר דער צווייטער וואַך-זעלנער האָט אויסגעשאָסן און סטיעפּאַן איז אומגעפאַלן. די קאָזאַקן האָבן דערשטאָכן דעם צווייטן וואַך-זעלנער, גענומען שלעפּן מיט זיך דעם באַוואוסטלאָזן דייטש, וועלכן סטיעפּאַן האָט אומגעוואָרפן מיט זיין בלייערנער פויסט, און שוין אויפגעהויבן סטיעפּאַנען, געוואָלט אים מיטטראָגן, נאָר דער קאָזאַק איז געווען צו שווער, — און זיי האָבן אים געמוזט איבערלאָזן. האָט דער פאַרוואונדעטער סטיעפּאַן זיך געבעטן: „ברידער! לאָזט נישט אומקומען! חברים! פאַרוואָס לאָזט איר מיך איבער?"... — נאָר דאָ האָט אַ שפּריץ געטון איבער די דראָט-פאַרצוימונגען אַ כוואַליע פון די מאַשין-געווערן, און די קאָזאַקן האָבן זיך אָנגעהויבן אויף די בייכער אַוועקרוקן. „לאַנדסלייט! ברידער!" — האָט זיי סטיעפּאַן נאָכגעשריגן, אָבער וואו דאָרט! — דאָס אייגענע העמד, נישט דאָס פרעמדע קלעבט זיך צום לייב. נאָכדעם ווי פּיעטראָ האָט געהערט וועגן סטיעפּאַנען, איז אים לייכטער געוואָרן, ווי מען וואָלט אַ בראַנדיקע וואונד מיט האָזן-שמאַלץ באַשמירט, דאָך האָט ער באַשלאָסן: „כ'וועל אַהיימקומען אויף אורלויב, — וועל איך פון דאַשקען דאָס בלוט אַרויסלאָזן! איך בין נישט סטיעפּאַן, אַזוי גלאַט וועט עס איר נישט

אָפּגיין...״ ער האָט אַ קלער געטון זי צו דערהרגענען, אָבער באַלד אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק: „וועסט דערהרגענען די שלאַנג, וועט איבער איר דאָס גאַנצע לעבן קאַליע ווערן. וועסט אין טורמע פאַרפוילט ווערן, אַלע אָנשטרענגונגען וועלן לאיבוד גיין, וועסט אַלץ פאַרלירן...״ ער האָט פּשוט באַשלאָסן זי אָנצוהרגענען, אָבער אַזוי, אַז די באַבע זאָל אויפן גאַנצן לעבן פאַרלירן דעם חשק מיטן הינטן צו דרייען: „אַן אויג וועל איך איר אויסהאַקן, דער שלאַנג, — דער טייוול וועט זיך שוין אויף איר דעמאָלט אומקוקן״. אַזוי האָט פּיעטראָ צוגעטראַכט, זיך אויסזיצנדיק אין די אָקאָפּעס, נישט ווייט פון משופּע־ליימיקן ברעג פון דער דווינע.

דער האַרבסט האָט צעקנאָדערט די ביימער און גראָזן, די פאַרטאָגיקע פרעסטלעך האָבן זיי אָפּגעבריט, די ערד איז קאַלט געוואָרן, עס האָבן זיך געשוואַרצט, אַלץ לענגער ווערנדיק, די האַרבסטיקע נעכט. אין די אָקאָפּעס האָבן די קאָזאַקן געהאַלטן וואַך, געשאָסן אויפן שונא, זיך געזידלט מיט די וואַכמייסטערס צוליב וואָרעמער מונדירונג, אונטערגעהונגערט, אָבער קיינעם איז נישט אַרויס פון געדאַנק די פון דער פּוילישער אומפריינטלעכער ערד ווייטע דאָנשטשינע.

און דאַריאַ מעליעכאָוו האָט דעם האַרבסט זיך אָפּגענומען פאַרן גאַנצן הונגעריקן לעבן אָן מאַן. דעם ערשטן טאָג יום־טוב פון דער הייליקער מוטער איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אויפגעשטאַנען, ווי תמיד, פריער פאַר אַלע; ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף אוןביים קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט: דאָס טויער, וואָס איז דורך עמעצנס עזותדיקע הענט אַראָפּגענומען געוואָרן פון די האַקעס און אַוועקגעטראָגן געוואָרן אינמיטן גאַס אַריין, איז געלעגן קווער דעם וועג. דאָס איז געווען אַ שאַנד. דאָס טויער האָט דער אַלטער באַלד צוריקגעשטעלט אויפן אָרט און נאָך פרישטיק אַריינגערופן דאַריען אין דער זומערדיקער קיך. וועגן וואָס ער האָט מיט איר גערעדט — האָט קיינער נישט געוואוסט, נאָר דוניאַשקאַ האָט געזען ווי דאַריאַ איז אין עטלעכע מינוט אַרום אַרויסגעשפרונגען פון דער קיך מיט אַן אַראָפּגערוקטער פאַטשיילע

אויף די אַקסלען, אַ צעשויבערטע און וויינענדיקע. פאַרבײַגייענ־דיק דוניאַשקען, האָט זי אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די פּליי־צעס און די שאַרפע שוואַרצע ברעמען־בויגנס אויף איר פאַרוויינט בייז פּנים האָבן געציטערט.

— וואַרט־צו, פאַרשאָלטענער!... איך וועל דיר שוין ווייזן! — האָט זי געזיגן דורך די געשוואָלענע ליפּן.

דאָס קאָפּטנדל אויף איר רוקן איז געווען צעריסן, אויפן ווייסן לײַב האָט זיך געזען אַ ברוין־בלויער פרישער צייכן. פאַרבײַגעשימערט מיטן קליידל, איז דאַריאַ אַרויפגעלאָפן אויפן גאַנעק פון דער כאַטע, פאַרשוואונדן אין הויז אַריין און פון דער קיך האָט אַרויסגעהינקט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אַ בייזער ווי אַ טייוול. ער האָט, גייענדיק, צונויפגעלייגט אין פּירן די בײַ־רעמעטענע לייצן.

דוניאַשקאַ האָט דערהערט דעם פאָטערס הייזעריק קול:

— ...דיר, צויג, האָט מען געדאַרפט נישט נאָך אַזוי אַריינ־צײַלן!... אויסגעלאַסן שטיק דו!...

די אָרדענונג אין דער כאַטע איז צוריקגעשטעלט געוואָרן. עטלעכע טעג איז דאַריאַ שטיל געווען ווי אַ לעמעלע, אין די אָוונטן זיך געלייגט שלאָפן פריער פאַר אַלע, אויף נאַטאַליעס מיטפילנדיקן בליק קאָלט געשמייכלט, אַ הייב טוענדיק מיט אַ ברעם און אַן אַקסל, ווי איינע זאָגט: „בישקשה, מיר וועלן נאָך זען", און אויפן פערטן טאָג איז טאַקע פאָרגעקומען די געשעע־ניש, וועגן וועלכער עס האָבן געוואוסט בלויז דאַריאַ און פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. דאַריאַ האָט דערנאָך טריומפירנדיק זיך אויסגעלאַכט, און דער אַלטער איז אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען אַ געפּלעפטער, אַ פאַרלוירענער, ווי אַ קאַץ נאָך אַן אָפּגעטוענעם שאָדן; דער אַלטער האָט נישט דערציילט וועגן פאָרגעקומע־נעם און אפילו אויף דער ווידוי פאַרשוויגן פאַרן פאָטער וויסאַריאָן סיי די געשעעניש גופא, סיי זיינע זינדיקע געדאַנקען נאָכדעם.

די זאַך איז פאָרגעקומען אַזוי. נישט לאַנג נאָכן יום־טוב

פון דער הייליקער מוטער האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וואָס איז זיכער געווען, אַז דאַריאַ האָט זיך שוין אינגאַנצן אויסגעבע־טערט, געזאָגט צו איליניטשנען:

— דו זאָלסט דאַשקען נישט שוינען! זאָל זי וואָס מער זיין באַשעפטיקט מיט אַרבעט, און דער אַרבעט וועט זי נישט האָבן קיין צייט זיך אַרומצושלעפן, וואָרים אַזוי — איז זי אַ גלאַטע קאָבילע... זי האָט נאָר אין זינען — פאַרוויילונג און די גאַס.

צוליב דעם האָט ער באַפוילן דאַריען אויסצורייניקן דעם שייער, גלייך איינלייגן אין הינטערשטן הויף דאָס חלק אַלטע האָלץ, צוזאַמען מיט איר גערייניקט דעם פלעווע־שפייכלער. ערשט פאַרנאַכט איז אים איינגעפאַלן איבערצוטראָגן די ווייע־מאַשין פון אונטער דער שאָפּע אין פלעווע־שפייכלער אַריין, און ער האָט אַ רוף געטון די שנור.

— דאַריאַ!

— וואָס, פאָטער? — האָט יענע זיך אָנגערופן פון שפייכלער.

— קום, וועלן מיר די ווייע־מאַשין איבערטראָגן.

זיך גלייך געמאַכט דאָס טיכל, אָפּגעטרייסלט פון זיך די שטעכעדיקע מעקענע, וואָס האָט זיך איר אין קאָלנער פון קאַפּטן אַריינגעשיט, איז דאַריאַ אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר פון פלעווע־שפייכלער און דורכן טויער פון שייער אַוועקגעגאַנגען צו דער שאָפּע. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אָנגעטון אין אַן אַלטן וואָלע־נעם קאַפּטן, אין צעריסענע שאַראַוואַרן, האָט געהינקט פאָרויס. אויפן הויף איז געווען ליער. דוניאַשקאַ מיט דער מוטער האָבן געשפינען די האַרבסטיקע וואָל, נאַטאַליאַ האָט פאַרקנעטן צום באַקן. הינטערן כוטאָר האָט זיך געלאָשן די רויטע שקיעה, מ׳האָט געקלונגען צו דער אָוונט־תפילה. אין דורכזיכטיקן הימל אין זעניט איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעך וואָלקנדל פון מאַלי־נע־קאָליר, נאָכן דאָן, אויף די נאַקעטע צווייגן פון די גרוילעכע טאָפּאָלעס, זענען ווי שוואַרצע פאַרברענטע צויטן געהאָנגען גאַפּעס.

אין דער הוילער קלאַנגלאָזער שטילקייט פון אָוונט האָט אַלץ אָפּ־געקלונגען דייטלעך און שטרענג. פון הויף פון די בהמות איז גע־פלאָסן אַ קלעפּיקער ריח פון פאַרענדיק מיסט און היי. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט, אונטערהוסטנדיק, אַריינגעטראָגן מיט דאַריען אין פּלעווע־שפּייכלער די אָפּבליאַקירטע, געל־רויטע ווייע־מאַשין, זי אַוועקגעשטעלט אין ווינקל, מיט דער היי־קאַם אַראָפּגעשאַרט פון איר די פּלעווס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעשיט פון דער קופּע, און זיך שוין געקליבן אַרויסצוגיין.

— פּאָטער! — האָט דאַריאַ אים אַ רוף געטון מיט אַ שטיל שעפּטשענדיק קול.

ער איז אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער מאַשין, גאָרנישט חושד זייענדיק געפרעגט:

— וואָס איז דאָ?

דאַריאַ איז מיט אַ צעשפּיליעטן קאַפּטן געשטאַנען מיטן פּנים קעגן אים; די הענט פאַרהויבן אַהינטער, האָט זי זיך גלייך געמאַכט די האָר. דורך דער שפּאַרע אין דער וואַנט פון שייער איז געפאַלן אויף איר אַ בלוט־רויטער שטראַל פון זון־פאַר־גאַנג.

— דאָ, פּאָטער, איז עפּעס... קום אַהער, זע נאָר, — האָט זי געזאָגט, זיך אויסבייגנדיק אָן אַ זייט און איבערן שווערס אַקסל גנביש אַריבערגעקוקט צו דער געעפנטער טיר. דער אַלטער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו איר. דאַריאַ האָט פּלוצלינג פאַרוואָרפן די הענט, אַרומגעכאַפּט דעם שווערס האַלז, פאַרפלאָכטן די פינגער און, רוקנדיק זיך הינטערווײַלעכטס, אים נאָכגעצויגן, שעפּ־טשענדיק:

— אָט דאָ, פּאָטער... דאָ... איז ווייך...

— וואָס טוסטו עס? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש דערשראָקן געפרעגט.

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, זיך באַמיט צו באַפרייען דעם האַלז פון דאַריעס הענט, אָבער זי האָט צוגעצויגן זיין קאָפּ צו

איר פּנים אַלץ שטאַרקער, אים געשמעקט אין דער באָרד אַריין מיט אַ הייס מויל, לאַכנדיק, עפּעס שעפּטשענדיק.

— לאָז אָפּ, נבלה! — דער אַלטער האָט זיך אַ ריס געטון און נאָענט פון זיך דערפילט דער שנורס שטייפן בויך.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, אַ פאַל געטון אויפן רוקן, אים נאָכשלעפּנדיק אויף זיך.

— טייוול! ביסט משוגע געוואָרן!... לאָז אָפּ!

— ווילסט נישט? — האָט דאַריאַ אַ פאַרסאַפּעטע געפרעגט, און צענעמענדיק די הענט, אַ שטויס געטון דעם שווער אין דער ברוסט אַריין. — ווילסט נישט?... אָדער אפשר קאָנסטו נישט?... זאָלסטו מיך נישט משפּטן!... אַזוי־אַזוי!

זי איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אייליק זיך גלייך געמאַכט דאָס קליידל, אָפּגעטרייסלט די שמעכעדיקע מעקענע פון רוקן און אויסגעשריגן דעם צעדולטן פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן גלייך אין פּנים אַריין:

— וואָס האָסטו מיך אָנימלט געשלאָגן? וואָס־זשע, איך בין אַן אַלטע? דו אין דער יוגנט ביסט נישט אַזוי געווען? דער מאַן — ער איז שוין אַ יאָר נישט אין דער היים!... זאָל איך אפשר מיט אַ הונט, אָדער וואָס? אַ פייג דיר, לאָמער! נאַדיר, בייס אויס!

דאַריאַ האָט געמאַכט אַ נישט אָנשטענדיקע באַוועגונג און, קאָקעטירנדיק מיט די ברעמען, אַוועקגעגאַנגען צו דער טיר. ביי דער טיר האָט זי נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם זיך באַטראַכט, אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון קאַפטן און טיכל און געזאָגט, נישט קוקנדיק אויפן שווער:

— איך קאָן נישט אָן דעם... איך דאַרף האָבן אַ קאָזאַק, און אויב דו ווילסט נישט — וועל איך מיר געפינען, און דו האַלט דאָס מויל...

זי איז מיט אַ וויגנדיק פלינק גענגל צוגעגאַנגען צום טויער פון שייער, פאַרשוואונדן געוואָרן, זיך נישט אומקוקנדיק, און פאַנטעלעי

פראָקאָפיעוויטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער געלער זייט פון דער ווייע-מאַשין, געקייעט די באָרד און, אַ פאַרוואונדעטער און שולדיקער, געקוקט אויף די ווענט פון שפייכלער און די שפיצן פון זיינע געלאַטעטע שיך. „זאָל זי טאַקע זיין גערעכט? — אפשר האָב איך געדאַרפט מיט איר די זינד באַגיין?" — האָט ער, צעטומלט פון דער געשעעניש, אַ פאַרלוירענער, געטראַכט אין דער רגע.

VI

אין נאָוועמבער האָבן אַ נעם געטון פרעסט. עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ פרישער שניי. ביים אויסבויג קעגנאיבער דעם אייבערשטן עק פון טאָטערישן כוטאָר האָט דער דאָן זיך געשטעלט. איבערן דינעם בלויליכן אייז האָבן זיך אַריבערגעקליבן זעלטענע פוסגייער אויף דער צווייטער זייט, און נידעריקער האָבן בלויז די ברעגן זיך פאַרצויגן מיט געבלעזלט גליטשיק אייז, אינמיטן איז דער שטראָם האַסטיק געלאָפן, און די גרינע כוואַליעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געטרייסלט מיט זייערע גרויע גריוועס. אין גרוב, קעגנאיבער דעם שוואַרצן יאַר, אין דער עלף-קלאַפטערדיקער טיף זענען שוין לאַנג אויף ווינטער איינגעשלאָפן די סאָמען, צוקאָפּנס זיי — אין שלאַם פאַרזונקען די קאַרפּן, בלויז די ווייסע פיש האָבן נאָך געווימלט אין דאָן און אויפן שטיין-זאַמד האָבן זיך אָפּגעזעצט די יעשיאָטרען. די פישערס האָבן געוואַרט אויף גרעסערע, שטאַרקערע פרעסט, — כדי נאָכן ערשטן אייז אַ נישטער צו טון מיט די נעצן און כאַפּן אַ ביסל רויטע פיש.

אין נאָוועמבער האָבן די מעליעכאָווס דערהאַלטן אַ בריוו פון גריגאָריען. ער האָט געשריבן פון רומעניען, אַז ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן באַלד אין דער ערשטער שלאַכט, די קויל האָט אים צעקרישלט דעם ביין פון דער לינקער האַנט, דעריבער שיקט מען אים זיך היילן אין זיין קרייז אַריין, אין דער קאַמיענסקער סטאַניצע. באַלד נאָכן בריוו איז פאָרגעקומען אין דער

כאַטע פון די מעליעכאָווס אַ צווייטע צרה: מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך שטאַרק גענייטיקט אין געלט און גענומען ביי סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש מאָכאָוו הונדערט רובל זילבער אויף אַ וועקסל. דאָס יאָר, זומער־צייט, האָט מען אַרויסגערופן דעם אַלטן אין מאַגאַזין אַריין, אַטיעפּין־צאַצאַ האָט איינגעקלאַמערט די נאָז אין די גאָלדענע פּענסנע און קוקנדיק איבער די גלעזלעך אין מאָכאָווס באָרד אַריין אים געפרעגט:

— וואָס־זשע, דו פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וועסט צאָלן, אָדער וואָס?

האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש באַטראַכט די ליידיקע פּאָליצעס, די טובאַנק, וואָס האָט שוין געגלאַנצט פון אַלטקייט, און זיך דערפילט אין פאַרלעגנהייט.

— וואַרט־צו, עמעליאַן קאָנסטאַנטיניטש. כ'וועל אַ ביסל צו מיר קומען, — וועל איך באַצאָלן.

מיט דעם האָט דער שמועס זיך פאַרענדיקט. דעם אַלטן איז נישט געלונגען צו זיך צו קומען — דאָס געוועטעניש איז געווען שלעכט און פון די בהמות איז נישט געווען וואָס צו פאַרקויפן. און אָט איז פון דער העלער הויט געקומען דער געריכטס־קאָמיסאַר, געשיקט נאָכן בעל־חוב און — קורץ און שאַרף:

— נעם אַרויס און לייג אַוועק הונדערט רובל.

אין דער אכסניה, אין צימער פון קאָמיסאַר, ליגט אויפן טיש אַ לאַנג פּאַפּיר, אין פּאַפּיר איז געשריבן — נישט צום אָפּוועגדן:

געריכטס־אורטייל

לויטן באַפעל פון זיין קייסערלעכער מאַיעסטעט פון 1916־טן יאָר, דעם 27־סטן אָקטאָבער, האָב איך, דער פרידנס־ריכטער פון דאָניעצער קרייז, 7־טן באַצירק, אויסגעהערט דעם ציווילן ענין

ווענן דער תביעה פון בירגער סערגיי מאָכאָוו צום אוריאַדניק פּאַנטעלעי מעליעכאָוו אויף אַ וועקסל פון 100 רובל און, שטיצנדיק זיך אויף די פּאַראַגראַפן 81, 100, 129, 133, 145 פון בירגערלעכן געריכטס-קאָדעקס אין אָפּוועזנהייט:

באַשלאָסן

אויפצומאָנען פון לווה, דעם אוריאַדניק פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מעליעכאָוו, לטובת דעם מלווה, בירגער סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש מאָכאָוו, 100 רובל אויפן וועקסל פון *21*-סטן יוני *1915*-טן יאָר, און אויך דריי רובל געריכטס-הוצאות.

אויפן גרונט פון 3-טן פונקט, 126-סטן פּאַראַגראַף פון ציווילן געריכטס-קאָדעקס, איז דערדאָזיקער באַשלוס, וואָס האָט שוין באַקומען געזעצלעכע מאַכט, אונטערגעוואָרן אַ באַלדיקער אויספירונג. אויפן באַפעל פון זיין קייסערלעכער מאַיעסטעט האָט דער פרידנס-ריכטער פון 7-טן באַצירק, דאָניעצער קרייז, פאַראָרדנט: אַלע אַמטן און פערזאָנען, צו וועלכע דאָס קאָן האָבן אַ שייכות, אויסצופירן פּינקטלעך דעמדאָזיקן אורטייל, און אַלע מאַכט-אָרגאַנען, פּאָליציייאישע און מיליטערישע, אַרויסצווייזן דעם קאָמיסאַר, וואָס פירט אויס דעמדאָזיקן אורטייל, די לויטן געזעץ אים געהעריקע מיטווירקונג אָן דער מינדסטער פאַרשלעפּונג.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אויסגעהערט דעם קאָמיסאַר, געבעטן אַ דערלויבניש אַהיימצוגיין, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט נאָך היינט אַריינטראָגן דאָס געלט. פון דער אכסניה איז ער גלייך

אװעקגעגאַנגען צום מחותּן קאָרשונאָװ און אויפֿן פּלאַץ באַגעגנט אַליאָשקאַ שאַמילן אָן דער האַנט.

— הינקסט אונטער, פּראָקאָפּיטש? — האָט שאַמיל אים באַגריסט.

— צו ביסלעך.

— גייסט װײַט?

— צום מחותּן. אָן עסקל האָב איך.

— אָ, ברודער, בײַ זיי איז הײַנט פֿריילעך. האָסט נישט געהערט? מיראָן גריגאָריעװיטשס זינדל איז פֿון פֿראָנט געקומען. זייער מיטקאַ, זאָגט מען, איז געקומען.

— טאַקע?

— אַזוי האָב איך געהערט, — האָט שאַמיל געזאָגט, צוקנדיק מיט דער באַק און מיט אָן אויג און, אַרויסנעמענדיק דעם טיטון־בײַטל, צוגעגאַנגען צו פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטשן. — לאָמיר פֿאַררייכערן, פֿעטער! מײַן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, דײַן טיטון.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש האָט פֿאַררייכערט און זיך אַ װאַקל געטון — יאָ גיין, נישט גיין; ענדלעך האָט ער באַשלאָסן יאָ צו גיין, זיך געזעגנט מיטן איינהענטיקן און אַװעקגעהינקט.

— מיטקאַ האָט אויך אַ קרייץ! ער האָט זיך פֿאַרנומען דײַנע זין צו דעריאָגן. בײַ אונדז אין כוטאָר איז שוין אַצינד דאָ אַזוי פֿיל קאַװאַלערן — װי װאָראָבייען צװישן די צװײַגן! — האָט שאַמיל אים נאָכגעשריגן.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש איז נישט געאײַלט אַװעקגעגאַנגען צום עק פֿון כוטאָר; קוקנדיק אַ װײַלע אויף די פֿענסטער פֿון קאָרשונאָװס כאַטע, איז ער צוגעגאַנגען צנם טירל. עס האָט אים אויפֿגענומען דער מחותּן אַליין. דעם אַלטן קאָרשונאָװס זומער־געשפּרענקלט פּנים איז געװען װי אָפּגעװאַשן מיט פֿרייד, ער האָט אויסגעזען אי ריינער, אי נישט אַזוי פּיעגעװאַטע.

— האָסט געהערט וועגן אונזער פרייד ? — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש געפרעגט, דערלאַנגענדיק די האַנט דעם מחותּן.

— איך בין אויפן וועג פון אַליאָשקאַ שאַמיל געוואויר גע־וואָרן. איך קום צו דיר, מחותּן, צוליב אַן אַנדערן ענין...

— וואָרטו־צו, וועך האָט אין זינען אַצינד ענינים ! קום אַריין אין דער כאַטע — וועסט דעם מיליטערמאַן זען. איך בין מודה, אַז מיר האָבן פון פרייד שוין אַ ביסל אויסגעטרונקען... ביי מיין באַבע האָט זיך עפּעס פאַרוואַלגערט אַ פלעשל צאַרסקע פון אַ יום־טוב.

— דו דערציילסט מיר נישט, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיע־וויטש געשמייכלט, באַוועגנדיק מיט די נאָזלעכער פון דער גע־האָרבעטער נאָז : — איך האָב נאָך פונוויטנס דערפילט !

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט געעפנט די טיר, דורכגעלאָזט דעם מחותּן פאָרויס. יענער האָט אַ שפּרייז געטון איבער דער שוועל און גלייך אָנגעטראָפן מיטן בליק אויף מיטקען, וואָס איז געזעסן ביים טיש אויבנאָן.

— אָט איז ער, אונזער מיליטערמאַן ! — האָט דער זיידע גרישאַקאַ וויינענדיק אויסגעשריגן און צוגעפאַלן מיטן אַקסל צו מיטקען, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט.

— נו, זיי באַגריסט, קאָזאַטשאָק !

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געהאַלטן אַ ווײַלע מיטקעס לאַנגע האַנט, געמאַכט אַ טריט צוריק, קוקנדיק מיט פאַרוואונדע־רונג אויף אים.

— וואָס קוקט איר, מחותּן ? — האָט מיטקאַ מיט אַ הייזע־ריקן באַס שמייכלענדיק געפרעגט.

— כ׳קוק — און קאָן מיינע אויגן נישט גלייבן : ווען מיר האָבן דיך מיט גרישקען באַגלייט, — זענט איר נאָך געווען יינגלעך, און אַצינד — קוקט אים נאָר אָן... אַ קאָזאַק, כאָטש גלייך אין אַטאַמאַנער פּולק אַריין אַוועקצושיקן !

לוקיניטשנאַ האָט מיט פאַרוויינטע אויגן געקוקט אויף

מיטקען, אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן און, נישט זעענדיק, עס אי־בערגעגאָסן.

— דו, בלינדע! אַזאַ גוטע זאַך גיסטו איבער! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אויף איר אָנגעשריגן.

— נו, איך ווינטש אייך אַ סך נחת, און דיר, מיטרי מיראָ־ניטש, אַ גליקלעך קומען!

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ דריי געטון אין די זייטן מיט די בלוילעכלע ווייסלען און מיט ציטערנדיקע ווימפּערן אין איין אָטעם אויסגעזויגן דאָס בייכיקע גלעזל. ער האָט פּאַמעלעך זיך אָפּגעווישט מיט דער האַנט די ליפּן און די וואָנסעס, געכאַפּט אַ בליק אויף דער דנאָ פון גלעזל — פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אויס־געגייגט אין געעפנטן שוואַרץ־צייניקן מויל אַריין דעם לעצטן טראָפּן און ערשט דעמאָלט אָפּגעאָטעמט, פאַרבייסנדיק מיט אַן אוגערקע און לאַנג זשמורענדיק די גליקזעליקע אויגן. די מחותּנתטע האָט אים דערלאַנגט אַ צווייטס, און דער אַלטער איז עפּעס מיטאַמאָל קאָמיש פאַרשיכורט געוואָרן. מיטקאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל. זיינע קעציִשע אויגן זענען — דאָ גרינ־לעך־פאַרשמעלט געוואָרן, דאָ זיך אויסגעברייטערט און טונקל געוואָרן. ער האָט אין משך פון די יאָרן זיך געענדערט נישט צום דערקענען. עס איז כמעט גאָרנישט געבליבן אין דעם קרעפּ־טיקן שוואַרץ־וואָנסיקן קאָזאַק פון יענעם דינעם שלאַנקן מיטקאַ, וועלכן מ׳האָט מיט דריי יאָר צוריק באַגלייט צו דער דינסט. ער איז באַדייטנד אויסגעוואַקסן, ברייט געוואָרן אין די אַקסלען, אַ ביסל געהאָרבעט און דיק געוואָרן, זיכער געוואויגן נישט ווינציקער ווי פינף פוד און אויסגעזען אַ סך עלטער צוליב זיין פּנים און קול, וואָס זענען פאַרגרעבט געוואָרן. בלויז די אויגן זענען געווען די זעלבע — היציקע און אומרויִקע; און זיי האָט דאָס די מאַמע, לאַכנדיק און וויינענדיק, זיך געטרונקען, פון צייט־צו־צייט באַ־רירנדיק מיט דער גערינצלטער אָפּגעפּליאַקירטער האַנט דעם זונס גלייכע קורץ־געשוירענע האָר און ווייסן שמאָלן שטערן.

— ער איז געקומען אַ קאַוואַלער ? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט, שיכּור שמייכלענדיק.

— ווער פון די קאָזאַקן האָט אַצינד נישט קיין קרייצן ? — האָט מיטקאַ זיך אָנגעכמורעט. — אָט האָט מען קריוטשקאָוון דריי קרייצן אָנגעהאָנגען, ווייל ער דרייט זיך אַרום דעם שטאַב.

— ער, מחותן־לעב, איז ביי אונז אַ שטאָלצער, — האָט דער זיידע גרישאַקאַ זיך צוגעאיילט. — ער, דער אויסוואורף, איז אינגאַנצן אין מיר, אין זיין זיידן, געראָטן. ער קאָן נישט בייגן דעם רוקן.

— די קרייצן, אפנים, העגגט מען זיי נישט אָן פאַר דעם, — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך שוין געוואָלט אָנבלאָזן, נאָר מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אים אַריינגעצויגן אין דער צווייטער שטוב ; אַרויפגעזעצט אויפן קופערט, האָט ער אים געפרעגט :

— וואָס מאַכט עפּעס נאַטאַליאַ מיט די אייניקלעך. זיי זע־נען געזונט ? נו, דאַנקען גאָט ! דו, מחותן, האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז ביסט געקומען צו מיר וועגן עפּעס אַן ענין ? וואָס פאַר ענין איז דאָס ? זאָג, וואָרים אָט וועלן מיר נאָכאַמאָל אויס־טרינקען — און דו וועסט שיכּור ווערן.

— געלט גיב אַהער. גיב, ווי גאָט איז דיר ליב. ראַטעווע, וואָרים אַז נישט, וועל איך גאָר אין אַ צרה צוליב דעם געלט אַריינפאַלן...

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געבעטן מיט ברייטער שיכּורער הכנעה. דער מחותן האָט אים איבערגעשלאָגן.

— וויפיל ?

— הונדערט פאַפּירלעך.

— וואָסערע ? פאַפּירלעך — איז דאָ פאַרשידענע.

— הונדערט רובל.

— רעד־זשע אַזוי.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט געגנישטערט אַ ביסל אין קויפערט, אַרויסגענומען אַ פאַרפעצט טיכל און עס אויפגעבונדן; שאָרכנדיק מיטן שטייפן פאַפיר, האָט ער אָפגעציילט צען „רויטינקע".

— איך דאַנק דיר, מחותן... האָסט מיך געראַטעוועט פון אַן אומגליק!

— נו, וואָס איז דאָ צו רעדן. אייגענע מענטשן — מיר וועלן זיך שוין אָפצאָלן!

מיטקאַ איז אָפגעווען אינדערהיים פינף טעג; די נעכט הייז ער פאַרברענגט ביי אַניקושקעס ווייב, זיך מרחם געווען אויף ד ייטערער ווייבערישער נויט און אויף איר אַליין, דעם נאָכגייביקן און פשוטן ווייבעלע. אין די טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אין געסט צו דער משפחה. אַ הויכער, אָנגעטון בלויז אין דער לייכטער טוזשורקע פון האַקי־קאָליר, האָט ער געשפאַנט מיט זיין צעוויגטן גאַנג איבער די גאַסן פון כוטאָר, פאַררוקט דאָס היטל אויף אַ זייט, רימענדיק זיך מיט זיין אויסהאַלטעוודיקייט אויף דער פראָסט. איינמאָל פאַרנאַכט איז ער אויך אַריינגעקומען צו די מעליעכאָווס. ער האָט מיטגעברענגט אין דער הייס־אָנגעהייצטער קיך אַריין דעם ריח פון פראָסט און אומפאַרגעסלעכן האַרבן דופט פון זעלנערישקייט. ער איז געזעסן אַ ווייַלע, געשמועסט וועגן דער מלחמה, וועגן די נייעסן פון כוטאָר, פאַרזשמורעט געקוקט אויף דאַריען מיט גרינע קאַמיש־אויגן און זיך געקליבן אַוועקצוגיין. דאַריאַ, וואָס האָט נישט אַראָפגענומען די אויגן פון מיליטערמאַן, האָט זיך אַ וויג געטון ווי דאָס פלעמל פון ליכט, ווען מיטקאַ האָט ביים אַוועקגיין פאַרמאַכט די טיר; פאַרפרעסנדיק די ליפן, האָט זי שוין געהאַט גענומען דאָס טוך אויף זיך, נאָר איליניטשנאַ האָט זי אַ פרעג געטון:

— וואו גייסטו דאָס, דאַשקאַ?

— איך דאַרף אַהינטערגיין...

— קום, איך גיי אויך.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געזעסן, נישט אויפהייבנדיק דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט. דאַריאַ איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אים צו דער טיר, פאַרבאָרגנדיק אונטער די אַראָפּגעלאָזטע וויעס דעם גלאַנץ פון אירע כיטרע אויגן; נאָך איר האָט, פרייכנדיק, זיך געקייקלט די שוויגער. מיטקאַ האָט אונטערגעהוסט און געסקריפּעט מיט די שטיוול ביים טירל, גערייכערט אין אַרבל אַריין. אויפן קלונג פון דער קליאַמקע האָט ער שוין געוואָלט צוגיין צום גאַנעק.

— דאָס ביסטו, מיטרי, ביסט אפשר פאַרבלאָנזשעט געוואָרן אויפן פרעמדן הויף? — האָט איליניטשנאַ גיפטיק זיך אָנגערופן. — דו פאַרמאַך נאָך דיר דאָס טירל אויפן ריגל, וואָרים דער ווינט וועט ביינאַכט קלאַפּן... זעסט סאַראַ ווינט עס איז...

— איך האָב מיך נישט פאַרבלאָנזשעט... איך וועל פאַר־מאַכן... — האָט מיטקאַ נאָך אַ ווײַלע שווייגן ברוגזדיק געזאָגט, און אַ הוסט טוענדיק, גלײַך איבער דער גאַס אַריבערגעגאַנגען צו אַניקושקעס הויף.

מיטקאַ האָט געלעבט מיט אַ פויגליש, זינגלאָז לעבן: אַבי היינט איז גוט — און אויף מאָרגן — זאָל גאָט זאָרגן. ער האָט לײַכט זיך באַצויגן צו דער דינסט, און נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין אומדערשראָקן האַרץ האָט האַסטיק געטריבן דאָס בלוט אין די אָדערן, האָט ער דאָך נישט באַזונדערס געזוכט קיין געלעגנהייט זיך אויסצוצייכענען, — דעריבער טאַקע איז זיין דינסט־בויגן געווען נישט געגנוג צופרידנשטעלנד: מיטקאַ איז צוויי מאָל געמשפּט גע־וואָרן — אַלס באַשולדיקטער אין פאַרגוואַלטיקן אַ פּאָלקע, אַ רו־סישע בירגערין, און פאַר רויבעריי; אין משך פון די דריי יאָר מלחמה איז ער אומצייליקע מאָל דיסציפּלינאַר באַשטראָפט גע־וואָרן; איינמאָל אפילו האָט דאָס מיליטערישע פעלד־געריכט איבער שיער נישט פאַראורטיילט צום שיסן, נאָר מיטקאַ האָט געקאָנט זיך אַרויסדרייען פון אַלע פּלאָנטערנישן, און כאָטש ער האָט אין פּולק מאָראַליש געהערט צו די לעצטע — האָבן אים דאָך די

קאָזאַקן ליב געהאַט פאַר זיין הייטערן כאַראַקטער, פאַר די אויס־געלאַסענע לידער (אויף דעם איז מיטקאַ געווען נישט קיין קליי־נער מייסטער), פאַר דער חברישקייט און פשוטקייט, און די אָפיצירן — פאַר דער רויבערישער דרייסטקייט. שמייכלענדיק, האָט מיטקאַ געשפרייזט איבער דער ערד מיט לייכטע וועלפישע פיס, ער האָט געהאַט אַ סך אין זיך פון דערדאָזיקער חיהשער נאַטור: אין וואַקלהאַפטן גאַנג — טריט נאָך טריט, אין קוקן פון אונטערן שטערן אַפער מיט די גרינע אַפּלען פון די אויגן; אפילו אין דער ווענדונג פון קאָפּ: מיטקאַ האָט קיינמאָל נישט געדרייט מיטן קאָנטוזירטן האַלז, — ער פלעגט זיך אויסדרייען מיט גאַנצן קערפּער, ווען ער האָט געדאַרפט זיך אומקוקן. איינגאַנצן צונויפ־געקניפּט פון שטייפע מוסקולן אויפן ברייטן סקעלעט, איז ער גע־ווען לייכט און קאַרג אין באַוועגונגען און עס האָט געווייעט פון אים מיט אַ האַרבן ריח פון געזונטקייט און קראַפט, — אַזוי שמעקט אַ שטיק טאָליק רוי־ערד, וואָס ווערט אויפגעגראָבן דורכן אַקער. דאָס לעבן איז געווען פאַר מיטקען נישט קאָמפּלי־צירט און פשוט, עס האָט זיך געצויגן פאַר אים ווי אַן אַקער־סטעזשקע, און ער איז געגאַנגען איבער דעם, ווי אַ פולבאַרעכ־טיקטער באַלעבאָס. אויך אַזוי פרימיטיוו־איינפאַך און נישט קאָמ־פּליצירט זענען געווען זיינע געדאַנקען: ביסט הונגעריק, — מעגסטו און דאַרפסט גנבענען אפילו ביי אַ חבר, און ער האָט געגנבעט, ווען ער איז געווען הונגעריק; די שטיוול האָבן זיך דיר צעריסן, — איז דאָס איינפאַכסטע אַראָפּצוציִען די שטיוול ביי אַ געפאַנגענעם דייטש; האָסט דיך פאַרשולדיקט, דאַרף מען אויס־קויפן די שולד, — און מיטקאַ האָט אויסגעקויפט: געגאַנגען אין אויסשפּירונג, געברענגט געפאַנגענע דורך אים האַלב־דער־שטיקטע דייטשישע וואַך־זעלנער, פרייוויליק געגאַנגען אויף די געפערלעכסטע אונטערנעמונגען. אין 1915־טן יאָר אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, צעשלאָגן און פאַרוואונדעט געוואָרן דורך שטילעטן, האָט ער ביינאַכט, צעברעכנדיק זיך ביזן וואָרצל די נעגל פון די פינגער, דורכגעלעכערט דעם דאַך פון דער שאַפּע

און אַנטלאָפן, מיטנעמענדיק צום אָנדענק אַ פערד־געשפּאַן פון טאַבאָר. דעריבער טאַקע האָט מען מיטקען אַ סך מוחל געווען.

אויפן זעקסטן מעת־לעת האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אַוועק־געפירט דעם זון קיין מילעראָווא, אים באַגלייט צו וואַגאָן, זיך צוגעקוקט, ווי עס קלאַפּן די בופאָרן פון די גרינע קאַסטנס, וואָס האָבן זיך דערוויטערט, און לאַנג געקריצט מיט'ן בייטש־שטעקן איבער די אָנגעשיטע שטיינדלעך פון דער פּלאַט־פאָרמע, נישט אויפהייבנדיק די אַראָפּגעלאָזטע פאַראומערטע אויגן. עס האָט געוויינט נאָכן זון לוקיניטשנאַ, עס האָט געזיפצט דער זיידע גרישאַקאַ, טרומייטערט מיט דער נאָז, שנייצנדיק אין דער האַנט אַריין, וואָס ער האָט אָפּגעווישט אָן דער פאַרפעצטער פּאָלע פון טשעקמען. עס האָט אויך געוויינט אַניקושקעס זעלנער־קע, דערמאַנענדיק זיך אָן מיטקעס גרויסן, ליידנשאַפטלעך־הייסן קערפּער און ליידנדיק פון טריפּער, מיט וועלכן דער מיליטערמאַן האָט זי מזכּה געווען.

די צייט האָט געפלאָכטן די טעג, ווי דער ווינט אַ פערי־דישע גריווע. פאַר ווייַנאַכט איז מיטאַמאָל ליִנד געוואָרן; אַ גאַנצן מעת־לעת איז געפאַלן אַ רעגן, פון באַרג ביים דאָן איז דאָס וואַ־סער אַראָפּגעפלאָסן אין שטראָמיקע טייכלעך; אויף די האַלב־אינזלען, וואָס זענען אַנטפּלעקט געוואָרן פון שניי, האָט זיך צע־גרינט דאָס פאַראַיאָריקע גראָז און דער מעך אויף די קרייד־שטיי־נער; די ברעגן פון דאָן האָבן אין די אויסבויגן זיך געשוימט, דאָס אייז האָט באַקומען אַ טויט־בלויע קאָליר און זיך אָנגעבלאָזן. אַ מאָדנע זיסן ריח האָט אַרויסגעגעבן פון זיך די אָפּגעדעקטע שוואַרץ־ערד. איבערן העטמאַנישן שליאַך, אין די פאַראַיאָריקע קאָליעס האָט דאָס וואַסער זיך געבלעזלט. פריש־איינגעפאַלענע, האָבן ווי מיט פּייטשע וואונדן געאָטעמט די ליימיקע יאַרן נאָכן כוטאָר. דער דרום־ווינט האָט פון טשיר אָנגעטראָגן שווערע ריחות פון פאַרפוילט גראָז, אין מיטאָג־צייט האָבן איבערן האָריזאָנט, ווי אין פרילינג, שוין געבלאָנזשעט בלויע, צאַרטע שאָטנס. אַרום

די בערגלעך אַש, וואָס זענען אויסגעשיט געווען ביי די פּאַרקנס פון כוטאָר, זענען געשטאַנען גערינצלטע קאַלוזשעס. אין די שייערס אַרום די סטויגן האָט די ערד אויפגעטייעט, עס האָט געצופּט אין דער נאָז פון דורכגייער די איבלדיקע זיסקייט פון אונטערגעפוילטן שטרוי. אין די טעג איז פון די שטרויענע דעכער מיט די אייז־צעפּלעך איבער די גזימסן פון די כאַטעס גערונען דאָס מיט דזשעגעכץ אָנגעזאַפּטע וואַסער, עס האָבן עקשנותדיק געשריגן די סראָקעס אויף די פּאַרקנס און, אויפגערודערט פון פריצייטיקן וועקן פון פרילינג, האָט גערעוועט דער געמיינשאַפטלעכער בוהיי, וואָס האָט געווינטערט אויפן הויף ביי מיראָן גריגאָריעוויטשן. ער האָט מיט די הערנער צעבומען די פּלעטלעך, זיך געריבן אָן דער דעמבענער, פון ווערים צעפרעסענער סאָכע, געטרייסלט מיט דער זיי״ענער פעל פון האַלז, צעטראַטעוועט דעם ווייכן, מיט וואַסער אָנגעזאַפּטן שניי אויפן הויף.

אויפן צווייטן טאָג פון ווייַנאַכט האָט דער דאָן גערירט. מיט אַ מעכטיק סקריפּען און גרילצן האָט אינמיטן זיך אַ לאָז געטון דער אייז־גאַנג. אויפן ברעג זענען ווי שלאָפנדיקע אויסטערלישע פיש אַרויסגעקראָכן אייז־קריִעס. אויף דער צווייטער זייט דאָן, אונטערגעטריבן דורכן כוואַליענדיקן צפון־ווינט, האָבן אין אומבאַוועגלעכן צעוויגטן אימפּעט זיך געטראָגן די טאָפּאָלעס.

ששששששוווו... — איז געשוואומען פון דאָרט אַ הייזעריק פאַרטייבט רוישן.

אָבער פאַרנאַכט האָט דער באַרג זיך צעהודזשעט, די קראָען אויפן מיידאַן האָבן זיך צעשריגן, פאַר מעליעכאָווס כאַטע האָט זיך פאַרבייגעקייקלט אַ חזיר מיטן אַ קלומפּן שטרוי אין פּיסק, און פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט באַשלאָסן: „אויס מיטן פרילינג, מאָרגן וועט נעמען אַ פּראָסט". ביינאַכט האָט דער ווינט זיך אויסגעדרייט, גענומען בלאָזן פון מזרח, אַ לייכט פרעסטל האָט מיט קריסטאָל־אייז פאַרלאַטעט די קאַלוזשעס, וואָס זענען צעריסן געוואָרן דורכן לינדן ' וועטער. אינדערפרי האָט שוין געבלאָזן אַ מאָסקווער ווינט, עס האָט אַ נעם געטון אַ פעסטע

פּראָסט. ווידער האָט זיך געשטעלט ווינטער. בלויז אינמיטן דאָן, דערמאַנענדיק אָן לינדן וועטער, זענען ווי גרויסע ווייסע בלעטער געשוואומען שטיקלעך קריִעס און אויפן בערגל האָט פּראָסטיק זיך געפּאַרעט די אויפגעטייעטע ערד.

באַלד נאָך ווייַנאַכט האָט דער שרייבער מיטגעטיילט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע, אַז ער האָט געזען גריגאָריען אין קאַמיענסקאָיע, און ער האָט אים געבעטן איבערצוגעבן די עלטערן, אַז ער וועט בקרוב קומען.

VII

מיט קליינע ברוינע הענט, פון הינטן באַוואַקסענע מיט שיטערע גלאַנציקע האָר, האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש מאָכאָוו געטאַפּט דאָס לעבן פון אַלע זייטן. טיילמאָל האָט עס זיך געשפּילט מיט אים, טיילמאָל געהאָנגען ווי אַ שטיין אויפן האַלז פון אַ דערטרונקענעם. פאַרשידנס האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, געווען אויפן פערד און אונטערן פערד. מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט נאָך געהאַנדלט מיט קאָרן, איז אים איינמאָל אויסגעקומען אויפצוקויפן פאַר מזומן געלט ביי די קאָזאַקן די תבואה און דערנאָך אַרויסצופירן נאָכן כוטאָר און אַריינשיטן אין שלעכטן יאַר פיר טויזנט פוד אויסגעוואַקסענעם ווייץ. ער האָט אויך געדענקט דאָס יאָר *1905*, — דעמאָלט האָט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט עמעצער פון די כוטאָר־לייט אויסגעשאָסן צו אים פון אַ שרויט־ביקס. מאָכאָוו האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און רייך געוואָרן, צום סוף צונויפגעשטעלט זעכציק טויזנט און זיי אַריינגעלייגט אין דער וואָלגע־קאַמסקער באַנק, אָבער פּאָרויס דערשמעקט, אַז עס רוקט זיך אומפאַרמיידלעך אָן אַ צייט פון גרויסער אויפטרייסלונג. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש האָט זיך געריכט אויף שוואַרצע טעג און נישט געהאַט קיין טעות: אין יאַנואַר פון זיבעצענטן יאָר

האָט דער לערער באַלאַנדאַ, וואָס איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן אויף טובערקולאָז, זיך געקלאָגט פאַר אים:

— די רעוואָלוציע איז אויף דער נאָז, און דו גייי שטאַרב אויף דער נאַרישסער און סענטימענטאַלסטער קרענק. ס'איז אַ פאַר־דראָס, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש! אַ פאַרדראָס נישט צו זען, ווי מען וועט זיך אַ נעם טון צו אייערע קאַפּיטאַלן און אייך פון דער וואַרעמער נעסט אַרויסטרייבן.

— וואָס איז דאָ אַזוי אַ פאַרדראָס?

— איר פרעגט ערשט? אַ קליין פאַרגעניגן וועט דאָס זיין צו זען, ווי אַלץ וועט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ איבערדרייען.

— אָבער ניין, ליבינקער מיינער! שטאַרב שוין בעסער דו היינט, — און איך מאָרגן! — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש גע־זאָגט מיט באַהאַלטענעם צאָרן.

שוין אין יאַנואַר האָבן געבלאָנזשעט איבער די כוטאָרס און סטאַניצעס די אָפּקלאַנגען פון די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין דער רעזידענץ וועגן ראַספּוטינען און דער קייסערלע־כער פאַמיליע, און אין פעברואַר האָט די ידיעה וועגן אַראָפּ־וואַרפן די זעלבסטהערשונג צוגעדעקט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן, ווי אַ נעץ דעקט צו אַ דראָפּ. די קאָזאַקן האָבן זיך באַצויגן צו דער ידיעה וועגן דער איבערקערעניש מיט איינגעהאַלטענעם אומרו און אָפּוואַרטונג. דעם טאָג האָבן ביז אָוונט פאַר מאָכאָווס פאַרמאַכטער קראָם זיך געזאַמלט אין קופּקעלעך אַלטע לייט און יונגע קאָזאַקן. דער אַטאַמאַן פון כוטאָר קיריושקאַ סאָלדאַטאָוו (דער פאַרטרעטער פון דערהרגעטן מאַניצקאָוו), אַ גרויסער געל־וואָנסיקער און עטוואָס שיקלדיקער קאָזאַק, האָט זיך געפּילט דערשלאָגן, אין היי־טערן שמועס, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן ביי דער קראָם, כמעט זיך נישט באַטייליקט, געבלאָנזשעט מיט די שיקלדיקע אויגן אי־בער די קאָזאַקן, פון צייט־צו־צייט בלויז אַריינוואַרפנדיק עטלעכע יאושדיקע ווערטער:

— מיר האָבן גוט אָנגעמאַכט!... נו, נו!... ווי אַזוי וועט מען אַצינד לעבן?...

סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש, דערזעענדיק דורכן פענסטער דעם פאַרזאַמלטן עולם ביי דער קראָם, האָט באַשלאָסן ארויסצוגיין זיך דורכשמועסן מיט די אַלטע. ער האָט אָנגעטון דאָס פוטער און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן ברוינעם שטעקן מיט די באַשיידענע זילבערנע איניציאַלן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן פּראָנט-גאַנעק. פון לעבן דער קראָם האָט זיך געטראָגן אַ רוישיק געריעדריי.

— נו, פּלאַטאָניטש, דו ביסט דאָך עפּעס אַ מענטש וואָס קען לייענען, דערצייל אונז וואָס און ווי אַזוי עס וועט אַצינד זיין? — האָט מאַטוועי קאַשולין געזאָגט, דערשראָקן שמייכלענדיק, און קרומע קנייטשלעך האָבן זיך פאַרצויגן אַרום זיין געפּרוירענער נאָז.

אויף דער באַגריסונג פון סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן האָבן די אַלטע מיט דרך-ארץ אַראָפּגענומען די היטלען, זיך צערוקט, געמאַכט אַן אָרט אינמיטן.

— אָן אַ צאַר וועלן מיר לעבן... — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש אַרויסגעזיגן.

די אַלטע האָבן אַלע אינאיינעם אָנגעהויבן רעדן.

— וואָס הייסט דאָס אָן אַ צאַר?

— אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון צאַרן, און אַצינד איז קיין צאַר שוין נישט נייטיק?

— נעם אַראָפּ דעם קאָפּ — וועלן די פיס אָן אים נישט לעבן.

— וואָס-זשע פאַר אַ מאַכט וועט זיין?

— דו, פּלאַטאָניטש, באַהאַלט דיך נישט! רעד מיט אונז אָפן — וואָס האָסטו מורא?

— ער ווייסט אפשר אַליין נישט, — האָט אָוודעיטש ברעך אַ שמייכל געטון, און פון דעם שמייכל זענען די לעכעלעך אין זיינע ראָזע באַקן נאָך טיפער געוואָרן.

סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש האָט טעמפּ אַ קוק געטון אויף זיינע גאָמענע אָפּגעטראָגענע באָטן און געזאָגט, מיט ווייטיק אויסשפּייענדיק די ווערטער:

— די מלוכה־דומע וועט רעגירן. אַ רעפּו־בליק וועט ביי אונז זיין.

— זיך דערשפּילט, דער טייוול זאָל עס נעמען!

— ווען איך האָב אין די צייטן פון פאַרשטאָרבענעם אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן געדינט... — האָט אַוודעיטש אָנגעהויבן, נאָר דער בייזער אַלטער באָגאַטירעוו האָט אים שטרענג איבער־געשלאָגן:

— שוין געהערט! נישט וועגן דעם שמועסט מען אַצינד.

— איז, הייסט דאָס, אַ סוף צו די קאָזאַקן?

— מיר מאַכן דאָ שטרייקן, און דער דייטש וועט דערוויילביז צו סאַנקט־פּעטערבורג זיך דערקלויבן.

— אויב גלייכהייט — הייסט דאָך, אַז מען וויל אונז מיט די פּויערים אויסגלייכן...

— איידער וועסט זיך אומקוקן, וועט מען אויך צו דער ערד זיך דערקלויבן...

סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש האָט מיט אַ געניייטן שמייכל באַ־טראַכט די צערודערטע פּנימער פון די אַלטע, אויף דער נשמה איז אים געוואָרן וויסט און פינסטער. ער האָט, ווי געוויינטלעך, צענומען זיין קאַשטאַן־באָרד, אָנגעהויבן רעדן און זיך בייזערן, אַליין נישט וויסנדיק אויף וועמען:

— אָט, אַלטיטשקע, צו וואָס מען האָט דערפירט רוסלאַנד. מען וועט אייך אויסגלייכן מיט די פּויערים, צונעמען ביי אייך די פּריווילעגיעס, און נאָך אַלטע חטאים דערמאָנען. שווערע צייטן קומען אָן... אָפּהענגיק פון דעם, אין וועמענס הענט די מאַכט וועט אַריינפאַלן, וואָרים זיי קאָנען נאָך צום פולשטענדיקן אומקום דערפירן.

— מיר וועלן לעבן — וועלן מיר זען! — באָגאַטירעוו האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געקוקט מיט אומצוטרוי פון אונ־טער די צויטיקע ברעמען אַפער אויף סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן. — דו, פּלאַטאָנאָוויטש, ציסט אין דיין זייט אַריין, און אונז וועט פון דעם נאָך אפשר בעסער ווערן?...

— מיט װאָס װעט איך בעסער װערן? — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָװיטש גיפּטיק געפרעגט.

— די נייע מאַכט װעט אפשר די מלחמה פאַרענדיקן... עס קאָן דאָך זיין אַזוי? האַ?

סערגיי פּלאַטאָנאָװיטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און מיט אַ געעלטערטן גאַנג אַװעקגעהינקט צו זיין בלוי־געפאַרבטן גאַנעק. ער איז געגאַנגען, צװואָרפן טראַכטנדיק װעגן געלט, װעגן דער מיל און פאַרערגערטן האַנדל, זיך דערמאַנט, אַז עליזאַװועטע איז אַצינד אין מאָסקװע און װלאַדימיר דאַרף איניכן קומען פון נאָװאָטשערקאַסק. דאָס טעמפּע געפיל פון אומרו װעגן די קינדער האָט נישט געשטערט דעם כאַאָטישן פלאָנטערן זיך פון די געדאַנקען. אַזוי איז ער צוגעקומען צום גאַנעק, פילנדיק, אַז דאָס לעבן האָט דעם טאָג עפּעס פלוצלינג אָפּבליאַקירט און אפילו ער אַליין האָט אויך פון די נאָגנדיקע מחשבות אַזוי װי אינערלעך אָפּבליאַקירט. אַ זויערן טעם פון זשאַװער האָט אַרויסגערופן אין מויל דער צופלוס פון שפייעכץ. זיך אומקוקנדיק אויף די אַלטע ביי דער קראָם, האָט סערגיי פּלאַטאָנאָװיטש אַ שפּיי געטון איבערן געשניצטן פאָרענטש פון גאַנעק און איבער דער טעראַסע אַװעקגעשליאָפּעט אין צימער אַריין. אַננאַ איװאַנאָװנאַ האָט באַגעגנט דעם מאַן אין עסצימער, זיך אַ גליטש געטון, װי געװיינטלעך, מיטן גלייכגילטיקן בליק פון די פאַרבלאָזע אויגן איבער זיין פּנים און געפרעגט:

— װעסט פאַר דער טיי עפּעס צובייסן?

— װי דאַרט! צובייסן!? — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָװיטש נמאסדיק מיט דער האַנט אַ מאַך געטון.

ביים אויסטון זיך האָט ער אַלץ נאָך געפילט דעם טעם פון זשאַװער אין מויל און אַן אומבאַהאָלפענע טויבע פוסטקייט אין קאָפּ.

— אַ בריװ פון ליזען.

אַננאַ איװאַנאָװנאַ, אַ דיקע און צעװירענע, איז אַריינגעקומען אין שלאָפצימער מיט אַן איילִיק־שלײַפענדיקן גאַנג (אַזוי איז

זי תּמיד געגאַנגען פֿון ערשטן טאָג אָן פֿון דער חתונה, פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט אַרום דער גרויסער באַלעבאַטישקייט) און אַריינגעבראַכט דעם אויפֿגעריסענעם קאָנווערט.

„דאַכט זיך, אַ פּוסט און נאַריש מיידל", — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש דאָס ערשטע מאָל אַזוי אַ טראַכט געטון וועגן דער טאָכטער, פֿאַרקרימענדיק די נאָז פֿון פּערפֿום־ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון קאָנווערט. דער אַלטער האָט נאָכלעסיק איבערגעלייענט דעם בריוו, איבער עפּעס זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן וואָרט „שטימונג" און לאַנג געקלערט, פּרוּוונדיק דערגיין דעם באַהאַלטענעם זין דערפֿון. צום סוף בריוו האָט עליזאַוועטאַ געבעטן צו שיקן איר געלט. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש, נאָך אַלץ פּילנדיק די נאָגנדיקע פּוסטקייט אין קאָפּ, האָט איבערגעלייענט די לעצטע שורות. אים האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרגלוסט שטיל צו וויינען. דאָס לעבן, וואָס האָט זיך געשטעלט קאַפּויער, האָט אין דעם מאָמענט אים געוויזן ווי ליידיק עס איז.

„זי איז מיר פֿרעמד, — האָט ער וועגן דער טאָכטער געטראַכט. — און איך בין איר פֿרעמד. דאָס פֿאַמיליען־געפֿיל איז איר נאָענט בלויז אויף אַזוי פֿיל — אויף וויפֿיל זי נייטיקט זיך אין געלט... אַן אויסגעלאַסענע מויד, האָט געליבטע... און קליינערהייט איז זי געווען אַזאַ בלאָנדע און אייגענע... גאָט מיינער! ווי אַלץ ענדערט זיך!... איך בין ביז אויף דער עלטער געבליבן אַ שוטה, געגלייבט אין עפּעס אַ בעסער לעבן אין דער צוקונפֿט, און אין דער אמתן איינזאַם געבליבן, ווי אַ פֿאַרוואָרפֿענע קאַפּליצע... מיט נישט ערלעכע מיטלען רייך געוואָרן, — מיט ערלעכע קאָן מען טאַקע נישט רייך ווערן! — אָפּגעטון מיאוסע זאַכן, געלעבט ווי אַ קמצן, און אָט אַצינד איז אַ רעוואָלוציע, און מאָרגן קאָנען מיך מיינע דינער פֿון הויז אַרויסוואַרפֿן... קיין שום זאַך האָט קיין ווערט נישט!... און די קינדער? וולאַדימיר איז אַ נאַר... אָבער וואָס איז דער חילוק? אַלץ איינס, כ'לעבן..."

צוליב עפּעס אַן אומגעלומפּערטן צוזאַמענהאַנג האָט זיך אים דערמאַנט אַן אַלטער פֿאָרפֿאַל אין מיל: אַ קאָזאַק, וואָס איז גע-

קומען מאָלן, האָט אָנגעמאַכט אַ געררודער צוליבן פעלן צו דער וואָג נאָכן אָפּמאָלן, און זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן; ער, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש, האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. דערהערנדיק דאָס געררודער, איז ער אַרויסגעקומען געוואויר ווערן אין וואָס עס האַנדלט זיך, און באַפוילן דעם מענטש פון דער וואָג און די מילנערס נישט אַרויסצוגעבן דאָס אָפּגעמאָלענע מעל. דאָס קליינע נעבעכדיקע קאָזאַקל האָט געשלעפּט דעם זאַק ביים צונויפגעבונדענעם שפּיץ צו זיך, דער מילנער, דער פעסטגעבויטער, ברייט־פּלייציקער זאַוואַר — צו זיך. איז געשען אַזוי, אַז דער קאָזאַק האָט אַ שטופּ געטון דעם מילנער, און דער מילנער האָט זיך פאַרמאַסטן און דערלאַנגט דעם קאָזאַק מיט דער גרויסער צונויפגעדריקטער פויסט איבער דער שלייף. דאָס קאָזאַקל איז אומגעפאַלן, דערנאָך אויפגעשפּרונגען, אויף די פיס, זיך וואַקלענדיק; אויף זיין שלייף האָט זיך געצען אַ בלוטנדיקע וואונד. ער האָט געמאַכט אַ טריט צו סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן און מיט אַ שלוכצנדיק קול פאַרשטיקט אַרויסגעשעפּטשעט:

— נעם דיר דאָס מעל! פרעס דיך אָן דערמיט! — און ער איז אַרויסגעגאַנגען, צוקנדיק מיט די אַקסלען.

אָן מינדסטן קלאָרן צוזאַמענהאַנג האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן זיך דערמאַנט אָן דאָזיקן פאַרפאַל און מיט וואָס ער האָט זיך פאַרענדיקט: דעם קאָזאַקלס ווייב איז געקומען בעטן מען זאָל איר אָפּגעבן דאָס מעל; נייטנדיק זיך אַרויסצוקוועטשן טרערן, האָט זי געזוכט מיטלייד ביי די מענטשן פון דער וואָג און איינגעטענהט:

— ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, גוטע מענטשן? צי איז דאָס רעכט אַזוי? גיט מיר אָפּ דאָס מעל!

— גיי, גיי, מומע, מיט גוטן, וואָרים אַז נישט, וועל איך דיר די קודלעס אויסרייסן, — האָט זאַוואַר פון איר חוזק געמאַכט.

עס איז געווען נישט אָנגענעם און איבער דער טבע צו זען, ווי אַזוי דער אַרבעטער פון דער וואָג וואַלעט, אויך אַזאַ

שוואַכער און נידעריק־געוואַקסענער, ווי יענץ קאָזאַקל, האָט זיך געכאַפּט שלאָגן מיט זאַוואַרן, און דערנאָך, אַ שטאַרק צעשלאָגענער, געקומען בעטן אַ חשבון און זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. דאָס אַלץ איז שנעל דורכגעפלויגן אין רעיון פון סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן, בשעת ער האָט צונויפגעלייגט דעם איבערגעלייענטן בריוו, קוקנדיק פאַר זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

דערדאָזיקער טאָג האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טיפע דריקנדיקע ווייטיק. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש איז ביינאַכט געשלאָפן אומרויִק, זיך געדרייט אויפן געלעגער, באַהערשט פון כאַאָטישע געדאַנקען און אומקלאָרע פאַרלאַנגען; ער איז איינגעשלאָפן נאָך האַלבער נאַכט, און אינדערפרי, הערנדיק, אַז קיין יאַגאָדנאָיע איז פון פראָנט צום פאָטער געקומען יעווגעני ליסטניצקי, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אַהין, כּדי זיך דורכצושמועסן, אויפקלערן די אמתע לאַגע און אַראָפּנעמען פון דער נשמה דעם שלייער פון אומרויִקע פאָרגעפילן. עמעליאַן, זייגנדיק פון ליולקעלע, האָט איינגעשפּאַנט דעם מאַשטאַק אין שטאָטישן שליטן און אַוועקגעפירט דעם באַלעבאָס קיין יאַגאָדנאָיע.

איבערן כוטאָר איז ווי אַ ציִיטיקער מאָרעל פון אָראַנזשקאָליר געהאָנגען די זון, אונטער איר און איבער איר האָבן געטליִעט רויִכיקע וואָלקנס. די שאַרפע פראָסטיקע לופט איז דורכגעזאַפּט געווען מיט אַ ריח פון זאַפטיקע פרוכטן. אונטער די קאָפּיטעס פון מאַשטאַק האָט זיך געבראָכן דאָס דינע אייז פון די קאַלוזשעס אויפן וועג. דער ווינט האָט צוריקגעטריבן די פאַרע פון פערדס נאָזלעכער, זי אָפּגעזעצט אין טוי־געפריר אויף דער גריווע. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש, באַרויִקט פון שנעלן פאָרן און פון דער קעלט, האָט אונטערגעדרימלט, זיך געוויגט, געריבן מיט דער פּלייצע אָן טעפּיך, מיט וועלכן דער אָנלען פון שליטן איז איבערגעדעקט געווען. און אויפן פּלאַץ פון כוטאָר האָבן זיך געטונקלט די טולופּס פון דער מחנה פאַרזאַמלטע קאָזאַקן און איינגעטוליעטע באַבעס אין די דאָנער שובעס מיט די אַרומגעזוימטע טונקל־ברוינע ווידרע־קעלנער, וואָס זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט ווי שעפּסן.

אינמיטן דער מחנה האָט דער לערער באַלאַנדאַ, מיט אַ טיכל ביים גרין-געוואָ׳רענעם מויל און אַ רויטער באַנד אין דער לאַץ פון פעלצל, הייס געבלישטשעט מיט די אויגן און גערעדט:

— ...ווי איר זעט, איז געקומען אַ סוף צו דער פאַרשאָלטענער זעלבסטהערשונג! אַצינד וועט מען שוין אייערע זין נישט שיקן איינשטילן מיט נאַהייקעס די אַרבעטער, עס האָט זיך געענדיקט אייער שענדלעכע דינסט פאַרן קייסער, דעם בלוט-זויגער. די גרינדונג-פאַרזאַמלונג וועט זיין דער באַלעבאָס פון נייעם פרייען רוסלאַנד. זי וועט באַווייזן אויפצובויען אַן אַנדער, אַזוי צו זאָגן, ליכטיק לעבן!

פון הינטן האָט אים געריסן ביי די פאָלבן פון פעלצל זיין מיטוואוינערין, תחנונימדיק געשעפטשעט:

— מיטיאַ, הער אויף! פאַרשטיי, אַז דאָס איז פאַר דיר שעדלעך! דו טאָרסט נישט! דו וועסט ווידער האָבן אַ בלוט-שטורץ... מיטיאַ!

די קאָזאַקן האָבן אויסגעהערט באַלאַנדען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אונטערגעהוסט, באַהאַלטנדיק דאָס שמייכלען. די רעדע האָט מען אים דאָך נישט געלאָזט פאַרענדיקן. אַ מיטפילנדיק קול פון די ערשטע רייען האָט מיט אַ באַס אַרויסגעזאָגט:

— דאָס נייע לעבן וועט, אפשר, זיין אַ ליכטיקס, אָבער דו, האַרצינקער, וועסט שוין נישט דערציִען. וואָלסט אַצינד אַהיימגעגאַנגען, די לופט איז שוין צו שאַרף אינדרויסן...

באַלאַנדאַ האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן די נישט פאַרענדיקטע פראַזע און, אַן אויסגעשעפּטער, אַרויסגעגאַנגען פון דער מחנה.

קיין יאַגאָדנאַיע איז סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש אָנגעקומען אינמיטן טאָג. עמעליאַן האָט צוגעפירט דעם מאַשטאַק ביי דער צוים צום געפלאָכטענעם זשלויב ביי דער פערד-שטאַל, און בשעת דער באַלעבאָס איז אַרויסגעקראָכן פון שליטן און, פאַרשאַרצנדיק די פאָלע פון טולופּ, אַרויסגענומען דאָס נאָז-טיכל, האָט ער באַוויזן אויסצוקעלדזשען דאָס פערד און איבערדעקן עס מיט דער דערע. ביים גאַנעק האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן באַגעגנט אַ הויכער

גרוילעכער, געל־געפלעקטער כאַרט. ער איז אויפגעשטאַנען קעגן פרעמדן, זיך אויסציענדיק אויף די לאַנגע אָדערדיקע פיס און אַ גענעץ געטון; נאָך אים האָבן מיט דער זעלבער פוילקייט זיך אויפגעהויבן אויך די איבעריקע הינט, וואָס זענען, ווי שוואַרצע קנופּן, געלעגן אין דער זייט פון גאַנעק.

„דער טייוול זאָל זיי נעמען, וויפיל זיי זענען דאָ!״... סערגיי פלאַטאָנאָוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק און אַרויפגעגאַנגען הינטערווײַלעכטס אויף די שטיגעלעך.

אין טרוקענעם ליכטיקן פאָרהויז האָט זיך געפילט אַ שווערער ריח פון הינט און עסיק. איבער אַ קאַסטן, אויף אַ ברייטן הענגער פון הירשן־הערנער זענען געהאָנגען אַ קאַראַקולענע אָפּיצירישע פאַפּאַכע, אַ באַשליק מיט אַ זילבערן טרעלזועלע און אַ בורקע. סערגיי פלאַטאָנאָוויטש האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם, און אים האָט זיך אַ רגע געדאַכט, אַז עמעצער, אַ האָריקער, אַ שוואַרצער שטייט אויפן קאַסטן מיט פאַרהויבענע אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט אויף עפּעס. פון אַ זייטיק צימער איז אַרויסגעקומען אַ דיקע שוואַרץ־אויגיקע פרוי. זי האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט סערגיי פלאַטאָנאָוויטשן, וואָס האָט זיך אויסגעטון, און געפרעגט, נישט ענדערנדיק דעם ערנסטן אויסדרוק אויף איר טונקל־ברוין שיין פּנים;

— איר דאַרפט צו ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטשן? איך וועל גלייך מעלדן.

זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין זאַל, נישט אָנקלאַפּנדיק, פעסט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אין דער דיקער שוואַרץ־אויגיקער שיינער פרוי האָט סערגיי פלאַטאָנאָוויטש קוים דערקענט אַקסיניאַ אסטאַכאָוואַ. זי האָט אים גלייך דערקענט, פעסטער צונויפגעדריקט די קאַרשן־ליפּן, געגאַנגען, האַלטנדיק זיך אומנאַטירלעך גלייך, קוים באַוועגנדיק מיט די נאַקעטע מאַטע אָרעמס. אין אַ מינוט אַרום איז באַלד נאָך איר אַליין אַרויסגעקומען דער אַלטער ליסטניצקי. ער האָט אין דער מאָס העפלעך געשמייכלט, גנעדיק אַ זאָג געטון מיט אַ באַס:

— אָ! ווּעמען זע איך! דורך וואָס פאַר אַ צופאַל? ביטע... — ער האָט זיך אָפּגערוקט, איינלאַדנדיק מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט דעם גאַסט אין זאַל אַריין.

סערגיי פלאַטאָנאָוויטש האָט זיך פאַרנייגט מיט יענער חשיבותדיקער מאַניער, וועלכע ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט דערוואָרבן אין דער באַציִונג צו גרויסע מענטשן; ער איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל. אים איז אַקעגנגעקומען, מיט פאַרזשמורעטע אויגן אונטער די פענסנע, יעווגעני ליסטניצקי.

— דאָס איז אויסגעצייכנט, ליבער סערגיי פלאַטאָנאָוויטש! זייט באַגריסט. וואָס־זשע, איר עלטערט זיך טאַקע? האַ?

— גייט שוין, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש! איך האָף נאָך אייך איבערצולעבן. און וואָס מאַכט איר? געזונט און קיין נעגעלע נישט גערירט!

יעווגעני האָט געשמייכלט, בלישטשענדיק מיט די גאָלדענע קאַראָנעס פון די ציין, און אונטער דער האַנט צוגעפירט דעם גאַסט צו אַ פאָטעל. זיי האָבן זיך געזעצט ביי אַ קליין טישל, זיך דורכגעוואָרפן מיט נישט וויכטיקע פראַגן און נאָכגעזוכט אויף די פנימער די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען זינט זייער לעצטער באַגעגעניש. דער פריץ איז אַריינגעקומען נאָכדעם ווי ער האָט פאַראָרדנט צו דערלאַנגען טיי. די גרויסע געבויגענע ליולקע צווישן זיינע ציין האָט זיך גערויכערט. ער איז שטיין געבליבן לעבן פאָטעל פון סערגיי פלאַטאָנאָוויטשן, אַרויפגעלייגט די זקניש־קנאָכיקע גרויסע האַנט אויפן טיש און געפרעגט:

— ווי זעט אויס ביי אייך אין כוטאָר? איר האָט געהערט... שיינע נייעסן קומען אָן?

סערגיי פלאַטאָנאָוויטש האָט אַ קוק געטון פון אונטן אַרויף אויף די געגאָלטע פאַלבן פון גענעראַלס גוידער און אָפּגעזיפצט.

— ווי אַזוי קאָן מען נישט הערן!...

— מיט וואָס פאַר אַ פאַטאַלער געזעצמעסיקייט עס איז געגאַנגען צו דעם... — דער גענעראַל האָט אַ ציטער געטון מיטן גאָרגל־קנאָפּ און אַראָפּגעשלונגען אַ ביסל רויך. — איך האָב דאָס

פאַרגעזען נאָך אין אָנהייב מלחמה. וואָס־זשע דען... די דינאַסטיע איז געווען פאַראורטיילט. איך האָב מיך נאָר־וואָס דערמאָנט אָן מערעזשקאָווסקין... געדענקסט, יעווגעני ? — „פּיאָטר און אַלעקסעי". דער פירשט אַלעקסעי זאָגט דאָרט נאָך די טאָרטורן צום פאָטער: „מיין בלוט וועט פאַלן אויף דיינע נאָכפאָלגער"...

— מיר וויסן דאָך קיין זאַך נישט אויף קלאָר, — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש אויפגערעגט אָנגעהויבן; ער האָט זיך אַ דריי געטון אין פאָטעל, פאַררייכערט און ווייטער גערעדט: — קיין צייטונגען דערהאַלטן מיר שוין נישט אַ גאַנצע וואָך. די סאַמע אומגלויבלעכסטע קלאַנגען, אַ צעמישונג. אַן אומגליק, באמנות! איך האָב געהערט, אַז יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש איז געקומען אויף אורלויב, האָב איך באַשלאָסן אַהערצופאָרן צו אייך, זיך אויספרעגן, וואָס דאָרט קומט פאָר, אויף וואָס מען קאָן זיך ריכטן.

יעווגעני האָט שוין אָן אַ שמייכל אויפן ריין־ראַזירטן קלאָרן פּנים דערציילט:

— גרויליקע געשעענישן... די סאָלדאַטן, בוכשטעבלעך אַלע, זענען דעמאָראַליזירט, ווילן נישט מלחמה האַלטן — זענען מיד געוואָרן. אייגנטלעך איז שוין דאָס יאָר נישט געווען קיין סאָלדאַטן אין אַלגעמיין אָנגענומענעם זין פון דעם וואָרט. די סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין רויבער־באַנדעס, הפקרדיקע און ווילדע. אָט דער פאָטער, למשל... ער קאָן זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, צו וואָסער מדרגה פון פונאַנדערפאַל עס איז דערגאַנגען אונזער אַרמיי... מען גייט אייגנוויליק אַוועק פון די פּאָזיציעס, מען באַרויבט און דערהרגעט די איינוואוינער, מען דערהרגעט די אָפיצירן, מען ווערט מאַראָדערן... נישט אויספירן אַ מיליטערישן באַפעל — איז אַצינד אַ געוויינטלעכע זאַך.

— דער פיש שטינקט פון קאָפּ, — האָט דער אַלטער ליסטניצקי צוזאַמען מיטן רויך אַרויסגעשטויסן אַ פראַזע.

— איך וואָלט דאָס נישט געזאָגט, — יעווגעני האָט זיך פאַרקרימט, זיין אָדערדיקע וויִע האָט נערוועז אַ צוק געטון: —

איך קאָן דאָס נישט זאָגן... די אַרמיי פֿוילט פֿון אונטן, די באָלשעוויקעס דעמאָראַליזירן זי. אפֿילו די קאָזאַקישע טיילן, באַזונדערס יענע, וואָס זענען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט דער אינפֿאַנטעריע, זענען אויך נישט מאָראַליש שטאַנדהאַפֿטיק. שרעקלעכע פֿאַרמאַטערטקייט און בענקשאַפֿט נאָך די היימישע כאַטעס... און דאָ קומען נאָך צו די באָלשעוויקעס...

— וואָס ווילן זיי, — האָט סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש נישט אויסגעהאַלטן.

— אָ... — ליסטניצקי האָט אַ שמייכל געטון, — זיי ווילן... דאָס איז ערגער פֿון כאָלערע־באַצילן! ערגער דערפֿאַר, וואָס זיי קלעבן זיך לייכטער צו צום מענטש און דרינגען אַריין אין דער סאַמער געדיכטעניש פֿון די זעלנערישע מאַסן. איך רעד וועגן דער אידעע. דאָ וועסטו שוין מיט קיין שום קוואַראַנטין זיך נישט דאַטעוועון. צווישן די באָלשעוויקעס זענען אָן ספֿק דאָ טאַלענטירטע מענטשן, מיט טייל איז מיר אויסגעקומען זיך צונויפֿצוטרעפֿן, עס זענען דאָ פּשוט פֿאַנאַטיקער, נאָר די גרעסטע מערהייט באַשטייט — פֿון הפֿקרדיקע, אוממאָראַלישע פֿאַרשוינען. דידאָזיקע אינטערעסירט נישט דער תּוך פֿון דער באָלשעוויסטישער לערע, נאָר בלויז די מעגלעכקייט צו ראַבעווען, אַוועקצוגיין פֿון פֿראָנט. זיי ווילן פֿריער פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט, אויף די ערשטע בעסטע באַדינגונגען פֿאַרענדיקן, ווי זיי דריקן זיך אויס, „די אימפּעריאַליסטישע מלחמה", אפֿילו מיטן וועג פֿון אַ סעפּאַראַטן שלום, די ערד — איבערגעבן די פּויערים, די פֿאַבריקן — די אַרבעטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פּונקט אַזוי אוטאָפּיש, ווי נאַריש, אָבער מיט אַזאַ פּרימיטיוו געווינט מען די גינציקייט פֿון ייי סאָלדאַטן.

ליסטניצקי האָט גערעדט מיט איינגעהאַלטענעם ווילדן צאָרן. ער האָט זיך געשפּילט צווישן די פֿינגער מיטן מונדשטוק פֿון העלפֿאַנט־ביין. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש האָט זיך צוגעהערט, אויסגעבויגן פֿאָרויס, ווי גרייט אויפֿצושפּרינגען. דער אַלטער ליסט־

ניצקי האָט זיך געדרייט איבערן זאַל, שאָרכנדיק מיט די שוואַרצע האָריקע שטעק-שיך, בײַסנדיק די גרין-גרויע וואָנסע.

יעווגעני האָט דערציילט, ווי ער איז נאָך פאַר דער איבער-קערעניש געווען צו אַנטלויפן פון פולק אויס מורא פאַר דער נקמה פון די קאָזאַקן; וועגן די געשעענישן אין פעטראָגראַד, וועלכע ער האָט בײַגעוואוינט.

דער שמועס איז אויף אַ רגע פאַרשוויגן געוואָרן. דער אַלטער ליסטניצקי האָט אַ קוק געטון סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן אין די אויגן אַריין און געפרעגט:

— וואָס-זשע, וועסט קויפן דעם גרויען, דעם, וואָס האָסט באַקוקט אין האַרבסט — דעם זון פון דער „באָיאַריניע״?

— ווער האָט דאָס אין זינען אַצינד, ניקאָלאַי אַלעקסעיע-וויטש? — מאָכאָוו האָט נעבעכדיק זיך פאַרקרימט און הילפלאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

אין צימער פון דער דינערשאַפט האָט דערוויַיל עמעליאַן זיך אָנגעוואַרעמט, געטרונקען טיי, מיט אַ רויט טוך זיך געווישט דעם שווייס פון די באַקן, רויטע ווי באָרקעס, דערציילט וועגן כוטאָר און פאַרשידענע נײַעסן. אַקסיניאַ איז געשטאַנען בײַם בעט, אָנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט אָן געשניצטן קאָפּשטיק, זיך געטוליעט אין וואָלענעם טוך.

— אונזער כאַטע האָט שוין געמוזט אײַנפאַלן? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, פאַרוואָס האָט זי געזאָלט אײַנפאַלן — זי שטייט! ס׳וועט איר גאָרנישט געשען, — האָט עמעליאַן געענטפערט, פײַ-לעך אויסציענדיק די ווערטער.

— און די שכנים אונזערע, די מעליעכאָווס, ווי גייט עס?

— נישקשה.

— פּיעטראָ איז נישט געקומען אויף אורלויב?

— דאַכט זיך, נישט געקומען.

— און גריגאָרי?... גרישקאַ זייערער?

— גרישקאַ איז געקומען נאָך ווײַנאַכט. זיין ווייב האָט דאָס

יאָר אַ צווילינג געבוירן... אוודאי... גריגאָרי איז געקומען, ווייל ער איז פאַרוואונדעט געווען.

— ער איז פאַרוואונדעט געווען?

— אוודאי! אין דער האַנט. ער איז אַזוי צעהורגט געוואָרן, ווי אַ הונט אין אַ געשלעג: מען ווייסט נישט וואָס ער האָט מער אויף זיך: קרייצן, צי העפטן.

— ווי־זשע זעט ער אויס, גרישקאַ? — האָט אַקסיניאַ מיט אַ פאַרשטיקט־ספּאַזמאַטישן שלוכץ געפרעגט און אַ הוסט געטון, באַמיִענדיק זיך צו באַהערשן איר געבראָכן קול.

— ווי ער האָט אויסגעזען... שוואַרץ, די נאָז געהאָרבעט. אַ טערק פון טערקן־לאַנד, ווי דער שטייגער איז.

— נישט דאָס פרעג איך... ער איז עפּעס געעלטערט געוואָרן?

— אַ די טשומע ווייסט אים: אפשר איז ער אַ ביסל געעלטערט געוואָרן. דאָס ווייב האָט אים אַ צווילינג געבוירן, — הייסט עס דאָך, אַז ער איז נישט שטאַרק געעלטערט געוואָרן.

— דאָ איז י ע צ ט קאַלט, — האָט אַקסיניאַ געזאָגט, אויפשוידערנדיק מיט די פּלייצעס, און אַרויסגעגאַנגען.

עמעליאַן האָט זי באַגלייט מיט די אויגן, זיך אָנגיסנדיק דאָס אַכטע טעפּעלע, און באַמעלעך געזאָגט, איבערשטעלנדיק די ווערטער, ווי אַ בלינדער די פיס.

— אַ גנידע אַן עקלהאַפטע, אַ שטינקענדיקע, וואָס קיין ערגערס איז שוין נישטאָ! ווי לאַנג איז, אַז זי איז איבערן כוטאָר אַרומגעלאָפן און מיט די קינדער זיך געשפּילט, און היינט זאָגט זי שוין נישט „איצט", נאָר „י ע צ ט"... אומווירדיק זענען מיר אַזעלכע באַבעס. איך וואָלט זיי, די נבלות... גזע שלאַנגישע! ווער עס קוקט זי נישט אָן... „דאָ איז י ע צ ט קאַלט"... אַזאַ ראַצערין אַ קאָבילע! טפו!

אַן אָנגעברוגזטער, האָט ער נישט אויסגעטרונקען ביזן סוף דאָס אַכטע טעפּעלע, זיך אַפּערגערוקט, איבערגעצלמט, טראָציק

אומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַרויסגעגאַנגען, בכּיוון אויסשמירנ־דיק דעם געפאַרבטן דיל מיט די בלאָטיקע שטיוול.

דעם גאַנצן וועג צוריק איז ער געווען אָנגעכמורעט, ווי דער באַלעבאָס. דעם כּעס, וועלכן אַקסיניאַ האָט אַרויסגערופן, האָט ער אויסגעלאָזט צום מאַשטאַק, שמייסנדיק אים מיט דער שפּיץ בייטש איבער די שאַנד־ערטער און רופנדיק אים מיט די צונעמען „שלעפּער" און „הינקענדיקער". ביזן סאַמע כוטאָר האָט עמעליאַן קעגן זיין געוואוינהייט זיך נישט דורכגעוואָרפן מיטן באַלעבאָס אפילו מיט קיין איין וואָרט. די אָנגעשראָקענע שטיל־קייט האָט אויך אָפּגעהיטן סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש.

VIII

די ערשטע בריגאַדע פון איינער פון די אינפאַנטעריע־די־וויזיעס, וואָס האָט זיך געפונען אין רעזערוו פון דרום־מערבדיקן פראָנט, מיטן צוגעטיילטן צו איר 27־סטן דאָנער קאָזאַקן־פּולק, האָט מען פאַר דער פעברואַר־איבערקערעניש אַראָפּגענומען פון פראָנט מיטן ציל איבערצוּוואַרפן זי אין ראַיאָן פון דער הויפּט־שטאָט און אונטערדריקן מיט איר די אומרוען, וואָס האָבן זיך אָנ־געהויבן. די בריגאַדע האָט מען אַוועקגעפירט אין רוקן, זי פאַר־זען מיט נייער ווינטערדיקער מונדירונג, אַ מעת־לעת צייט געגעבן גוט צו עסן, אויפן צווייטן טאָג פאַרלאָדנט אין וואַגאָנעס און אַוועקגעשיקט. אָבער די געשעענישן האָבן איבערגעיאָגט דאָס פּולק, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג צו מינסק: אין טאָג פון אָפּ־פאָרן האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז דער קייסער האָט אין דער הויפּט־קוואַרטיר אונטערגעשריבן אַן אַקט פון אַבדיקאַציע.

די בריגאַדע האָט מען פון מיטן וועג אומגעקערט צוריק. אויף דער סטאַנציע ראַזגאָן האָט דאָס 27־סטע פּולק באַקומען אַ באַפעל זיך אויסצולאָדן פון די וואַגאָנעס. די וועגן זענען פאַר־

פאַקט געווען מיט פאַרשידענע מיליטער-פאָרמאַציעס. דער פעראָן האָט געווימלט פון סאָלדאַטן, מיט רויטע בענדער אויף די שי-נעלן, מיט פיין אָפּגעאַרבעטע נייע ביקסן פון רוסישן מאָדעל, אָבער ענגלישער אָפּשטאַמונג. אַ סך פון די סאָלדאַטן זענען גע-ווען אומרויִק, האָבן געקוקט מיט שרעק אין דער זייט פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט סאָטניעסווייז.

דער רעגנדיקער טאָג איז אויסגעגאַנגען. פון די דעכער פון די סטאַציע-בנינים איז דאָס וואַסער רוישיק געראונען, די קאַלוזשעס אויף די וועגן, באַדעקטע מיט גלאַנציקע נאַפּט-פלעקן, האָבן אָפּגע-שפּיגלט די גרויע ווייכע שעפּסן-פעל פון הימל. דאָס רעווען פון די מאַנעווורירנדיקע לאָקאָמאָטיוון האָט אָפּגעקלונגען דומפּ. נאָכן באַן-מאַגאַזין האָט דאָס פּולק אין רייט-אָרדענונג באַגריסט דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע. די פיס פון די פערד, נאַסע ביז איבער די קנעכל-האָר, האָבן זיך געפּאַרעט. די קראָען האָבן אָן שרעק זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די רייען, צעשאַרט און געפּיקט די אָראַנזש-עפּל פון פערדישן מיסט.

דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע, אויף אַ שוואַרץ-נידעריק פערד, אין דער באַגלייטונג פון פּולק-קאָמאַנדיר, איז צוגעריטן צו די קאָזאַקן. ער האָט פאַרצויגן די לייצן און באַטראַכט די סאָטניעס. ער האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי אָפּשטופּנדיק מיט דער אַנטבלויז-טער האַנט די אומזיכערע, טויבע ווערטער,

— סטאַניצע-לייט! מיטן ווילן פון פאָלק איז דער ביז איצט רעגירנדיקער קייסער ניקאָלאַי דער צווייטער... ע-ע-ע... אַראָפּגע-וואָרפן געוואָרן. די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צום צייטווייליקן קאָמיטעט פון דער מלוכה-דומע. די אַרמיי, און אויך איר אין דעם חשבון, זענט מחויב רויִק אויפצונעמען... ע-ע-ע... דידאָזיקע ידיעה... די אויפגאַבע פון די קאָזאַקן איז צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד קעגן די אָנפאַלן פון די אויסערלעכע און... ע-ע-ע... אַזוי צו זאָגן, אויסערלעכע שונאים. מיר וועלן זיך האַלטן אין דער זייט פון דער אַנטשטאַנענער צערודערונג, איבערלאָזן דער

ציווילער באַפעלקערונג אויסצוקלויבן די וועגן פון אָרגאַניזאַציע פאַר דער נייער רעגירונג. מיר מוזן שטיין אין דער זייט! מלחמה און פּאָליטיק לאָזן זיך אין דער אַרמיי נישט פאַרייניקן... אין די טעג פון אָט אַזעלכע אויפטרייסלונגען... ע=ע=ע... פון אַלע יסודות, מוזן מיר זיין האַרט, ווי... — דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע, אַן אַלטער אומפעיקער דינסט=פּינקטלעכער גענעראַל, וואָס איז נישט געוואוינט געווען צו האַלטן רעדעס, האָט זיך פאַרהאַקט, צוזוכנדיק אַ פאַרגלייך; אויף זיין פעט=גלאַנציק פּנים האָבן פיינלעך=אומבאַהאָלפן זיך באַוועגט די ברעמען; די סאָטניעס האָבן געדולדיק געוואַרט: — ע=ע=ע... ווי שטאָל. אייער קאָזאַקיש=מיליטערישער חוב פאַרפליכטעט אייך זיך אונטערצוואַרפן די אָנפירער. מיר וועלן זיך שלאָגן מיטן שונא פּונקט אַזוי טיכטיק ווי פריער, און דאָרט... — אַ קרומער פלינקער זשעסט אַהינטער זיך, — זאָל די מלוכה=דומע באַשליסן דעם גורל פון לאַנד. נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, וועלן אויך מיר זיך באַטייליקן אין אינערלעכן לעבן, אָבער דערווייל... ע=ע=ע... טאָרן מיר נישט. די אַרמיי קאָנען מיר נישט אַוועקגעבן... אין דער אַרמיי טאָר נישט זיין קיין פּאָליטיק!

אויף דער זעלבער סטאַציע האָבן זיי אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגעגעבן די שבועה פאַר דער צייטווייליקער רעגירונג, געגאַנגען אויף מיטינגען, זיך צונויפנעמענדיק אין גרויסע גרופּעס פון די אייגענע כוטאָרס, געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרפלייצט די סטאַציע. דערנאָך לאַנג אַרומגערעדט די געהערטע רעדעס; זיך דערמאַנט און אַרומגעטאַפּט מיט אומצוטרוי יעדעס צווייפלהאַפטע וואָרט. ביי אַלע האָט זיך צוליב עפּעס געשאַפן אַן איבערצייגונג, אַז: אויב פרייהייט — איז אויס מלחמה, און די אָפיצירן, וואָס האָבן געטענהט, אַז רוסלאַנד דאַרף זיך שלאָגן ביזן סוף, איז שווער געוואָרן צו קעמפן מיט דערדאָזיקער פעסט=איינגעוואָרצלטער איבערצייגונג.

די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט נאָך דער איבערקערעניש אַרומגעכאַפּט די שפּיצן פון דער אַרמיי, האָט שווער זיך אָפּגע=

רופן אויף די אונטערשטע שיכטן; וועגן דער עקזיסטענץ פון דער בריגאַדע, וואָס איז שטעקן געבליבן אין האַלבן וועג, האָט דער דיוויזיע-שטאַב אַזוי ווי פאַרגעסן. די אויסגעלאָדנטע בריגאַדע האָט פאַרצערט דעם פּראָוויאַנט, וואָס איז איר אַרויסגעגעבן גע-וואָרן אויף זיבן מעת-לעת; אויפן מאַרק-פּלאַץ האָט פון ערגעץ-וואו זיך באַוויזן אין פאַרקויף שפּירט, און עס איז שוין נישט גע-ווען קיין זעלטנהייט די טעג צו זען שיכורע זעלנער און אָפיצירן.

די קאָזאַקן, וואָס זענען דורכן איבערגעפּירט ווערן אַרויס-געריסן געוואָרן פון זייער געוויינטלעכן קרייז פליכטן, האָבן זיך געלאַנגווייליקט אין די וואַגאָנעס, געוואַרט מען זאָל זיי אָפּ-שיקן צום דאָן (דער קלאַנג, אַז מען וועט דעם לאַנד-שטורם אָפּ-לאָזן אַהיים האָט זיך געהאַלטן גאַנץ עקשנותדיק), נאַכלעסיק אומ-געגאַנגען מיט די פערד, גאַנצע טעג זיך אַרומגעשלעפּט אויפן מאַרק-פּלאַץ, געהאַנדלט מיט גאַנגבאַרע רעזערוו-אַרטיקלען פון דער פּאָזיציע: מיט קאָלדרעס, דייטשישע זעג-באַגנעטן, שינעלן, לעדערנע ראַנצעס, טיטון...

דער באַפעל וועגן אומקערן זיך אויפן פראָנט, איז אויפגע-נומען געוואָרן מיט אָפענעם געמירמל. די צווייטע סאָטניע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן, די קאָזאקן האָבן נישט דערלויבט צוצו-טשעפען דעם לאָקאָמאָטיוו צו זייער צוג, אָבער דער פּולק-קאָמאַנ-דיר האָט זיי געדראָעט מיט אַנטוואָפענען, און די אויפרודערונג האָט זיך איינגעשטילט, פאַרענדיקט מיט גאָרנישט. די עשעלאָנען זענען אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון פראָנט.

— וואָס-זשע איז דאָס אַזוינס, ברידערלעך? פרייהייט — בלייבט פרייהייט, און בנוגע מלחמה — וועט מען ווידער, הייסט עס, בלוט פאַרגיסן?

— דער אַלטער רעזשים הייבט זיך אָן!

— נאָך וואָס-זשע האָט מען דעם קייסער אַראָפּגעוואָרפן?

— דאָס גוטע, וואָס מיר האָבן ביי אים געהאַט, איז אויף ווייטער געבליבן...

— די זעלבּע שאַראָוואַרן, נאָר דער קראָק איז פון הינטן...

— אָט־אָט!

— ווי לאַנג זשע וועט דאָס אַזוי געדויערן?...

— שוין דאָס פערטע יאָר קריכט מען פון דער בּיקס נישט אַראָפּ! — האָט מען אין די וואַגאָנעס געשמועסט.

ערגעץ אויף אַ הויפּט־סטאַציע האָבּן די קאָזאַקן זיך אַרויס־געשיט פון די וואַגאָנעס, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, און, נישט האָרכנדיק די וואָרענונגען און דראָונגען פון פּולק־קאָמאַנדיר, געעפנט אַ מיטינג. אומזיסט זענען דער קאָמענדאַנט און דער אַלטער נאַטשאַלניק פון דער סטאַציע אַרומגעלאָפן אין גרויען געווימל פון די קאָזאַקן־שינעלן, געבּעטן די קאָזאַקן אַריינצוגיין אין די וואַגאָנעס און אָפּריידן דעם פּעראָן. די קאָזאַקן האָבּן מיט אומגעשטילטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דער רעדע פון אוריאַדניק פון דער דריטער סאָטניע. נאָך אים האָט גערעדט דאָס נישט גרויסע שטאָלענע קאָזאַקל מאַנזשולאָוו. פון זיין בּלייך געוואָרן צאָרניק־פאַרקרימט מויל זענען שווער געפאַלן די בּייזע ווערטער:

— סטאַניצע־לייט! מען טאָר נישט אַזוי! מען האָט אונז ווידער אויסגעשטעלט פאַר נאַראָנים. אַ שווינדל וויל מען דאָ מאַכן! אויבּ עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע און מען האָט דעם גאַנצן פאָלק געגעבּן פרייהייט — הייסט עס, אַז מען דאַרף די מלחמה פאַרענדיקן, ווייל דאָס פאָלק און מיר ווילן נישט מער קיין מלחמה! צי בּין איך גערעכט? צי רעד איך ריכטיק?

— ריכטיק!

— דער קאָבּילע אונטערן ווידל אַרונטער!

— ס'איז אַלעמען נמאס געוואָרן!

— די שאַראָוואַרן האַלטן זיך שוין נישט אויפן הינטן... אַזאַ מלחמה איז דאָס!?

— מיר ווילן נישט!...

— אַהיים ווילן מיר!

— שפּאַן אָפּ דעם לאָקאָמאָטיוו! פּיעדאָט, גענומען זיך!

— סטאַניצע-לייט! וואָרט-צו! סטאַניצע-לייט! ברידער! טייוולאָנים, אין די מאָרדעס אייך, אין דער לעבער, אין דער נשמה!... ברידער! — האָט מאַנזשולאָוו זיך געריסן, באַמיִענדיק זיך איבערצושרייען אַ טויזנט העלזער. — וואָרט-צו! דעם לאָקאָ-מאָטיוו לאָזט צורוו! ער גייט אונז נישט אָן, דאָ גייט בלויז אין שווינדל... זאָל אונז זיין הויכוואוילגעבוירנהייט, דער פולק-קאָמאַנ-דיר, ווייזן אַ דאָקומענט: צי מען פאָדערט אונז טאַקע אַרויס אויפן פראָנט, אָדער דאָס איז בלויז זיינס אַ קאַפּריז?...

דאָס פולק האָט זיך פאַרלאָדנט אין די וואַגאָנעס ערשט נאָכדעם, ווי דער צעטראָגענער פולק-קאָמאַנדיר, וואָס האָט נישט געקאָנט זיך באַהערשן, האָט מיט ציטערנדיקע ליפּן אויפן קול איבערגעלייענט די דערהאַלטענע טעלעגראַמע פון דיוויזיע-שטאַב וועגן דעם, אַז דאָס פולק ווערט אַרויסגערופן אויפן פראָנט.

אין איין וואַגאָן זעבען געפאָרן זעקס מאַן טאָטערן — די כוטאָר-לייט, וואָס האָבן געדינט אין 27-סטן פולק: פּיעטראָ מעליע-כאָוו, מישקאַ קאָשעוואָיס לייבלעכער פעטער ניקאָלאַי קאָשעוואָי, אַניקושקאַ, פּיעדאָט באָדאָווסקאָוו, מערקולאָוו — דער ענלעכער צו אַ ציגיינער מיט דער שוואַרץ-געלאָקטער באָרד און שעלמישע העל-ברוינע אויגן, און מאַקסימקאַ גריאַזנאָוו, דער שכן פון די קאָרשונאָווס, דער צעדרייטער און פריילעכער קאָזאַק, וואָס האָט פאַר דער מלחמה אין דער גאַנצער סטאַניצע זיך פאַרשאַפט דעם נאָמען פאַר אַן אומדערשראָקענעם פערד-גנב. „מערקולאָוון וואָלט שוין גיכער געפאַסט פערד צו גנבענען — ער איז ענלעך צו אַ ציגיינער און נאָך אַזלעכע זאַכן... אָבער ער גנבעט נישט. און דו, מאַקסים, ווי דו דערזעסט נאָר אַ פערד — קריגסטו שוין די נכפה!" — האָבן די קאָזאַקן תמיד געלאַכט פון גריאַזנאָוון. מאַקסימקאַ איז רויט געוואָרן, פאַרזשמורעט די אויגן, וואָס האָבן געהאַט די בלויע קאָליר פון אַ פלאַקס-בלימל, און עזותדיק אָפּגע-ענטפערט: „מיט מערקולאָווס מוטער האָט אַ ציגיינער זיך אי-בערגענעכטיקט, און מיינע האָט זי, מסתמא, מקנא געווען, וואָרים אַנדערש וואָלט דען... גאָט זאָל שומר ומציל זיין!"...

אין וואַגאָן איז געווען אַ צוג־ווינט; די פערד, צוגעדעקטע
מיט דערעס, זענען געשטאַנען ביי די זשלויבן, וואָס זענען אויף
שנעל צונויפגעקלאַפּט געוואָרן; אינמיטן וואַגאָן האָבן אויף אַ
בערגל געפרוירענער ערד געטליִעט נאַסע העלצער, — אַ בייסיקער
רויך האָט זיך געצויגן צו דער עפענונג פון דער טיר. די קאָזאַקן
זענען געזעסן אויף די זאָטלען אַרום דעם פייער, געטרוקנט די
אָנוטשעס, וואָס האָבן געשטונקען מיט פייכטן שווייס. פּיעדאָט באָ־
דאָווסקאָווו האָט זיך געוואַרעמט ביים פייער די באָרוועסע אויסגע־
בויגענע פיס. אויף זיין קאַלמיקיש פּנים מיט די שאַרפע באַקן־
ביינער האָט געבלאָנזשעט אַ צופרידענער שמייכל. גריאַזנאָוו האָט
אויף גיך זיך פאַרנייט מיט אַ דראַטווע די אָפּגעשטאַנענע פּאָ־
דעשווע, גערעדט מיט אַ הייזעריק קול, נישט צו וויסן צו וועמען:
— ...ווען איך בין אַ קליינער געווען, פלעג איך ווינטער־
צייט אַרויפקריכן אויפן אויוון, און די באָבע מיינע (זי מוז שוין
אַצינד אַלט זיין העכער אַ הונדערטער!) לויזט מיך מיט די פינ־
גער אין קאָפּ און זאָגט: „יאַגדעלע, מאַקסימושקאַ מיינער! אַמאָ־
ליקע צייטן האָבן מענטשן אַנדערש געלעבט — אָרנטלעך געלעבט,
קיינער איז אויף זיי נישט אָנגעפאַלן, אָבער דו, קינדעלע מיינס,
וועסט דערלעבן אַזאַ צייט, ווען דו וועסט זען, ווי מען וועט די
גאַנצע ערד אין דראָט איינפּלאָנטערן, און פייגל מיט אייזערנע
שנאָבלען וועלן איבערן בלויען הימל פליִען אום, ווי אַ קאַווקע אַן
אַרבוז, די מענטשן פּיקן... און עס וועט זיין אַ מגפה אויף די
מענטשן, אַ הונגער, און איין ברודער וועט אויפשטיין קעגן אַנ־
דערן און אַ זון קעגן אַ פאָטער... מענטשן וועלן בלייבן, ווי גראָז
נאָך אַ שרפה". — מילא, — האָט מאַקסים ווייטער גערעדט נאָך
אַ ווײַלע שווייגן: — איז דאָס טאַקע מקוים געוואָרן; מען
האָט אויסגעטראַכט דעם טעלעגראַף — אָט האָסטו דיר די דראָט!
און די אייזערנע פייגל זענען — די עראָפּלאַנען. ווייניק מענטשן
האָבן זיך אויסגעהרגעט? און אַ הונגער וועט אויך זיין. מיינע
אינדערהיים דאָרט זייען אַצינד אפשר די העלפט פון אַמאָליקע יאָרן,
און יעדער באַלעבאָס אויך דאָס אייגענע. אין די סטאַניצעס זענען

בלויז זקנים און קינדער געבליבן, און זאָל טרעפן אַן אויסגערע־טעניש — האָט איר אויך שוין דעם „הונגער".

— און איין ברודער וועט אויפשטיין קעגן צווייטן — דאָס איז, אפנים, שוין ליגנט ? — האָט פיאָטער מעליעכאָוו געפרעגט, צורעכט מאַכנדיק דאָס פייער.

— ווארט־צו, ס'וועט צו דעם אויך קומען !

— זיי וועלן קיין מאַכט נישט איינשטעלן און זיך בײַ די קעפּ אָננעמען, — האָט פיעדאָט באָדאָווסקאָוו זיך אַרײַנגעמישט.

— ס'וועט נאָך אויסקומען די טײוולאָנים אײַנצושטילן.

— דו פּאַרטיק דיך פריער אָפּ מיטן דײַטש, — האָט קאָשעוואָי זיך צעלאַכט.

— מילא, וועלן מיר נאָך אַ ביסל מלחמה האַלטן...

אַניקושקאַ האָט מיט געמאַכטער שרעק פאַרקרומט דאָס גלאַ־טע, ווײַבערישע פּנים און אויסגעשריגן :

— טאַטעלעך מײַנע, ווי לאַנג־זשע וועלן מיר אַזוי אַלץ מלחמה האַלטן ?

— אַזוי לאַנג, ביז דו, קמצן, וועסט מיט האָר באַוואַקסן ווערן, — איז קאָשעוואָי אים אַרײַנגעפאָרן.

אַלע אַרום דעם פײַער האָבן זיך צעלאַכט. פּיעטראָ האָט זיך פאַרקרעקט פון רויך און, הוסטנדיק, קוקנדיק אויף אַניקושקען מיט פאַרטרערטע אויגן, געטײַטלט מיטן פינגער אין זײַן זײַט אַרײַן.

— די האָר — זיי זענען נאַריש... — האָט אַניקושקאַ פאַר־שעמט געבורטשעט : — זיי וואַקסן אויך דאָרט וואו מען דאַרף נישט... דו, קאָשעוואָי, פלוידערסט שוין סתם אין דער וועלט אַרײַן...

— ניין, עס וועט שוין גענוג זײַן ! עס קריכט שוין פון האַלז אַרויס ! — האָט גריאַזנאָוו אומגעריכט זיך אָנגעצונדן. — מיר מאַ־טערן זיך דאָ, די לײַז פרעסן אונדז אויף, און די פאַמיליעס אונזערע לײַדן נויט אינדערהיים, נישט אַזוי ? שנייד — וועט קיין בלוט נישט גיין.

— וואָס האָסט דו דיך אַזוי אָנגעדראָדלט ? — האָט פּיעטראָ שפּאָטיש געפרעגט, בײַסנדיק די וואָנסע פון ווײץ־קאָרן.

— ס'איז מאַרשטעגדלעך פאַרוואָס... — האָט מערקולאָוו געענטפערט פאַר גריאַזנאָוון און פלייסיק באַהאַלטן דעם שמייכל אין דער געלאָקטער ציגיינערישער באָרד אַריין. — ער לאַנגווייליקט זיך דער קאָזאַק, בענקט... עס געשעט אַמאָל — דער פאַסטוך פירט אַרויס דעם טאַבון אויף דער גרינער לאָנקע : כּל־זמן די זון טרוקנט דעם טוי פון גראָז, — פילן זיך די בהמהלעך נישקשה, פאַשען זיך, אָבער ווי נאָר די זון הייבט אָן העכער זיך אַרויפרוקן, די פליגן הייבן אָן זשומשען און בייסן, — אָ, דעמאָלט... — מערקולאָוו האָט שעלמיש אַ פייער געטון מיט די אויגן אויף די קאָזאַקן און ווייטער גערעדט, זיך אויסדרייענדיק צו פיאָטערן : — דעמאָלט, הער וואַכמייסטער, פאַלט אַמאָל אָן אַ ווילדקייט אויף די בהמות. נו, דו ווייסט דאָך ! ביסט דאָך נישט קיין פרעמדער ! האָסט דאָך אַליין אויך אַמאָל די אָקסן ביי די ווידלען געדרייט... גאָר פשוט, דעמאָלט פאַררייסט אַמאָל אַ קאַלב דעם ווידל איבערן רוקן, גיט אַ מרוטשע — און נעמט עוקר זיין ! און נאָך דעם דער גאַנצער טאַבון. דער פאַסטוך לויפט : „אַיאַ־יאַ...” אָבער וואו דאָרט ! ? עס טראָגט זיך דער טאַבון ווי אַ לאַווע, נישט ערגער, ווי מיר זענען הינטער ניעזוויסק אויפן דייטש געגאַנגען. וואו דאָרט, ווער וועט בכּוח זיין צו פאַרהאַלטן ?

— וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן ?

מערקולאָוו האָט נישט באַלד געענטפערט. קרייזלענדיק מיטן פינגער אַ לאָק פון זיין פעכיקער באָרד, האָט ער אים ביין אַ ריס געטון און אָנגעהויבן רעדן שוין זאַכלעך, אָן אַ שמייכל.

— שוין דאָס פערטע יאָר שלאָגן מיר זיך... דאַכט זיך, יאָ ? שוין העכער פיר יאָר זינט מ'האָט אונז אין די אָקאָפעס אַריינגעפירט. פאַרוואָס און פאַר ווען ? — ווייסט קיינער נישט... דעריבער זאָג איך טאַקע, אַז אינגיכן וועט אַזאַ גריאַזנאָוו אָדער מעליעכאָוו פון פראָנט עוקר זיין און נאָך אים זיין פולק, און נאָכן פולק די גאַנצע אַרמיי... און פטור !

— ...ט דאָס מיינסטו צו זאָגן...

— אָ טאַקע ! איך בין נישט בלינד, זע איך : אַלץ הענגט

אויף אַ האָר. דאָ דאַרף עמעצער נאָר אַ מירמל טון „צי אָפּ!" —
און אַלץ וועט ווי אַן אַלטער זיפּון זיך צעקריכן. אויפן פערטן יאָר
האָט אויך פאַר אונז די זון זיך שוין צו הויך אויפגעהויבן.

— דו וואָלסט אַ ביסל זיך איינגעהאַלטן! — האָט באָדאָוו-
סקאָוו אים געראָטן. — וואָרים דאָ זיצט פּיעטראָ. . ער איז דאָך
אַ וואַכמייסטער...

— איך האָב אייגענע קיינמאָל נישט פאַרטשעפּעט! — איז
פּיעטראָ רויט געוואָרן.

— בייזער דיך נישט! איך האָב דאָס אין ווינט געזאָגט.

באָדאָווסקאָוו האָט זיך פאַרלוירן, אַ דריי געטון מיט די
קנופּן-פינגער פון די באָרוועסע פיס, אויפגעשטאַנען און אַוועקגע-
שליאַפּעט צום זשלויב.

אין ווינקל, ביי די ציגעלעך געפּרעסט היי, האָבן שטיל גע-
שמועסט צווישן זיך די קאָזאַקן פון אַנדערע כוטאָרס. צווישן זיי
זענען בלויז געווען צוויי פון קאַרגינער כוטאָר — פאַדיעעוו און
קאַרגין, די איבעריקע — פון פאַרשידענע כוטאָרס און סטאַניצעס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי גענומען זינגען. דער ערשטער
האָט אָנגעהויבן דער קאָזאַק פון לעבן טשיר — אַלימאָוו. ער האָט
אויפגעזוּנגען צום טאַנצן, נאָר עמעצער האָט אים אַ זעץ געטון
איבערן קאַרק און הייזעריק אַרויסגעבורטשעט:

— הער אויף!...

— העי, איר יתומים, צום פייער רוקט זיך צו! — האָט קאָ-
שעוואָי איינגעלאַדן.

מען האָט צוגעוואָרפן האָלץ צום פייער (די ברעטלעך פון
פּאַרקנדל, וואָס מען האָט אויף דער סטאַציע צענומען). ביים פייער
האָט מען הייטער אויפגעזוּנגען דאָס ליד:

מיליטעריש געגרייט וואַרט דאָס פערד,
באַהאַנגען מיט ביקס און מיט שווערד,
די באָבע מיטן איניקל שלוכצט,
דאָס ווייב שטייט ביים פּאַרקן פאַרטרערט.

און פון דער צערקווע-טיר, איילנדיק,
באַווייזט דער קאָזאַק זיך אַצינד —
דאָס ווייב פירט צו דאָס פערד, דער קרוב
דערלאַנגט די פיקע אים געשווינד...

אין שכנותדיקן וואַגאָן האָט אַ צוויי-רייאיקע האַרמאָניע, סאַפּענדיק מיטן בלאָזזאַק, געשניטן אַ קאָזאַטשאָק. איבערן היל־צערנעם דיל האָבן אומרחמנותדיק געזעצט די אָפּצאַסן פון די קאַזיאָנע שטיוול, עמעצער האָט אויף אַ הויך קול זיך געריסן מיט פאַלשע טענער:

עך, איר דאגות ביטערע,
כאָמוטן צאַרישע!
ענג דריקט איר דעם קאָזאַקישן האַלז, —
נישט אויפצואָטעמען, נישט אָפּצואָטעמען,
פוגאַטשעוו גייט,
ער רופט די אָרימקייט: —
„עך, קאָזאַקן, אַטאַמאַנצעס!..."

דער צווייטער, פאַרטייבנדיק דאָס קול פון ערשטן, האָט געיאָמערט מיט אַ דיניבקן רעטשיטאַטיוו:

טריי דעם קייסער דינען מיר,
נאָך די ווייבער בענקען מיר.
ווייבער וועלן מיר געפינען,
שוין דעם קיסער... מער נישט דינען.
אוי, זעץ! אוי, ברען!...
אוי-אוך! אוך! אוך! האַ!...
האַ-האַ-הי-האַ-הו-האַ-האַ!

די קאָזאַקן האָבן לאַנג שוין איבערגעריסן דאָס ליד, זיך איינגעהערט אין צעהוליעטן גערודער, וואָס איז זיך צעוואַקסן אין

שכנותדיקן וואַגאָן, זיך איבערגעוואונקען, שמייכלענדיק מיט אָנער־קענונג. פיעטראָ מעליעכאָוו האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך צע־לאַכט:

— דער טייוול האָט זיך צעשפּילט אין זיי!

אין מערקולאָװס ברוינע געל־געפּינטלטע אויגן האָבן זיך צעפינקלט פריילעכע פייערלעך; ער איז אויפגעשפּרונגען, דער־כאַפּנדיק דעם טאַקט מיטן שפּיץ שטיװל שנעל אָנגעהויבן פּיקן איבערן דיל און, פּלוצלינג אַ טופּע טוענדיק, פלינק און עלאַסטיש זיך אַװעקגעלאָזט טשיפּקע אין אַ ראָד. עס האָבן געטאַנצט אַלע אין דער רייע — זיך דערװאַרעמט פון די באַװעגונגען. אין שכנותדיקן וואַגאָן האָט דאָס שפּילן פון דער האַרמאָניע שוין לאַנג אויפגעהערט, — דאָרט האָט מען מיט הייזעריקע קולות זיך שוין לאַנג ברוטאַל געזידלט. און דאָ האָט מען געהאַלטן אין איין טאַנצן, באַאומרוקט די פערד און אויפגעהערט ערשט דעמאָלט, ווען דער ווילד־צעטאַנצטער אַניקושקאַ איז בשעת אײַנעם פון זיינע אומגע־וויינטלעך־קונציקסטע קניקסן אַרײַנגעפאַלן מיטן הינטן אין פייער. אַניקושקען האָט מען מיט געלעכטער אויפגעהויבן, ביי דער שיין פון אַ שטיקל ליכט לאַנג באַטראַכט די נייאינקע שאַראָװאַרן, וואָס זענען פון הינטן אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן, און די ברעגן פון צוגעסמאַליעטן וואַטענעם לייבל.

— וואַרף אַראָפּ די שאַראָװאַרן! — האָט מערקולאָװ מיט־פילנדיק אים געעצהט.

— דו, ציגיינער, ביסט משוגע געוואָרן? און אין וואָס וועל איך בלייבן?

מערקולאָװ האָט אַ זוך געטון אין די טאַשן פון זאָטל און אַרויסגענומען אַ לייוונטן פרויען־העמד. דאָס פייער האָט מען ווי־דער אָנגעצונדן. מערקולאָװ האָט געהאַלטן דאָס העמד ביי די שמאָ־לע אַקסל־בענדלעך און אויסגעבויגן אַהינטער געקייכט פון גע־לעכטער, רעדנדיק:

— נאַדיר!... אָך! אָך! כ'האָב עס צוגעגנבעט אַ... ער

סטאַציע, פון פאַרקן אַראָפּ... אויף אָנוטשעס באַהאַלטן... אָך! איך וועל עס שוין נישט צערייסן... נעם עס!...

זיי האָבן מיט כּוח אָוועקגעפירט אַניקושקען, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זידלען, און האָבן אַזוי געשמאַק און הויך געהירזשעט, אַז פון די טירן פון די שכנותדיקע וואַגאָנעס האָבן זיך אַרויסגע־רוקט קעפּ פון נייגיריקע און אין דער נאַכט־פינסטערניש האָבן זיך איבערגעשריגן אייפערזיכטיקע שטימען:

— וואָס איז דאָרט בײַ אײַך?
— זשרעבּאָקעס פאַרשאָלטענע!
— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעיאַכמערט?
— איר האָט אַ פּאָדקאָווע געפונען?

אויף דער פאָלגנדער סטאַציע האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון פעדערשטן וואַגאָן דעם האַרמאָניסט, עס האָבן זיך ענג צונויפגע־פּאַקט די קאָזאַקן פון בײדע וואַגאָנעס, געבראָכן די זשלויבן, זיך געדרענגט, צושטופנדיק די פערד צו דער וואַנט. אין אַ קליין רעדל האָט געטאַנצט אַניקושקאַ. דאָס ווייסע העמד, אַפּנים פון אַ היפּשער באַבע, איז אויף אים געווען צו לאַנג, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס, אָבער דאָס רעווען און כאָכאָטשען האָט אים אונ־טערגעגעבן מוט — און ער האָט געטאַנצט ביזן פאַרלירן די כּוחות.

און איבערן בלוט־אָנגעזאַפּטן ווײַסרוסלאַנד האָבן צערפּויל געטרערט די שטערן. ווי אַ תּהום האָט געקוקט די נאַכטיקע הימל־שוואַרצקייט, זיך געריוכערט, אַוועקגעשוואומען. דער ווינט האָט זיך געטראָגן איבער דער ערד, וואָס האָט געאָטעמט מיטן ביטערן אַראָמאַט פון פוילנדיקע בלעטער, ליימיק־פײַכטער אויפגע־אַקערטער ערד, מערץ־שניי...

IX

אין אַ מעת־לעת אַרום איז דאָס פולק שוין געווען נישט ווייט פון פראָנט. אויף אַ קנופּן־סטאַציע האָט מען די עשעלאָנען

פאַרהאַלטן. די וואַכמייסטערס האָבן צעטראָגן דעם באַפעל „זין אויסלאָדענען!“ די קאָזאַקן האָבן איילִיק אַראָפגעפירט די פערד איבער די בריקלעך, זיי אָנגעזאָטלט, צוריקגעלאָפן אין די וואַגאָנעס אַריין נאָך זאַכן, וואָס זענען אין איילעניש פאַרגעסן געוואָרן, אַרויסגעוואָרפן אויפן פייכטן פעראָן די צעשויבערטע ציגעלעך היי, געהאַלטן אין איין פאָרען זיך.

דער אָרדינאַנס פון פולק-קאָמאַנדיר האָט אַ רוף געטון פיעטראָ מעליעכאָוון.

— גיי אַריין אין וואָקזאַל, דער קאָמאַנדיר רופט דיך.

פיעטראָ האָט זיך גלייך געמאַכט דעם פאַסעק אויפן שינעל און נישט געאיילט אַוועקגעגאַנגען צום פעראָן.

— אַניקעי, גיב אַכטונג אויף מיין פערד, — האָט ער אַ בעט געטון אַניקושקען, וואָס האָט זיך געדרייט ביי די פערד.

יענער האָט אים שווייגנדיק נאָכגעקוקט; אויף אַניקושקעס אָנגעכמורעט וואָכעדיק פנים האָט די פאַרזאָרגטקייט זיך צונויפגעמישט מיט דער געוויינטלעכער לאַנגווייליקייט. פיאָטער האָט געשפרייזט, קוקנדיק אויף זיינע שטיוול, וואָס זענען באַשפריצט געווען מיט ליימיקער בלאָטע, און געטראַכט: אויף וואָס קאָן אים דער קאָמאַנדיר דאַרפן? זיין אויפמערקזאַמקייט איז צוגעצויגן געוואָרן דורך אַ קליינעם געזעמל אין עק פעראָן ביים קעסל געקאָכט וואַסער. ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהין, נאָך פונווייטנס זיך איינהערנדיק אין שמועס, וואָס איז דאָרט געפירט געוואָרן. אַ מאַן צוואָנציק סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט אַ געוואוקסיקן, געלבלעכן קאָזאַק, וואָס איז געשטאַנען מיטן רוקן צום קעסל אין אַן אומגעלומפערטער פאָזע. פיעטראָ האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז, אַ קוק געטון אויפן עטוואָס קענטלעכן פנים פון קאָזאַקישן אַטאַמאַן, אויפן ציפער „52“ אויף זיין בלויער שליפע פון אַן אוריאַדניק און באַשלאָסן, אַז ער האָט דעם מענטש ערגעץ-וואו אַמאָל געזען.

— אָבער ווי אַזוי איז עס דיר געלונגען? און מ׳האָט דיר נאָך אַ בענדל צוגעגייט... — האָט אַ פריוווּליקער מיט אַ זומער-

געשפּרענקלט קלוג פּנים שאָדנפרײדיק זיך אויסגעפּרעגט ביים געלבלעכן קאָזאַק.

— וואָס איז דאָ אַזוינס ? — איז פּיעטראָ נייגעריק געווען, אָננעמענדיק ביים אַקסל אַ לאַנד־שטורמיסט, וואָס איז געשטאַנען צו אים מיט דער פּלייצע.

יענער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אומגערן געענטפערט:

— אַ דעזערטער האָט מען געכאַפּט... פון אייערע קאָזאַקן.

פּיעטראָ האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט דעם זכּרון, באַמיִענ־דיק זיך צו דערמאַנען, וואו ער האָט געזען דאָסדאָזיקע ברייטע געל־וואָנסיקע און געל־ברעמיקע פּנים פון אַטאַמאַן. נישט ענט־פערנדיק אויף די זלידנע פראַגן פון פרייוויליקן, האָט דער אַטאַ־מאַן שיטער געזיפּט דאָס הייסע וואַסער פון מעשענעם טעפּעלע, וואָס איז געמאַכט געווען פון אַ גראַנאַטן־גילז, און פאַרביסן מיט אַ שוואַרצער, אין וואַסער צעווייקטער, סוכאַרע. זיינע ברייט־צע־שטעלטע בולטע אויגן האָבן זיך געזשמורעט; קייענדיק און שלינ־גענדיק, האָט ער באַוועגט מיט די ברעמען, געקוקט אַראָפּ און אין די זייטן. לעבן אים איז געשטאַנען דער באַיאָרטער ברייט־ביינער וואַך־זעלנער, וואָס האָט אים געהיטן, צוהאַלטנדיק די ביקס ביים באַגנעט. דער אַטאַמאַן־דעזערטער האָט אויסגעטרונ־קען די רעשט פון טעפּעלע, אַ פּיר געטון מיט די מידע אויגן איבער די פּנימער פון די זעלנער, וואָס האָבן אָן צערעמאָניעס געקוקט אויף אים, און אין זיינע בלויע, קינדיש־פּשוטע אויגן האָט אומגעריכט אויפגעפלאַקערט אַ כּעס. איילִיק אַ שלונג טוענדיק, האָט ער אָפּגעלעקט די ליפּן און אַ געשריי געטון מיט אַ גע־דיכטן ענערגישן באַס:

— אַ בייז וואונדער פאַר אייך? צו פרעסן עפּעס גיט איר נישט, מנוולים! וואָס־זשע, איר האָט קיין מענטש נישט געזען, צי וואָס?

די סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט, און ווי נאָר פּיעטראָ האָט דערהערט דאָס קול פון דעזערטער, האָט ער גלייך, ווי דאָס גע־שעט געוויינטלעך, מיט איבערראַשנדיקער בולטקייט זיך דערמאַנט,

אַז דערדאָזיקער אַטאַמאַן שטאַמט — פון רובעזשינער כוטאָר, יעַלאַנער סטאַניצע, זיין פאַמיליע איז פאָמין און אַז ער האָט פאַר דער מלחמה אויפן יעלאַנער יאָר-מאַרק געקויפט ביי אים צוזאַמען מיטן פאָטער אַ דריי-יעריק ביקל.

— פאָמין! יאַקאָוו! — האָט ער אויסגעשריגן, זיך דורכשטופנדיק צום אַטאַמאַן.

יענער האָט מיט אַ נישט געשיקטער פאַרלוירענער באַוועגונג אָפּגערוקט אויפן קעסל דאָס טעפּעלע אין אַ זייט און געזאָגט, קייענדיק און קוקנדיק מיט פאַרשעמט-שמייכלענדיקע אויגן אויף פּיאָטערן:

— איך דערקען דיך נישט, ברידערקע...

— דו ביסט פון רובעזשין?

— פון דאָרט טאַקע. און דו ביסט אַ יעלאַנער?

— איך בין אַ וויעשענסקער, איך געדענק דיך. איך האָב מיטן טאַטן מיט אַ יאָר פינף צוריק ביי דיר אַ ביקל געקויפט.

פאָמין האָט נאָך אַלץ געשמייכלט מיטן זעלבן פאַרלוירענעם קינדישן שמייכל און, אפּנים, זיך באַמיט צו דערמאַנען.

— ניין, עס איז מיר אַראָפּ פון זינען... איך געדענק דיך נישט, — האָט ער מיט קענטיקן באַדויערן געזאָגט.

— דו ביסט געווען אין 52-סטן?

— אין 52-סטן.

— ביסטו, הייסט עס, אַנטלאָפן? פאַרוואָס-זשע ברידערקע, האָסטו דאָס געטון?

דאָ האָט פאָמין אויסגעטון די פּאַפּאַכע און אַרויסגענומען פון איר דעם צעקנייטשטן טיטון-בייטל. זיך איינגעהויקערט, האָט ער פאַמעלעך אַרונטערגענומען די פּאַפּאַכע אונטערן אָרעם, אָפּגעריסן אַ קרום שטיקל ציגאַר-פּאַפּיר און ערשט דעמאָלט צוגעדריקט פּיאָטערן מיטן שטרענגן פייכט-פינקלענדיקן בליק.

— שוין נישט געקאָנט מער, ברידערקע... — האָט ער שטיל געזאָגט.

דערדאָזיקער בליק האָט אַ שטאָך געטון פּיאָטערן. ער האָט

אַ הוסט געטון און אַריינגענומען די געלבלעכע וואָנסע אין מויל.

— נו, חברהלייט, פאַרענדיקט דעם שמועס, איך זאָל אַמאָל צוליב אייך נישט אַריינכאַפּן, — האָט דער ברייטפּלייציקער וואַן־זעלנער אַ זיפץ געטון, פאַרוואַרפנדיק די ביקס איבערן אַקסל. — גיי־גיי, פּעטערשי!

פאָמין האָט איילדיק אַריינגערוקט דאָס טעפּעלע אין רוקזאַק, זיך געזעגנט מיט פּיאָטערן, קוקנדיק אָן אַ זייט, אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שווערן, בערישן גאַנג אין דער ריכטונג פון דער קאָמענדאַנטור.

אין וואָקזאַל, אין בופעט פון דער געוועזענער ערשטער קלאַס, זענען ביי אַ טישל אָנגעבויגן געזעסן דער פּולק־קאָמאַנדיר מיט צוויי סאָטניע־קאָמאַנדירן.

— דו, מעליעכאָוו, לאָזט אויף דיר וואַרטן, — האָט דער פּולקאָווניק מיד אַ מרוגע געטון מיט די בייזע אויגן.

פּיעטראָ האָט אויסגעהערט די ידיעה, אַז זיין סאָטניע גייט איבער אין רשות פון דיוויזיע־שטאַב און ס׳איז נייטיק אויפמערק־זאַם אַכטונג צו געבן אויף די קאָזאַקן און מיטטיילן דעם סאָטניע־קאָמאַנדיר וועגן יעדער באַמערקטער ענדערונג אין זייער שטי־מונג. ער האָט געקוקט דעם פּולקאָווניק גלייך אין די אויגן אַריין, נישט מרוגעַנדיק אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער אין זיין זכרון איז פעסט שטעקן געבליבן, נישט צום אַרויסרייסן, פאָמינס פייכט־בלישטשענדיקער בליק און זיין שטילער: „שוין מער נישט געקאָנט, ברידערקע!"...

ער איז אַרויס פון דושנעם וואָקזאַל און אַוועקגעגאַנגען צו דער סאָטניע. אויף דער זעלבער סטאַציע איז אויך געשטאַנען דער טאַבאָר פון דער צווייטער אָפּטיילונג פון פּולק. צוקומענדיק צו זיין וואַגאָן, האָט פּיעטראָ דערזען די קאָזאַקן פון טאַבאָר און דעם קאָוואַל פון דער סאָטניע. ביים דערזען דעם קאָוואַל, איז פּיעטראָן אַרויס פון זכרון פאָמין און זיין שמועס מיט אים, ער האָט פאַרשנעלערט די טריט מיטן ציל זיך דורכצושמועסן וועגן איבערקאָוון דאָס פערד (אין דעם מאָמענט איז פּיעטראָ שוין באַ־

הערשט געווען פון די טאָגטעגלעכע דאגות און אויפרעגונגען, אָבער דאָ איז פון הינטערן רויטן וואַגאָן-ווינקל אַפּערגעקומען אַ פרוי מיט אַ ווייסער וואָלענער שאַל אויפן קאָפּ, אָנגעטון נישט אַזוי ווי מען קליידט זיך אויף דער פויליש-ווייסרוסישער ערד. די אויסטערליש-קענטלעכע גראַציעזע פיגור האָט גענייט פּיאָטערן אויפמערקזאַם זיך איינצוקוקן אין דער פרוי. זי האָט פּלוצלינג זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים, גענומען שנעלער גיין אַקעגן אים, לייכט באַוועגנדיק מיט די אַקסלען און דינער מיידלישער טאַליע. און נאָך איידער פּיעטראָ האָט דערזען דאָס פּנים, האָט ער שוין, לויטן לייכטן שוועבנדיקן גאַנג, דערקענט זיין ווייב. אַ צוויקנדיקע אָנגענעמע קילקייט איז אים פאַרגאַנגען אונטערן האַרץ. די פרייד איז געווען נאָך שטאַרקער דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט געריכט אויף איר. בכּיוון איינהאַלטנדיק דעם טריט, די קאָזאַקן פון טאַבאָר זאָלן נישט מיינען, אַז ער איז שוין טאַקע צו שטאַרק צופרידן, איז פּיעטראָ איר אַקעגנגעגאַנגען. ער האָט פייערלעך אַרומגענומען דאָס ווייב, זי דריי מאָל געקושט, געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר אַ טיפע אינערלעכע אויפרעגונג האָט אים באַהערשט, די ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און די צונג איז ווי אָפּגענומען געוואָרן.

— איך האָב מיך נישט געריכט... — האָט ער ענדלעך אַרויסגעזאָגט, פאַרהאַקנדיק זיך.

— טייבעלע מיינס! דו האָסט דיך אַזוי געענדערט!... — דאַריאַ האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט. — דו ביסט ווי אַ פרעמדער... זעסט, איך בין געקומען דיך באַזוכן... אינדערהיים האָט מען מיך נישט געלאָזט: „וואו ווילסטו דיך אַוועקשלעפּן!?“ ניין, האָב איך מיר געטראַכט, איך מוז פאָרן, איך מוז מיין ליבן באַזוכן... — האָט זי געפּלאַפּלט, זיך צודריקנדיק צום מאַן און אַריינקוקנדיק אים מיט אַ פייכטן בליק אין די אויגן.

און ביי די וואַגאָנעס האָבן זיך געזאַמלט די קאָזאַקן; געקוקט אויף זיי, אונטערגעהוסט, זיך איבערגעוואונקען, מקנא געווען.

— דאָס גליק האָט אים אונטערגעשפּילט, פּיאָטערן...

— מיין וועלפּיכע וועט נישט איינפאַלן צו קומען, זי האָט זיך אָפּגעוואוינט!

— זי האָט דאָרט צען פּאָר איינעם!

— מעליעכאָוו וואָלט כאָטש אויף איין נאַכט זיין באַבע דער אָפּטיילונג אָפּגעטרעטן... אין דער נויט אונז אַרויסגע־האָלפן... קכ־ם!...

— קומט, חברה! דאָס בלוט קאָן געזעצט ווערן, צוזעענדיק, ווי זי קלעבט זיך צו אים!

אין דעם מאָמענט האָט פּיעטראָ נישט געדענקט, אַז ער האָט בדעה געהאַט דאָס ווייב צו ממיתן, — ער האָט זי געצערטלט אין דער קעגנוואַרט פון אַלע, געגלעט מיטן גרויסן פון רייכערן פאַר־געלטן פינגער די צוגעשוואַרצטע בויגנס פון אירע ברעמען, זיך געפרייט. דאַריאַ האָט אויך פאַרגעסן, אַז זי איז ערשט מיט צוויי נעכט צוריק אין וואַגאָן געשלאָפן מיט אַ דראַגונער, אַ וועטערי־נאַר־פעלדשער, וואָס איז צוזאַמען מיט איר געפאָרן פון כאַרקאָוו אין פּולק אַריין. דער פעלדשער האָט געהאַט אומגעוויינטלעך פּו־כיקע שוואַרצע וואָנסעס, נאָר דאָס אַלץ איז דאָך געווען מיט צוויי נעכט צוריק, און אַצינד האָט זי מיט טרערן פון אויפריכטיקער פרייד אַרומגענומען דעם מאַן, געקוקט אויף אים מיט ערלעכע לויטערע אויגן.

X

נאָכן אומקערן זיך פון אורלויב איז דער עסאַול יעווגעני ליסטניצקי צוגעטיילט געוואָרן צום פערצענטן דאָנער קאָזאַקן־פּולק. אין זיין פּולק, אין וועלכן ער האָט געדינט פריער און פון וועלכן ער איז געגייט געווען נאָך פאַר דער פעברואַר־איבערקע־רעניש אַזוי שענדלעך צו אַנטלויפן, האָט ער זיך נישט געמאָלדן, נאָר גלייך פאַרפאָרן אין דיוויזיע־שטאַב, און דער שטאַב־נאַטשאַל־ניק, אַ יונגער גענעראַל פון אַן אָנגעזעענער קאָזאַקישער דאָנער

אַדל-משפחה, האָט לייכט איינגעאָרדנט פאַר אים דידאָזיקע צו-טיילונג.

— איך ווייס, עסאַול, — האָט ער געזאָגט ליסטניצקין, בלייבנ-דיק אַליין מיט אים אין זיין קאַבינעט, — אַז אייך וועט שווער זיין צו אַרבעטן אין דער אַלטער סביבה, ווייל די קאָזאַקן זענען אויפגעהעצט קעגן אייך, אייער נאָמען ווערט דערמאָנט ביי זיי מיט פאַראַכטונג און ס'וועט, פאַרשטייט זיך, זיין ראַציאָנעלער, איר זאָלט פאָרן אין פערצענטן פּולק אַריין. דאָרט האָבן מיר אַ זעלטן-צוגעקליבענעם קרייז אויסגעצייכנטע אָפיצירן, אויך די קאָזאַקן זענען האַרטער, רויער — מערסטנטייל פון די צפונדיקע סטאַניצעס פון אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז. דאָרט וועט אייך זיין בעסער. איר זענט, דאַכט זיך, אַ זון פון ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש ליסטניצ-קי? — האָט דער גענעראַל געפרעגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן, און באַקומענדיק אַ באַשטעטיקדיקן ענטפער, האָט ער ווייטער גע-רעדט: — פון מיין זייט קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז מיר שעצן אַזעלכע אָפיצירן, ווי איר זענט. אין אונזער צייט געפינען זיך אפילו צווישן די אָפיצירן צומיינסט צוויי-פּנימדיקע. עס איז גאָר-נישטאָ קיין לייכטערס, ווי ענדערן דעם גלויבן, אָדער גאָר איינצייטיק דינען צו צוויי געטער... — האָט דער שטאַב-נאַ-טשאַלניק ביטער פאַרענדיקט.

ליסטניצקי האָט מיט פרייד אָנגענומען די צוטיילונג. נאָך דעם זעלבן טאָג אַרויסגעפאָרן קיין דווינסק, וואו עס האָט זיך גע-פונען דאָס פערצענטע פּולק, און אַ מעת-לעת אַרום זיך שוין פאָר-געשטעלט דעם פּולק-קאָמאַנדיר, דעם פּולקאָווניק ביקאַדאָראָוו, און מיט צופרידנקייט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון שטאַב-נאַטשאַל-ניקס ווערטער: די אָפיצירן זענען מערסטנטייל געווען — מאָנאַר-כיסטן; די קאָזאַקן, אויף אַ דריטל דורכגעוואָרפן מיט אַלט-גלױ-ביקע פון אוסט-כאָפּערער, קומילזשענסקער, גלאַזונאָווער און אַנ-דערע סטאַניצעס, זענען גאָרנישט געווען געשטימט רעוואָלוציאָ-נעריש, טרייהייט דער צייטווייליקער רעגירונג צוגעשוואוירן נישט גערן, אין די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אַרום, זיך נישט

פונאַנדערגעקליבן און גאָרנישט געוואָלט זיך פונאַנדערקלויבן ; אין פאָלק-קאָמיטעט און אין די סאָטניע-קאָמיטעטן זענען אַריין קאָזאַקן אונטערטעניקע און געהאָרכזאַמע... ליסטניצקי האָט פריידיק אָפּגעאָטעמט אין דער נייער סביבה.

צווישן די אָפיצירן האָט ער באַגעגנט צוויי מאַן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געדינט אין אַטאַמאַנישן פולק און וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט ; די איבעריקע זענען געווען זעלטן צוגעפּאַסטע, האָבן געהאַט די זעלבע מיינונג און אָפּן גערעדט וועגן צוריקשטעלן די דינאַסטיע.

דאָס פולק האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דווינסק אַ צווייחדשים ; אַריינגענומען אין איין פעסטער פויסט — האָט עס זיך אויסגערוט, דיסציפּלינירט געוואָרן. פריער האָבן די סאָטניעס, צוגעטיילט צו די פוסגייער-דיוויזיעס, געבלאָנזשעט איבערן פראָנט פון ריגע ביז דווינסק, אָבער אין אַפּריל האָט עמעצנס זאָרגעוודיקע האַנט אַלע סאָטניעס צונויפגעגאָסן, — דאָס פולק איז געשטאַנען גרייט צום אַרויסמאַרשירן. די קאָזאַקן, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון די אָפיצירן, האָבן זיך פאַרנומען מיט איבונגען, אַכטונג געגעבן אויף די פערד, געלעבט מיט אַ רעגלמעסיק אָפּגעשלאָסן לעבן, נישט אַרונטערפאַלנדיק אונטער דער ווירקונג פון דרויסן.

צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן נישט קלאָרע השערות וועגן דער אמתער באַשטימונג פון פולק, אָבער די אָפיצירן האָבן אָפן געזאָגט, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט דאָס פולק אין עמעצנס זיכערע הענט נאָך איבערדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע.

אויפן נאָענטן פראָנט האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויליקע זאַכן. די אַרמייען האָבן געאָטעמט מיט טויט-פיבער, עס האָט אויסגעפעלט אַמוניציע, פּראָוויאַנט ; די אַרמייען האָבן מיט אַלע הענט זיך געשטרעקט צום פאַנטאַסטישן וואָרט „שלום” ; די אַרמייען האָבן פאַרשידנאַרטיק אויפגענומען דעם צייטווייליקן אָנפירער פון דער רעפּובליק קערענסקין און, אונטערגעטריבן דורך זיינע היסטערישע אויסגעשרייען, געליטן אַ מפּלה אין יוני-אָנגריף. אין די

אַרמייען האָט דער רייפער צאָרן געזאָטן, ווי דאָס וואַסער פון אַ שטראָם, אַרויסגעשליידערט דורך אונטערערדישע קוואַלן...

אָבער אין דווינסק האָבן די קאָזאַקן געלעבט פרידלעך, שטיל: די מאָגנס פון די פערד האָבן פאַרדייעט דעם האָבער און מאַקוך און אין זכרון פון די קאָזאַקן זענען פאַרווישט געוואָרן די מאַטערנישן, וואָס מען האָט איבערגעלעבט אויפן פראָנט; די אָפּיצירן האָבן רעגלמעסיק באַזוכט זייער קלוב, נישט שלעכט זיך דערנערט, געפירט הייסע וויכוחים וועגן גורל פון רוסלאַנד...

אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז די ערשטע טעג פון יולי. דעם דריטן — איז דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל: „נישט פאַרלירן קיין מינוט — אַרויסמאַרשירן". די עשעלאָנען פון פולק האָבן זיך גענומען רוקן צו פעטראָגראַד. דעם זיבעטן יולי האָבן די קאָפּיטעס פון די קאָזאַקישע פערד שוין געקלאַפּט איבער די הילצערן-ברוקירטע גאַסן פון דער רעזידענץ.

דאָס פולק האָט מען איינקוואַרטירט אויף ניעווסקי פּראָספּעקט. פאַר ליסטניצקיס סאָטניע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ ליידיקע האַנדלס-האַלע. די קאָזאַקן האָט מען אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד און פרייד, — וועגן דעם האָט קלאָר עדות געזאָגט די זאָרגעוודיקייט, מיט וועלכער די מאַכט-אָרגאַנען פון דער הויפּט-שטאָט האָבן צוגעגרייט די לאָקאַלן, וואָס זענען באַשטימט געווען פאַר די קאָזאַקן. די פריש-געקאַלכטע ווענט האָבן געגלאַנצט, די ריין-געוואַשענע דילן האָבן געאָטעמט מיט פרישקייט, די נייע נאַרעס פון סאָסנע-האָלץ — האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פעכיקן ריח; ס'איז כמעט געווען געמיטלעך אין דעם ליכטיקן אויפגערוימטן האַלב-קעלער. ליסטניצקי האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אונטער די פענסנע אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם לאָקאַל, זיך דורכגעגאַנגען לענגאויס די העל-געווייסטע ווענט און באַשלאָסן, אַז קיין בעסערס קאָן מען, אין הינזיכט פון באַקוועמלעכקייט, זיך גאָרנישט ווינטשן. צופרידן פון דער אינספּעקציע, האָט ער אין דער באַגלייטונג פון קליינעם עלעגאַנט-געקליידטן פאָרשטייער פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַפולמעכטיקט געוואָרן אויפצונעמען

די קאָזאַקן, זיך אָנגעדרייט צום אַרויסגאַנג אין הויף אַריין, נאָר דאָ איז פאָרגעקומען אַ נישט אָנגענעמע צופעליקייט: אָננעמענדיק די קליאַמקע פון דער טיר, האָט ער דערזען אויף דער וואַנט אַ צייכענונג, וואָס איז מיט עפּעס אַ שאַרפער זאַך מייסטערהאַפט אויסגעקריצט געוואָרן — אַן אויסגעשטשירעטער הינטישער קאָפּ און אַ בעזעם*. עס איז קענטיק געווען, אַז עמעצער פון די אַרבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט געווען ביים רעמאָנטירן דעם לאָקאַל, האָט געוואוסט פאַר וועמען ער ווערט צוגעגרייט....

— וואָס איז דאָס? — האָט ליסטניצקי מיט ציטערנדיקע ברעמען אַ פרעג געטון דעם פאָרשטייער, וואָס האָט אים באַגלייט.

יענער איז מיט פלינקע מייזן-אויגן דורכגעלאָפן די צייכענונג און שנעל אָנגעהויבן סאַפּען. דאָס בלוט האָט אים אַזוי געדיכט אַ שלאָג געטון אין פנים אַריין, אַז אפילו דער געקראָכמאַליעטער קאָלנער פון זיין העמד האָט אויך אַזוי ווי זיך פאַררייטלט...

— אַנטשולדיקט, הער אָפיציר... אַ בייזוויליקע האַנט...

— איך האָף, אַז אָן אייער וויסן האָט מען דאָ אויסגעקריצט דעם עמבלעם פון די אָפּריטשניקעס?

* אין די צייטן פון איוואַן דעם גרויזאַמען האָט דער פאַרביסענער קאַמף פאַר דער ווירטשאַפטלעכער הערשאַפט און פּאָליטישער מאַכט צווישן קלאַס פון אונטערגייענדיקן באָיאַרנטום און אויפקומענדיקן אַדלשטאַנד דערפירט צום איינטיילן די מלוכה אויף אַ „זעמשטשינאַ", וואָס איז איגעגעבן געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון די באָיאַרן, און „אָפּריטשנינאַ", מיט וועלכער עס האָט אומגעצוימט אָנגעפירט דער קייסער אַליין, בראש פון די אַדל-אָפּריטשניקעס. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערע אַרמיי פון אָפּריטשניקעס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַדייטנד-באַוואָפנטע קראַפט פון נייעם קלאַסן-רעזשים. די אָפּריטשניקעס האָבן זיך אָפּגעקליבן באַזונדערע אויסערלעכע פאָרמען: אַזוי, למשל, האָבן זיי צוגעבינדן צו זייערע זאָטלען אַ הינטישן קאָפּ און אַ בעזעם, אַלס צייכן, אַז זיי בייסן און קערן אויס די פאַררעטער-באָיאַרן.

— וואָס רעדט איר ?! וואָס רעדט איר ?! גאָט באַהיט !... אַ באָלשעוויסטיש שפּיצל... עפּעס אַ מנוול האָט געוואָגט !... איך וועל גלייך באַפעלן נאָכאַמאָל די וואַנט איבערצוּווייסן. דער טייוול ווייסט עס !... אַנטשולדיקט... אַזאַ משונהדיקער פּאַרפאַל... איך נעם מיר די דרייסטקייט אייך צו פאַרזיכערן, אַז מיר איז אַ חרפּה פאַר דער פרעמדער געמיינהייט...

ליסטניצקי האָט באמת רחמנות געקריגן אויפן באַליידיקטן, צעטומלטן בירגער. זיין אָנגעשטרענגט-קאַלטער בליק איז מילדער געוואָרן און ער האָט איינגעהאַלטן געזאָגט:

— דער מאָלער האָט געהאַט אַ קליינעם טעות — די קאָזאַקן קענען דאָך נישט די רוסישע געשיכטע. נאָר פון דעם דרינגט נאָך נישט אַרויס, אַז מיר קאָנען טאָלערירן אַזאַ באַציִונג צו זיך...

דער פאָרשטייער האָט מיטן האַרטן געפּלעגטן נאָגל אויסגעקראַצט די צייכענונג אין קאַלך, אויסגעשמירט דעם טייוו'ן ענגלישן פּאַלטן אין דינעם ווייסן שטויב, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אים, זיך געצויגן אויף די שפּיץ פינגער ביי דער וואַנט. ליסטניצקי האָט זיך געווישט די פּענסנע, געשמייכלט, אָבער אַ ביטער-גאַליקער אומעט האָט אין דעם מאָמענט זיין האַרץ געפּרעסט.

„אָט ווי אַזוי מען נעמט אונז אויף, און אָט וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער דער אויסערלעכקייט !... אָבער צי פאַרקערפּערן מיר טאַקע פאַר גאַנץ רוסלאַנד דאָס בילד פון דער אָפּריטשנינאַ ?" — האָט ער געקלערט, שפּרייזנדיק איבערן הויף צו די שטאַלן און נישט אויפמערקזאַם, גלייכגילטיק זיך איינהערנדיק אין די רייד פון פאָרשטייער, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען.

אין טיפן ברייטן ברוינעם פון הויף זענען קרימלעך געפאַלן די זונען-שטראַלן. פון די פענסטער פון די פילשטאָקיקע הייזער האָבן די איינוואוינער זיך אַרויסגעבויגן און באַטראַכט די קאָזאַקן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן הויף, — די סאָטניע האָט איינגעשטעלט די פערד אין דער שטאַל. די קאָזאַקן, וואָס זענען שוין פריי געווען, זענען אין קופּקעלעך געשטאַנען אָדער טשיפּקע געזעסן אין שאָטן ביי די ווענט.

— פאַרוואָס־זשע, חברה, גייט איר נישט אַריין אין לאָ־קאַל? — האָט ליסטניצקי געפרעגט די נאָענטע.
— מיר וועלן נאָך באַווייזן, הער עסאַול.
— ס׳וועט נאָך דאָרט אויך נמאס ווערן...
— מיר וועלן פריער די פערד איינשטעלן.

ליסטניצקי האָט באַטראַכט דעם סקלאַד, וואָס איז באַשטימט געוועזן פאַר דער שטאַל, און שטרענג געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו־ריק אַריינצוגיין אין טאָן פון אומפּריינטלעכקייט צום פאָרשטייער, וואָס האָט אים באַגלייט:

— פאַרבינדט זיך מיט ווערמען מען דאַרף און דערליידיקט אָט וואָס: מיר מוזן דורכהאַקן נאָך איין טיר. מיר קאָנען דאָך נישט האָבן פאַר הונדערט און צוואָנציק פערד בלויז דריי טירן! אין מאָמענט פון אַליאַרם וואָלטן מיר אין אַזאַ פאַל געדאַרפט האָבן אַ האַלבע שעה די פערד אַרויסצופירן... מערקווירדיק! צי האָט מען דאָס נישט געקאָנט באַזאָרגן אין דער געהעריקער צייט? איך וועל געבייט זיין צו מעלדן וועגן דעם דעם פּולק־קאָמאַנדיר.

באַקומענדיק גלייך די פאַרזיכערונג, אַז עס וועלן דורכגע־האַקט ווערן נאָך היינט נישט איינע, נאָר צוויי טירן, האָט ליסט־ניצקי זיך געזעגנט מיטן פאָרשטייער, אים טרוקן געדאַנקט פאַר די באַמיִונגען, פאַראָרדנט וועגן באַשטימען וואַך־זעלנער און אַוועקגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק צו דער צייטווייליקער וואוינונג, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די אָפיצירן פון דער סאָטניע. ער האָט גייענדיק זיך אויפגעשפּיליעט דעם מונדיר, אָפּגעווישט דעם שווייס פון אונטערן דאַשעק און מיט די זייטי־קע טרעפּ אַריינגעגאַנגען צו זיך, וואו עס האָט אים אָנגענעם דער־פרייט די רחבותדיקע קילקייט פון די צימערן. חוץ דעם אונטער־עסאַול אַטאַרשטשיקאָוו איז אין דער וואוינונג קיינער נישט געווען.

— וואו־זשע זענען די איבעריקע? — האָט ליסטניצקי גע־פרעגט, זיך אַ וואָרף טוענדיק אויף דער ברעזענטענער קויקע און שווער אויסציִענדיק די פיס אין די פאַרשטויבטע שטיוול.

— אויף דער גאַס. זיי באַקוקן פּעטראָגראַד.

— פאַרוואָס־זשע ביסטו נישט געגאַנגען ?

— איך ווייס ? עס לוינט נישט. ערשט אָנגעקומען — און שוין אין שטאָט אַריין. אָט לייען איך בעסער, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט צוויי טעג צוריק. אינטערעסאַנט !

ליסטניצקי איז געלעגן שווייגנדיק, אָנגענעם געפּילט, ווי דאָס פאַרשוויצטע העמד קילט זיך ביסלעכווייז אויף זיין רוקן, זיך געפּוילט אויפצושטיין און אָפּוואַשן, — די אָנגעזאַמלטע מידעקייט פון וועג האָט זיך אָפּגערופן. זיך גובר זייענדיק, איז ער אויפגעשטאַנען און אַריינגערופן דעם אָרדינאַנס. ער האָט איבערגעטון וועש, זיך לאַנג געוואַשן, פאָרסקענדיק מיט הנאה, געריבן מיטן האַריקן האַנטוך דעם אָפּגעברענטן פולן האַלז.

— וואָס דיך אָפּ, וואַניאַ, — האָט ער געראָטן אַטאָרשטשיקאָוון : — וועסט פון דיר אַ באַרג אַראָפּוואַרפן... נו, וואָס־זשע שרייבן די צייטונגען ?

— כ׳לעבן, אפשר זאָל איך מיך טאַקע אָפּוואַשן. ס׳איז נישט שלעכט — זאָגסטו ?... וואָס די צייטונגען שרייבן ? — וועגן אַרויסטריט פון די באָלשעוויקעס און די אָנגענומענע מיטלען פון דער רעגירונג... לייען !

אויפגעהייטערט נאָכן אָפּוואַשן, האָט ליסטניצקי זיך שוין גענומען לייענען, אָבער מען האָט אים איינגעלאַדן צום פּולק־קאָמאַנדיר. ער האָט זיך אומגערן אויפגעהויבן, אָנגעטון דעם נייעם מונדיר, וואָס איז צעקנאָדערט געווען פון וועג און האָט געשמעקט מיט זייף, צוגעשפּיליעט די שווערד און אַרויסגעגאַנגען אויפן פּראָספּעקט. אַריבערגייענדיק אויף דער צווייטער זייט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און באַטראַכט דאָס הויז, וואו די סאָטניע איז איינקוואַרטירט געווען. אויסערלעך, לויטן טיפּ, האָט דאָס הויז מיט גאָרנישט זיך אונטערגעשיידט פון די איבעריקע הייזער : אַ פּיל־גאָרנדיקס, באַקליידט מיט רויכיקן שוואָם־אַרטיקן שטיין, איז עס געשטאַנען אין איין רייע מיט נאָך אַזעלכע הייזער. ליסטניצקי האָט פאַררייכערט און אַוועקגעגאַנגען איבערן טראָטואַר. דער געדיכטער עולם

האָט זיך געשוימט מיט מענערישע שטרויענע קאַפּעלושן, מעלאָניקעס, היטלען, אויסטערליש איינפּאַכע און עלעגאַנטע פרויען־היטעלעך, אין אַלגעמיינעם שטראָם האָט פון צייט־צו־צייט פאַרבייגעשימערט דער גרינער דעמאָקראַטישער פלעק פון אַ מיליטעריש היטל און פאַרשוואונדן געוואָרן, פאַרשלונגען דורך די שאַטירונגען פון די פאַרשידנאַרטיקע קאָלירן.

פון ים האָט כוואַליענדיק געבלאָזן אַ לינד דערפרישנדיק ווינטל, זיך אָנגעשלאָגן אָן די קאַנטיקע מאַסיוון פון די בנינים, זיך צעפלאָסן אין שיטערע נישט רעגלמעסיקע שטראָמלעך. איבערן שטאָלענעם פיאָלעט־געשטרייפטן טונקעלן הימל זענען אויף דרום געשוואומען וואָלקנס, זייערע מילך־ווייסע געצייינדלטע קאַמען האָבן רעליעף און שאַרף זיך געצייכנט. איבער דער שטאָט איז געהאָנגען אַ פאַרנע פאַר־רעגנדיקע דושנעקייט, עס האָט געשמעקט מיט דערהיצטן אַספאַלט, איבערגעברענטן בענזין, נאָענטן ים, אויפרייצנדיקן אומבאַשטימטן אַראָמאַט פון פרויען־פּערפומען און מיט נאָך עפּעס אַ פאַרשידנאַרטיקן אומבאַקאַנטן געמיש פון ריחות, וואָס איז אייגן יעדער רייך־באַפעלקערטער שטאָט.

ליסטניצקי האָט גערייכערט, פאַמעלעך געגאַנגען אויף דער רעכטער זייט טראָטואַר און פון צייט־צו־צייט באַמערקט ווי די דורכגייער קוקן זייטיק אויף אים מיט דרך־ארץ. לכתחילה האָט ער געפילט אַ געוויסע זשענירונג פאַר זיין צעקנייטשן מונדיר און אָפּגענוצט היטל, אָבער באַלד באַשלאָסן, אַז אַ געקומענער פון פראָנט האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט זיין אויסערלעכקייט, מכל־שכן ער, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון וואַגאָן.

אויף די טראָטואַרן זענען פויל געלעגן אָליוו־געלע שאָטנדיקע פלעקן פון די לייוונטענע ביידלעך איבערן אַריינגאַנג אין די מאַגאַזינען און קאַפעען. דער ווינט האָט געפלאַטערט אין דער אָפּבליאַקירטער לייוונט, די פלעקן אויף די טראָטואַרן האָבן זיך באַוועגט, געציטערט אונטער די שאָרכנדיקע טריט פון די פאַרבייגייער. נישט געקוקט אויף דער נאָכמיטאָגדיקער שעה האָט דער פּראָספּעקט געווימלט מיט מענטשן. ליסטניצקי, וואָס איז אין משך

פון די מלחמה־יאָרן אָפּגעוואוינט געוואָרן פון דער שטאָט, האָט מיט פריידיקער באַפרידיקונג אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם פאַרשידנאַרטיקן גערויש, דורכגעפלאָכטן מיט געלעכטער, פייפערייען פון אויטאָמאָבילן, געשרייען פון צייטונגס־פאַרקויפער. און כאָטש ער האָט זיך געפילט אין דערדאָזיקער מחנה אָנשטענדיק־געקליידטע זאַטע מענטשן, ווי אַן אייגענער און נאָענטער, האָט ער דאָך געטראַכט:

„ווי צופרידן איר זענט אַצינד אַלע, ווי פריידיק און גליקלעך: סיי די סוחרים, סיי די בערזע־מעקלער, סיי די פאַרשידנראַנגיקע באַאַמטע, סיי די גוטבאַזיצער, סיי די לייט מיטן בלויען בלוט אין די אָדערן! און וואָס איז מיט אייך געווען מיט דריי טעג צוריק? ווי אַזוי האָט איר אויסגעזען, ווען דאָס ערב־רב און די סאָלדאַטשינע האָבן ווי צעפלאָסענער אַרץ אַ פלייץ געטון איבער אָט דעמדאָזיקן פּראָספּעקט, איבער די גאַסן? דעם אמת געזאָגט, בין איך אי צופרידן, אי נישט צופרידן מיט אייך. און איך ווייס נישט, צי זאָל איך מיך יאָ אָדער נישט פרייען מיט אייער וואוילזיין...”

ער האָט געפּרוווט אַנאַליזירן זיין געטיילט געפיל, געפינען אַן אויסגאַנג און אָן אָנשטרענגונג באַשלאָסן: דערפאַר טראַכט ער און פילט אַזוי, ווייל די מלחמה און דאָס אַלץ, וואָס דאָרט איז אויסגעקומען איבערצולעבן, האָבן אים דערווייטערט פון דערדאָזיקער מחנה זאַטע און צופרידענע.

„אָט דערדאָזיקער יונגער, גוט דערנערטער מענטש, — האָט ער געטראַכט, זיך צוזויפטרעפנדיק מיטן בליק מיט אַ דיקן, רויטבאַקיקן און אָנוואָנסיקן מאַנסביל: — פאַרוואָס איז ער נישט אויפן פראָנט? מסתמא אַ זון פון אַ פאַבריקאַנט אָדער וועלכן רייכן סוחר; זיך אַרויסגעדרייט, דער מנוול, פון דער דינסט, — ער פייפט אויפן פאָטערלאַנד, — און „אַרבעט פאַר דער פאַרטיידיקונג”, פאַשעט זיך און האָט ליב פרויען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן...”

„אָבער סוף־כּל־סוף מיט וועמען־זשע ביסטו?” — האָט ער זיך אַליין געשטעלט אַ פראַגע און שמייכלענדיק באַשלאָסן: „נו,

פאַרשטייט זיך, אַז מיט דידאָזיקע! אין זיי געפינט זיך אַ טיילעכל פון מיר און איך בין אַ טיילעכל פון זייער קאָלעקטיוו... אַלץ, וואָס איז דאָ גוטס אָדער שלעכטס אין מיין קלאַס, געפינט זיך אויך אין דער אָדער יענער מאָס אין מיר. אפשר האָב איך אַן איידעלערע הויט, ווי אָט דאָס געפּאַשעטע חזיר, דערפאַר אפשר רעאַגיר איך אויף אַלץ קרענקלעכער, דערפאַר באַטייליק איך מיך ערלעך אין דער מלחמה, דערפאַר „אַרבעט איך נישט פאַר דער פאַרטיידיקונג", און דעמאָלט ווינטער אין מאָהילעוו, ווען איך האָב דערזען דעם אָבדיקירטן קייסער אין אויטאָמאָביל, ווי ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער הויפּט-קוואַרטיר מיט זיינע אין צער-פאַרפרעסטע ליפּן און דער הילפלאָזער, נישט צום איבערגעבן דערשיטערנדיקע פּאָזע פון דער האַנט אויף דער קני, — בין איך דערפאַר טאַקע אַ פאַל געטון אויפן שניי און זיך צעיאָמערט ווי אַ קינד... איך נעם דאָך ערלעך נישט אויף די רעוואָלוציע, איך קאָן זי נישט אויפנעמען! אי דאָס האַרץ, אי דער שכל שטעלן זיך אַקעגן... איך וועל דאָס לעבן אַוועקגעבן פאַרן אַלטן, אַוועקגעבן, נישט וואַקלענדיק זיך, אָן פּאָזע, פּשוט, ווי אַ זעלנער. אָבער צי וועלן זיך אַ סך דעצידירן אויף דעם?"

בלייך ווערנדיק, האָט ער מיט טיפער דערשיטערנדיקער קלאָרקייט אויפגעלעבט אין זיין זכרון יענעם פאַרבן-רייכן פעברואַר-אָוונט, דעם גובערנאַטאָרס הויז אין מאָהילעוו, די אייזערנע מיט ראָסט באַדעקטע פאַרצוימונג, דעם שניי אויף דער צווייטער זייט, איבער וועלכן עס זענען אויסגעשפּרייט געווען רויטע אָפּגלאַנצן פון דער נידעריקער, אין רויכיק-פּראָסטיקן וואָל געהילטער זון. נאָכן משופּעדיקן אָפּהאַנג פון דניעפּער איז דער הימל געפאַרבט געווען אין לאַזור, צינאָבער, גאָלדיקן זשאַווער; יעדער שטריך אויפן האָריזאָנט איז געווען אַזוי דורכזיכטיק לופטיק, אַז

עס איז אַ שאָד געווען צו קוקן. ביים טויער — אַ קליינע גרופּע מיליטערלייט און ציווילע פון דער הויפּט־קוואַרטיר... עס פאָרט אַרויס אַ פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל. הינטער דער שויב, דאַכט זיך, — פּרעדעריקס און דער קייסער, אויסגעבויגן אַהינטער אויפן אָנלען. זיין פאַרשפּיצט פּנים איז פּיאָלעט פאַרשאָטנט. איבערן בלייכן שטערן — דער קרומער שוואַרצער האַלב־קרייז פון דער פּאַפּאַכע, די פאָרם פון דער קאָזאַקישער וואַך, וואָס האָט אים באַגלייט.

ליסטניצקי איז כמעט געלאָפן צווישן די מענטשן, וואָס האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך אומגעקוקט אויף אים. פאַר זיינע אויגן האָט אַ שימער געטון ביים ראַנד פון דער שוואַרצער פּאַפּאַכע דעם קייסערס האַנט, וואָס האָט סאַלוטירט, אין די אויערן האָט גערוישט דאָס שטילע אָפּפאָרן פון אויטאָמאָביל און די בזיונדיקע שטומקייט פון די מענטשן, וואָס האָבן מיט שווייגן באַגלייט דעם לעצטן קייסער...

איבער די טרעפּ פון הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון פּולק, איז ליסטניצקי אַרויפגעגאַנגען פּאַמעלעך. זיינע באַקן האָבן נאָך געציטערט און די פאַרשוואָלענע אויגן פון וויינען האָבן בלוטיק געטרערט. אויף דער פּלאַטפאָרמע פון צווייטן שטאָק האָט ער אויסגערייכערט צוויי פּאַפּיראָסן, איינעם נאָך אַנדערן, אויסגעווישט די פּענסנע, צו צוויי שטיגן מיטאַמאָל אַרויפגעלאָפן אויפן דריטן שטאָק.

דער פּולק־קאָמאַנדיר האָט אויף דער מאַפּע פון פּעטראָגראַד אָנגעמערקט דעם ראַיאָן, אין וועלכן ליסטניצקיס סאָטניע האָט געדאַרפט האַלטן וואַך איבער די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, אויסגערעכנט די אינסטיטוציעס, מיט די קלענסטע דעטאַלן אָנגעוויזן וואָסערע און אין וועלכער צייט עס דאַרפן געשטעלט און געביטן ווערן די וואַכן, און צום סוף געזאָגט:

— קערענסקין אין ווינטער־פּאַלאַץ...

— קיין וואָרט נישט וועגן קערענסקין!... — האָט ליסטניצ־קי, אַ טויט־בלייכער, הויך אַרויסגעשעפּטשעט.

— יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש, מען מוז זיך באַהערשן...

— פּולקאָווניק, איך בעט אייך!

— אָבער, טייערער מיינער...

— איך בעט אייך!

— די נערוון זענען ביי אייך אָנגעשטרענגט...

— פּאַטראָלן צום פּוטילאָווער זאַוואָד באַפעלט איר שוין אַרויסצושיקן? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, שווער אָטעמענדיק.

דער פּולקאָווניק האָט זיך געביסן די ליפּן, געשמייכלט, גע־קוועטשט מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— שוין! און אומבאַדינגט מיטן אָפיציר פון דער אָפּ־טיילונג.

ליסטניצקי איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאַב אַ מאָראַליש אויס־געשעפּטער, אַ צעשמעטערטער פון די פריערדיקע זכרונות און דעם שמועס מיטן פּולק־קאָמאַנדיר. כמעט ביים סאַמע הויז האָט ער דערזען אַ קאָזאַקישן פּאַטראָל פון פערטן דאָנער פּולק, וואָס איז געשטאַנען אין פּעטראָגראַד. פון ציימל פון אָפיצירס הע־געלן פערד זענען טרויעריק נאָכגעהאָנגען עטלעכע לעבעדיקע בלימלעך. איבערן בלאָנד־וואָנסיקן פּנים פון אָפיציר האָט געבלאָנ־זשעט אַ שמייכל.

— זאָלן לעבן די רעטער פון פאָטערלאַנד!... — האָט אויס־געשריגן עפּעס אַן עקזאַלטירטער באַיאָרטער הער, אַראָפּגייענדיק פון טראָטואַר און אַ פּאָכע טוענדיק מיטן הוט.

דער אָפיציר האָט פריינטלעך צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק. דער פּאַטראָל איז שנעל אַוועקגעריטן. ליסטניצקי האָט

אַ קוק געטון אויפן אויפגערעגטן פּנים פון העד מיט די פּייכטע ליפּן, וואָס האָט באַגריסט די קאָזאַקן, אויף זיין פליסיק פאַרבונ־דענעם קאָלירטן שנופּס און, אַ פאַרקרימטער, אַן איינגעהויקערטער שנעל אַריינגעלאָפן אין טויער פון הויז.

סוף פון פינפטן בוך.

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק
1936 וואַרשע

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאס זעקסטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

דישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

ווארשע 1936

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.

XI

דאָס נאָמינירן דעם גענעראַל קאָרנילאָוו אַלס הויפּט־קאָמאַני־דיר פון דרום־מערבדיקן פראָנט איז אויפגענומען געוואָרן דורכן אָפיצירן־קאָרפּוס פון 14־טן פולק מיט גרויס אָנערקענונג. וועגן אים האָט מען גערעדט מיט ליבשאַפט און אַכטונג, ווי וועגן אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער, וואָס איז אָן ספק בכוח אַרויסצו־פירן דאָס לאַנד פון טעמפּן ווינקל, אין וועלכן עס האָט עס צריינגעפירט די ציטוויילִיקע רעגירונג.

מיט באַזונדערער באַגייסטערונג האָט אויפגענומען דידאָזיקע נאָמינאַציע ליסטניצקי. ער האָט דורך די ייִנגערע סאָטניע אָפיצירן און אים נאָענטע קאָזאַקן זיך באַמיט געוואויר צו ווערן, ווי אַזוי עס באַציען זיך צו דעם די קאָזאַקן, אָבער די באַקומענע ידיעות האָבן אים נישט פאַרשאַפט קיין פרייד: די קאָזאַקן האָבן גע־שוויגן, אָדער זענען אָפּגעקומען מיט אַפּאַטישע ענטפערס:

— אונז איז אַלץ איינס...

— וואָס איז ער פאַר איינער, ווער קען אים...

— ווען ער וואָלט זיך באַמיט וועגן שלום, דעמאָלט, פאַר־שטייט זיך...

— נישקשה, אונז וועט פון זיין שטייגן גרינגער נישט ווערן!

צווישן די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך קאָמוניקירט מיט ברייטערע קרייזן פון דער ציווילער באַפעלקערונג און מיליטער־לייט, האָבן אין משך פון עטלעכע טעג זיך אַרומגעטראָגן עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז קאָרנילאָוו איבט אויס אַ דרוק אויף דער ציטוויילי־קער רעגירונג, פאָדערנדיק צוריק איינצופירן טויט־שטראָף אויפן פראָנט און אָננעמען אַ סך אַנטשלאָסענע מיטלען, פון וועלכע ס'איז

אפהענגיק דער גורל פון דער אַרמיי און אויסגאַנג פון דער מלחמה. מען האָט געשמועסט, אַז קערענסקי האָט מורא פאַר קאָרנילאָוון און וועט, מסתמא, אָנווענדן אַלע באַמיִונגען, כדי צו פאַרבייטן אים אויפן אַמט פון פראָנט-הויפט-קאָמאַנדיר מיט אַ מער נאָכגיביקן גענעראַל. עס זענען אָנגערופן געוואָרן נעמען פון גענעראַלן, וואָס זענען באַקאַנט געווען אין די מיליטערישע קרייזן.

דעם *19*-טן יולי זענען אַלע איבערראַשט געוואָרן דורך דער מיטטיילונג פון דער רעגירונג וועגן באַשטימען קאָרנילאָוון אַלס העכסטן הויפט-קאָמאַנדיר. באַלד נאָכדעם האָט דער אונטער-עסאַול אַטאַרשטשיקאָוו, וואָס האָט געהאַט ברייטע באַקאַנטשאַפטן אין הויפט-קאָמיטעט פון אָפיצירן-פאַרבאַנד, דערציילט, שטיצנדיק זיך אויף באַגלויבנסווערטע קוועלן, אַז קאָרנילאָוו האָט אין זיין מעמאָריאַל צו דער צייטווייליקער רעגירונג אונטערגעשטראָכן אַלס אומבאַדינגט נייטיק אָנצונעמען פאַלגנדיקע הויפט-מיטלען: איינצופירן אויף דער טעריטאָריע פון דער מלוכה אין באַצוג צו די חיילות פון הינטערלאַנד און דער באַפעלקערונג מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערע געריכטן מיט דער אָנווענדונג פון טויט-שטראָף פאַר אַ גאַנצער רייע שווערע פאַרברעכנס, דער עיקר מיליטערישע; צוריקשטעלן די דיסציפלינאַרע מאַכט פון די מיליטערישע אָנפירער; אַריינפירן אין שמאָלע ראַמען די טעטיקייט פון די קאָמיטעטן, באַשטימען זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געזעץ א. א. וו.

דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָט ליסטניצקי אין אַ געשפרעך מיט די אָפיצירן פון זיין סאָטניע און אַנדערע סאָטניעס שאַרף און אָפן געשטעלט די פראַגע: מיט וועמען זיי גייען?

— הערן אָפיצירן! — האָט ער געזאָגט מיט איינגעהאַלטענער אויפרעגונג. — מיר לעבן ווי אַ פרידלעכע משפחה. מיר ווייסן, וואָס איטלעכער פון אונז שטעלט מיט זיך פאָר, אָבער ביז איצט זענען אַ סך אָנגעווייטיקטע פראַגן צווישן אונז געבליבן נישט אויפגעקלערט. און אָט טאַקע איצט, ווען עס טרעט בולט אַרויס די פערספעקטיוו פון חילוקי-דעות צווישן הויפט-קאָמאַנדיר און דער רעגירונג, זענען מיר מחויב איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך צו שטעלן

די פראַגע: מיט וועמען און פאַר וועמען זענען מיר? לאָמיר־זשע זיך דורכשמועסן חבריש, אָן הינטערוועגלעך.

דער אונטערעסאַול אַטאַרשטשיקאָוו האָט געענטפערט דער ערשטער:

— איך בין פאַרן גענעראַל קאָרנילאָוו גרייט צו פאַרגיסן אי מיין בלוט, אי פרעמד בלוט! דאָס איז אַ קרישטאָל־ריינער מענטש, און נאָר ער אַליין איז אימשטאַנד צוריקצושטעלן רוסלאַנד אויף די פיס. זעט, וואָס ער טוט אין דער אַרמיי! בלויז אַ דאַנק אים האָבן דאָך די מיליטערישע אָנפירער טיילווייז באַקומען אויפגעבונדענע הענט. ביז איצט האָט כסדר געהערשט די אייבערמאַכט פון די קאָמיטעטן, פאַרברידערונג, דעזערטירערײ. וואָס איז דאָ צו רעדן? יעדער אָנשטענדיקער מענטש איז פאַר קאָרנילאָוון!

אויף דינע פיס, אַ ברייטפלייציקער, מיט אַן אומגעוויינטלעך־בולטער ברוסט, האָט אַטאַרשטשיקאָוו גערעדט היציק. ס'איז קענטיק געווען, אַז די באַרירטע פראַגע האָט אים טיף פאַרכאַפּט. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער אָנגעשטעלט דעם בליק אויף די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך גרופּירט ביים טיש און אָפּוואַרטנדיק געקלאַפּט מיטן מונדשטוק פון פּאַפּיראָס איבערן פּאָרטסיגאַר. אויף דער אונטערשטער וויִע פון זיין רעכט אויג איז ווי אַ ברוין בולט אַרבעסל געזעסן אַ וואָרצל. ער האָט געשטערט דער אייבערשטער וויִע צו פאַרדעקן דאָס אויג, און דערפאַר האָט ביים ערשטן בליק אויף אַטאַרשטשיקאָוון זיך געדאַכט, אַז איבער זיינע אויגן רוט אַ שטענדיקער, מילד־אָפּוואַרטנדיקער שמייכל.

— אויב אויסצוקלייבן צווישן די באָלשעוויקעס, קערענסקין און קאָרנילאָוון, איז, פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען פאַר קאָרנילאָוון.

— אונדז איז שווער זיך משער צו זיין, וואָס עס וויל קאָרנילאָוו: צוריקשטעלן די אָרדענונג אין רוסלאַנד, אָדער צוריקשטעלן נאָך עפּעס...

— דאָס איז נישט קיין ענטפער אויף דער פּרינציפּיעלער פראַגע!

— ניין, יאָ אַן ענטפער!

— און אויב אפילו יאָ אַן ענטפער, איז, לכל הדעות, נישט קיין קלוגער.

— פאַרוואָס האָט איר מורא, סאָטניק? פאַרן צוריקשטעלן די מאָנאַרכיע?

— איך האָב נישט מורא פאַר דעם, נאָר, פאַרקערט, איך באַגער דאָס

— אין וואָס-זשע דען גייט עס?

— מיינע הערן! — האָט מיט אַן אָנטשלאָסן הייזעריקלעך קול אַ זאָג געטון דאָלגאָוו, דער געוועזענער וואַכמייסטער, וואָס איז פאַר זיינע מיליטערישע אויסצייכענונגען דערהויבן געוואָרן צו כאָ־רונזשי. — וועגן וואָס דיסקוטירט איר? זאָגט אונז אויף אַן ערנסטן אופן, אַז מיר, קאָזאַקן, דאַרפן זיך האַלטן אָן גענעראַל קאָרנילאָוו, ווי אַ קינד אָן דער מאַמעס פאַרטוך. זאָגט דאָס אָפן, אָן הינטער־וועגלעך! רייסן מיר זיך אָפּ פון אים — זענען מיר פאַרלוירן! רוסלאַנד וועט אונז מיט מיסט פאַרשיטן. דאָס איז אַ פשוטער ענין: וואו עס געפינט זיך ער — דאָרט זענען מיר.

— אזוי טאַקע — יאָ!

אַטאַרשטשיקאָוו האָט מיט אַנטציקונג אַ קלאַפּ געטון דאָל־גאָוון איבער דער פּלייצע און מיט לאַכנדיקע אויגן זיך פאַרקוקט אויף ליסטניצקין. יענער האָט גערירט געשמייכלט, זיך גלעטנדיק די געקנייטשטע הויזן איבער די קניִען.

— איז וואָס-זשע, הערן אָפיצירן און אַטאַמאַנען? — האָט אַטאַרשטשיקאָוו מיט אַ געהעכערט קול אויסגעשריגן. — זע־נען מיר פאַר קאָרנילאָוון?...

— נו, אוודאי!

— דאָלגאָוו האָט מיט איינמאָל צעריסן דעם פּלאָנטער.

— דאָס גאַנצע אָפיצירנטום איז פאַר אים.

— מיר ווילן נישט זיין קיין אויסנאַם.

— פאַרן כבוד פון טייערן לאַוור גריגאָריעוויטש, דעם קאָ־זאַק און העלד — הורא!

לאַכנדיק און צונויפקלאַפּנדיק זיך מיט די גלעזער, האָבן די אָפיצירן געטרונקען טיי. דער שמועס, וואָס האָט פאַרלוירן די פריערדיקע געשפּאַנטקייט, האָט זיך געדרייט אַרום די געשעענישן פון די לעצטע טעג.

— מיר זענען טאַקע אַלע ווי איינער פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר, אָבער די קאָזאַקן וואַקלען זיך... — האָט דאָלגאָוו אומאַנטשלאָסן געזאָגט.

— וואָס הייסט: זיי „וואַקלען זיך"? — האָט ליסטניצקי גע־פרעגט.

— אַזוי. זיי וואַקלען זיך — און גענוג... זיי, די הינטישע זין, גלוסט זיך אַהיים צו די ווייבער... דאָס אומבאַקוועמע לעבן איז זיי נמאס געוואָרן...

— אונזער אויפגאַבע איז מיטצורייסן מיט זיך די קאָזאַקן! — האָט דער סאָטניק טשערנאָקוטאָוו אַ זעץ געטון מיט דער פויסט איבערן טיש: — מיטצורייסן! פאַר דעם טראָגן מיר דאָך אָפיצי־רישע שליפּעס.

— די קאָזאַקן דאַרף מען געדולדיק אויפקלערן מיט וועמען זיי האָבן גיין.

ליסטניצקי האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן לעפעלע אין גלאָז; קאָנצענטרירנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די אָפיצירן, האָט ער אָנגעהויבן רעדן, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט באַזונדער:

— איך בעט אייך צו געדענקען, מיינע הערן, אַז אונזער אַרבעט דאַרף אַצינד באַשטיין, טאַקע ווי אַטאַרשטשיקאָוו האָט גע־זאָגט, אין אויפקלערן די קאָזאַקן, ווי די לאַגע זעט אויס איינדער־אמתן. די קאָזאַקן מוז מען אַרויסרייסן פון אונטער דער השפּעה פון די קאָמיטעטן. דאָ וועט נייטיק זיין צו ברעכן דעם אייגענעם כאַראַקטער אויפן זעלבן שטייגער, און אפשר נאָך אין אַ שטאַר־קערער מאָס, ווי אַ סך פון אונז האָבן דאָס געטון נאָך דער פּע־ברואַר־רעוואָלוציע. אין דער פריערדיקער צייט, — לאָמיר אָננע־מען אין זעכצענטן יאָר, — האָב איך געקאָנט אָנהרגענען אַ קאָ־

זאָק, ריזיקירנדיק, אַז אין דער צייט פון אַ שלאַכט וועט ער מיר אַריינשיסן אַ קויל אין קאַרק, אָבער נאָך פעברואַר איז שוין אויסגעקומען זיך איינצושרומפּן, ווייל אויב איך וואָלט אַ קלאַפּ געטון וועלכן שוטה, — וואָלט מען מיך גלייך אויפן אָרט אין די אָקאָפּעס דערהרגעט, נישט וואַרטנדיק אויף קיין געלונגענעם מאָמענט. אַצינד איז גאָר עפּעס אַנדערש. מיר מוזן, — ליסטניצקי האָט אַקצענטירט דאָסדאָזיקע וואָרט, — ווערן קרוביש מיט די קאָזאַקן! פון דעם איז אַלץ אָפּהענגיק. איר ווייסט, וואָס עס קומט אַצינד פאַר אין ערשטן און אין פערטן פולק?

— אַ קאָשמאַר!

— טאַקע אַזוי — אַ קאָשמאַר! — האָט ליסטניצקי ווייטער גערעדט. — די אָפיצירן האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פון די קאָזאַקן מיט דער פריערדיקער וואַנט, און אין רעזולטאַט זענען די קאָזאַקן אַלע ווי איינער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די באָלשעוויקעס און אַליין אין ניינציק פּראָצענט געוואָרן באָלשעוויקעס. עס איז דאָך קלאָר, אַז מיר וועלן נישט אויסמיידן קיין גרויליקע געשעענישן... די טעג פון דריטן און פינפטן יולי,* — זענען בלויז אַ שטרענגע וואָרענונג פאַר אַלע לייכטזיניקע... אָדער אונז וועט אויסקומען פאַר קאָרנילאָוון צו קעמפן מיטן מיליטער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, אָדער די באָלשעוויקעס, נאָכדעם ווי זיי וועלן אָנזאַמלען כּוחות און אויסברייטערן זייער ווירקונג, וועלן צעוויגן אַ נייע רעוואָלוציע. זיי נוצן אויס די פּויזע אויף צו קאָנצענטרירן זייערע כּוחות, און ביי אונז קומט פאָר — אַ צעקראָכנקייט... צי קאָן מען אַזוי?! אין דער קינפטיקער אויפטרייסלונג וועלן צווויץ קומען קאָזאַקן, אויף וועלכע מען זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן.

---

* אין די טעג פון דריטן און פינפטן יולי 1917 י., זענען אין פּעטראָגראַד פאָרגעקומען באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג.

— מיר זענען אָן די קאָזאַקן, פֿאַרשטייט זיך, ווי די זעראָ אָן דער איינס, — האָט דאָלגאָוו אַרויסגעזיפֿצט.

— דאָס איז אמת, ליסטניצקי!

— אפֿילו זייער אמת.

— רוסלאַנד שטייט שוין מיט איין פֿוס אין קבר...

— דו מיינסט, מיר פֿאַרשטייען דאָס נישט? מיר פֿאַרשטייען, נאָר זענען אָפּטמאָל מאַכטלאָז עפּעס צו טון. דער „באַפֿעל № 1"* און דער „אמת אין די אָקאָפּעס"** פֿאַרזייען זייערע קערנער.

— און מיר קוויקן זיך מיטן אויפֿגאַנג, אָנשטאָט צו צעטרעטן אים און אויסרייסן מיטן וואָרצל! — האָט אַטאַרשטשיקאָוו אויסגעשריגן.

— ניין, מיר קוויקן זיך נישט, — מיר זענען מאַכטלאָז!

— איר זאָגט ליגנט, כאָרונזשי! מיר קאָנען זיך פּשוט נישט קיין עצה געבן!

— נישט אמת!

— באַווייזט דאָס!

— שטילער, מיינע הערן!

— מען האָט דעם „אמת" פֿאַרטיליקט... קערענסקי האָט דעם שכל אין הינטן...

---

* „באַפֿעל 1" (1-טן מערץ 1917 י.) פֿון אויספֿיר-קאָמיטעט פֿין פּעטראָגראַדער ראַט האָט איינגעפֿירט געוויילטע אָרגאַניזאַציעס אין די מיליטערישע טיילן און אַ קאָנטראָל פֿון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איבער די פֿונקציעס פֿון אַלטן צאַרישן קאָמאַנדירן-קאָרפּוס.

** „דער אמת אין די אָקאָפּעס" — טעגלעכע צייטונג, ביוראָ-אָרגאַן פֿון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער סעקציע פֿון לעטישן ראַיאָן, אַרויסגעגעבן אין 1917 י. געהאַט אַ ברייטע פֿאַרשפּרייטונג און באַדייטנד מיטגעווירקט צו דער באָלשעוויזירונג פֿון די ברייטע סאָלדאַטישע מאַסן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס... אַ מאַרק, צי וואָס? מ'קאָן דאָך נישט אַזוי!

דער כאַאָטישער געטומל פון די אומגעלומפּערטע אויסגע־שרייען האָט ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט. איין סאָטניע־קאָמאַנ־דיר, וואָס האָט מיט באַזונדערן אינטערעס זיך איינגעהערט אין ליסטניצקיס רייד, האָט געבעטן אויפמערקזאַמקייט.

— איך לייג פאָר צו געבן די מעגלעכקייט דעם עסאַול ליסטניצקי צו פאַרענדיקן.

— מיר בעטן!

ליסטניצקי, רייבנדיק מיט די פויסטן איבער די שאַרפע שפּיצן פון זיינע קניען, האָט ווייטער גערעדט:

— איך זאָג, אַז דעמאָלט, דאָס הייסט, אין די קינפטיקע שלאַכטן, אין דער בירגער־מלחמה, איך האָב ערשט אַצינד פאַרשטאַ־נען, אַז זי איז אומפאַרמיידלעך, — וועלן נייטיק זיין איבערגעגעבע־נע קאָזאַקן. מען דאַרף קעמפן און זיי אָפּשלאָגן פון די קאָמיטעטן, וואָס זענען גענייגט צו די באָלשעוויקעס. דאָס איז אַ ברענעדיקע נויטווענדיקייט! אין פאַל פון נייע רעוואָלוציעס וועלן דאָך די קאָזאַקן פון ערשטן און פערטן פולק אויססיסן זייערע אָפיצירן...

— דאָס איז קלאָר!

— זיי וועלן זיך נישט צערעמאָניען!

— ...און אויף זייער פּראַקטיק, — זייער ביטערער, מוז מען מודה זיין, — דאַרפן מיר זיך לערנען. די קאָזאַקן פון ערשטן און פערטן פולק, כאָטש, אייגנטלעך, וואָס פאַר אַ קאָזאַקן זענען זיי שוין אַצינד? — וועט אין דער צוקונפט אויסקומען צו הענגען יעדן צווייטן, אָדער פּשוט אַלע אָפּצורוימען... דאָס ווילדגראָז מוז אינ־גאַנצן פון פעלד באַזייטיקט ווערן! לאָמיר־זשע אָפּהאַלטן אונזערע קאָזאַקן פון די טעותים, פאַר וועלכע ס'וועט זיי שפּעטער אויסקו־מען צו באַצאָלן.

נאָך ליסטניצקין האָט גענומען אַ וואָרט דער זעלבער סאָט־ניע־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אים אויסגעהערט מיט אַזאַ באַזונ־

דער אויפמערקזאַמקייט. אַן אַלטער קאַדרען־אָפיציר, וואָס האָט געדינט אין פולק שוין ניין יאָר און איז פיר מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער מלחמה, האָט ער גערעדט וועגן דעם, ווי שווער ס׳איז געווען אין דער פריערדיקער צייט צו דינען. די קאָזאַקן־אָפיצירן זענען געווען פון די לעצטע, קיינער האָט זיך מיט זיי נישט גערעכנט, אַוואַנסירן אין דער דינסט איז געווען כמעט אומ־מעגלעך, און די גרעסטע טייל קאַדרען־אָפיצירן זענען ביים ראַנג פון מיליטער־עלטסטן פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן. דאָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען די סיבה, פאַרוואָס די קאָזאַקן־עלטסטע זענען אין מאָמענט פון אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג געבליבן פאַסיוו. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט ער געזאָגט, מוז מען מיט אַלע מיטלען שטיצן קאָרנילאָוון, זיך פעסטער פאַרבינדן מיט אים דורכן מיליטערישן ראַט פון די קאָזאַקן־חיילות און הויפּט־קאָמיטעט פון אָפיצירן־פאַרבאַנד.

— זאָל קאָרנילאָוו ווערן דיקטאַטאָר, — פאַר די קאָזאַקן־חיילות איז דאָס אַ רעטונג. אונטער זיין אָנפירונג וועט אונז נאָך אפשר בעסער זיין צו לעבן, ווי ביים צאַר.

עס איז געוואָרן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. איבער דער שטאָט איז געהאָנגען די נאַכט, אַ צעשויבערטע אין העלע וואָלקן־פאַסמעס. דורכן פענסטער האָט זיך געזען דער שוואַרצער איי־זערנער שפּיץ פון אַדמיראַל־טורעם און די געלע פאַרפלייצונג פון פייערן.

די אָפיצירן האָבן אַזוי געשמועסט ביז פאַרטאָג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן מיט די קאָזאַקן געשפּרעכן אויף פּאָלי־טישע טעמעס דריי מאָל אין דער וואָך, די אָפּטיילונג־אָפיצירן איז באַפוילן געוואָרן זיך צו פאַרנעמען טעגלעך מיט די קאָזאַקן דורך גימנאַסטיק און לייענען, כדי אויסצופילן די פרייע צייט און אַרויסרייסן דעם קאָזאַקישן געדאַנק פון דער פּאָליטיש־דעמאָראַלי־זירנדיקער אַטמאָספער.

פאַרן אַוועקגיין האָט מען געזונגען „אויפגעשטורעמט זיינע כוואַליעס האָט דער פראַוואָסלאַוונער דאָן“, מען האָט אויסגע־

טרונקען דעם צענטן סאַמאָוואַר, אונטערן קלאַנג פון די גלעזער געהאַלטן וויציקע טאָאַסטן. און שוין גאָר צום סוף, זיך דורכ־שעפּטשענדיק מיט דאָלגאָוון, האָט אַטאַרשטשיקאָוו אויסגעשריגן:

— אַצינד וועלן מיר אייך, אַלס דעסער, מכבד זיין מיט אַן אַלט קאָזאַקיש ליד. אַלזאָ, שטילער אַ ביסל! מ׳וואָלט געדאַרפט דאָס פענסטער עפענען, עס איז שוין צו שטאַרק אָנגערייכערט.

צוויי שטימען — דאָלגאָווס געבראָכענער הייזעריקער באַס און אַטאַרשטשיקאָווס ווייכער, אומגעוויינטלעך־אָנגענעמער טענאָר — האָבן אין אָנהייב זיך צונויפגעשטויסן, געפּלאָנטערט, איטלעכער האָט גענומען אַן אַנדערן טעמפּאָ, אָבער ענדלעך האָבן זיי זיך ברויזנדיק צונויפגעפלאָכטן אין איין קלינגענדיקן אומגעוויינטלעך־שיינעם טאָן.

...אָבער שטאָלץ איז אונזער דאָן, דער שטילער דאָן, דער פאָטער אונזערער, —
צום ביסורמאַן זיך נישט געבוקט, ביי מאָסקווע — ווי צו לעבן — נישט געפרעגט.
און מיטן טערק — אַך, איבער דער פּאָטילניצע, מיט דער שווערד דער שאַרפער זיך באַגריסט...
און יאָר ביי יאָר האָט אונזער דאָנער סטעפּ —
פאַר גאָטסמוטער, דער אַלערהייליקסטער, און פאַרן גלויבן, דעם רעכטפאַרטיקן,
און פאַרן פרייען דאָן, דעם ברייט־צעכוואַליעטן, צום קאַמף גערופן אונז מיטן שונא דעם אומגלויביקן...

אַטאַרשטשיקאָוו האָט פאַרפלאָכטן די פינגער איבער די קני און מיט הויכע טענער געפירט דאָס ליד, קיין איין מאָל די גאַנצע צייט זיך נישט אַראָפּגעשלאָגן פון ריטם, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט מאָדולירנדיק ווייט געלאָזט הינטערשטע־ליק דאָלגאָווס מעכטיקן באַס; אין פלוג האָט ער אויסגעזען אומ־געוויינטלעך־שטרענג, אָבער ביים סוף האָט ליסטניצקי באַמערקט,

ווי איבערן ברוינעם בערגעלע פון זיין ווערצעלע אויפן אויג האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ קליינע טרער, וואָס האָט קאַלט אַ פּינקל געטון.

נאָכדעם ווי די אָפיצירן פון די פּרעמדע סאָטניעס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און די געבליבענע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט אַטאַרשטשיקאָוו זיך געזעצט אויף ליסטניצקיס בעט און גענומען שעפּטשען, צופנדיק זיך ביי די בלויע אָפּבליאַקירטע שעלקעס איבער דער בולטער ברוסט.

— דו פאַרשטייסט, יעווגעני ?... איך האָב שרעקלעך ליב דעם דאָן, אָט דעם פאַרצייטישן, דורך יאָרהונדערטער איינגע־שטעלטן קאָזאַקישן לעבנס־שטייגער. איך האָב ליב מיינע קאָזאַקן, די קאָזאַטשקעס — אַלץ האָב איך ליב! ווען איך דערפיל דעם ריח פון ווילדן סטעפּ־גראָז, גלוסט זיך מיר וויינען... און ווען עס צעבליען זיך נאָך די זון־רויזן און איבערן דאָן שמעקן די וויינ־גערטענער, נאַסע פון רעגן, — האָב איך אַזוי טיף און פיינלעך ליב... דו פאַרשטייסט... און אָט טראַכט איך אַצינד : צי נאַרן מיר נישט אָפּ טאָקע אָט די קאָזאַקן ? צי ווילן מיר זיי פירן אויפן רעכטן וועג ?...

— וואָס מיינסטו מיט דעם ? — האָט ליסטניצקי פאַרדעכ־טיק געפרעגט.

אַטאַרשטשיקאָווס ברוינער האַלז האָט נאַיִוו און יוגנטלעך־רירנד אַרויסגעקוקט פון קאָלנער פון זיין ווייס העמד. איבערן ברוינעם ווערצעלע איז שווער געהאָנגען דאָס בלויע רעמל פון דער וויִע, אין פּראָפיל האָט זיך געזען דעם פייכטער גלאַנץ בלויז פון איין האַלב־פאַרמאַכט אויג.

— איך טראַכט : צי די קאָזאַקן דאַרפן דאָס ?

— וואָס־זשע אויף אַזאַ אופן דאַרפן זיי יאָ ?

— איך ווייס נישט... נאָר פאַרוואָס גייען זיי אַזוי סטיכיש אַוועק פון אונז ? די רעוואָלוציע האָט אונז אַזויווי צעשיידט אויף שעפּסן און ציגנבעק, ווי אונזערע אינטערעסן וואָלטן זיך צעגאַנגען.

— דאָ, זעסטו, — האָט ליסטניצקי פאָרזיכטיק אָנגעהויבן, — ווייזט זיך אַרויס דער אונטערשיד אין אויפנעמען די געשעענישן. מיר האָבן קולטור, מיר קאָנען קריטיש אָפּשאַצן דעם אָדער יענעם פאַקט, און ביי זיי איז אַלץ פּרימיטיווער, פּשוטער. די באָלשעוויקעס קלאַפּן זיי אַריין אין די קעפּ, אַז מ׳דאַרף די מלחמה פאַרענדיקן, — ריכטיקער, פאַרוואַנדלען אין אַ בירגער־קריג. זיי רייצן אָן אויף אונז די קאָזאַקן, און אַזוי ווי די קאָזאַקן זענען מיד, אין זיי קומט מער צום אויסדרוק דאָס אינסטינקטיווע, זיי האָבן נישט דאָס מאָראַליש־פעסטע באַוואוסטזיין פון פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאָטערלאַנד, ווי מיר, — איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דאָס טרעפט אָן אויף אַ גינסטיקן באָדן. וואָרים וואָס איז פאַר זיי פאָטערלאַנד? אַ באַגריף אַלנפאַלס אַן אַבסטראַקטער: „דאָס געביט פון דאָנער קאָזאַקנטום איז ווייט פון פראָנט, און דער דייטש וועט אַהין נישט דערגיין”, — ביי אַזאַ מיינונג זענען זיי. אין דעם טאַקע איז דאָס גאַנצע אומגליק. מען מוז זיי דייטלעך אויפקלערן, וואָס פאַר אַ פאָלגן עס וועט האָבן דאָס פאַרוואַנדלען דידאָזיקע מלחמה אין אַ בירגער־קריג.

ליסטניצקי האָט גערעדט, פילנדיק אונטערבאַוואוסטזיניק, אַז זיינע ווערטער דערגרייכן נישט צום ציל און אַז אַטאַרשטשיקאָוו וועט באַלד פאַרמאַכן פאַר אים די טירלעך פון זיין נשמה און זיך באַהאַלטן ווי אַ שלימאַק אין זיין מושעל.

אַזוי איז טאַקע פאָרגעקומען: אַטאַרשטשיקאָוו האָט עפּעס אומפאַרשטענדלעך אַ ברום געטון, לאַנג געזעסן שווייגנדיק, און כאָטש ליסטניצקי האָט זיך באַמיט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלויבן אין וואָסער תהום עס בלאָנזשעט אַצינד דער געדאַנק פון זיין פאַרשוויגענעם חבר.

„מען האָט געדאַרפט אים לאָזן זיך אויסרעדן ביזן סוף...” — האָט ער מיט באַדויערונג אַ קלער געטון.

אַטאַרשטשיקאָוו האָט געוואונטשן אַ גוטע נאַכט און אַזוי שוין אַוועקגעגאַנגען, מער נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. ער איז אַ רגע געניגט געווען אָנצוהייבן אַן אויפריכטיקן שמועס,

שוין אונטערגעהויבן דעם ברעג פון יענעם געהיימען שוואַרצן פּאָרהאַנג, אונטער וועלכן איטלעכער באַהאַלט זיך פאַר אַנדערע, און זי ווידער אַראָפּגעלאָזט.

דאָס נישט קאָנען אַריינדרינגען אין פרעמדנס געהיימניש האָט ליסטניצקין דענערווירט און אויפגערעגט. ער האָט פאַררייכערט, געלעגן אַ ביסל, קוקנדיק אין דער גרויער געדיכטער פינסטערניש אַריין, און פלוצלינג זיך דערמאַנט אָן אַקסיניען, אָן די טעג פון אורלויב, וואָס זענען ביז איבערן ברעג אויסגעפילט געווען מיט איר. ער איז איינגעשלאָפן, באַרויִקט דורך די געדאַנקען און צופעליקע אָפּגעריסענע זכרונות וועגן יענע פרויען, וואָס זייערע וועגן האָבן זיך אַמאָל געקרייצט מיט זיינע וועגן.

XII

אין ליסטניצקיס סאָטניע האָט זיך געפונען דער קאָזאַק פון דער בוקאַנאָווער סטאַניצע איוואַן לאַגוטין. ביי די ערשטע וואַלן איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן פולק-קאָמיטעט, פאַרן אָנקומען פון פולק קיין פעטראָגראַד האָט ער מיט קיין שום באַזונדערס זיך נישט אויסגעצייכנט, נאָר אין די לעצטע טעג פון יולי האָט דער אָפּטיילונג-אָפיציר מיטגעטיילט ליסטניצקין, אַז לאַגוטין פאַרברענגט אין דער מיליטערישער סעקציע פון פעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן, איז זיכער פאַרבונדן מיטן ראַט, ווייל עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז ער פירט אָפטע שמועסן מיט די קאָזאַקן פון זיין אָפּטיילונג און ווירקט אויף זיי אין נעגאַטיוון זינען. אין דער סאָטניע זענען צוויי מאָל געווען פאַלן פון אָפּזאָגן זיך צו גיין אין קאַראַול און אויף אויסשפּירונג. דער אָפּטיילונג-אָפיציר האָט געזען אין דידאָזיקע פאָרפאַלן די ווירקונג פון לאַגוטינען אויף די קאָזאַקן.

ליסטניצקי האָט באַשלאָסן, אַז אים איז נייטיק ווי ס'איז

נענטער זיך צו באַקענען מיט לאַגוטינען און אים גוט אַרומטאַפּן. אַרויסרופן דעם קאָזאַק אויף אַן אויפריכטיקן שמועס וואָלט געווען נאַריש און נישט פּאָרזיכטיק, דעריבער האָט ליסטניצקי באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן. אַזאַ געלעגנהייט איז בקרוב אונטערגעקומען. סוף יולי האָט די דריטע אָפּטיילונג לויט אַ באַפעל געדאַרפט האַלטן וואַך איבער די גאַסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות מיט דער פּוטילאָווער פאַבריק.

— איך וועל פאָרן מיט די קאָזאַקן, — האָט ליסטניצקי אויפמערקזאַם געמאַכט דעם אָפּטיילונג־אָפיציר. — באַפעלט אָנצוזאָטלען פאַר מיר דעם שוואַרצן.

ליסטניצקי האָט געהאַט צוויי פערד, — „אויף יעדן פאַל”, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. ער האָט זיך אָנגעטון מיט דער הילף פון אָרדינאַנס און אַראָפּגעגאַנגען אין הויף אַריין. די אָפּטיילונג האָט שוין געוואַרט אויף די פערד. זיי זענען דורכגעריטן עטלעכע גאַסן אין דער נעפלדיקער מיט פייערן געהאַפּטענער פינסטערניש. ליסטניצקי איז בכיוון געבליבן הינטערשטעליק און אַ רוף געטון לאַגוטינען. יענער איז צוגעריטן, אויסדרייענדיק זיין נישט אָנזעעוודיק פערדל און זייטיק, מיט אָפּוואַרטונג, גענומען קוקן אויפן עסאַול.

— וואָס הערט זיך נייעס ביי אייך אין קאָמיטעט? — האָט ליסטניצקי געפרעגט.

— קיין שום נייעס.

— פון וועלכער סטאַניצע ביסטו, לאַגוטין?

— פון דער בוקאַנאָווער.

— פון וועלכן כוטאָר?

— פון מיקיטינער.

אַצינד זענען זייערע פערד געגאַנגען צוזאַמען. ליסטניצקי האָט ביים ליכט פון די לאַמטערן זייטיק געקוקט אויפן קאָזאַקס בערדיקן פנים. פון אונטער לאַגוטינס היטל האָבן זיך אַפּערגעזען די גלאַט־צוגעקעמטע האָר, אויף די פּוכיקע באַקן האָט זיך געקרייזלט דאָס צעקאָשמערטע בערדל, די קלוגע שעלמישע אויגן

זענען געזעסן טיף, פאַרשטעלט דורך די בולטע ברעמען־בויגנס.
„ער זעט אויס אַ פּראָסטער, נישט קיין איבערגעשפּיצ־טער, — אָבער וואָס קומט פאַר אין זיין נשמה? מסתמא האָסט ער מיך, ווי אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אַלטן רעזשים, מיטן „שטעקן פון קאַפּראַל"... — האָט ליסטניצקי אַ קלער געטון, און אים האָט זיך איבער עפּעס פאַרגלוסט געוואויר צו ווערן וועגן לאַגוטינס פאַרגאַנגענהייט.
— דו האָסט אַ פאַמיליע?
— יאָ. אַ ווייב מיט צוויי קינדער.
— און אַ באַלעבאַטישקייט?
— וואָס פאַר אַ באַלעבאַטישקייט איז דאָס? — האָט לאַגו־טין, מיט אַ טאָן פון באַדויערונג, שפּאָטיש געזאָגט. — מיר לעבן — אַבי איבערצוקומען. דער אָקס אַרבעט אויפן קאָזאַק און דער קאָ־זאַק אויפן אָקס, — אַזוי דאָס גאַנצע לעבן... די ערד איז ביי אונז זאַמדיק, — האָט ער, טראַכטנדיק אַ ווײַלע, שטרענג צוגעגעבן.
ליסטניצקי איז אַמאָל געפאָרן אויף דער סטאַציע סעבריאַ־קאָוואָ דורך דער בוקאַנאָווער סטאַניצע. ער האָט דײַטלעך זיך דערמאַנט דידאָזיקע פאַרשלאָפענע סטאַניצע, וואָס האָט זיך אויס־געשפּרייט באַרג־אַראָפּ פון גרויסן שליאַך, אויף צפון אַרומגענומען מיט דער גלײַכער לאָנקע און צעמגעגאַרטלט מיט די קאַפּריז־צעקרומטע ברעגן פון כאָפּער*. שוין דעמאָלט האָט ער דערזען פון בערגל פון דער יעלאַנער גרענעץ אויף אַ וויאָרסט צוואָנציק דעם גרינעם מיראַזש פון סעדער אין טאָל, דעם ווייסן נאַקעטן שפּיץ פון הויכן גלאָקנטורעם.
— זאַמדיקע ערד ביי אונז, — האָט לאַגוטין אָפּגעזיפצט.
— עס גלוסט זיך דיר מסתמא אַהיים, האַ?
— וואָס דען, הער עסאַול! אוודאי וואָלט זיך געגלוסט וואָס שנעלער זיך אומצוקערן. מ'האָט זיך אין דער מלחמה נישט ווײַ־ניק אָנגעליטן.

* לינקער צופלוס פון דאָן

— ווער ווייסט, ברודער, צי ס׳וועט אויסקומען שנעל זיך אומצוקערן...

— מען וועט זיך אומקערן.

— מען האָט דאָך נאָך די מלחמה נישט פאַרענדיקט?

— מען וועט זי שנעל פאַרענדיקן, מען וועט שנעל זיך אומקערן אַהיים, — האָט לאַגוטין עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— ס׳וועט נאָך אויסקומען צווישן זיך מלחמה צו האַלטן. ווי מיינסטו?

לאַגוטין האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נישט אויפהייבנדיק די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און געפרעגט:

— מיט וועמען מלחמה האַלטן?

— ס׳איז דאָ ווייניק מיט וועמען... אפילו מיט די באָלשעוויקעס.

און ווידער איז לאַגוטין אויף לאַנג פאַרשוויגן געוואָרן, ווי איינגעדרימלט אונטערן הויכן ריטמישן געקלאַנג פון די קאָפּיטעס. זיי זענען געריטן, שווייגנדיק אַ מינוט דריי. לאַגוטין האָט געזאָגט, פּאַמעלעך אַרויסרעדנדיק די ווערטער:

— מיר האָבן נישט איבער וואָס צו קעמפן מיט זיי.

— און די ערד?

— ערד וועט קלעקן פאַר אַלע.

— דו ווייסט וואָס די באָלשעוויקעס ווילן?

— אַ ביסל איז מיר אויסגעקומען צו הערן...

— וואָס־זשע זאָל מען, לויט דיין מיינונג, טון, אויב די באָלשעוויקעס וועלן גיין אויף אונז מיטן ציל צו פאַרכאַפּן אונזער ערד, מיטן ציל צו פאַרשקלאַפן די קאָזאַקן? מיט די דייטשן האָסטו דאָך געקעמפט, פאַרטיידיקט רוסלאַנד?

— דער דייטש — איז עפּעס אַנדערש.

— און די באָלשעוויקעס?

— וואָס־זשע, הער עסאַול, — האָט לאַגוטין אָנגעהויבן רעדן, אפניב אַנטשליסנדיק זיך, און אויפגעהויבן די אויגן, מיט עקשנות אָפּזוכנדיק ליסטניצקיס בליק: — די באָלשעוויקעס וועלן ביי מיר

מיין לעצט שטיקל ערד נישט צונעמען. איך האָב אַקוראַט איין פּיי, זיי איז מיין ערד נישט נייטיק... אָבער אָט אַ שטייגער, — איר זאָלט זיך נאָר נישט באַליידיקן! — אייער פּאָטער האָט צען טויזנט דעסיאַטין...

— נישט צען, נאָר פיר.

— נו, אַלץ איינס, ווען אַפילו נאָר פיר, — איז דאָס אַ קליין שטיק? וואָס־זשע פאַר אַן אָרדענונג איז דאָס, קאָן מען זאָגן? און איבער רוסלאַנד — זענען דאָך דאָ זייער אַ סך אַזעלכע, ווי אייער פּאָטער. גיט זשע אַ טראַכט, הער עסאַול, יעדעס מויל וויל עסן. איר ווילט עסן, און פאַרשידענע אַנדערע מענטשן ווילן אויך עסן. דאָס האָט דאָך בלויז דער ציגיינער אויסגעלערנט זיין קאָבילע נישט עסן, — זי וועט געוואוינט ווערן, האָט ער געמיינט. און זי, נעבעך, איז אַזוי לאַנג געוואוינט געוואָרן, געוואוינט געוואָרן, ביז זי האָט גענומען און אויפן צענטן טאָג די פיס אויסגעצויגן... ביים צאַר איז געווען אַ שלעכטע אָרדענונג, פאַרן אָרימען פאָלק גאָר אַ ביטערע... אייער פּאָטער האָט מען אָפּגעשניטן, ווי אַ גרויס שטיק קוכן, פיר טויזנט, אָבער ער עסט דאָך נישט אויף צוויי העלזער, נאָר ווי מיר, פּראָסטע מענטשן, אויף איינעם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פאַרן פאָלק אַן עוולה!... די באָלשעוויקעס — זיי פאַרמעסטן זיך ריכטיק, און איר זאָגט — מלחמה האַלטן...

ליסטניצקי האָט אים אויסגעהערט מיט באַהאַלטענער אויפרעגונג. צום סוף פאַרשטאַנען, אַז ער איז מאַכטלאָז אַקעגנצושטעלן עפּעס אַ וואָגיקן אַרגומענט, געפילט, אַז דער קאָזאַק האָט מיט נישט קאָמפּליצירטע שלאָגפערטיק־איינפאַכע באַווייזן אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. און ווייל דאָס טויב־אָפּגעשלאָסענע געוויסן פון דער אייגענער אומגערעכטיקייט האָט זיך גענומען וועקן אין אים, האָט ער זיך פאַרלוירן און בייז געוואָרן.

— איז וואָס־זשע — ביסטו אַ באָלשעוויק?

— דער נאָמען איז דאָ נישט וויכטיק... — האָט לאַגוטין שפּאָטיש און באַטאָנענדיק געענטפערט. — דאָ גייט נישט אין

נאָמען, נאָר אין אמת, און אים באַגראָבן אַלע. מען זאָגט — ער איז שוין לאַנג אַ בר־מינן.

— אָט אַזוי באַאַרבעטן דיך עס די באָלשעװיקעס פון סאָװ־דעפּ... װי עס װײַזט אויס, האָסטו נישט אומזיסט מיט זיי זיך צו־נויפגעשמעקט.

— עך, הער עסאַול, אונז געדולדיקע האָט דאָס לעבן אַליין באַאַרבעט, און די באָלשעװיקעס װעלן בלויז די קנויט אָנ־צינדן...

— דו הער אויף מיט די פּלוידערײַען! עס איז דאָ נישטאָ װעגן װאָס אײַנצוטענהן! — האָט ליסטניצקי שוין בייז געזאָגט. — ענטפער מיר: דו האָסט נאָרװאָס גערעדט װעגן דער ערד פון מײַן פאָטער, בכלל װעגן דער ערד פון די גוטבאַזיצער, אָבער דאָס איז דאָך — אייגנטום. אויב דו האָסט צװיי העמדער, און איך האָב אפילו נישט קיין איינס — װאָס־זשע, דאַרף איך, לויט דײַן מיינונג, בײַ דיר צונעמען?

ליסטניצקי האָט נישט געזען, אָבער לויטן קול זיך משער געװען, אַז לאַגוטין שמייכלט.

— איך אַליין װעל אַװעקגעבן דאָס איבעריקע העמד. און האָב אויפן פראָנט אַװעקגעגעבן נישט דאָס איבעריקע, נאָר דאָס לעצטע, דעם שינעל אויפן הוילן לײַב געטראָגן, און אָן ערד װעט זיך קיינער נישט באַגיין...

— װאָס־זשע — ביסט הונגעריק נאָך ערד? האָסט װייניק? — האָט ליסטניצקי געהעכערט זײַן קול.

דער בלייך געװאָרענער לאַגוטין האָט אַלס ענטפער כמעט אויסגעשריגן, שטיקנדיק זיך פון אויפרעגונג:

— און דו מיינסט, אַז איך זאָרג נאָר פאַר מיר? אין פּוילן זענען מיר געװען — װי אַזוי לעבן דאָרט די מענטשן? האָסט געזען, צי ניין? און װי אַזוי לעבן אונזערע פּויערן?... איך האָב געזען! דאָס האַרץ איז מיט בלוט פאַרלאָפן!... װאָס־זשע מיינסטו, איך האָב אויף זיי קיין רחמנות נישט, צי װאָס? און

אפשר ווייטיקט מיין האַרץ צוליב אים, צוליב אָט דעם פּאָליאַק, צוליב דעם אָרימען שטיקל ערד זיינעם.

ליסטניצקי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס גיפטיקס, אָבער פון די גרויע קאָרפּוסן פון פוטילאָוווער זאַוואָד האָט זיך דערטראָגן אַ שאַרפער אויסגעשריי: „האַלט!" ווי אַ דונערן האָט פאַרבייגע־פויקט דאָס האַקן פון פערדישע פּאָדקאָוועס, דאָס געהער איז אויפ־געטרייסלט געוואָרן פון אַ שאָס. ליסטניצקי האָט אַ פּאָכע געטון מיט דער נאַהייקע און זיך אַוועקגעטראָגן אויפן פערד.

לאַגוטין האָט צוזאַמען מיט אים צוגאַלאָפּירט צו דער אָפּ־טיילונג, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין ראָג. די קאָזאַקן זענען, קלינגענדיק מיט די שווערד, אַראָפּגעשטיגן פון די פערד. אינמיטן האָט זיך געריסן אַ מענטש, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ליסטניצ־קי אַ ברום געטון, זיך אַריינשניידנדיק מיטן פערד אין עולם.

— עפּעס אַן אויסוואורף האָט אַ שטיין...

— אַ וואָרף געטון — און גענומען אַנטלויפן.

— דערלאַנג אים, אַרזשאַנאָוו!

— געזען אַ מנוול! אין וואַרפעלעך וועסטו דיך שפּילן?

דער אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג אַרזשאַנאָוו האָט, אַן אַראָפּגעבויגענער פון זאָטל, געהאַלטן ביים קאָלנער אַ קליינעם מענטש אין אַ שוואַרצער בלוזע אָן אַ פּאַסעק. דריי פון די קאָ־זאַקן, וואָס זענען אַראָפּגעשטיגן פון די פערד, האָבן אים אַהינטער־געדרייט די הענט.

— ווער ביסטו פאַר איינער? — האָט ליסטניצקי אויסגעש־שריגן, נישט באַהערשנדיק זיך.

דער געכאַפּטער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, די שווייגנדיקע ליפּן אויף זיין מאַט־בלייך פּנים האָבן קרימלען זיך פאַרפּרעסט.

— ווער ביסטו? — האָט ליסטניצקי איבערגעחזרט זיין פראַגע. — שטיינער וועסטו וואַרפן, דו אויסוואורף? האַ? שווייגסט? אַרזשאַנאָוו...

אַרזשאַנאָוו איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל, אַרויסלאָזנ־דיק דעם געכאַפּטנס קאָלנער פון דער האַנט, און מיט אימפּעט אים אַ זעץ געטון איבערן פּנים.

— דערלאַנגט אים! — האָט ליסטניצקי באַפוילן, שנעל אויסדרייענדיק דאָס פערד.

דריי אָדער פיר קאָזאַקן האָבן געפּאַכעט מיט די נאַהייקעס, שלאָגנדיק דעם געבונדענעם מענטש. לאַגוטין איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פון זאָטל און צוגעלאָפן צו ליסטניצקין.

— הער עסאַול!... וואָס איז דאָס?... הער עסאַול! — ער האָט אָנגעכאַפּט דעם עסאַולס קני מיט דין־ציטערנדיקע פאַרקלאַמער־טע פינגער און געשריגן: — מען טאָר נישט אַזוי!... דאָס איז דאָך אַ מענטש!... וואָס טוט איר?

ליסטניצקי האָט געצויגן דאָס פערד ביי די לייצן, געשוויגן. לאַגוטין איז צוגעלאָפן צו די קאָזאַקן, אַרומגעכאַפּט אַרזשאַנאָוון אין דער העלפט, זיך שטרויכלענדיק, פאַרטשעפּענדיק מיט די פיס אָן דער שווערד, זיך באַמיט אים אַוועקצושלעפּן. יענער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט, געבורטשעט:

— דו האָב נישט אַזוי קיין רחמנות! האָב נישט קיין רחמנות! ער וועט וואַרפן שטיינער, און מיר וועלן אים שווייגן?!... לאָז אָפּ!... לאָז אָפּ, זאָגט מען דיר מיט גוטן!..

איינער פון די קאָזאַקן האָט זיך אויסגעבויגן, אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון זיך, — און מיט דער קאָלבע איבערן ווייך אָפּקלינ־גענדיקן קערפּער פון אומגעוואָרפענעם מענטש. אין אַ רגע אַרום האָט אַ נידעריק, היהש־ווילד געשריי זיך געטראָגן איבערן ברוק.

און דערנאָך עטלעכע רגעס שווייגן — און דאָס זעלבע קול, נאָר שוין יונגטלעך געבראָכן, פאַרכליניעט, דורכגענומען מיט ווייטיק, העשענדיק נאָך די קלעפּ, האָט זיך אָפּגעהאַקט מיט קורצע אויסגעשרייען:

— אויסוואורפן!... קאָנטר... רעוואָלוציאָנערן!... שלאָגט! אָ־אָך!... אַ־אַ־אַ־אַ!...

— האַק! האַק! האַק! — האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָפּגעשלאָגן די קלעפּ.

לאַגוטין איז צוגעלאָפן צו ליסטניצקין; פּעסט זיך צודריקנדיק צו זיין קני, גראַטשענדיק מיט די נעגל די לעדער פון זיין זאָטל, האָט ער קוים פון האַלז אַרויסגעבראָכט:

— דערבאַרעם דיך!

— גיי אַוועק!

— עסאַול!... ליסטניצקי!... דו הערסט? דו וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך!

— איך שפּיי אויף דיר! — האָט ליסטניצקי הייזעריק אויסגעשריגן און אַ טרייב געטון דאָס פערד אויף לאַגוטינען.

— ברידער! — האָט יענער אַ געשריי געטון, צולויפנדיק צו די קאָזאַקן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער זייט. — איך בין אַ מיטגליד פון פאָלק־רעווקאָם... איך באַפעל אייך: ראַטעוועט דעם מענטש פון טויט! איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך... פאַראַנטוואָרטלעך... עס איז נישט די אַמאָליקע צייט!...

אַ זינלאָזער בלינדער האַס האָט געדיכט דורכגענומען ליסטניצקין. ער האָט אַ זעץ געטון מיטן ראַפּניק דעם פערד צווישן די אויערן און זיך אַ פאַרנעם געטון אויף לאַגוטינען. שטופּנדיק אים אין פּנים אַריין די שוואַרצע, מיט אייל שמעקנדיקע, לופע פון רעוואָלווער, איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש:

— האַלט דאָס מויל, פאַררעטער! באָלשעוויק! איך וועל דער־ששי־סן!

מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון ווילן האָט ער אָפּגעריסן דעם פינגער פון רעוואָלווער־צינגל, האָט אַ פאַרהאַלט געטון דאָס פערד און אַוועקגאַלאָפּירט.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען אַוועקגעריטן אין דער זעלבער ריכטונג דריי קאָזאַקן. צווישן אַרזשאַנאָווס און לאַפּינס פערד האָט זיך געשלעפּט, נישט שטעלנדיק די פיס, אַ מענטש אין אַ נאַסער, צום לייב צוגעקלעפּטער בלוזע. אונטערגעהאַלטן דורך די קאָזאַקן אונטער די הענט, האָט ער לייכט זיך געוואַקלט און גע־

צייכנט דעם ברוק מיט די שלאַבעריקע פיס. צווישן די הויך־פּאַר־ריסענע שאַרפע אַקסלען האָט זיך געבאָמבלט, פאַרוואָרפן אַהינטער מיט דער בלייך־פאַרשפּיצטער גאָמבע פאַרויס, דער פאַרבלוטיק־טער, ווייך־צעקלאַפּטער קאָפּ. פון הינטן איז נאָכגעריטן דער דריט־טער קאָזאַק. אין ראַג פון אַ באַלויכטן געסל האָט ער דערזען אַ דראָזשקאַזש; ער האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די רייטאייזנס און שנעל צוגעריטן צו אים. ער האָט עפּעס קורץ געזאָגט, הויך זיך אַ קלאַפּ געטון מיט דער נאַהייקע איבער דער כאָלעווע פון שטיוול, און דער דראָזקאַזש איז מיט געהאָרכזאַמער איילי־קייט צוגעפאָרן צו אַרזשאַנאָוון און לאַפּינען, וואָס האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אינמיטן גאַס.

צומאָרגנס האָט ליכטניצקי אויפגעוואַכט מיטן באַוואוסטזיין וועגן גרויסן, נישט צום אויסבעסערן דורך אים נעכטן אָפּגעטוע־נעם פעלער. בייסנדיק די ליפּן, האָט ער זיך דערמאַנט די סצענע פון שלאָגן דעם מענטש, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין אויף די קאָזאַקן, און דאָס, וואָס האָט זיך נאָכדעם אָפּגעשפּילט צווישן אים און לאַגוטינען. ער האָט זיך פאַרקרימט. פאַרקלערט אַ הוסט גע־טון. אָנטועדיק זיך געטראַכט, אַז לאַגוטינען דאַרף מען דערוויילע נישט טשעפּען, כדי אויסצומיידן פאַרשאַרפטע באַציִונגען מיטן פּלק־קאָמיטעט, און בעסער אָפּוואַרטן ביז אין זכרון פון די קאָזאַקן, וואָס זענען געווען דערביי, וועט פאַריבן ווערן זיין צוזאַמענשטויס מיט לאַגוטינען, און דעמאָלט שטילערהייט אים אָפּרוימען פון וועג.

„אָט דאָס הייסט — זיך קרוביש פאַרבונדן מיט אַ קאָזאַק"...

האָט ליכטניצקי ביטער איראָניזירט איבער זיך, און אין משך פון די ווייטערדיקע טעג זיך געפינען אונטערן שווערן איינ־דרוק פון פאַרגעקומענעם.

שוין אין די ערשטע טעג פון אויגוסט, אין אַ לויטערן זו־ניקן טאָג, האָט ליסטניצקי אַמאָל שפּאַצירט מיט אַטאַרשטשיקאָוון איבער דער שטאָט. נאָכן שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָג פון דער אָפּיצירן־פאַרזאַמלונג, איז צווישן זיי נישט געווען עפּעס

אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען אויפקלערן דאָס דעמאָלט פאַרשוויגענע. אַטאַרשטשיקאָוו איז געווען פאַרשלאָסן, זיך אַרומגעטראָגן מיט נישט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, אויף ליסטניצקיס כסדרדיקע באַמיונגען אַרויסצורופן בײַ אים אָפנהאַרציקייט, האָט ער אײַנגאַנצן אַראָפּגעלאָזט יענעם נישט דורכדרינגלעכן פאָרהאַנג, וועלכן די גרעסטע טייל מענטשן טראָגן געוויינטלעך, כדי זיך אָפּצוגרענעצן מיט זייער אמתדיק פּרצוף פון פרעמדע אויגן. ליסטניצקין האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז אין זייערע פאַרהאַנדלונגען באַהאַלטן די מענטשן הינטער זייער אויסערלעך געשטאַלט עפּעס נאָך אַ צווייט געשטאַלט, וואָס בלײַבט אָפט נישט אויפגעקלערט. ער האָט פעסט געגלייבט, אַז ווען מען זאָל פון וועלכן מענטש אַראָפּציִען דעמדאָזיקן אייבערשטן שלייער, וועט פון הינטער אים זיך אויסשיילן דער אמתדיקער, נאַקעטער, דורך קיין שום ליגנט נישט צוגעפאַרבטער קערן. און דערפאַר האָט זיך אים שטענדיק פיינלעך געגלוסט געוואויר צו ווערן, וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער דער גראָבער, שטרענגער, אומדערשראָקענער, ברוטאַלער, וואוילטעטיקער, פריילעכער אויסערלעכקייט פון פאַרשידענע מענטשן. אין געגעבענעם פאַל, טראַכטנדיק וועגן אַטאַרשטשיקאָוון, האָט ער זיך משער געווען בלויז וועגן איינס — אַז אָט דער זוכט פיינלעך אַן אויסגאַנג פון די געשאַפענע סתירות, בינדט צונויף דאָס קאָזאַקישע מיטן באָלשעוויסטישן. דידאָזיקע השערה האָט אים גענייגט איבערצורייסן די פרווון פון דערנענטערן זיך מיט אַטאַרשטשיקאָוון, צו האַלטן זיך פונדערווייטנס.

זיי זענען געגאַנגען איבערן נעווסקי, זיך דורכוואַרפנדיק פון צייט־צו־צייט מיט נישט באַדײַטנדיקע פראַזן.

— אפשר גייען מיר אַרײַן עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? — האָט ליסטניצקי פאָרגעלייגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער טיר פון אַ רעסטאָראַן.

— אדרבה, — האָט אַטאַרשטשיקאָוו מסכּים געווען.

זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען און שטיין געבליבן, זיך אַרומקוקנדיק מיט אַ געוויסער הילפלאָזיקייט: אַלע טישלעך זענען

געוועז פאַרנומען. אַטאַרשטשיקאָוו האָט זיך שוין אויסגעדרייט אַרויסצוגיין, נאָר פון אַ טישל ביי אַ פענסטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַוואַהדיקער, עלעגאַנט געקליידטער הער, וואָס איז געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון צוויי דאַמען און אויפמערקזאַם געקוקט אויף זיי. ער איז צוגעגאַנגען, העפלעך אונטערהייבנדיק דעם מעליאָניק.

— איך בעט אַנטשולדיקונג! צי וועט איר נישט באַוויליקן צו פאַרנעמען אונזער טישל? מיר גייען אַוועק. — ער האָט געשמייכלט, אַנטפּלעקנדיק אַ שורה שיטערע ציין, פאַרגעלטע פון רייכערן, מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט פאַרבעטן דורכצוגיין. — איך וועל גערן באַהילפיק זיין די הערן אָפיצירן. איר — זענט אונזער שטאָלץ.

די דאַמען, וואָס זענען געזעסן ביים טישל, זענען אויפגעשטאַנען. איינע, אַ הויכע און שוואַרצע, האָט זיך פאַרראָכטן די פריזור, די צווייטע, אַ יינגערע, האָט צוגעוואַרט, שפּילנדיק זיך מיטן שירעמל.

די אָפיצירן האָבן געדאַנקט דעם הער, וואָס האָט אויף אַזאַ העפלעכן אופן זיי געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיטן טישל, און זענען צוגעגאַנגען צום פענסטער. דורך דער אַראָפּגעלאָזטער שטאָרע האָבן ווי געלע נאָדלען זיך אַריינגעשטאָכן די מאַטע שטראַלן אין טישטוך. די ריחות פון די מאכלים האָבן פאַרטייבט דעם סובטעל-רייצנדן אַראָמאַט פון די לעבעדיקע בלומען, וואָס זענען צעשטעלט געוועז אויף די טישלעך.

ליסטניצקי האָט באַשטעלט אַ זופּ פון באָרקע-בלעטער מיט אייז, וואַרטנדיק פאַרטראַכט אַרומגעצופּט אַ געלבלעך-רויטע נאַסטורציע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער וואַזע. אַטאַרשטשיקאָוו האָט זיך אָפּגעווישט מיטן טיכל דעם שווייס פון שטערן, זיינע מיד אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן אָפּט מרוגענדיק זיך צוגעקוקט צום זונען-פלעק, וואָס האָט געציטערט אויפן פיסל פון שכנותדיקן טישל.

זיי האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט דאָס עסן, ווען אין רעסטאָ־ראַן זענען, הויך שמועסנדיק, אַריינגעקומען צוויי אָפיצירן.

דער פעדערשטער, זוכנדיק מיט די אויגן אַ פריי טישל, האָט אויסגעדרייט צו ליסטניצקין זיין טונקל־גרוי אָפּגעברענט פּנים. זיינע קרומע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פרייד.

— ליסטניצקי! דו ביסט דאָס?... — האָט ער מיט אַ זיכער קול, אָן דער מינדסטער זשענירונג אויסגעשריגן, זיך לאָזנדיק גיין צו אים.

אונטער זיינע שוואַרצע וואָנסעס האָבן שוימיק־ווייס אַ בלענד געטון די ציין. ליסטניצקי האָט דערקענט דעם עסאַול קאַלמיקאָוו, באַלד נאָך אים איז צוגעקומען טשובאָוו. זיי האָבן זיך פעסט געדריקט די הענט. באַקענענדיק די אַמאָליקע דינסט־חברים מיט אַטאַרשטשיקאָוון, האָט ליסטניצקי געפרעגט:

— וואָסער גורל האָט אייך אַהער געבראַכט?

קאַלמיקאָוו, זיך דרייענדיק די וואָנסע, האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ אַהינטער, זיך זייטיק אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— קאָמאַנדירט געוואָרן. איך וועל דערנאָך דערציילן. דו דערצייל וועגן זיך. ווי לעבט זיך אין פערצענטן פּולק?

...זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. קאַלמיקאָוו און ליסט־ניצקי זענען געבליבן הינטערשטעליק, זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין ערשטן געסל און אין אַ האַלבער שעה אַרום, מיידנדיק די רוישיקע טייל שטאָט, זענען זיי געגאַנגען, שטיל שמועסנדיק און פאָרזיכטיק זיך אַרומקוקנדיק.

— אונזער דריטער קאָרפּוס געפינט זיך אין רעזערוו פון רומענישן פראָנט, — האָט קאַלמיקאָוו לעבהאַפט דערציילט. — מיט אַנדערהאַלבן וואָכן צוריק באַקום איך פון פּולק־קאָמאַנדיר אַ באַ־פעל: איבערצוגעבן די סאָטניע און צוזאַמען מיטן סאָטניק טשובאָוו זיך צוצושטעלן אין דיוויזיע־שטאַב. אויסגעצייכנט. איך גיב איבער. מיר קומען צו פאָרן אין דיוויזיע־שטאַב. דער פּולקאָווניק מ., פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, — דו קענסט אים, — גיט מיר איבער

קאָנפידענציאָנעל, אַז איך מוז גלייך אַרויספאָרן צום גענעראַל קרימאָוו. מיר פאָרן מיט טשובאָוון צום קאָרפּוס. קרימאָוו נעמט מיך אויף, און ווייל ער ווייסט, וואָסערע אָפיצירן מען שיקט אים, איז ער מיר גלייך מודיע פאָלגנדעס: „ביי דער מאַכט שטייען מענטשן, וואָס פירן באַוואוסטזיניק דאָס לאַנד צום אונטערגאַנג, — עס איז נייטיק צו טוישן די מענטשן, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער אָנפירערשאַפט, אפשר אויך אפילו צו פאַרבייטן די צייט־ווייליקע רעגירונג אויף אַ מיליטערישער דיקטאַטור". ער האָט אָנגערופן קאָרנילאָוון, ווי דעם וואָרשיינלעכן קאַנדידאַט, דערנאָך מיר פאָרגעלייגט אַוועקצופאָרן קיין פּעטראָגראַד צו דער דיספּאָזיציע פון הויפּט־קאָמיטעט פון אָפיצירן־פאַרבאַנד. אַצינד זענען מיר דאָ צונויפגערופירט עטלעכע הונדערט זיכערע אָפיצירן. די פאַרשטייסט אין וואָס עס באַשטייט אונזער ראָל? דער הויפּט־קאָמיטעט פון אָפיצירן־פאַרבאַנד אַרבעט אין קאָנטאַקט מיט אונ־זער פאַרבאַנד־ראַט פון די קאָזאַקן־חיילות, אָרגאַניזירט אויף די קנופּן־סטאַציעס און אין די דיוויזיעס ספּעציעלע באַטאַליאָנען. דאָס אַלץ, וואָס וועט אין דער נאָענטער צוקונפט צונויצקומען...

— אָבער וואָס פאַר אַ פאָרמען וועט דאָס אָננעמען? ווי אַזוי מיינסטו?

— נאַדיר ווייטער! צי האָט איר, פאַרברענגענדיק דאָ, זיך נישט קלאָר געמאַכט די לאַגע? אַז עס וועט, אָן ספק, זיין אַ רעגירונג־איבערקערעניש, די מאַכט וועט אַריינפאַלן צו קאָרנילאָוון אין די הענט. די גאַנצע אַרמיי איז דאָך מיט אים. ביי אונז דאָרט קלערט מען אַזוי: צוויי גלייכע כּוחות — דאָס זענען קאָר־נילאָוו און די באָלשעוויקעס. קערענסקי געפינט זיך צווישן צוויי מילשטיינער, — אויב נישט דער, וועט דער צווייטער אים צערייבן. זאָל ער דערווייל זיך שלאָפן אויפן געלעגער פון אַליסען*. ער

---

* אַ ל י ס אַ — אַלעקסאַנדראַ פיעדאָראָוונאַ (פאַר דער חתונה — די פּרינצעסין אַליסאַ פון העססען), ניקאָלאַי דעם II ווייב.

איז — אַ קאַליף אויף אַ שעה*. — קאַלמיקאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע, זיך געשפּילט מיטן טרעלזועלע פון דער שווערד און גע־זאָגט: — מיר זענען אײַנגנטלעך בלויז פּענדעלעך אויפן שאַכמאַט־ברעט, און די פּענדעלעך ווייסן דאָך נישט וואוהין די האַנט פון שפּילער וועט זיי שיקן... איך, למשל, באַנעם נישט קלאָר, וואָס עס טוט זיך אין דער הויפּטקוואַרטיר. איך ווייס בלויז, אַז צווישן דער גענעראַליציע — קאָרנילאָוון, לוקאָמסקין, ראָמאַנאָוון, קרימאָוון, דעניקינען, קאַלעדינען, ערדעלן און אַ סך אַנדערע — איז דאָ עפּעס אַ געהיימע פאַרבינדונג, אַן אָפּמאַך...

— אָבער די אַרמיי... צי וועט די גאַנצע אַרמיי גיין מיט קאָר־נילאָוון? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, שטעלנדיק אַלץ גיכערע טריט.

— דאָס זשאָלדאַסטוואָ וועט, פאַרשטייט זיך, נישט גיין. מיר וועלן עס פירן.

— דו ווייסט, אַז קערענסקי וויל אונטערן דרוק פון די לינ־קע אַראָפּוואַרפן דעם הויפּט-קאָמאַנדיר?

— ער וועט נישט וואַגן! מען וועט אים באַלד מאַרגן שטעלן אויף די קני. דער הויפּט־קאָמיטעט פון אָפיצירן־פאַרבאַנד האָט אים גאַנץ קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דעם.

— נעכטן זענען צו אים דעלעגירט געוואָרן פאָרשטייער פון פאַרבאַנד־ראַט פון די קאָזאַקן־חיילות, — האָט ליסטניצקי שמייכ־לענדיק געזאָגט. — זיי האָבן געמאָלדן, אַז דאָס קאָזאַקנטום דער־לאָזט אפילו נישט דעם געדאַנק וועגן באַזייטיקן קאָרנילאָוון. און דו ווייסט, וואָס ער האָט געענטפערט: „דאָס זענען אינסינואַציעס. די צײַטווײַליקע רעגירונג טראַכט אפילו נישט וועגן אַזעלכע זאַכן". ער באַרויִקט די געזעלשאַפטלעכקייט און קאָקעטירט איינצײַטיק, ווי אַ ה..., דעם דעפּוטאַטן־ראַט.

---

* קאַליף אויף אַ שעה — ד. ה., אַ מענטש, וואָס האָט באַקומען אַ גרויסע מאַכט אויף אַ קורצן טערמין.

קאַלמיקאָוו האָט גייענדיק אַרויסגענומען אַ מיליטעריש נאָ־טיצביכל און הויך איבערגעלייענט:

— „די באַראַטונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער באַגריסט אייך ווי דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי. די באַראַטונג איז מודיע, אַז יעדן פרווו אַרונטערצורייסן אייער אויטאָריטעט אין דער אַרמיי און אין רוסלאַנד האַלט זי אַלס פאַרברעך און פאַרייניקט איר שטימע צו דער שטים פון די אָפיצירן, געאָרגי־קאַוואַלערן און קאָזאַקן. אין ערנסטן מאָמענט פון שווערע נסיונות קוקט דאָס גאַנצע דענקענדיקע רוסלאַנד אויף אייך מיט האָפענונג און גלויבן. זאָל גאָט אייך בייהילפיק זיין אין אייער גרויסער אונ־טערנעמונג צו שאַפן אַ מעכטיקע אַרמיי און מציל זיין רוסלאַנד! ראָדזיאַנקאָ*". דאַכט זיך, קלאָר! עס קאָן גאָרנישט זיין קיין רייד וועגן באַזייטיקן קאָרנילאָוון... יאָ, דו האָסט דאָך נעכטן בייגע־וואוינט זיין אָנקומען?

— איך בין ערשט ביינאַכט געקומען פון צאַרסקאָיע סיעלאָ.

קאַלמיקאָוו האָט אַ שמייכל געטון, איינצייטיק אַנטפּלעקנדיק אַ גלייכע שורה ציין און ראָזע געזונטע יאַסלעס. זיינע שמאָלע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, אויסשטראַלנדיק אַ גרויסע צאָל שפּינוועב־דינע קנייטשלעך אין די ווינקלען.

— קלאַסיש! — די וואַך — אַן עסקאַדראָן טעקינצעס. קוילנ־וואַרפער אויף אויטאָמאָבילן. דאָס אַלץ אין דער ריכטונג פון ווינ־טער־פּאַלאַץ. אַ גאַנץ נישט צווויידייטיקע וואָרענונג... כע, כע, כע, וואָלסט געזען די פּרצופים אין די האָריקע פּאַפּאַכעס, עס איז ווערט זיי אָנצוקוקן! זיי מאַכן אַן אייגנאַרטיקן איינדרוק!

---

* ראָדזיאַנקאָ ז. (1859 — 1924) — גרויסער גוטבאַזיצער, פאָר־זיצער פון דער דריטער און פערטער מלוכה־דומע. אין פעריאָד פון קע־רענסקין — טיכטיקער אָרגאַניזאַטאָר פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אין דער ווייסער אַרמיי, דערנאָך עמי־גרירט קיין אויסלאַנד.

אַרומקרייזלענדיק דעם מאָסקווע-נאַרווער ראַיאָן, האָבן די אָפיצירן זיך צעשיידט.

— מיר, זשעניאַ, טאָרן זיך נישט פאַרלירן פון בליק — האָט קאַלמיקאָוו געזאָגט צום געזעגענען. — שווערע צייטן קומען אָן. האַלט דיך אָן דער ערד, וואָרים קאָנסט נאָך אומפאַלן!

זיך האַלב אויסדרייענדיק, האָט ער נאָכגעשריגן דעם אַוועקגייענדיקן ליסטניצקין:

— איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן. אונזער מערקולאָוון געדענקסטו? דעם קינסטלער?

— נו?

— ער איז געהרגעט געוואָרן אין מאַי.

— עס קאָן נישט זיין!

— און נאָך ווי אַזוי געהרגעט געוואָרן, — נישט בפיוון. עס איז נישטאָ קיין נאַרישערס פון טויט. ביי אַן אויסשפּירער אין די הענט האָט געפּלאַצט אַ גראַנאַט. אים אַליין האָט עס אָפּגעריסן די הענט ביז איבער די עלנבויגנס און פון מערקולאָוון האָבן מיר געפונען בלויז אַ טייל אינגעווייד און זיין צעבראָכענעם בינאָקל. דריי יאָר האָט אים דער טויט געשוינט.

קאַלמיקאָוו האָט נאָך עפּעס געשריגן, נאָר דער אָנגעלאָפענער ווינט האָט אויפגעהויבן אַ גרויען שטויב און דערטראָגן בלויז קלאַנגלאָזע שטיקלעך ווערטער. ליסטניצקי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך געלאָזט גיין, פון-צייט-צו-צייט זיך אומקוקנדיק.

XIII

דעם זעקסטן אויגוסט האָט דער שטאַב-אָנפירער פון העכסטן הויפּט-קאָמאַנדיר, דער גענעראַל לוקאָמסקי, דורך דער פאַרמיטלונג פון ערשטן גענעראַל-קוואַרטירמייסטער פון דער הויפּט-קוואַרטיר, דעם גענעראַל ראָמאַנאָווסקי, דערהאַלטן אַ פאַראָרדענונג צו

קאָנצענטרירן אין ראַיאָן נעוועל—סאָקאָלניקי—גרויס-לוקי דעם דריטן קאָרפּוס פון דער טוזעמנער דיוויזיע.

— פאַרוואָס אין דעם ראַיאָן ? דידאָזיקע טיילן זענען דאָך אין רעזערוו פון רומענישן פראָנט ? — האָט דער פאַרחידושטער לוקאָמסקי געפרעגט.

— איך ווייס נישט, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש. איך גיב אייך איבער פּינקטלעך דעם באַפעל פון הויפּט-קאָמאַנדיר.

— ווען האָט איר אים באַקומען ?

— נעכטן. איינס אַ זייגער ביינאַכט האָט דער הויפּט-קאָמאַנדיר מיך אַרויסגערופן און באַפוילן מיטצוטיילן אייך וועגן דעם היינט אינדערפרי.

ראָמאַנאָווסקי האָט אויף די שפּיצן שטיוול זיך געדרייט פאַרן פענסטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטראַטעגישער מאַפּע פון מיטל-אייראָפּע, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט פון לוקאָמסקיס קאַבינעט, און שטייענדיק צו אים מיטן רוקן, באַטראַכטנדיק מיט איבערגעטריבענער אויפמערקזאַמקייט די מאַפּע, האָט ער געזאָגט :

— אפשר וועט ער אַליין אייך אויפקלערן... ער איז אַצינד ביי זיך.

לוקאָמסקי האָט אַראָפּגענומען פון טיש די פּאַפּירן, אָפּגעצוקט דעם פּאָטעל און זיך געלאָזט גיין מיט יענעם פעסט-אַנטשלאָסענעם טריט, מיט וועלכן עס גייען אַלע דיקע באַיאָרטע מיליטערלייט. אין דער טיר, דורכלאָזנדיק פאָרויס ראָמאַנאָווסקין, האָט ער געזאָגט, משמעות נאָכפאָלגנדיק זיין אייגענעם געדאַנקענגאַנג :

— ריכטיק. יאָ.

פון קאָרנילאָוון איז נאָר-וואָס אַרויסגעגאַנגען אַ הויכער דאַרער פּולקאָווניק, וואָס איז לוקאָמסקין אומבאַקאַנט געווען. ער האָט העפלעך אָפּגעטרעטן דעם וועג, געגאַנגען איבערן קאָרידאָר, שטאַרק אונטערהינקענדיק, קאָמיש און שרעקלעך צוקנדיק מיטן קאָנטוזירטן אַקסל.

קאָרנילאָוו, עטוואָס אָנגעבויגן פאָרויס, אָנגעשפאַרט אויפן טיש מיט די קרום-צעשטעלטע האַנטפלאַכן, האָט גערעדט צו אַ באַיאָרטן אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער אים:

— ...מען האָט זיך געדאַרפט ריכטן אויף דעם. איר האָט מיך פאַרשטאַנען? איך בעט מיטצוטיילן גלייך נאָכן אָנקומען קיין פסקאָוו. איר קאָנט גיין.

צוואַרטנדיק ביז די טיר האָט זיך פאַרמאַכט נאָכן אָפיציר, האָט קאָרנילאָוו מיט אַ יונגער עלאַסטישער באַוועגונג זיך אַראָפּ-געלאָזט אין פאָטעל; ער האָט צוגערוקט פאַר לוקאָמסקין דעם צווייטן פאָטעל און אים געפרעגט:

— איר האָט באַקומען פון ראָמאַנאָווסקין מיין פאַראָרדענונג וועגן איבערוואַרפן דעם דריטן קאָרפוס?

— יאָ. איך בין צוליב דעם טאַקע געקומען זיך דורכשמועסן. פאַרוואָס איז דורך אייך אויסגעקליבן געוואָרן גראָד דער ראַיאָן פאַר דער קאָנצענטראַציע פון קאָרפוס?

לוקאָמסקי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף קאָרנילאָווס טונקל-ברוין פנים. עס איז געווען נישט דורכדרינגלעך, אַזיאַטיש-גלייכגילטיק; איבער די באַקן, פון דער נאָז ביז צום רויען מויל, וואָס איז פאַרשטעלט געווען דורך די נישט געדיכטע אַראָפּגעהאָנ-גענע וואָנסעס, האָבן געווײַנטלעך-באַקאַנט זיך געשניטן די קרומע קנייטשן. דעם האַרטן און שטרענגן אויסדרוק פון פנים האָט גע-שטערט בלויז דאָס פאַסמעלע האָר, וואָס איז אויף אַ מאָדנע קינ-דיש-רירנדן אופן אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן.

זיך אָנשפאַרנדיק אויפן עלנבויגן, אונטערהאַלטנדיק מיט דער קליינער דאַרער האַנט-פלאַך די גאָמבע, האָט קאָרנילאָוו פאַר-זשמורעט די מאָנגאָלישע העל-גלאַנציקע אויגן און געענטפערט, זיך צורירנדיק צו לוקאָמסקיס קני:

— איך וויל קאָנצענטרירן דאָס רייטער-מיליטער נישט ספּע-ציעל הינטערן צפון-פראָנט, נאָר אין אַזאַ ראַיאָן, פונוואַנען עס זאָל לייכט זיין איבערצוואַרפן עס אין פאַל פון נויטווענדיקייט אויפן צפון-אָדער מערב-פראָנט. לויט מיין מיינונג אַנטשפּרעכט דער

אויסגעקליבענער ראַיאָן צומיינסט דערדאָזיקער ... .ג. איר מיינט אַנדערש ? וואָס ?

לוקאָמסקי האָט אומבאַשטימט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען.

— צו שרעקן זיך פאַרן מערב-פראָנט איז נישט... קיין שום גרונט. עס איז בעסער צו קאָנצענטרירן דאָס רייטער-מיליטער אין ראַיאָן פון פסקאָוו.

— פון פסקאָוו ? — האָט קאָרנילאָוו איבערגעפרעגט, זיך אָנ-בייגנדיק מיטן גאַנצן קערפּער פאָרויס. ער האָט זיך ...ארקרומט, לייכט אויסגעשטשירעט די פאַרבלאָזע ליפּ און אָפּווענדנדיק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— ניין ! דער פסקאָווער ראַיאָן איז נישט באַקוועם.

לוקאָמסקי האָט מיט אַ מידער באַוועגונג פון אַ ... אַרויפ-געלייגט די הענט אויף די אָנלענען פון פאָטעל ; פאַר... איק צו-קלויבנדיק די ווערטער, האָט ער געזאָגט :

— לאַוור געאָרגיעוויטש, איך וועל גלייך אַרויסגעבן די נייטיקע פאַראָרדענונגען, נאָר ביי מיר האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז איר זאָגט נישט אַלץ אַרויס... דער אויסגעקליבענער דורך אייך ראַיאָן פאַר דער קאָנצענטראַציע פון רייטער-קאָ... איז זייער גוט אין פאַל, ווען מען זאָל עס דאַרפן אַ... אויף פּעטראָגראַד אָדער מאָסקווע, אָבער דעם צפון-פראָנט... נישט אַזאַ קאָנצענטראַציע שוין דערפאַר, ווייל עס וועט שו... עס אַריבערצוואַרפן. אויב איך בין מיך נישט טועה און או... זאָגט טאַקע נישט אַלץ אַרויס, בעט איך אייך — לאָזט מיך או... קגיין אויפן פראָנט, אָדער זאָגט מיר אַרויס אַלע אייערע השערות... אַ שעה פון אַ שטאַב קאָן בלייבן אויף זיין פּאָסטן בלויז ביי ...לן צוטרוי פון זיין אָנפירער.

קאָרנילאָוו האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגעשטרענגט ... איינגעהערט און מיטן פשוטן מענטשלעכן אויג באַוויזן צו באַמערקן, ווי לוקאָמסקיס פנים, וואָס האָט אין פלוג אויסגעזען קאַלט, ...ט

זיך באַדעקט מיט אַ קוים־באַמערקטער קאַרגער
ער האָט געטראַכט עטלעכע רגעס, דערנאָך געענט־
פערט:

— ...ר זענט גערעכט. איך האָב געוויסע השערות, וועגן
וועלכע . האָב מיט אייך נאָך נישט גערעדט... איך בעט אַרויס־
צוגעבן ד פאַראָרדענונג וועגן איבערפירן דאָס רייטער־מיליטער,
אַרויס אַהער דעם קאָמאַנדיר פון דריטן קאָרפּוס גע־
...מאָוו, און מיר וועלן זיך גרינטלעך דורכשמועסן נאָכן
...יך פון פעטראָגראַד. פאַר אייך, אַלעקסאַנדער סערגעיע־
...יבט דאָס מיר, ווייל איך גאָרנישט פאַרבאָרגן, — האָט
קאָרנ... באַטאָנט די לעצטע פראַזע און פלינק זיך אויסגעדרייט,
...יק אַ קלאַפּ אין דער טיר. — אַריין.

איז אַריינגעקומען דער געהילף־קאָמיסאַר פון דער הויפּט־
פאַן־וויזין, מיט אים אַ נידעריק־געוואוקסיקער בלאָנדער
געגנעו... לוקאָמסקי איז אויפגעשטאַנען; אָוועקגייענדיק האָט ער
געהנ... ווי אויף פאַן־וויזינס פראַגע האָט קאָרנילאָוו שטרענג
געענטפערט:

— אַצינד האָב איך נישט קיין צייט איבערצוקוקן דעם גע־
...מילערס ענין. וואָס?... יאָ, איך פאַר אַוועק.

...ריקקומענדיק פון קאָרנילאָוון, איז לוקאָמסקי לאַנג געשטאַ־
...ם פענצטער, זיך געגלעט דעם גרוילעכן קלין פון בערדל,
...אַכט געקוקט, ווי דער ווינט שויבערט אין גאָרטן די גע־
דיר... לאָקן פון די קאַשטאַן־ביימער און טרייבט כוואַליעדיק דאָס
...לויכטענע געהאָרבעטע גראָז.

אין אַ שעה אַרום האָט דער שטאַב פון דריטן רייטער־קאָר־
...אַקומען אַ באַפעל פון גענעראַל־שטאַב זיך צוצוגרייטן צום
ערטראָגן. דעם זעלבן טאָג איז דורך אַ שיפרירטער טעלע־
...ע דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר גענעראַל קרימאָוו, וואָס האָט אין
...יין צייט, אויפן פאַרלאַנג פון קאָרנילאָוון, זיך אָפּגעזאָגט פון דער
...אַשטימונג אויפן אַמט פון קאָמאַנדיר פון דער עלפטער אַרמיי,
...טערמיניק אַרויסגערופן געוואָרן אין דער הויפּט־קוואַרטיר.

דעם ניינטן אויגוסט איז קאָרנילאָוו, אונטער דער וואַך פון עסקאַדראָן טעקינצעס, מיט אַ ספּעציעלן צוג אַרויסגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד.

צומאָרגנס האָבן אין דער הויפּט־קוואַרטיר זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן דער באַזייטיקונג און אפילו אַרעסט פון הויפּט־קאָ־מאַנדיר, אָבער דעם עלפטן אינדערפרי האָט קאָרנילאָוו זיך אומ־געקערט קיין מאָהילעוו.

באַלד נאָכן קומען האָט ער איינגעלאַדן צו זיך לוקאָמסקין. איבערלייענענדיק די דעפּעשן און באַריכטן, האָט ער זאָרגעוודיק זיך פאַרראָכטן דעם שניי־ווייסן מאַנזשעט, וואָס האָט זאַפטיק אונ־טערגעשטראָכן די אָליוועקייט פון דער שמאָלער האַנט, זיך אַ ריר געטון ביים קאָלנער. דידאָזיקע איילִיקע באַוועגונגען האָבן אויס־געדריקט אַן אומגעווייינטלעכע פאַר אים אויפרעגונג.

— אַצינד קאָנען מיר פאַרענדיקן דעם דעמאָלט איבערגע־ריסענעם שמועס, — האָט ער נישט הויך געזאָגט. — איך וועל מיך אומקערן צו יענע השערות, וועלכע האָבן מיך באַוואויגן איבער־צופירן דעם דריטן קאָרפּוס צו פּעטערבורג און וועגן וועלכע איך האָב מיט אייך נאָך נישט גערעדט. איר ווייסט, אַז דעם דריטן אויגוסט, ווען איך בין געווען אין פּעטראָגראַד אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג, האָבן קערענסקי און סאַווינקאָוו מיך אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז איך זאָל נישט באַרירן קיין באַזונדערס־וויכטיקע פראַגן פון פאַרטיידיקונג, ווייל, ווי זיי האָבן געזאָגט, געפינען זיך צווישן די מיניסטאָרן נישט זיכערע מענטשן. איך, דער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר, אָפּגעבנדיק אַ באַריכט דער רעגירונג, קאָן נישט רעדן וועגן די אָפּעראַציע־פּלענער, ווייל עס איז נישטאָ קיין גאַ־ראַנטיע, אַז דאָס געזאָגטע וועט אין עטלעכע טעג אַרום נישט באַ־קאַנט זיין דער דייטשישער אָנפירונג! און דאָס — איז אַ רעגי־רונג? צי קאָן איך נאָכדעם גלייבן, אַז זי וועט מציל זיין דאָס פאָטערלאַנד? — קאָרנילאָוו איז מיט האַסטיקע, אַנטשלאָסענע טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי פאַרמאַכט אויפן שליסל, און אומקערנ־דיק זיך, אַן אויפגערעגטער זיך געדרייט פאַרן טיש און געזאָגט: —

עס איז אַ ווייטיק און אַ שאַנד, וואָס אַזעלכע ווייכע ברואימלעך פירן אָן מיט אַ לאַנד. מאַנגל אין ווילן, כאַראַקטערלאָזיקייט, אומ־וויסן, נישט דעצידירטקייט, גאַנץ אָפט פּשוטע געמיינהייט — אָט וואָס עס פירט אָן מיט די פונקציעס פון דער, איר זאָלט מיר מוחל זיין, „רעגירונג". ביי דער גינסטיקער מיטווירקונג פון אַזעל־כע הערן, ווי טשערנאָוו און אַנדערע, וועלן די באָלשעוויקעס אָפּ־ווישן קערענסקין... אָט, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש, אין וואָסער לאַגע רוסלאַנד געפינט זיך. ריכטנדיק זיך לויט די פּרינציפּן, וואָס זענען אייך באַקאַנט, וויל איך אָפּהיטן דאָס פאָטערלאַנד פון נייע אויפטרייסלונגען. דעם דריטן רייטער־קאָרפּוס פיר איך איבער הויפּטזעכלעך דערפאַר, כדי אין סוף אויגוסט אים צוצורוקן צו פּעטראָגראַד, און אויב די באָלשעוויקעס וועלן אַרויסטרעטן, זיך אָפּצורעכענען מיט די פאַררעטער פון פאָטערלאַנד, ווי עס געהער צו זיין. די אוממיטלבאַרע אָנפירונג מיט דערדאָזיקער אָפּעראַציע גיב איך איבער דעם גענעראַל קרימאָוו. איך בין איבערצייגט, אַז אין פאַל פון נויטווענדיקייט וועט ער זיך נישט אָפּהאַלטן אויפצו־הענגען דעם גאַנצן ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. די צייטווייליקע רעגירונג... נו, דאָס וועלן מיר שוין זען... איך, פאַר מיר, וויל גאָרנישט. עס האַנדלט זיך אין מציל זיין רוסלאַנד... מציל זיין פאַר יעדן פּרייז...

קאָרנילאָוו האָט איבערגעריסן דאָס אַרומגיין; שטיין בלייבנ־דיק פאַר לוקאָמסקין, האָט ער שאַרף געפרעגט:

— צי זענט איר מסכים מיט מיר, אַז נאָר מיט אַזעלכע מיטלען איז מעגלעך צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון לאַנד און פון דער אַרמיי? צי וועט איר גיין מיט מיר ביזן סוף?

פעסט און מיט געוויסקייט דריקנדיק קאָרנילאָווס דאַרע הייסע האַנט, איז לוקאָמסקי אויפגעשטאַנען.

— איך בין פולשטענדיק איינשטימיק מיט אייך! איך וועל גיין ביזן סוף. מען דאַרף דורכטראַכטן, איבערוועגן — און אַ קלאַפּ טון. גיט דאָס איבער מיר, לאַוור געאָרגיעוויטש.

— דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מיר אַליין.

די דעטאַלן באַאַרבעטן דער פּאָלקאָווניק לעבעדיעוו און דער קאַפּיטאַן ראָזשענקאָ. איר, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש, זענט דאָך פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. האָט צוטרוי צו מיר, מיר וועלן נאָך צייט האָבן אַלץ צו באַהאַנדלען, און אויב עס וועט נייטיק זיין, אַריינטראָגן די געהעריקע ענדערונגען.

די טעג האָט די הויפּט־קוואַרטיר געלעבט מיט אַ פּיבערהאַפטן לעבן. טאָג־טעגלעך האָבן אין הויז פון גובערנאַטאָר אין מאָהילעוו זיך געמאָלדן פון די פראָנטן און פאַרשידענע טיילן, אין פאַרשטויבטע בלוזעס פון האַקי־קאָליר, אָפּגעברענטע און פון ווינט אָפּגעשמיסענע אַפיצירן, עס זענען געקומען עלעגאַנטע פאָרשטייער פון אָפיצירן־קאָמיטעט און קאָזאַקן־ראַט, שליחים פון דאָן פון קאַזאַקן־ראַט, שליחים פון דאָן פון קאַלעדינען — דעם ערשטן קאָזאַקישן מיליטעריש־אַמטלעכן אַטאַמאַן פון די דאָנער קאָזאַקן־חיילות. עס זענען געקומען אויך ציווילע. עס זענען געגאַנגען מענטשן, וואָס האָבן אויפריכטיק געוואָלט העלפן קאָרנילאָוון צוריקשטעלן אויף די פּיס דאָס אַלטע, אין פּעברואַר־געפאַלענע רוסלאַנד. אָבער עס זענען געווען אויך רויבפייגל, וואָס האָבן פונווייטנס דערשמעקט דעם ריח פון אַ סך בלוט, פאָרגעפילט וועמענס אַנטשלאָסענע האַנט וועט עפענען די אַרטעריעס דעם לאַנד, און זיך צונויפגעפלויגן קיין מאָהילעוו מיט דער האָפענונג, אַז אויך זיי וועט געלונגען עפּעס צו כאַפּן. די נעמען פון דאָברינסקין, זאַוואויקאָן, אַלאַדינען זענען איבערגעחזרט געוואָרן ווי נעמען פון מענטשן, וואָס שטייען אין נאָענטער באַציִונג מיטן הויפּט־קאָמאַנדיר. אין דער הויפּט־קוואַרטיר און אין שטאַב פון אַטאַמאַן פון די דאָנער חיילות האָט מען זיך געשושקעט, אַז קאָרנילאָוו האָט צופיל צוטרוי, און דעריבער איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ קרייז פון אַוואַנטוריסטן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אין די ברייטע קרייזן פון אָפיצירנטום געהערשט די איבערצייגונג, אַז קאָרנילאָוו — איז די פאָן פון דער באַנייונג פון רוסלאַנד. און אונטער זיין פאָן זענען פון אומעטום זיך צונויפגעפלאָסן די אַלע, וואָס האָבן ליידנשאַפטלעך געגאַרט די דאָזיקע באַנייונג.

דעם דרייצענטן אויגוסט איז קאָרנילאָוו אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע אויף אַ מלוכהשער באַראַטונג.

אַ וואַרעמער לייכט־פאַרוואָלקנטער טאָג. דער הימל איז ווי אויסגעגאָסן פון בלויליכן אַלומיניום. אין זעניט — אַ ווייכער וואָלקן מיט פּיאָלעטע ראַנדן. פון וואָלקן, איבערגעבראָכן אין דער אָפּשפּיגלונג פון רעגנבויגן, פאַלט אַ קרומער געבענטשטער רעגן, אויפן לעגענדאַר־באַפּעדערטן באַפּראָסטיקטן וואַלד, אויף די ווייטע אַקוואַרעל־געצייכנטע קאָנטורן פון די בערעזעס, אויף דער גאַנצער פאַרהאַרבסטיק־צעבליטער אַלמ:הדיקער ערד.

דער צוג וואַרפט צוריק דעם שטח. נאָכן צוג — אַ געלע רויך־שלעפּע. ביים אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן אַ — קליינער גענעראַל אין אַ מונדיר פון האַקי־קאָליר מיט געאָרגי־קרייצן. פאַרזשמורענדיק די קויל־שוואַרצע אויגן, בייגט ער אַרויס דעם קאָפּ פון פענסטער, און די וואַרעמע רעגן־טראָפּנס פאַלן מילד אויף זיין אָפּגעברענט פנים און שוואַרצע אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס; דער ווינט באַוועגט און פאַרקעמט אַהינטער דאָס פאַסמעלע האָר, וואָס איז אים קינדיש אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן.

XIV

אַ טאָג פאַר קאָרנילאָווס קומען קיין מאָסקווע איז דער עסאַול ליסטניצקי אָנגעקומען אַהין אין אַ באַזונדער וויכטיקער אָנגעלעגנהייט פון ראַט פון די קאָזאַקן־חיילות. ער האָט איבערגעגעבן אין שטאַב פון קאַזאַקן־פּולק, וואָס האָט זיך געפונען אין מאָסקווע, אַ פּאַקעט און געוואויר געוואָרן, אַז אויף מאָרגן ווערט אָפּגעוואַרט קאָרנילאָוו.

מיטאָג־צייט איז ליסטניצקי געווען אויפן אַלעקסאַנדראָווער וואָקזאַל. אין וואַרט־זאַל און אין די בופעטן פון דער ערשטער און צווייטער קלאַס — איז אַ גרויסער מענטשן־געדראַנג; מערסטנטייל מיליטערלייט. אויפן פעראָן שטעלט זיך אויס אַן ערן־וואַך

פון דער אַלעקסאַנדראָווער מיליטערישער שול,ביים וויאַדוקט — דער מאָסקווער פּרויאישער טויט-באַטאַליאָן. אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג — דער צוג. מיט איינמאָל איז דאָס גערעדעריי פאַר-שוויגן געוואָרן. אַ קלינגענדיקער, שטורמישער אויפברויז פון אָר-קעסטער און אַ שאַרכענדיק טופּען פון אַ סך פיס. די צעוויגטע מחנה האָט אונטערגעכאַפּט, אַ טראָג געטון, אַרויסגעוואָרפן ליסט-ניצקין אויפן פעראָן. אַרויסקריגנדיק זיך פון דער ענגשאַפט, האָט ער דערזען: ביים וואַגאָן פון הויפט-קאָמאַנדיר שטעלן זיך אויס אין צוויי שורות די טעקינצעס. די שפּיגלדיק-לאַקירטע וואַנט פון וואַגאָן שאָטנט זיך, אָפּשפּיגלענדיק זייערע העל-רויטע כאַלאַטן. קאָרנילאָוו, וואָס איז אַרויסגעקומען אין דער באַגלייטונג פון עט-לעכע מיליטער-לייט, האָט אָנגעהויבן גיין פאַרביי דער ערן-וואַך, פאַרביי די דעפּוטאַציעס פון פאַרבאַנד פון די געאָרגי-קאַוואַלערן, פון פאַרבאַנד פון די אַרמיי-און פלאָט-אָפיצירן, פון פאַרבאַנד פון די קאָזאַקן-חיילות.

פון דער צאָל פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר, האָט ליסטניצקי דערקענט דעם דאָנער אַטאַמאַן קאַלעדין און דעם גענעראַל זאַיאָנטשקאָווסקי, די איבעריקע האָבן אָנגערופן ביי די נעמען די אָפיצירן, וואָס האָבן אים אַרומגע-רינגלט:

— קיסליאַקאָוו — וויצע-מיניסטער פון קאָמוניקאַציע.

— שטאָט-פּרעזידענט רודניעוו.

— פירשט טרובעצקאָי — קאַנצעלאַריע-שעף פון דער דיפּלאָ-מאַטן-קאַמער.

— מיטגליד פון דער מלוכה-דומע מוסין-פּושקין.

— פּראָנצויזישער מיליטער-אַטאַשע, פּולקאָווניק קאַיאָ.

— פירשט גאָליצין.

— פירשט מאַנסירעוו... — האָבן חניפהדיק געקלונגען די חשיבותדיקע שטימען.

ליסטניצקי האָט געזען, ווי קאָרנילאָוון, וואָס האָט זיך צו-אים דערנענטערט, האָבן באַשיט מיט בלומען עלעגאַנט-געקליידטע

דאַמען, וואָס זענען געדיכט געשטאַנען לענגאויס דער פּלאַטפאָרמע. איין ראָז בלימל, וואָס האָט מיטן שטרענגל זיך פאַרטשעפּעט אָן די אַקסלבענדער, איז הענגען געבליבן אויף קאָרנילאָווס מונדיר. ער האָט עס אַראָפּגעטרייסלט מיט אַ זשעניִרטער, נישט דעצידירטער באַוועגונג. אַ בערדיקער זקן, אַן אוראַלער, האָט אָנגעהויבן זיין באַגריסונגס־רעדע אין נאָמען פון צוועלף קאָזאַקן־חיילות. אויסצוהערן ביזן סוף איז ליסטניצקין נישט געלונגען, — מען האָט אים צוגעשטופּט צו דער וואַנט, שיער נישט דעם רעמעט פון דער שווערד אָפּגעריסן. נאָך דער רעדע פון מיטגליד פון דער מלוכה־דומע ראָדיטשעוו, האָט קאָרנילאָוו ווייטער אָנגעהויבן גיין, געדיכט אַרומגעקלעפּט פון דער מחנה. אָפיצירן, זיך אָננעמענדיק ביי די הענט, האָבן געשאַפן אַ קייט פון באַשיצונג, אָבער מען האָט זיי אַוועקגעשאַרט. צו קאָרנילאָוון האָבן זיך אַ שטרעק געטון צעגטליקער הענט. עפּעס אַ דיקע, צעשויבערטע דאַמע האָט אים זייטיק נאָכגעשפּאַנט, באַמיִענדיק זיך צוצודריקן די ליפּן צום אַרבל פון זיין העל־גרינעם מונדיר. ביים אַרויסגאַנג האָט מען קאָרנילאָוון אונטערן פאַרטייבנדיקן גערויש פון די באַגריסנדיקע אויפרופן אַ כאַפּ געטון אויף די הענט און גענומען טראָגן. מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג פון אַקסל האָט ליסטניצקי אַוועקגעשאַרט אין דער זייט עפּעס אַ בכבודיקן הער און באַוויזן אָנצוכאַפּן קאָרנילאָווס לאַקירטן שטיוול, וואָס האָט אַ שימער געטון פאַר זיינע אויגן. פלינק אונטערכאַפּנדיק דעם פוס, האָט ער אים זיך אַרויפגעלייגט אויפן אַקסל, און נישט שפּירנדיק די לייכטע וואָג, שטיקנדיק זיך פון אויפרעגונג, באַמיִענדיק זיך בלויז אָפּצוהיטן די גלייכגעוויכט און ריטם פון טריט, האָט ער זיך געלאָזט גיין, לייכט מיטגעשלעפּט דורך דער מאַסע, פאַרטייבט דורכן געברומעריי און די מעשענע קלאַנגען פון אָרקעסטער. ביים אַרויסגאַנג האָט ער אייליק זיך גלייך געמאַכט די פאַלבן פון דער בלוזע, וואָס האָבן אין געדראַנג זיך אים אָפּגערוקט פון אונטערן פאַסעק. איבער די טרעפּלעך — אויפן פּלאַץ אַרויף. פאָרויס דער המון, גרינע מיליטער־שפּאַלערן, אַ קאָזאַקן־סאָטניע — רייטנדיק. צולייגנדיק די

האַנט צום דאַשעק פון היטל, מרוגענדיק מיט די פּייכט־געוואָרענע אויגן, האָט ער געפּרוּווט, אָבער נישט געקאָנט באַהערשן דאָס כּסדרדיקע ציטערן פון די ליפּן. ער האָט אומקלאָר געדענקט דאָס קלאַפּן פון די פּאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, די ווילדקייט פון המון, דעם צערעמאָניאַל־מאַרש פון די יונקערס פאַרן קליינעם גענעראַל, וואָס איז געשטאַנען אַ שלאַנק־אויסגעשטרעקטער מיטן פּנים פון אַ מאָנגאָל.

אין אַ טאָג אַרום איז ליסטניצקי אַרויסגעפאָרן קיין פּעטראָ־גראַד. זיך פאַרקליבן אויף דער אייבערשטער באַנק, האָט ער אויסגעשפּרייט דעם שינעל און געטרייכערט, טראַכטנדיק וועגן קאָרנילאָוון:

„ער האָט ריזיקירט מיטן לעבן און אַנטלאָפן פון גע־פאַנגענשאַפט, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז ער וועט אַזוי נייטיק זיין דעם פאָטערלאַנד. וואָס פאַר אַ פּנים! ווי אויסגעהאַקט פון שטיין — קיין שום איבעריקס, דורכשניטלעכס... דער כאַראַקטער איז אויך אַזעלכער. פאַר אים איז, מסתמא, אַלץ קלאָר, אויסגע־רעכנט. ס'וועט אָנקומען דער געהעריקער מאָמענט — וועט ער אונז פירן. מערקווירדיק, איך ווייס אפילו נישט, צי ער איז אַ מאָנאַרכיסט? אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע... איטלעכער זאָל אַזוי זיכער זיין מיט זיך, ווי ער".

אומגעפער אין דער זעלבער שעה האָבן אין מאָסקווע זיך דורכגעשמועסט צוויי גענעראַלן. דאָס איז געווען אין די קולואַרן פון גרויסן טעאַטער, בשעת דער הפסקה אין דער זיצונג פון דער מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג. איינער — אַ דראָבנער, מיט אַ פּנים פון אַ מאָנגאָל, דער צווייטער — אַ קרעמפּער, מיט אַ פעסטן פּיר־קאַנטיקן קאָפּ, געשוירן אין אַ יעזש, מיט פּ־יכיקע, גלאַט־פאַרקעמ־טע, עטוואָס גרוילעכע שלייפן און האַרט־צוגעדריקטע אויערן. זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט, שפּאַצירט איבערן קורצן פּאַרקעט און גערעדט צווישן זיך.

—דערדאָזיקער פּונקט פון דער דעקלאַראַציע זעט פאָר דאָס אָפּשאַפן די קאָמיטעטן און די מיליטער־טיילן ?

— יאָ.

— אַן איינהייטלעכער פראָנט, אַ געשלאָסענער, איז אומבאַדינגט נייטיק. אָנם דורכפירן אין לעבן די דורך מיר אָנגעוויזענע מיטלען איז נישטאָ קיין רעטונג. די אַרמיי איז אָרגאַניש נישט פעיק צו שלאָגן זיך. אַזאַ אַרמיי וועט נישט בלויז נישט ברענגען קיין נצחון, נאָר וועט אפילו נישט פעיק זיין אויסצוהאַלטן דעם מינדסטן באַדייטענדן אָנגריף. די טיילן זענען אויפגעלייזט דורך דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און דאָ אין הינטערלאַנד ? איר זעט, ווי די אַרבעטער רעאַגירן אויף יעדן פּרוּוו צו געפינען מיטלען פאַר זייער איינצוימונג ? — שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. די מיטגלידער פון דער באַראַטונג זענען געצוווּנגען צו גיין צופוס... אַ שאַנד ! מיליטאַריזירן דאָס הינטערלאַנד, איינשטעלן אַ שטרענגע, שטראָפנדיקע האַנט, אומברחמנותדיק אויסראָטן אַלע באָלשוויקעס, דידאָזיקע טרעגער פון מאַראַזם — דאָס זענען אונזערע נאָענטסטע אויפגאַבן. קאָן איך אויך אין דער צוקונפט רעכענען אויף אייער אונטערשטיצונג, אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש ?

— איך בין אומבאַדינגט מיט אייך.

— איך בין אין דעם זיכער געווען. איך דאַנק אייך. איר זעט, אַז ווען מען דאַרף האַנדלען אַנטשלאָסן און פעסט, באַגרענעצט זיך די רעגירונג מיט האַלבע מיטלען און קלינגענדיקע פראַזן כלומרשט, — „מיר וועלן מיט אייזן און בלוט אונטערדריקן אַלע פּרוּוון פון יענע, וואָס וועלן, ווי מיט אַ קורצער צייט צוריק, אויפהייבן אַ האַנט קעגן דער מאַכט פון פאָלק". ניין, מיר זענען געוואוינט פריער צו טון, דערנאָך צו רעדן. זיי האַנדלען פאַרקערט, מילא... וועט זיין אַ צייט — ווען זיי וועלן שניידן די פּירות פון אַ פּאָליטיק פון האַלבע מיטלען. אָבער איך וויל מיך נישט באַטייליקן אין דעמדאָזיקן אומווירדיקן שפּיל ! איך בין געווען און בלייב אַן אָנהענגער פון אָפענעם קאַמף, פּוסטע דיבורים ליגן נישט אין מיין כאַראַקטער.

דער קליינער גענעראַל איז שטיין געבליבן קעגן זיין מיט־שמועסער, אַ דריי געטון אַ מעטאַלענעם קנאָפּ אויף זיין פרענטש פון האַקי־קאָליר און געזאָגט, לייכט פאַרהיקע נדיק זיך פון אויפ־רעגונג:

— זיי האָבן אַראָפּגענומען די צוים פון פּיסק און האָבן אַצינד אַליין מורא פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, בעטן איבערצופירן פון פראָנט צו דער הויפּט־שטאָט די זיכערע מיליטער־טיילן און האָבן איינצייטיק מורא צוליב שלום מיט דער דאַזיקער דעמאָקראַטיע עפּעס רעאַלס אונטערצונעמען. אַ טריט פאָ־רויס, אַ טריט צוריק... בלויז ביי דער פולער קאָנסאָלידאַציע פון אונזערע כוחות וועט אונז געלונגען, ביי דער שטאַרקסטער מאָ־ראַלישער פּרעסיע, אויסצודריקן הנחות ביי דער רעגירונג, און אויב נישט, — וועלן מיר שפּעטער זען! איך וועל מיך נישט אָפּ־האַלטן פון עפענען דעם פראָנט, — זאָלן זיי די דייטשן לערנען שכל!

— מיר האָבן גערעדט מיט דוטאָוון*. דאָס קאָזאַקנטום, לאַוור גריגאָריעוויטש, וועט אייך שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן. אונז בלייבט דורכצוקומען אין דער פראַגע וועגן געמיינזאַמער אַקציע אין דער צוקונפט.

— נאָך דער זיצונג וואַרט איך אויף אייך און די איבערי־קע ביי זיך. ווי זעט אויס די שטימונג ביי אייך אויפן דאָן?

דער קרעמפּער גענעראַל האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט די פּירקאַנטיקע גלאַנציק־אויסראַזירטע גאָמבע, געקוקט פאַר זיך מיט אַ מרה־שחורהדיקן בליק פון אונטערן שטערן אַפער. זיינע ליפּן־ווינקלען אונטער די ברייטע וואָנסעס האָבן אַ ציטער געטון, ווען ער האָט געענטפערט:

---

* דוטאָוו אַ. י. (1864 — 1922) — קאָזאַקישער אַטאַמאַן. אין די אָקטאָבער־טעג — איינער פון די אָנפירער פון דער ווייס־גוואַרדייאישער קאָזאַקן־באַוועגונג.

— איך האָב שוין נישט דעם פריערדיקן גלויבן אין קאָ־זאַק... און אַצינד איז בכלל שווער צו אורטיילן וועגן שטימונגען. עס איז נייטיק אַ קאָמפּראָמיס, די קאָזאַקן מוז מען אין עפּעס נאָכ־געבן, כּדי צו דערהאַלטן בײַ זיך די פרעמד־צוגעקומענע*. געוויסע מיטלען אין דער ריכטונג האָבן מיר שוין אָנגענומען, אָבער קאָנען נישט זיכער זײַן אין דערפאָלג. איך האָב מורא, אַז ווען די אינ־טערעסן פון די קאָזאַקן מיט די פרעמד־צוגעקומענע וועלן זיך צו־נויפשטויסן, וועט קומען צו אַן אויפרייס... ערד... אַרום דער אַקס דרייען זיך אַצינד די געדאַנקען פון די און יענע.

— איר מוזט האָבן אונטער דער האַנט זיכערע קאָזאַקן־אָפּ־טיילונגען, כּדי צו זיכערן זיך פון פאַרשידענע אויסערלעכע צופעלי־קייטן. נאָכן אומקערן זיך אין דער הויפּט־קוואַרטיר וועל איך מיך דורכשמועסן מיט לוקאָמסקין, און מיר וועלן זיכער געפינען אַ מעגלעכקייט איבערצופירן עטלעכע פולקן פון פראָנט אויפן דאָן.

— איך וועל אײַך זייער דאַנקבאַר זײַן.

— אַלזאָ, וועלן מיר היינט דורכקומען אין דער פראַגע וועגן אונזער געמיינזאַמער אַקציע אין דער צוקונפט. איך גלייב פעסט אין גליקלעכן אויסגאַנג פון אונזער אונטערנעמונג, אָבער דאָס גליק איז פאַררעטעריש, גענעראַל... אויב עס וועט קעגן אַלע השערות זיך אויסדרייען צו מיר מיטן רוקן, — צי קאָן איך האָפן, אַז איך וועל בײַ אײַך אויפן דאָן געפינען אַ מקום־מקלט.

— נישט בלויז אַ מקום־מקלט, נאָר אויך באַשיצונג. די קאָ־זאַקן שמען דאָך פון קדמונים מיט זייער גאַסטפרײַנטלעכקייט און מילדקייט.

דאָס ערשטע מאָל אין משך פון גאַנצן שמועס האָט קאַלע־

---

* אַזוי האָבן די קאָזאַקן גערופן די אַלע, וואָס האָבן געוואוינט אויף דער טעריטאָריע פון דאָנער קאַנט, אָבער האָבן נישט געשטאַמט פון די קאָזאַקן.

דין אַ שמייכל געטון, אַ ביסל מילדער מאַכנדיק זיין מידן כמורי־נעם בליק פון אונטערן שטערן אַפער.

אין אַ שעה אַרום איז קאַלעדין, דער דאָנער אַטאַמאַן, אַרויס־געטראָטן פאַר דער איינגעשטילטער אוידיטאָריע מיט דער היסטאָ־רישער דעקלאַראַציע פון די צוועלף קאָזאַקן־חיילות.

איבערן דאָן, איבער קובאַן, איבערן טערעק, איבער אוראַל, איבער אוסורי, איבער אַלע קאָזאַקישע געגנטן פון איין גרענעץ צו דער צווייטער, פון איין סטאַניצע צו דער צווייטער, האָבן ווי אַ שוואַרץ שפינגעוועב פון דעם טאָג אָן זיך גענומען אויסשפרייטן די פעדעם פון אַ גרויסער פאַרשווערונג.

XV

אַ וויאָרסט ווייט פון שטעטל, וואָס איז חרוב געוואָרן דורכן האַרמאַטן־פייער פון די יוני־שלאַכטן, ציִען זיך ביים וואַלד אין אויסטערליש־קרומע זיגזאַגן אָקאָפּעס. דעם אָפּשניט ביים סאַמע ראַנד פון וואַלד האָט פאַרנומען די באַזונדערע קאָזאַקן־סאָטניע.

פון הינטן, נאָך דער גרינער געדיכטעניש פון די אָלכע־ביימלעך און יונגע בערעזעס, האָט געשימלט דער טאָרף־זומפּ, וואָס האָט נאָך פאַר דער מלחמה שוין אָנגעהויבן באַארבעט ווערן; פריִער האָבן געבליט די ווילדע פעלד־רויזן. רעכטס, נאָכן אַרויס־געררוקטן האַלב־אינזל פון וואַלד, האָט זיך געצויגן דער פון גראַ־נאַטן־צעגראָבענער שאָסיי, וואָס האָט דערמאַנט אָן נישט אויסגע־פאָרענע וועגן, און ביים ראַנד זענען געוואַקסן נעבעכדיקע, דורך די קוילן אָפּגעהאַקטע דערנער־קוסטעס, עס האָבן קרום זיך גע־האָרבעט פאַרקוילטע פּיעניעס, עס האָט טונקל זיך געגעלט דער ליימיקער ברוסטווער, עס האָבן ווייט אין ביידע זייטן אַריין זיך אַוועקגעצויגן איבערן פוסטן פעלד די פאַלבן פון די אָקאָפּעס. פון הינטן האָבן אפילו דער צעגראָבענער זומפּ, דער צעשטערטער שאָסיי געאָטעמט מיט לעבן, מיט פאַרוואָרלאָזטער אַרבעט, ביים

ראַנד אָבער האָט די ערד מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ביטער און קלאָגעדיק בילד פאַרן מענטשלעכן אויג.

דעם טאָג איז איוואַן אַלעקסעיעוויטש, דער געוועזענער מאַשיניסט פון מאָכאָווס מיל, אַוועקגעגאַנגען אין נאָענטן שטעטל אַריין, וואו ס'איז געשטאַנען דער מיליטערישער טאַבאָר און צוריקגעקומען ערשט פאַרנאַכט. אַריינגייענדיק צו זיך אין דער זעמליאַנקע, האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיט זאַכאַר קאָראָליעוון. זאַכאַר איז כמעט געלאָפן, פאַרטשעפּענדיק זיך מיט דער שווערד אָן די אַרויסגערוקטע זעק ערד, פאָכענדיק אומגעלומפּערט מיט די הענט. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אָפּגערוקט, אָפּטרעטנדיק דעם וועג, אָבער זאַכאַר האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ קנאָפּ פון דער בלוזע און גענומען שעפּטשען, דרייענדיק מיט די קרענקלעך־געלע ווייסלען פון די אויגן.

— האָסט געהערט? די אינפאַנטעריע פון רעכטס גייט אַוועק? אפשר פאַרלאָזן זיי דעם פראָנט?

פאַרגליווערט אין אומבאַוועגלעכן שטראָמען, ווי אויסגעהאַקט פון גוס־אייזן, איז זאַכאַרס באָרד געוועזן אויסטערליש צעקאָשמערט און זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט הונגעריקער עצבות־דיקער גיריקייט.

— וואָס הייסט דאָס, זיי פאַרלאָזן?

— זיי גייען אַוועק, אָבער ווי אַזוי — ווייס איך נישט.

— אפשר טוישט מען זיי? קום צום אונטעראָפיציר, וועלן מיר געוואויר ווערן.

זאַכאַר האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען צו דער זעמליאַנקע פון אונטעראָפיציר, גליטשנדיק זיך מיט די פיס איבער דער פייכטער ערד.

אין אַ שעה אַרום איז די סאָטניע געטוישט געוואָרן דורך אינפאַנטעריע און אַוועקגעגאַנגען אין שטעטל אַריין. אינדערפרי האָבן זיי איבערגענומען די פערד פון די אָנטרייבערס און אין פאַר־טירנדיקן מאַרש זיך געלאָזט אַוועק אין הינטערלאַנד.

עס האָט געטריפט אַ דראָבנער רעגן. די מרה־שחורהדיקע

בערעזעס האָבן זיך געהאָרבעט. דער וועג האָט ווי אַ קלין זיך אַריינגעשניטן אין וואַלד, און די פערד, דערפילנדיק די פייכטקייט און דעם פאַרוועלקטן שאַרפן און איבלדיקן ריח פון די פּאַפּאָראָטניקע בלעטער, האָבן זיך צעפּאָרסקעט, געגומען גיין פרייערער. די ווילדע יאַגדעס אויף די קוסטעס האָבן געגלאַנצט ווי ראָזע פּאַטשערקעס. די שוימיקע היטעלעך פון די קאַשקע-בלימלעך, נאַסע פון רעגן, האָבן העל אָפּגעשלאָגן מיט זייער ווייסקייט. דער ווינט האָט אַראָפּגעטרייסלט די שווערע רעגן-טראָפּנס פון די ביימער און מיט זיי באַשיט די רייטער. די שינעלן און היטלען זענען געווען שוואַרץ-געפּינטלט, ווי דורכגעשאָסן מיט שרויט. דער מאַכאָרקע-רויך האָט זיך געטראָגן און צעגאַנגען געוואָרן איבער די רייען פון די רייטערס.

— זיי האָבן פאַרנומען — און טרייבן, דער טייוול ווייסט וואוהין.

— אין די אָקאָפּעס איז דיר נישט איבלדיק געוואָרן?

— אָבער וואוהין טאַקע טרייבט מען אונז?

— מסתּמא אַן איבערפאָרמירונג.

— עס גלייבט זיך נישט.

— עך, סטאַניצע, לאָמיר פאַררייכערן — ווען מיר אַלע זאָרגן פאַרגעסן!

— איך פיר מיינע זאָרגן אין די טאַשן פון זאָטל...

— הער עסאַול, דערלויבט אַ ליד אויפצוזינגען!

— ער האָט דערלויבט?... הייב אָן, אַרכיפּ!

עמעצער פון די פעדערשטע רייען האָט זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן:

זענען די קאַזאַקן פון דער דינסט אַהיימגעפאָרן,
עפּאָלעטן אויף די אַקסלען, קרייצן אויף די בריסטן.

די פייכטע שטימען האָבן מאַט געצויגן אַ ביסל דאָס ליד און פאַרשוויגן געוואָרן. זאַכאַר קאָראָליעוו, וועלכער איז געריטן

אין איין רייע מיט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, האָט זיך אונטערגע־הויבן אויך די רייט־אייזנס און אויסגעשריגן:

— העי, איר דאָרטן — זיידעס אַלטיטשקע! אַזוי זינגט מען ביי אונז? איר וואָלט געדאַרפט פאַר דער צערקווע מיט אַ קרי־געלע זיך אויסזעצן, וועגן „לאַזאַרן" זינגען. אויך מיר זינגערס!

— לאָמיר־זשע הערן, ווי דו וועסט זינגען!

— ער האָט אַ צו קורצן האַלז, — האָט זיך דאָס קול נישט וואו צו האַלטן.

— ער האָט זיך אַ רום געטון, און וועט אַצינד מוזן דעם דעם ווײדל פאַרנעמען...

קאָראָלעוו האָט פאַרדריקט אין דער פויסט דעם שוואַרצן קלומפּן פון זיין פאַרלייזיקטער באָרד, אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן, פאַרצווייפלט אַ באַוועג געטון מיט די ליפּן און אַרויסגע־וואָרפן די ערשטע ווערטער:

העי, פרייט־זשע אייך, קאָזאַקן העלדישע פון דאָן...

די סאָטניע, ווי אויפגעוועקט פון זיין זינגענדיקן אויסגע־שריי, האָט אַ בריל געטון:

— מיט אייער רום און ליוב!

און גענומען טראָגן דורכן פייכטן, אין וואַלד דורכגעהאַקטן וועג:

העי, באַווייזט־זשע אַלע פריינט,
וויאַזוי מיר שיסן פון די ביקסן צו די פיינט!
האַלטן שטרענג זיך אין די רייען,
האָרכן בלויז נאָר די באַפעלן
פון די פאָטערס, קאָמאַנדירן, —
וואו זיי הייסן, —
דאָרט שניידן מיר און שטעכן!

דעם גאַנצן מאַרש זענען זיי דורכגעגאַנגען מיט לידער,

פרייענדיק זיך, וואָס זיי האָבן ענדלעך זיך אַרויסגעריסן פון „וועלפיש; בית-עולם". פאַרנאַכט האָבן זיי זיך פאַרלאָזט אין די וואַגאָנעס. דער עשעלאָן איז אַוועק אין דער ריכטונג פון פּסקאָוו. און ערשט נאָך דריי סטאַציעס זענען זיי געוואויר געוואָרן, אַז די סאָטניע, צוזאַמען מיט די איבעריקע טיילן פון דריטן רייטער-קאָרפּוס, גייט אויף פּעטראָגראַד, כדי צו דערשטיקן די אומרוען, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן. נאָכדעם זענען די שמועסן פאַרשוויגן געוואָרן, און לאַנג האָט זיך געוויגט אין די רויטע וואַגאָנעס די דרעמלענדיקע שטילקייט.

— פון פייער אין וואַסער! — האָט דער הויכער באָרישטשעוו אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, וועלכן אַלע האָבן אַצינד געטראַכט.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש — פון פעברואַר אָן דער כסדרדיקער פאָרזיצער פון סאָטניע-קאָמיטעט — איז באַלד אויף דער ערשטער סטאַציע אַוועקגעגאַנגען צום סאָטניע-קאָמאַנדיר.

— די קאָזאַקן זענען אומרויק, הער עסאַול.

דער עסאַול האָט לאַנג געקוקט אויפן טיפן גריבעלע אין אין איוואַן אַלעקסעיעוויטשס גאָמבע און שמייכלענדיק געזאָגט:

— איך אַליין, מיין ליבער, בין אויך אומרויק.

— וואוהין פירט מען אונז?

— קיין פּעטראָגראַד.

— איינשטילן?

— וואָס דען האָסטו געמיינט — אונטערשטיצן די אומרוען?

— מיר ווילן ביידע זאַכן נישט.

— מען פרעגט אונז אָבער קיין עצה נישט.

— די קאָזאַקן...

— וואָס „די קאָזאַקן"? — האָט דער סאָטניע-קאָמאַנדיר אים שוין בייז איבערגעשלאָגן. — איך ווייס אַליין, וואָס די קאָזאַקן טראַכטן. מיר איז ליב דידאָזיקע מיסיע? אָט נעם, לייען איבער

דער סאָטניע. אויף דער צווייטער סטאַנציע וועל איך מיך דורכ־שמועסן מיט די קאָזאַקן.

דער קאָמאַנדיר האָט אים דערלאַנגט אַ צונויפגעלייגטע טע־לעגראַמע און, קרימענדיק זיך, מיט בולטן עקל אָנגעהויבן אַרומ־בייסן די פעטע שטיקלעך פלייש־קאָנסערוון.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אומגעקערט אין זיין וואַ־גאָן אַריין. ער האָט געטראָגן אין דער האַנט די טעלעגראַמע, ווי אַ ברענענדיקע גלאָווניע.

— רופט צונויף די קאָזאַקן פון די אַנדערע וואַגאָנעס.

דער צוג האָט שוין געריירט, און אין וואַגאָן זענען נאָך אַלץ אַריינגעשפּרונגען קאָזאַקן. עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ מאַן דרייסיק.

— דער קאָמאַנדיר האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע. ער האָט זי נאָר־וואָס געלייענט.

— נו, וואָס־זשע איז דאָרט געשריבן? דערציילן!

— פּלוידער נישט, לייען!

— מען שטילט איין דעם בונט?

— שווייגט.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אין טיפער שטילקייט איבער־געלייענט אויפן קול דעם אויפרוף פון העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו. דערנאָך האָט דאָס שטיקל פּאַפּיר מיטן צעדרייטן טעקסט פון טעלעגראַף אָנגעהויבן איבערוואַנדערן פון איין שווי־סיקער האַנט אין דער צווייטער.

איך, דער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו, מאַך באַקאַנט אין אַנבליק פון גאַנצן פאָלק, אַז דער חוב פון אַ סאָלדאַט, די קרבנוויליקייט פון אַ בירגער פון פרייען רוסלאַנד און די אומאייגננוציקע ליבע צום פאָטערלאַנד האָבן מיך געניט אין די דאָזיקע שווערע מינוטן אין לעבן פון פאָטערלאַנד זיך נישט אונטערצוואַרפן דעם באַפעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג און איבערלאָזן ביי זיך די העכסטע אָנפירונג מיט דער אַרמיי און פלאָט. געשטיצט אין

דעם באַשלוס דורך אַלע הויפּט-קאָמאַנדירן פון די פראָנטן, מאַך איך באַקאַנט דעם גאַנצן רוסישן פאָלק, אַז איך וועל בעסער אויסקלויבן דעם טויט איידער זיך לאָזן באַזייטיקן פון אַמט פון העכסטן הויפּט-קאָמאַנדיר. אַן אמתער זון פון רוסישן פאָלק קומט תמיד אום אויף זיין פּאָסטן און איז מקריב פאַרן פאָטערלאַנד דאָס העכסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, — זיין לעבן.

אין דידאָזיקע באמת שרעקלעכע מאָמענטן אין לעבן פון פאָטערלאַנד, ווען דער וועג צו ביידע הויפּט-שטעט איז כמעט אָפן פאַרן זיגרייכן מאַרש פון טריומפירנדיקן שונא, האָט די צייטווייליקע רעגירונג פאַרגעסן אָן דער גרויסער פראַגע פון דער אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ גופא פון לאַנד און פאַרשפּרייט צווישן פאָלק די געשפּענסטיקע אימה פאַר דער קאָנטר-רעוואָלוציע, וועלכער זי אַליין העלפט צו שנעל פאַרווירקלעכט ווערן דורכן אומגעלומפּערטן רעגירן, שוואַכקייט אין דער מאַכט, אומאַנטשלאָסנקייט אין די האַנדלונגען.

נישט איך, דער בלוט-פאַרוואַנדטער זון פון זיין פאָלק, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס פאַר די אויגן פון אַלע אָוועקגעגעבן פאַר דער אומאייגננוציקער דינסט פון דעמדאָזיקן פאָלק, — וועל נישט שטיין אויף דער וואַך פון די גרויסע פרייהייטן פון דער צוקונפט פון מיין פאָלק. אָבער היינט געפינט זיך דידאָזיקע צוקונפט — אין שוואַכע ווילנלאָזע הענט. דער גאַווהדיקער שונא רעגירט ביי אונז מיט דער הילף פון איבערקויף און פאַראַט, ווי ביי זיך אינדערהיים, ברענגענדיק אומקום נישט בלויז דער פרייהייט אַליין, נאָר אויך דער עקזיסטענץ פון רוסישן פאָלק. וואַכט אויף, רוסישע מענטשן, און קוקט אַריין אין דעם תהום, צו וועלכן עס דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט אונזער פאָטערלאַנד!

כדי אויסצומיידן מעגלעכע אויפטרייסלונגען, וועלכע ס'איז פאַרגיכונג פון רוסיש בלוט, אינערלעכע קאַמפן,

פאַרגעס איך אין אַלע עוולות און באַליידיקונגען, ווענד מיך אין אָנגעזיכט פון גאַנצן פאָלק צו דער צייטווייליקער רעגירונג און זאָג: קומט צו מיר אין דער הויפּט־קוואַרטיר, וואו אייער פרייהייט און זיכערקייט זענען גאַראַנטירט דורך מיין ערן־וואָרט, און אַרבעט אויס און שאַפט צוזאַמען מיט מיר אַזאַ קערפּערשאַפט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, וואָס זאָל זיכערן די פרייהייט און איינצייטיק פירן דאָס רוסישע פאָלק צו דער גרויסער צוקונפט, וואָס איז ווירדיק פאַר אַ מעכטיק פריי פאָלק.

גענעראַל קאָרנילאָוו.

אויף דער באַוואוסטער סטאַציע האָט מען דעם עשעלאָן פאַרהאַלטן. וואַרטנדיק אויפן אָפּפאָר, האָבן די קאָזאַקן זיך פאַרזאַמלט ביי די וואַגאָנעס, דיסקוטירנדיק וועגן דער טעלעגראַמע פון קאָרנילאָוון און דער נאָר וואָס דורכן קאָמאַנדיר איבערגעלייענטער טעלעגראַמע פון קערענסקין, וועלכער האָט דערקלערט קאָרנילאָוון אַלס פאַררעטער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. די קאָזאַקן האָבן פאַרלוירן זיך דורכגעשמועסט. דער סאָטניע־קאָמאַנדיר און די אָפיצירן פון די אָפּטיילונגען זענען געווען צעטומלט.

— אַלץ האָט זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין קאָפּ, — האָט מאַרטין שאַמיל זיך געקלאָגט. — די טשומע ווייסט זיי, ווער פון זיי ס'איז שולדיק!

— זיי מאָרדעווען זיך אַליין און מאָרדעווען דאָס מיליטער.

— דער האָבער שטעכט זיי.

— איטלעכער וויל אָנפירער ווערן.

— די פּאַנעס שלאָגן זיך, טרייסלען ביי די קאָזאַקן די טשובן זיך.

— עס קאָכט זיך, ווי אין אַ קעסלגרוב... אַן אומגליק!

אַ גרופּע קאָזאַקן איז צוגעגאַנגען צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, געפאָדערט:

— גיי צום קאָמאַנדיר, ווער געוואויר, וואָס מען דאַרף טון.

זיי זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען צום סאָטניק. די אָפיצירן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייער וואַגאָן און וועגן עפּעס באַראַטן. איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז אַרײַנגעגאַנגען אין וואַגאָן.

— הער קאָמאַנדיר, די קאָזאַקן פרעגן זיך, וואָס מען דאַרף טון.

— איך וועל באַלד אַרויסקומען.

די סאָטניע האָט געוואַרט, פאַרזאַמלט בײַם עקסטן וואַגאָן. דער קאָמאַנדיר האָט זיך אויסגעמישט מיט דער מחנה קאָזאַקן; זיך דורכשפּאַרנדיק אין מיטן אַרײַן, האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט.

— מיר זענען אונטערגעוואָרפן נישט קערענסקין, נאָר דעם העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר און אונזער דירעקטער אָנפירערשאַפט. ריכטיק? דעריבער דאַרפן מיר אָן ווידערשטאַנד אויספירן דעם באַפעל פון אונזער אָנפירערשאַפט און פאָרן קיין פּעטראָגראַד. יעדנפאַלס קאָנען מיר צופאָרן ביז דער סטאַציע דנאָ, אויפקלערן די לאַגע בײַם קאָמאַנדיר פון דער ערשטער דאָנער דיוויזיע, — און דאָרט זען, וואָס צו טון. איך בעט די קאָזאַקן זיך נישט צו באַאומרויִקן. פאַרפאַלן, שוין אין אַזאַ צײַט לעבן מיר.

דער סאָטניע־קאָמאַנדיר האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן מיליטערישן חוב, וועגן פאָטערלאַנד, וועגן דער רעוואָלוציע, באַרויִקט די קאָזאַקן, אויסמײַדנדיק געענטפערט אויף זייערע פראַגן. זײַן ציל האָט ער דערגרייכט: דעם לאָקאָמאָטיוו האָט מען דערווײַל צוגעטשעפּעט צום צוג (די קאָזאַקן האָבן נישט געוואוסט, אַז צוויי אָפיצירן פון זייער סאָטניע האָבן דורכגעפירט, מען זאָל זיי גלײַך אַוועקשיקן, דראָענדיק מיט געווער דעם שעף פון דער סטאַציע) און די קאָזאַקן זענען זיך צעגאַנגען אין די וואַגאָנעס אַרײַן.

דער עשעלאָן האָט זיך געשלעפּט אַ מעת־לעת און דערנענטערט צו דער סטאַציע דנאָ. בײַנאַכט האָט מען אים ווידער פאַרהאַלטן, דורכלאָזנדיק עשעלאָנען אוסורצעס און אַ דאַגעסטאַנער פּולק. דעם צוג מיט די קאָזאַקן האָט מען אַריבערגעפירט אויפן רעזערוו־טאָר. אין דער געדיכטער פינסטערניש, פינקלענדיק מיט

די פייערן, זענען פאַרבייגעלאָפן די וואַגאָנעס פון דאַגעסטאַנער פּאָלק. עס האָט זיך געהערט דערווייטערנדיק אַ הויך געריעדערײַ, דאָס זיפצן פון אַ זורנע, מאָטיוון פון פרעמדע לידער.

ערשט האַלבע נאַכט איז די סאָטניע אַוועקגעפאָרן ווייטער. דער קליינער לאָקאָמאָטיוו איז לאַנג געשטאַנען ביים וואַסער-טורעם, פון הייץ-אויוון איז געפאַלן אַ העלע ליכטיקייט אויף דער ערד. דער מאַשיניסט, רייכערנדיק אַ פּאַפּיראָסל, האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטערל, ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. אַ קאָזאַק פון נאָענטסטן וואַגאָן צום לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אַרויסגערוקט דורך דער טיר און אַ געשריי געטון:

— העי, גאַווריליאַ, פּאָר, וואָרים אַז נישט, וועלן מיר באַלד שיסן!

דער מאַשיניסט האָט אויסגעשפּיגן דאָס פּאַפּיראָסל, געשוויגן אַ ווײַלע, אַפּנים נאָכקוקנדיק דעם קרומען בויגן, אין וועלכן עס איז געפאַלן; געזאָגט, אַ הוסט טוענדיק:

—אַלע וועט איר נישט אויסשיסן, — און איז אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַ ריס געטון די וואַגאָנעס, עס האָבן זיך צעגרילצט די בופערן, עס האָבן גענומען קלאַפּן די קאָפּיטעס פון די פערד, וואָס האָבן פון שטויס פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. דער צוג האָט זיך דורכגערוקט פאַרביי דעם וואַסער-טורעם, פאַרביי די שיטערע קוואַדראַטן פון די באַלויכטענע פענסטער און שוואַרצע צונויפגערוקטע בערעזעס נאָכן טאָר. די קאָזאַקן האָבן אָנגעשיט די פערד פּאַשע און זיך געלייגט שלאָפן, זעלטן עמעצער האָט געוואַכט, גערייכערט ביי די האַלב-געעפנטע טירן, קוקנדיק אויפן הערלעכן הימל און טראַכטנדיק וועגן אייגענע זאַכן.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז געלעגן לעבן קאַראַלעוון, געקוקט דורך דער געעפנטער טיר אויפן ווייטן אויסגעשטערנטן הימל. איבערטראַכטנדיק נאָכן פאַרגאַנגענעם טאָג אַלע געשעענישן, האָט ער פעסט באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען קעגנצווירקן דעם

ווייטערדיקן מאַרש פון דער סאָטניע אויף פעטראָגראַד. ליגנדיק, האָט ער געטראַכט, אויף וואָסער אופן צו געווינען די קאָזאַקן פאַר זיין באַשלוס, ווי אַזוי צו ווירקן אויף זיי.

נאָך פאַר קאָרנילאָווס אויפרוף האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז די קאָזאַקן דאַרפן נישט גיין מיט קאָרנילאָווס וועג; דאָס געפיל האָט אים פאָרגעזאָגט, אַז אויך קערענסקין איז נישט כדאי צו פאַרטיידיקן; ער האָט טיף אַריינגעטראַכט און באַשלאָסן: נישט צוצולאָזן די סאָטניע קיין פעטראָגראַד, און אויב עס וועט אַפילו אויסקומען מיט עמעצן צו שלאָגן זיך, איז מיט קאָרנילאָוון, נישט פאַר קערענסקין, נישט פאַר זיין מאַכט, נאָר פאַר יענער, וועלכע וועט קומען נאָך אים. אַז נאָך קערענסקין וועט זיין די פאַרלאַנגטע אמתע אייגענע מאַכט, — אין דעם איז ער געווען מער ווי זיכער. נאָך זומער איז אים אויסגעקומען צו זיין אין פעטראָגראַד אין דער מיליטערישער סעקציע פון אויספיר-קאָמיטעט, וואוהין די סאָטניע האָט אים דעלעגירט צו באַראַטן זיך וועגן קאָנפליקט מיטן סאָטניע-קאָמאַנדיר; זיך צוקוקנדיק צו דער אַרבעט פון אויספיר-קאָמיטעט, זיך דורכשמועסנדיק מיט עטלעכע חברים באָלשעוויקעס, האָט ער אַ טראַכט געטון: „דערדאָזיקער סקעלעט וועט זיך באַדעקן מיט אונזער אַרבעטער-פלייש, — אָט דאָס וועט זיין אַ מאַכט! שטאַרבן זאָלסטו, איוואַן, און זיך האַלטן אָן איר, האַלטן ווי אַ קינד אָן דער מאַמעס פאַרטוך!”

אין דערדאָזיקער נאַכט, ליגנדיק אויף דער קאָלדרע, איז אים, מער ווי תמיד, מיט גרויס ליבשאַפט געקומען אויפן זכרון יענער מענטש, אונטער וועמענס אָנפירונג ער האָט ענדלעך געפונען זיין האַרטן וועג. טראַכטנדיק, וואָס ער האָט מאָרגן צו זאָגן די קאָזאַקן, האָט ער אויך זיך דערמאַנט אָן שטאָקמאַנס ווערטער וועגן זיי, דידאָזיקע ווערטער פלעגט ער אָפט זיך איבערחזרן, ווי מען קלאַפּט אַריין אַ טשוואָק ביז איבערן קעפל! „דאָס קאָזאַקנטום איז קאָנטרעוואָלוציאָנער לויט זיין מהות. ווען דו וועסט איבערצייגן אַ קאָזאַק אין דער ריכטיקייט פון די באָלשעוויסטישע אידעען, פאַרגעס נישט אָן פאָלגענדן: האַנדל פאָרזיכטיק, מיט

ישוב־הדעת, באַמי דיך צוצופּאַסן צו דער לאַגע. לכתחילה וועט מען זיך באַציען צו דיר מיטן זעלבן פאָראורטייל, מיט וועלכן דו און מישקאַ קאָשעוואָי האָבן זיך אין אָנהייב באַצויגן צו מיר, אָבער דו ווער נישט געפּלעפט. גראָב ווייטער עקשנותדיק, — דער ענד־גילטיקער דערפאָלג איז מיט אונז".

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט גערעכנט, אַז איבערצייגנדיק די קאָזאַקן נישט צו גיין מיט קאָרנילאָוון, וועט ער פון געוויסע זייטן זיך אָנטרעפן אויף דערווידערונגען, אָבער אינדערפרי, ווען ער האָט אין זיין וואַגאָן פּאָרזיכטיק גענומען רעדן וועגן דעם, אַז מ'דאַרף פאָדערן זיך אומצוקערן אויפן פראָנט און נישט גיין אויף פּעטראָגראַד זיך שלאָגן מיט די אייגענע, האָבן די קאָזאַקן גערן מסכים געווען און מיט גרויס גרייטקייט באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון ווייטערדיקן פאָרן קיין פּעטראָגראַד. זאַכאַר קאָראָלעוו און דער קאָזאַק פון דער טשערנישעווער סטאַניצע, טורילין, זענען געווען די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אַרומגעלאָפן פון איין וואַגאָן אין צווייטן, גערעדט מיט די קאָזאַקן, און פאַרנאַכט אויף עפּעס אַ קליינער סטאַציע, ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער, איז דער אוריאַד־ניק פון דער דריטער אָפּטיילונג, פּשעניטשניקאָוו, אַריינגעשפּרונ־גען אין וואַגאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען איוואַן אַלעק־סעיעוויטש.

— אויף דער ערשטער סטאַציע וועט די סאָטניע זיך אויס־לאָדן! — האָט ער אויפגערעגט געשריגן, זיך ווענדנדיק צו אי־וואַן אַלעקסעיעוויטשן. — וואָס פאַר אַ פאָרזיצער פון קאָמיטעט ביסטו, אויב דו ווייסט נישט, וואָס די קאָזאַקן ווילן? מען וועט אונדז אויסשטעלן פאַר שוטים! מיר פאָרן נישט ווייטער!... די אָפי־צירן טוען אונדז אָן אַ פּעטליע אויפן האַלדז, און דו ווייסט נישט וואָס עס האָט דיך געשלייערט. דערויף האָבן מיר דיך אויסגע־קליבן? נו, וואָס שטשירעסטו די ציין?

— מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַזוי טון, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש שמייכלענדיק אַ זאָג געטון.

אויף דער סטאַציע איז ער דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, אין דער באַגלייטונג פון טורילינען אַוועקגעגאַנגען צום שעף פון דער סטאַציע.

— אונזער צוג זאָלסטו ווייטער נישט אַוועקשיקן, מיר וועלן זיך דאָ אָנהייבן אויסלאָדן.

— וואָס הייסט? — האָט דער שעף פון דער סטאַציע, אַ פאַרלוירענער געפרעגט. — איך האָב אַ פאַראָרדענונג... דער צוג מוז אָפּגיין...

— פאַרמאַך דיך! — האָט טורילין אים שטרענג איבערגעשלאָגן.

איילּיק צושטעלנדיק די טרעפּלעך, האָבן די קאָזאַקן אָנגעהויבן אַרויספירן די פערד פון די וואַגאָנעס. איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז געשטאַנען ביים לאָקאָמאָטיוו מיט ברייט-צעשפּרייטע לאַנגע פיס, זיך געווישט דעם שווייס פון שמייכלענדיקן טונקל-ברוינעם פּנים. צו אים איז אַ בלייכער צוגעלאָפן דער סאָטניע-קאָמאַנדיר.

— וואָס טוסטו?... דו ווייסט, אַז...

— איך ווייס! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אים איבער-געשלאָגן. — און דו, הער עסאַול, טומל נישט. — און בלייך ווערנ-דיק, ציטערנדיק מיט די נאָזלעכער, האָט ער הויך געזאָגט: — שוין גענוג, חברהמאַן, זיך אָנגעטומלט! אַצינד וועלן מיר דיך אָנלערנען. יאָ-יאָ!

— דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו... — האָט דער עסאַול אָנגעהויבן און זיך פאַרהיקעט, נאָר קוקנדיק אויף זיי-נע אויסגעטרעטענע שטיוול, וואָס זענען טיף פאַרזונקען אין ווייכן זאַמד, לייכט אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געראָטן:

— העננ אים דיר אָן ווי אַ קרייץ אויפן האַלז, אונז איז ער נישט נייטיק.

דער עסאַול האָט זיך אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן, צוגעלאָפן צו זיין וואַגאָן.

אין אַ שעה אַרום איז די סאָטניע אָן איין אָפיציר, נאָר אין פולער מיליטערישער אָרדענונג אַוועקגעגאַנגען פון דער סטאַציע אין דער ריכטונג פון דרום־מערב. אין דער ערשטער אָפּטיילונג, לעבן דער באַדינונג פון מאַשין־געווער, איז געריטן איוואַן אַלעקסעיעוויטש און זיין געהילף, דער נידעריקער טורילין מיט די אַראָפּגעהאָנגענע אויערן.

שווער זיך אָריענטירנדיק אויף דער מאַפּע, וואָס איז צוגענומען געוואָרן ביים געוועזענעם קאָמאַנדיר, איז די סאָטניע צוגעגאַנגען צום דאָרף גאַריעלאָיע און זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער. אויף דער אַלגעמיינער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין אויפן פראָנט, און אויב מען וועט פרוון פאַרהאַלטן — זיך שלאָגן.

נאָכדעם, ווי מען האָט געפּענטעט די פערד און אויסגעשטעלט וואַכן, האָבן די קאָזאַקן זיך געלייגט שלאָפן. קיין פייערן האָט מען נישט אָנגעצונדן. מען האָט געפילט, אַז ביי דער מערהייט איז די שטימונג אַ געדריקטע, מען האָט זיך געלייגט אָן די געוויינטלעכע שמועסן און שפּאַסן, פאַרבאָרגנדיק איינער פאַרן צווייטן די געדאַנקען.

„און וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלן האָבן אַ ישוב און גיין בעטן אַנטשולדיקונג?" — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש נישט אָן אומרו אַ טראַכט געטון און זיך צוגעדעקט מיטן שינעל.

ווי אונטערהערנדיק זיין געדאַנק, איז טורילין צוגעקומען.

— שלאָפסט, איוואַן?

— דערווייל — נאָך נישט

טורילין האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אים צופיסנס, צולייכטנדיק מיטן פייערל פון פּאַפּיראָס, און שעפּטשענדיק געזאָגט:

— די קאָזאַקן זענען אומרויק... זיי האָבן אָנגעמאַכט, און אַצינד שרעקן זיי זיך. מיר האָבן פאַרקאָכט אַ קאַשע... — נישט צו געדיכט — ווי מיינסטו?

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש רויִק געענטפערט. — און דו האָסט קיין מורא נישט ?

— דעם אמת זאָגנדיק האָב איך יאָ מורא... ביים אָנהייב האָב איך נישט קיין מורא געהאַט, און אַציִנד נעמט מיך אַ שוידער אַדורך.

— ווי עס קומט נאָר צו עפּעס, לאָזן זיך שוין ביי דיר די הענט אַראָפּ.

— וואָס רעדסטו, איוואַן, — די מאַכט איז דאָך ביי אים.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן. אין דאָרף האָבן זיך געלאָשן די פייערלעך. פון ערגעץ-ווייט, פון די גרענעצלאָזע, זומפּיקעס מיט אָלכע-באַוואַקסענע לאָנקעס האָט זיך געטראָגן אַ קוואַקען פון קאַטשקעס.

— זיי זוכן אַ טרוקן אָרט, — האָט טורילין פאַרטראַכט געזאָגט און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

אַ ווייכע נאַכטיקע צאַרטע שטילקייט האָט זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע. דער טוי האָט באַדעקט דאָס גראָז. אויסגעמישטע ריחות פון זומפּ-געוויקסן, פוילנדיקן אַיִר, בלאָטיקן באָדן און טויאיקן גראָז האָט צום קאָזאַקן-לאַגער צוגעברענגט דאָס ווינטל. זעלטן — אַ קלונג פון אַ פערדישער פּאָדקאָווע, אַ שפּריצנדיק פּאָרסקען, אַ שווער טופּען און כראַפּען פון אַ זיך טאָרגליענדיק פערד. דערנאָך ווידער אַ שלעפעריקע שטילקייט, אַ ווייטער-ווייטער, קוים-געהערטער הייזעריקער רוף פון אַ ווילדן קוטשער און אַ קוואַקע פון אַ קאַטשקע — נענטער שוין — אַלס ענטפער. אַ האַסטיק פּאָכען פון אומגעזעענע פליגל אין דער פינסטערניש. נאַכט. טיפע שטילקייט. פייכטער נעפּל איבער דער לאָנקע. אויף מערב ביים ראַנד פון הימל — אַ געדיכט-אויפגייענדיקע, לילאַ-פאַרביקע אויסדעמפונג פון וואָלקנס. און אינמיטן, איבער דער אַלטער פּסקאָווער ערד, ווי אַן עקשנותדיקע דערינערונג, דער אויסגעהאַקטער ברייטקאַנטיקער שליאַך פון מילך-וועג.

מיטן טאָג צוגלייך האָט די סאָטניע אַרויסמאַרשירט. זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף גאָריעלאָיע, באַבעס און קינדער,

וואָס האָבן אַרויסגעטריבן די בהמות אויף דער פּאַשע, האָבן זיי לאַנג נאָכגעקוקט. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אַ בערגל, ציגל־דיק־רויט באַלויכטן פון זון־אויפגאַנג. טורילין האָט זיך אומגעקוקט און דערזען מיטן פוס דאָס רייט־אייזן פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן.

— קוק דיך נאָר אום, רייטערס דעריאָגן אונז...

דריי רייטערס, פאַרהילט אין ראָזיקן באַטיסט פון שטויב, האָבן געמיטן דאָס דאָרף, זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ.

— סאָ־טניע, שטיין בלייבן! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַרויסגעגעבן אַ קאָמענדע.

די קאָזאַקן האָבן מיט געוואוינטער שנעלקייט זיך איינגעשטעלט אין אַ גרויסן קוואַדראַט. די רייטערס האָבן אויף אַ האַלבער וואָרסט ווייט אָנגעהויבן רייטן פּאַמעלעכער. איינער פון זיי, אַ קאָזאַקן־אָפיציר, האָט אַרויסגענומען אַ נאָז־טיכל און אַ פּאָכע געטון דערמיט איבערן קאָפּ. די קאָזאַקן האָבן בישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון די צורייטנדיקע. דער אָפיציר, אָנגעטון אין אַ מונדיר פון כאַקי־קאָליר, איז געריטן פאָרויס, די צוויי איבעריקע אין טשערקעסקעס האָבן זיך געהאַלטן עטוואָס פון הינטן.

— וועגן וואָס פאַר אַן ענין? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געפרעגט, אַרויסרייטנדיק אַקעגן.

— וועגן אונטערהאַנדלונגען. — האָט דער אָפיציר געענטפערט, צולייגנדיק די האַנט צום דאַשעק. — ווער פון אייך האָט איבערגענומען די סאָטניע?

— איך.

— איך בין באַפולמעכטיקט פון דער ערשטער דאָנער קאָזאַקן־דיוויזיע, און דאָס זענען פאָרשטייער פון דער טוזעמנער דיוויזיע. — האָט דער אָפיציר אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף די בערג־לייט און, שטיין־פאַרציענדיק די ליפּן, אַ גלעט געטון מיט דער האַנט דעם גאָסן גלאַנציקן האַלז פון פאַרשוימטן פערד. — אויב איר ווילט פירן אונטערהאַנדלונגען — באַפעלט דער סאָט־

ניע אַראָפּצוגיין פון די פערד. איך האָב איבערצוגעבן אַ מינדלעכן באַפעל פון דיוויזיע-שעף, דעם גענעראַל-מאַיאָר גרעקאָוו.

די קאָזאַקן זענען אַראָפּגעגאַנגען פון די פערד. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די געקומענע פאָרשטייער. אונטערטיקנדיק זיך אין דער מחנה קאָזאַקן, זענען זיי אַרויסגעשוואומען אין מיטן. די סאָטניע האָט זיך צערוקט, שאַפנדיק אַ נישט גרויסן קרייז.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן רעדן דער קאָזאַקן-אָפיציר:

— סטאַניצע-לייט! מיר זענען געקומען אייך אָנרעדן זיך מיישב צו זיין און אָפּווענדן די שווערע פאָלגן פון אייער האַנדלונג. נעכטן איז מען אין דיוויזיע-שטאַב געוואויר געוואָרן, אַז איר האָט זיך אונטערגעגעבן עמעצנס פאַרברעכערישן איינפלוס, אייגנוויליק פאַרלאָזט די וואַגאָנעס, און היינט האָט מען אונז אַוועקגעשיקט איבערגעבן אייך דעם באַפעל גלייך זיך אומצוקערן אויף דער סטאַציע דנאָ. דאָס מיליטער פון דער טוזעמנער דיוויזיע און די איבעריקע קאַוואַלעריע-טיילן האָבן נעכטן פאַרנומען פעטראָגראַד — היינט איז דערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעגראַמע. אונזער אַוואַנגאַרד איז אַריין אין דער הויפּט-שטאָט, פאַרנומען אַלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס, — די בענק, דעם טעלעגראַף, די טעלעפאָן-סטאַציעס און אַלע וויכטיקע פונקטן. די צייטווייליקע רעגירונג איז אַנטלאָפן און ווערט גערעכנט פאַר אַראָפּגעוואָרפן. באַטראַכט אייך, סטאַניצע-לייט, איר גייט דאָך אויף אומקום! אויב איר וועט אין דעם פאַל זיך נישט אונטערוואַרפן דער פאַראָרדענונג פון דיוויזיע-קאָמאַנדיר, וועלן קעגן אייך אַרויסגעשי,ט ווערן באַוואָפנטע כוחות. אייער האַנדלונג וועט פאַררעכנט ווערן אַלס פאַרראַט, אַלס נישט אויסגעפירטע מיליטערישע אויפגאַבע. איר קאָנט בלויז דורך אומבאַדינגער געהאָרכזאַמקייט אויסמיידן אַ ברידער-קאַמף און בלוט-פאַרגיסונג.

ווען די פאָרשטייער זענען צוגעריטן, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש פאַרשטאַנען, אַריינטראַכטנדיק זיך אין דער שטימונג פון די קאָזאַקן, אַז אויסמיידן די אונטערהאַנדלונגען וועט מען נישט טאָרן, ווייל אַן אָפּזאָג פון די אונטערהאַנדלונגען וועט אומפאַר-

מיידלעך אַרויסרופֿן פֿאַרקערטע רעזולטאַטן. קלערנדיק אַ ווײַלע, האָט ער דער סאָטניע אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג אַראָפּצושטײַגן פֿון די פֿערד, ער אַליין האָט אומבאַמערקט אַ וואונק געטון צו טורילינען און זיך דורכגעשפּאַרט נענטער צו די פֿאָרשטייער. בשעת דער אָפֿיציר האָט גערעדט, האָט ער געזען, ווי די קאָזאַקן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיך אָנגעכמורעט און אײַנגעהערט; טייל האָבן זיך דורכגעשעפּטשעט, זאַכאַר קאָראָלעוו האָט שטום געשמייכלט, זײַן שוואַרצע באָרד איז אַראָפּגעפֿלאָסן איבערן פֿאַרלייזיקטן העמד אין אַ פֿאַרגליווערטן שטראָם פֿון גוס־אײַזן; באָרשטשעוו האָט זיך געשפּילט מיט דער נאַהייקע, זײַטיק זיך אַרומגעקוקט; פּשעניטשניקאָוו האָט קיילעכיק געעפֿנט דאָס מויל, געקוקט דעם רעדנדיקן אָפֿיציר אין די אויגן אַרײַן; מאַרטין שאַמיל האָט מיט דער שמוציקער האַנט זיך געגלעט די באַקן, אָפֿט געמרוגעט, הינטער אים האָט זיך געגעלט באַגראָווס נאַרישע פּנים; קראַסניקאָוו פֿון דער מאַשין־געווער־באַדינונג האָט אָפּוואַרטנדיק זיך געזשמורעט; טורילין האָט שווער געאָטעמט; אָבניזאָוו, מיטן פֿאַררוקטן היטל אויפֿן קאַרק, האָט געוואָרפֿן מיטן באַטשופּרינטן קאָפּ, ווי אַן אָקס, וואָס האָט דערפֿילט די יאַרמע אויפֿן האַלז; די גאַנצע צווייטע אָפּטיילונג איז געשטאַנען, נישט אויפֿהייבנדיק די קעפּ, ווי בײַ אַ תּפֿילה; די צונויפֿגעגאָסענע מחנה האָט געשוויגן, די מענטשן האָבן הייס און שווער געאָטעמט, איבער די פּנימער זענען דורכגעלאָפֿן כוואַליעס פֿון צערודערטקייט...

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דער שטימונג פֿון די קאָזאַקן איז צײַטיק געוואָרן אַ מאָמענט פֿון איבערברוך: נאָך עטלעכע מינוט — און דעם אָפֿיציר מיט די שיינע רייד וועט געלונגען אַרויפֿצופֿירן זיי אויף זײַן וועג. פֿאַר יעדן פּרײַז האָט מען געמוזט צעשטערן דעם אײַנדרוק, וועלכן עס האָבן געשאַפֿן דעם אָפֿצירס רייד, אַ וואַקל טון דעם נישט אַרויסגעזאָגטן, אָבער אין די קאָזאַקישע קעפּ שוין אָנגענומענעם באַשלוס. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט, אַרומגענומען די מחנה מיט אויסגעברייטערטע, אויסטערלישע ווייס־געוואָרענע אויגן.

— ברידער! װאַרט צו אַ װײַלע! — און װענדנדיק זיך צום אָפיציר: — די טעלעגראַמע האָט איר בײַ זיך?

— װאָסער טעלעגראַמע? — האָט דער אָפיציר זיך געװאונדערט.

— װעגן דעם, אַז פּעטראָגראַד איז פאַרנומען.

— די טעלעגראַמע?... ניין. װאָס האָט דאָ צו זאָגן די טעלעגראַמע?

— אַהאַ! ניין!... — האָט די סאָטניע מיט איין ברוסט פאַרליכטערט אַרויסגעזיפצט.

אַ סך האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, מיט האָפענונג אָנגעשטעלט די אויגן אויף איװאַן אַלעקסעיעװיטשן, און ער האָט מיט אַ געהעכערט הייזעריק קול שוין זיכער און בײַז געשריגן, מעכטיק צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט.

— ניין, זאָגסטו? און, מיר װעלן דיר גלייבן? אין מעקענע װילסטו אונז אַריינזעצן?

— ליִגנט! — האָט די סאָטניע אין כאָר אַרויסגעזיפצט.

— די טעלעגראַמע איז נישט צו מיר אַדרעסירט געװען! סטאַניצע־לייט! — דער אָפיציר האָט מיט איבערצייגונג צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט.

אָבער אים האָט מען שוין נישט אויסגעהערט. איװאַן אַלעקסעיעװיטש, דערפילנדיק, אַז די סימפּאַטיע און צוטרוי זענען װידער אַריבער אויף זיין זייט, האָט געשניטן, װי מיט אַ דימענט איבער גלאָז:

— און װען אפילו איר האָט פאַרנומען, — קאָנען מיר אויך מיט אייך אין איין װעג נישט גיין! מיר װילן נישט מלחמה האַלטן מיט אייגענע. קעגן פאָלק װעלן מיר נישט גיין! איר װילט אונז אָפּנאַרן? ניין! קיין שוטים זענען שוין היינט נישטאָ אויף דער װעלט! די מאַכט פון די גענעראַלן װילן מיר נישט צוריק אויף די פיס שטעלן. אַזוי־אַזוי!

די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן רעדן אַלע אינאיינעם, די מחנה

האָט זיך אַ וואַקל געטון, עס האָבן זיך דערהערט אויסגע־שרייען:

— אַזוי איז עס טאַקע!

— ער האָט זיי אין קאַרב אַריינגעטראָפן!

— רי־י־יכטיק!...

— טרייבן זיי, די וואוילגעבוירענע, האַלז־און־נאַקן!

— שדכנים זיך אָפּגעזוכט...

— אין פעטערבורג שטייען דריי קאָזאַקן־פּולקן און עפּעס זעט מען נישט, זיי זאָלן אַזוי שנעל קעגן פּאָלק אַרויסטרעטן.

— העי, איוואַן! דערלאַנג זיי דאָרט, ווי מען דאַרף! זאָלן זיי פּאָרן!

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ קוק געטון אויף די פּאָר־שטייער; דער קאָזאַקן־אָפיציר האָט געדולדיק מיט פּאַרפּרעסטע ליפּן אָפּגעוואַרט; הינטער אים זענען אַקסל־בײ־אַקסל געשטאַנען די בערג־לײַט — דער שטאַלטנער יונגער אָפיציר, דער אינגוש, האָט מיט פּאַרלײַגטע הענט איבער דער טשערקעסקע געפינקלט מיט די קרומע מאַנדל־אויגן פון אונטער דער קובאַנקע אַפּער; דער צווייטער — דער באַיאָרטער געלער אָסעטין — איז געשטאַ־נען מיט אַ נאַכלעסיק אַרויסגערוקטן פוס; האַלטנדיק די האַנט אויפן קעפּל פון דער קרומער שווערד, האָט ער מיט שפּאָטיש־באַטאַפּנדיקע אויגן געקוקט אויף די קאָזאַקן. איוואַן אַלעקסעיע־וויטש האָט שוין געוואָלט איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען, נאָר דער קאָזאַקן־אָפיציר איז אים פּאַרלאָפן דעם וועג: זיך דורכשעפּ־טשענדיק מיטן אָפיציר, דעם אינגוש, האָט ער הויך אויסגע־שריגן:

— דאָנער! איר וועט דערלויבן צו זאָגן אַ וואָרט דעם פּאָר־שטייער פון דער ווילדער דיוויזיע?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין הסכּמה, איז דער אינגוש, ווייך טרעטנדיק מיט די שטיוול אָן אָפּצאַסן, אַריינגעגאַנגען אינמיטן קרייז, נערוועז זיך גלײַך געמאַכט דאָס שמאָלע, מיט זילבער־אויס־געקלאַפּטע פּאַסעקל.

— ברידער, קאָזאַקן! צוואָס אַ גרויס אַזאַ גערודער? אָן בייזן בלוט דאַרפן רעדן. איר נישט ווילט גענעראַל קאָרנילאָוו? איר מלחמה ווילט? אדרבה! מיר פירן מלחמה. נישט שרעקלעך! גאָרנישט שרעקלעך! נאָך היינט אייך וועלן מיר צעדריקן. צוויי פולקן בערג־לייט הינטער אונזער רוקן גייען! אָ! וואָסער קאָן זיין גערודער, נאָכוואָס גערודער? — אינאָנהייב האָט ער גערעדט מיט דייטלעכער רויִקייט, אָבער צום סוף שוין מיט געהעכערטער ליידנשאַפט געוואָרפן הייסע פראַזן; אין זיין געבראָכענער רעדע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ ברוסטיקער שטימע, האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן ווערטער פון זיין מוטער־שפּראַך. — אייך בונטעוועט אָט דער קאָזאַק, ער איז — אַ באַלשעוויק, און איר גייט אים נאָך! אָט וואָס! איך זע נישט?! אַרעסטירט אים! אַנטוואָפנט אים!

ער האָט מיט אַ דרייסטער באַוועגונג אָנגעוויזן אויף איוואַן אַלעקסעיעוויטשן און זיך געוואָרפן אין ענגן קרייז, ליידנשאַפטלעך זשעסטיקולירנדיק, דאָס פּנים באַגאָסן מיט ברוינלעכער רויטקייט. זיין חבר, דער באַיאָרטער געלער אָסעטין, האָט אַרויסגעוויזן אַן אייזיקע רויִקייט; דער קאָזאַקן־אָפיציר האָט זיך געשפּילט מיטן אויסגעדריוולטן טרעלזועלע פון דער שווערד. די קאָזאַקן זענען ווידער פאַרשוויגן געוואָרן. ווידער איז אומרויִקייט אַריינגעטרעטן אין זייערע רייען. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אָן איבעררייס געקוקט אויפן אָפיציר, דעם אינגוש, אויף דער חיהש־ווייסער גלאַנציקייט פון זיינע ציין, אויפן קרומען גרויען פאַסמעלע שווייס, וואָס האָט איבערגעשניטן זיין לינקע שלייף, מיט אומעט געטראַכט, אַז ער האָט אומזיסט דורכגעלאָזט דעם מאָמענט, ווען מ׳האָט געקאָנט מיט איין וואָרט פאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען און אַוועקפירן די קאָזאַקן. די לאַגע האָט געראַטעוועט טורילין. ער איז אַריינגעשפּרונגען אינמיטן קרייז, פאַרצווייפלט אַ צענעם געטון די הענט, אָפּרייסנדיק די קנעפּלעך אויפן קאָלנער פון זיין בלוזע, און היינזעריק גענומען שרייען מיט ביינזער שוים אויף די ליפּן:

— שלאַנגען קריכערישע!... טייוולאָנים!... אויסוואורפן!...

אייך רעדט מען אָן ווי א ה..., און איר האָט שוין די אויערן אָנגעשפּיצט!... די אָפיצירן הענגען אייך זייערע אינטערעסן אָן!... וואָס טוט איר? וואָ-אָ-אָס טוט איר!? זיי דאַרף מען ממיתן, און איר האָרכט זיי אויס?... די קעפּ אַראָפּהאַקן, דאָס בלוט פון די אָדערן אַרויסלאָזן. בשעת איר שפּילט זיך דאָ מיט רייד, — וועט מען אונז דערוויייל אַרומרינגלען!... מיט מאַשין-געווער אַוועקלייגן!... אונטער מאַשין-געווער וועסטו קיין מיטינג נישט אָפּהאַלטן! אייך פאַרשמירט מען בכיוון די אויגן, ביז זייער מיליטער וועט זיך צורוקן... אַ-אַ-אַ-ע-ע-עך! קאָזאַקן זענט איר! ווייבער זענט איר!

— אויף די פערד אַרויף!... — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש מיט אַ דונערדיק קול אויסגעשריגן.

זיין געשריי האָט געפּלאַצט איבער דער מחנה, ווי דער אויפרייס פון אַ שראַפּנעל. די קאָזאַקן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די פערד. אין אַ מינוט אַרום האָט די צעוואָרפענע סאָטניע זיך שוין פאָרמירט אין קאָלאָנע-אָפּטיילונגען.

— הערט אייך צו, סטאַניצע-לייט! — האָט דער קאָזאַקן-אָפיציר זיך געריסן.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון אַקסל, אַרויפגעלייגט דעם פינגער מיט די בולטע געלענק-ביינדלעך אויפן צינגל, פאַרריסן מיט דער צוים די ליפּן פון אומרויִקן פערד, און אויסגעשריגן:

— די אונטערהאַנדלונגען זענען פאַרענדיקט! אויב עס וועט אונז אַצינד אויסקומען צו רעדן מיט אייך, וועט דאָס שוין זיין אָט מיט דערדאָזיקער שפּראַך.

און ער האָט אויסדריקלעך אַ טרייסל געטון מיט דער ביקס.

זיי זענען אין אָפּטיילונגען אַרויסגעריטן אויפן וועג. זיך אומקוקנדיק, האָבן די קאָזאַקן געזען, ווי די פאָרשטייער זענען אויפגעזעסן אויף די פערד און וועגן עפּעס זיך מישב געווען. דער אינגוש האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן עפּעס הייס דערוויזן, אָפּט

אויפגעהויבן די האַנט: דער זיידענער אונטערשלאַק אויפן פּאַר־בויגענעם ראַנד פון זיין אַרבל האָט זיך געבלייכט ווי שניי.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ קוק געטון צום לעצטן מאָל, דערזען דעמדאָזיקן בלענדענד־פינקלענדיקן זיידענעם שטרייף, און פּאַר זיינע אויגן האָט איבער עפּעס זיך באַוויזן די פון טרוקענעם ווינט אויפגעשויבערטע ברוסט פון דאָן, די גרינע גריווע־כוואַליעס און דער קרום־אָנגעבויגענער ווייסער פליגל פון דער מעווע, דער פיש־פאַנגערין, וואָס האָט מיטן ראַנד געצייכנט דעם שפּיץ פון דער כוואַליע.

XVI

שוין דעם 29־סטן אויגוסט איז קאָרנילאָוון קלאָר געוואָרן פון די טעלעגראַמעס, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון קרימאָוון, אַז דער ענין פון דער באַוואָפנטער איבערקערעניש איז פאַרלוירן.

צווי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז פון קרימאָוון אָנגעקומען אַן אָפיציר־אָרדינאַנס. קאָרנילאָוו האָט לאַנג געשמועסט מיט אים, דערנאָך אַרויסגערופן ראָמאַנאָווסקין. נערוועז קנייטשנדיק עפּעס אַ פּאַפּיר אין דער האַנט, האָט ער געזאָגט:

— אַלץ וועט זיך פאַרענדיקן מיט גאָרנישט! אונזער קאָרט וועט געשלאָגן ווערן... קרימאָוו וועט נישט באַווייזן אין דער גע־העריקער צייט צוצוקומען מיטן קאָרפּוס קיין פּעטראָגראַד, דער מאָ־מענט וועט דורכגעלאָזט ווערן, און אַ פאַרשפּעטיקונג איז אַצינד דאָס אייגענע, וואָס אומקום. דאָס, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי לייכט צום פאַרווירקלעכן, טרעפט אָן אויף טויזנטער שטערונגען... מען קאָן שוין פאָרזען, אַז דער רעזולטאַט וועט זיין אַ נעגאַטיווער... זעט, ווי אַזוי דאָס מיליטער איז צעשטעלט! — ער האָט דערלאַנגט ראָמאַנאָווסקין די מאַפּע מיט די באַצייכענונגען, וואו עס געפינען זיך לעצטנס די עשעלאָנען פון קאָרפּוס און דער טומעלער דיוויזיע; אַ ספּאַזמאַטיש ציטערן איז זיגזאַגיש דורכגעלאָפן איבער זיין

ענערגיש פּנים, וואָס איז אויסגעמאַטערט געוועזן פון שלאָפלאָזי־קייט. — דידאָזיקע גאַנצע באַן־קאַנאַליע שטעקט אונז פלאָקנס אין די רעדער. זיי פאַלט גאָר נישט איין, אַז אין פאַל פון דערפאָלג, וועל איך הייסן הענגען יעדן צענטן פון זיי. באַקענט אייך מיטן באַריכט פון קרימאָוון.

בשעת ראָמאַנאָווסקי האָט געלייענט, גלעטנדיק מיט דער האַנט זיין אָנגעבלאָזן בוימלדיק פּנים, האָט קאָרנילאָוו איילִיק אָנגעוואָרפן:

נאָוואָטשערקאַסק. צום מיליטערישן אַטאַמאַן אַלעקסי מאַקסימאָוויטש קאַלעדין.

דער אינהאַלט פון אייער טעלעגראַמע צו דער צייטוויי־ליקער רעגירונג איז דערגאַנגען צו מיר. פאַרלירנדיק דאָס געדולד אין פּרוכטלאָזן קאַמף מיט די פאַררעטער, זעענדיק פאַר זיך דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון פאָטער־לאַנד, וועט דאָס רומפולע קאָזאַקנטום מיט געווער אין דער האַנט זיך שטעלן אויף דער וואַך פון לעבן און פרייהייט פון לאַנד, וואָס איז געוואַקסן און גרויס געוואָרן מיט דער הילף פון זיינע אָנשטרענגונגען און זיין בלוט. אונזערע באַ־ציִונגען בלייבן אויף אַ געוויסער צייט באַגרענעצט. איך בעט אייך ווייטער צו פירן אייער טעטיקייט אין הסכם מיט מיר, — ווי עס דיקטירט אייך די ליבע צום פאָטערלאַנד און די קאָזאַקישע ערע.

658. 29. 8. 17.

גענעראַל קאָרנילאָוו.

— גיט גלייך איבער דידאָזיקע טעלעגראַמע, — האָט ער נאָכן פאַרענדיקן דאָס שרייבן אַ בעט געטון ראָמאַנאָווסקין.

— באַפעלט צו שיקן אַ צווייטע טעלעגראַמע צום פּירעט באַגראַטיאָן, אַז דאָס ווייטערדיקע באַוועגן זיך זאָל פאָרקומען אין מאַרש־צושטאַנד.

— יאָ, יאָ.

ראָמאַנאָווסקי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פאַרטראַכט געזאָגט:

— לויט מײַן מיינונג, לאַוור געאָרגיעוויטש, האָבן מיר נאָך נישט קיין גרונט צו זײַן פּעסימיסטיש געשטימט. איר זעט נישט ריכטיק פאַר דעם לויף פון די געשעענישן...

קאָרנילאָוו, אײַליק אויסשטרעקנדיק די האַנט, האָט זיך באַמיט צו כאַפּן אַ קליין ליליאַ־פאַרביק זומערפייגעלע, וואָס איז געפלויגן איבער אים. זײַנע פינגער האָבן זיך צונויפגעדריקט, אויפן פּנים איז געווען אַ לײַכט־אָנגעשטרענגטער אָפּוואַרטנדיקער אויסדרוק. דאָס זומערפייגעלע, געטראָגן דורך די לופט־כוואַליעס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, מאַנעווּרירט מיט די פליגעלעך אין דער ריכטונג פון אָפענעם פענסטער. קאָרנילאָוון איז דאָך געלונגען צו כאַפּן עס, און ער האָט לײַכטער אָפּגעזיפצט, זיך אויסגעלייגט אויפן אָנלען פון פאָטעל.

ראָמאַנאָווסקי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זײַן רעפּליק, אָבער קאָרנילאָוו האָט פאַרטראַכט און אָנגעכמורעט אָנגעהויבן דערציילן:

— הײַנטיקע נאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין אַ בריגאַדע־קאָמאַנדיר אין אַ געוויסער שיסער־דיוויזיע און פיר אָן מיט אַן אָנגריף אין די קאַרפּאַטן. צוזאַמען מיטן שטאַב קומען מיר אָן אין עפּעס אַ פערמע. עס נעמט אונז אויף אַ באַיאָרטער, עלעגאַנט־געקליידעטער רוסין. ער איז מיך מכבד מיט מילך און, אַראָפּנעמענדיק דעם פילצענעם ווײַכן הוט, זאָגט ער אין אַ זייער ריינעם דײַטש: „טרינק, גענעראַל! דידאָזיקע מילך ווירקט אומגעוויינלעך היילבאַר”. איך טרינק און וואונדער מיך נישט, וואָס דער רוסין קלאַפּט מיך פאַמיליאַר איבערן אַקסל. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען אין די בערג, און עפּעס שוין נישט ווי אין די קאַרפּאַטן, נאָר ערגעץ אין אַפגאַניסטאַן, איבער עפּעס אַ ציגן־שטעגעלע... יאָ, טאַקע אַ ציגן־שטעגל: שטיינער און ברוינער זשוויר שיטן זיך פון אונטער די פיס אַפּער, און אונטן

נאָכן באַרג־דורכגאַנג שפּרייט זיך אויס אַ פּראַכטפול דרומדיק, מיט ווייסער זון באַגאָסן לאַנדשאַפט...

אַ לייכטער צוג־ווינט האָט באַוועגט אויפן טיש די פּאַפּירן, איז געפלאָסן דורך די געעפנטע פענסטער. קאָרנילאָוו פאַרנעפּלטער ווייטער בליק האָט געבלאָנזשעט ערגעץ דאָרט נאָכן דניעפּער, איבער די געכוואַליעטע בערגלעך, געשטרייפטע דורך דער בראָנזיקער געלקייט פון די לאָנקעס.

ראָמאַנאָווסקי האָט נאָכגעפאָלגט זיין בליק, אַליין אומבאַמערקט אַ זיפץ געטון און איבערגעפירט די אויגן אויפן גלאַנציקן דניעפּער, וואָס איז געלעגן אין שטילן וועטער, ווי אויסגעגאָסן פון גלאָז, אויף די רויטלעכע פעלדער פון מאָלדאַוויע, באַדעקט מיטן פיינסטן פאַרהאַרבסטיקן רעטוש.

XVII

די טיילן פון דריטן רייטער־קאָרפּוס און דער טוזעמנער דיוויזיע, וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף פּעטראָגראַד, האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן ריזיקן שטח פון די אַכט באַן־ליניעס: רעוועל, וועזענבערג, נאַרוואַ, יאַמבורג, גאַטשינאַ, סאָמרינאַ, ווירי־צאַ, טשודאָוואָ, גדאָוו, נאָווגאָראָד, דנאָ, פּסקאָוו, לוקאַ, און אַלע איבעריקע צווישן־סטאַנציעס און קליינע סטאַנציעלעך זענען פאַרפּאַקט געווען מיט די עשעלאָנען, וואָס האָבן זיך באַוועגט פּאַמעלעך און זענען אָפט שטעקן געבליבן. די פּולקן האָבן זיך געפונען אויסער יעדער מאָראַלישער ווירקונג פון דער העכסטער אָנפירערשאַפט. די צעגלידערטע סאָטניעס האָבן פאַרלוירן צווישן זיך די פאַרבינדונג. דער פּלאַנטער האָט זיך פאַרגרעסערט דערפאַר, וואָס דער קאָרפּוס מיט דער צו אים צוגעטיילטער טוזעמנער דיוויזיע האָט אין וועג זיך אויסגעברייטערט אין אַן אַרמיי; עס האָט זיך געפאָדערט אַ געוויסע איבערפאָרמירונג און קאָנצענטרירונג פון די צעוואָרפענע טיילן, אַן איבערגרופּירונג פון די עשעלאָנען. דאָס אַלץ האָט

געשאַפן אַ כאַאָס, זינלאָזע, אָפט זיך סותר זייענדיקע פאַראָרדע־נונגען, האָט אָנגעגליט די אַזוי אויך געשפּאַנט־נערוועזע אַטמאָ־ספער.

אָנטרעפנדיק אויפן וועג אויף דער סטיכישער קעגנווירקונג פון די אַרבעטער און באַן־אָנגעשטעלטע, גובר זייענדיק די שטערונגען, זענען די עשעלאָנען פון קאָרנילאָווס אַרמיי ביסלעכווייז אָפּגעפלאָסן צו פּעטראָגראַד; האָבן זיך געזאַמלט אויף די קנופּן־סטאַציעס, ווידער זיך פונאַנדערגעפלאָסן.

אין די רויטע שטיבעלעך פון די וואַגאָנעס, ביי די אויסגעזאָטלטע האַלב־הונגעריקע פערד, האָבן זיך געזאַמלט די האַלב־הונגעריקע דאָנער, אוסורער, אָרענבורגער, נערטשינער און אַמור־ער קאָזאַקן, אינגושן, טשערקעסן, קאַבאַרדינער, אָסעטינער, דאַ־געסטאַנער. די עשעלאָנען, וואַרטנדיק מען זאָל זיי אַוועקשיקן, זע־נען שעהנווייז אָפּגעשטאַנען אויף די סטאַציעס, די רייטער האָבן געדיכט זיך אַרויסגעשיט פון די וואַגאָנעס, ווי אַ היישעריק באַ־פאַלן די וואָקזאַלן, זיך געשפּאַרט אויף די וועגן, פאַרשלינגען דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס איז נאָך געבליבן נאָך די עשעלאָנען, וואָס זענען פריער דורכגעגאַנגען, שטילערהייט געגנבעט ביי די איינ־וואוינער, געראַבעוועט די שפּייז־מאַגאַזינען.

די געלע און רויטע לאַמפּאַסן פון די קאָזאַקן, די עלעגאַנטע קורטקעס פון די דראַגונער, די טשערקעסקעס פון די בערג־לייט... קיינמאָל האָט די צפונדיקע, אין פאַרבן־אָרימע נאַטור נישט געזען אַזאַ רייכע האַרמאָניע פון פאַרבן.

דעם 29־סטן אויגוסט איז די דריטע בריגאַדע פון דער טו־זעמנער דיוויזיע, אונטער דער קאָמענדע פון פירשט גאַגאַרין, לעבן פּאַוולאָווסק שוין געקומען אין באַרירונג מיטן שונא. אָנ־טרעפנדיק אויפן צענומענעם טאָר, האָט דאָס אינגושער און טשער־קאַסער פאָלק, וואָס זענען געגאַנגען בראש פון דער דיוויזיע, זיך אויסגעלאָדנט און אין מאַרש־אָרדענונג אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון צאַרסקאָיע סיעלאָ. די אויסשפּיר־גרופּעס פון די אינ־גושן זענען צוגעקומען ביז דער סטאַציע סאַמרינאָ. די פאָלקן האָבן

אין פּאַמעלעכן טעמפּאָ אַנטוויקלט דעם אָנגריף, געדריקט אויף דער גוואַרדיע, אָפּוואַרטנדיק, ביז עס וועלן זיך צורוקן די איבעריקע טיילן פון דער דיוויזיע. און יענע אין דנאָ האָבן געוואַרט, מען זאָל זיי אַוועקשיקן. טייל זענען נאָך אפילו נישט געהאַט דערפאָרן אויך צו דערדאָזיקער סטאַציע.

דער קאָמאַנדיר פון דער טוזעמנער דיוויזיע, פירשט באַגראַטיאָן, האָט זיך געפונען אין אַ גוט נישט ווייט פון דער סטאַציע, וואַרטנדיק אויף דער קאָנצענטראַציע פון די איבעריקע טיילן, נישט ריזיקירנדיק צו מאַרשירן אויף וויריצי.

דעם 28-סטן האָט ער באַקומען פון שטאַב פון צפון-פראָנט אַ קאָפּיע פון פאָלגנדער טעלעגראַמע:

איך בעט איבערצוגעבן דעם באַפעל פון העכסטן הויפּט-קאָמאַנדיר דעם אָנפירער פון דריטן קאָרפּוס און די שעפן פון דער ערשטער דאָנער, אוסורער און קאַווקאַזער טוזעמנער דיוויזיעס, אַז אויב עס וועלן זיין אומפאָרגעזעענע סיבות, וואָס וועלן שטערן די עשעלאָנען זיך צו באַוועגן מיט דער באַן-ליניע, האָט דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר באַפוילן, אַז די דיוויזיעס זאָלן דורכמאַכן דעם ווייטערדיקן וועג אין מאַרש-אָרדענונג. 27-סטער אויגוסט 1917 יאָר, № 6411. ראָמאַנאָווסקי.

אַרום ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט באַגראַטיאָן טעלעגראַפיש מיטגעטיילט קאָרנילאָוון, אַז ער האָט זעקס אַ זייגער מיט פערציק מינוט אינדערפרי באַקומען דורכן שטאַב-אָנפירער פון פעטראָגראַדער קרייז, דעם פּאָלקאָווניק באַגראַטוני, אַ באַפעל פון קערענסקין אומצוקערן אַלע עשעלאָנען צוריק, און אַז די עשעלאָנען פון דער דיוויזיע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן וועג פון דער סטאַציע גאַטשקי צו דער סטאַציע אָרעדיעזש, ווייל אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג, גיט די באַן-ליניע נישט קיין וועג; אָבער נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די דערהאַלטענע דורך אים רעזאָלוציע פון קאָרנילאָוון האָט געלויטעט פאָלגנדעס:

צום פירשט באַגראַטיאָן. פאָרזעצן דאָס באַװעגן זיך מיט דער באַן. אויב עס װעט מיט דער באַן אוממעגלעך זיין, איז אין מאַרש-אָרדענונג קיין לוקי, װאו איך פאַראָרדן זיך אָפּצוגעבן אונטער דער פולער דיספּאָזיציע פון גענעראַל קרימאָװ.

האָט באַגראַטיאָן זיך דאָך נישט אַנטשלאָסן צו גיין אין מאַרש-אָרדענונג און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער שטאַב פון קאָרפּוס זאָל זיך פאַרלאָדענען אין די װאַגאָנעס.

דאָס פולק, אין װעלכן עס האָט אַמאָל געדינט יעװגעני ליסטניצקי, צוזאַמען מיט די איבעריקע פולקן, װאָס זענען אַריין אין באַשטאַנד פון דער ערשטער דאָנער קאָזאַקן-דיװיזיע, איז איבערגעװאָרפן געװאָרן קיין פּעטראָגראַד אויף דער ליניע רעװעל-װעזענבערג-נאַרװאַ. דעם 28-סטן 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג איז אַן עשעלאָן פון צװיי פולק-סאָטניעס אָנגעקומען קיין נאַרװאַ. דער קאָמאַנדיר פון ערשטן עשעלאָן איז געװאויר געװאָרן, אַז ביינאַכט קאָן מען נישט אַרויספאָרן, װייל דער טאָר צװישן נאַרװאַ און יאַמבורג איז צעשטערט. אַ טייל פון באַן-באַטאַליאָן איז אַהין אַרויסגעשיקט געװאָרן מיט אַן עקסטרע-צוג, און אויב עס װעט זיי ביז אינדערפרי געלונגען צו פאַרריכטן דעם װעג, װעט דער עשעלאָן אַרויסגעשיקט װערן. באין ברירה האָט דער עשעלאָן-קאָמאַנדיר געמוזט מסכים זיין. שעלטנדיק מיטן טייװל, איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין װאַגאָן, דערציילט דאָס נייעס די אָפיצירן, זיך אַװעקגעזעצט טרינקען טיי.

די נאַכט איז צוגעפאַלן אַ פאַרװאָלקנטע. פון איינגוס האָט געבלאָזן אַ פייכטער שאַרפער װינט. אויפן טאָר און אין די װאַגאָנעס האָבן טויב זיך דורכגעשמועסט די קאָזאַקן, און די פערד, באַאומרויִקט דורכן אָפּטן פייפן פון לאָקאָמאָטיװ, האָבן געהאַקט מיט די פאָדקאָװעס אָן די הילצערנע דילן. אויפן סוף פון עשעלאָן האָט אַ יונג קאָזאַקיש קול זיך געקלאָגט אין דער פינסטערניש, אַליין נישט װיסנדיק פאַר װעמען.

זיי געזעגנט, שטאָט און שטעטל,
זיי געזעגנט, כוטאָר מיין!
זיי געזעגנט, ליכטיק מיידל,
אוי, דו זיי געזעגנט, בלימל קליינס!
פון פאַרנאַכט ביז בלוי-באַגינען,
פלעגט מיך טוליען ליב איר האַנט, —
שטיי איך איצט ביז בלוי-באַגינען
מיט דער ביקס דאָ אין דער האַנט...

פון הינטערן גרויען בנין פון פאַקהאַוז איז אַפּערגעקומען אַ מענטש. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך איינהערנדיק אין ליד; ער האָט באַטראַכט דעם טאָר, וואָס איז באַצייכנט געווען מיט געלע פייערלעך, ווי קאָמאַס, און מיט זיכערע טריט זיך געלאָזט גיין צום עשעלאָן. זיינע טריט האָבן טויב אָפּגעקלונגען איבער די טאָר-שוועלן, און פאַרשוויגן געוואָרן, ווען ער איז געגאַנגען אי-בערן ליימיק-געפרעסטן וועג. ער האָט געמיטן דעם לעצטן וואַגאָן, און אים האָט אַ רוף געטון, איבעררייסנדיק דאָס ליד, דער קאָזאַק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— ווער איז דאָס?

— און ווער ווילסטו זאָל עס זיין? — האָט יענער אומגערן זיך אָנגערופן, אַוועקגייענדיק.

— וואָס שלעפּסטו דיך אַרום ביינאַכט? מיר וועלן אייך, אויסוואורפן, אָנטאַפּן! קריכסט אַרום עפּעס אויסצושמעקן?

דער מענטש האָט נישט געענטפערט, צוגעגאַנגען ביזן מיטן צוג, אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דער עפענונג פון דער וואַגאָן-טיר און געפרעגט:

— וועלכע סאָטניע?

— די אַרעסטאַנטישע, — האָט מען אַרויסגעלאַכט פון דער פינסטערניש.

— איך פרעג ערנסט, — וועלכע?

— די צווייטע.

— און די פערטע אָפטיילונג וואו געפינט זיך?
— אין זעקסטן וואַגאָן פון לאָקאָמאָטיוו.
ביים זעקסטן וואַגאָן פון לאָקאָמאָטיוו האָבן דריי קאָזאַקן געררייכערט. איינער איז געזעסן טשיפּקע, צוויי זענען געשטאַנען דערלעבן. זיי האָבן שווייגנדיק געקוקט אויף דעם מענטש, וואָס האָט זיך צו זיי דערנענטערט.
— וואָס מאַכט איר, סטאַניצע-לייט?
— דאַנקען גאָט, — האָט איינער געענטפערט, זיך איינקוקנדיק אין פּנים פון צוגעקומענעם.
— ניקיטאַ דוגין לעבט נאָך? ער געפינט זיך דאָ?
— דאָס בין איך, — האָט מיט אַ מעלאָדיש טענאָרל זיך אָנגערופן דער, וואָס איז געזעסן טשיפּקע, אויפגעשטאַנען און מיטן אָפּצאָס פאַרטרעטן דעם פּיטום פון פּאַפּיראָס. — איך דערקען דיך נישט. ווער ביסטו? פון וואַנען? ער האָט צוגעבויגן דאָס בערדיקע פּנים, זיך באַמיענדיק צו דערקענען דעם מענטש אין שינעל און צעקנייטשטן היטל, און פּלוצלינג פאַרחידושט אַ קוואַקע געטון: — איליאַ! בונטשוק? ליבינקער מיינער, פון וואַנען האָט דיך דאָס שלימזל געבראַכט?
האַלטנדיק אַ ווײַלע אין דער שאַרסטקער האַנט בונטשוקס האַריקע האַנט, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אים און נאָך הויך געזאָגט:
— דאָ זענען אייגענע יאַטן, דו האָב פאַר זיי קיין מורא נישט. פון וואַנען דערנעמסטו דיך אַהער? רעד-זשע, דער גוטער יאָר זאָל דיך נעמען!
בונטשוק האָט זיך באַגריסט מיט דער האַנט מיט די איבעריקע קאָזאַקן, געענטפערט מיט אַ הייזעריקלעך, אייזערן-טויב קול:
— איך קום פון פּיטער, קום אייך אויפגעזוכט. איך האָב אַן ענין. מיר מוזן זיך דורכשמועסן. עס פרייט מיך, ברודער, דיך צו זען אַ לעבעדיקן און גאַנצן.
ער האָט געשמייכלט, אויפן גרויען קוואַדראַט פון זיין גרויס

מיטן ברייטן שטערן האָבן זיך געבלייכט די ציין; וואָרעם־אייגרעהאַ... און פריילעך האָבן געפינקלט די אויגן.

— זיך דורכשמועסן? — האָט געזונגען דאָס טענאָרל פון בערדיקן. — איז כאָטש דו ביסט אַן אָפיציר, ברעקלסטו דיך נישט מיט אונזער קאָמפּאַניע? נו, אַ דאַנק, איליושאַ, כריסטוס זאָל דיך באַשירמען, וואָרים דאָ וועט אַ מענטש אַ גוט וואָרט אפילו אויף אַ רפואה נישט הערן... — אין זיין קול האָבן געציטערט טענער פון גוטהאַרציק, מילד לאַכן.

בונטשוק האָט מיטן געהער זיי אויפגעכאַפּט און אויך אַזוי גוטמוטיק גענומען שפּאַסן:

— נו, גענוג דיר שוין, גענוג שוין צו פּלוידערן! דו שפּילסט דיך נאָך אַלץ, וויצלסט דיך, כאָטש דו האָסט שוין אַ באָרד ביז איבערן נאַפּל.

— די באָרד קאָן מען צו יעדער צייט אָפּגאָלן, אָבער דו זאָג בעסער, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין פּיטער? בונטן האָבן זיך אָנגעהויבן?

— קום בעסער אַריין אין וואַגאָן, — האָט בונטשוק מיט אַ צוזאָגנדיקן טאָן פאַרגעלייגט.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן. דוגין האָט עמעצן גע־וועקט מיטן פוס, מיט אַ האַלב מויל גערעדט:

— שטייט אויף, חברה! אַ נייטיקער מענטש איז צו אונז צו־גאַסט געקומען. נו, רירט אייך, מיליטער־לייט, שנעלער אַ ביסל!

די קאָזאַקן האָבן אונטערגעקרעכצט, זענען אויפגעשטאַנען. עמעצנס גרויסע הענט, אָנגעזאַפּטע מיט אַ ריח פון טיטון און פערדישן שווייס, האָבן פאַרזיכטיק זיך צוגערירט און אָנגעטאַפּט אין דער פינסטערניש דאָס פּנים פון בונטשוקן, וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ זאָטל; אַ געדיכטער, פּעכיקער באַס האָט געפרעגט

— בונטשוק?

— איך. און דאָס ביסטו, טשיקאַמאַסאָוו?

— איך, איך. וואָס מאַכסטו, ברודערקע!
— און וואָס מאַכסטו?
— איך לויף שוין, און וועל די יאַטן פון דער דריטער אָפּטיילונג צונויפרופן. האַ?
— לויף.

די דריטע אָפּטיילונג איז געקומען כמעט אין פולן קאָמפּלעט, בלויז צוויי זענען געבליבן ביי די פערד. די קאָזאַקן זענען צוגעגאַנגען צו בונטשוקן, אים אַריינגערוקט די שאַרסטקע הענט־לאַכמעס, זיך אָנגעבויגן און ביי דער שיין פון דער לאַמטער זיך איינגעקוקט אין זיין גרויס, עטוואָס אָנגעכמורעט פנים, אים גערופן דאָ בונטשוק, דאָ איליאַ מיטריטש, דאָ איליושאַ, נאָר אין אַלע שטימען האָט געקלונגען דער זעלבער טאָן פון וואַרעמער חברישער באַגריסונג.

אין וואַגאָן איז געוואָרן דושנע. איבער די הילצערנע ווענט האָבן געטאַנצט ליכט־פלעקן, עס האָבן זיך געוויגט אומגעלומפּערטע גרויסע שאָטנס, פעט און בוימלדיק האָט געריכט די לאַמטער.

בונטשוקן האָט מען זאָרגעוודיק אַוועקגעזעצט ביים ליכט. די פעדערשטע זענען געזעסן טשיפּקע, די איבעריקע האָבן שטייענדיק זיך פאַרשלאָסן אין אַ רינג. דער טענאָר דוגין האָט זיך אויסגעהוסט.

— דיין בריוו, איליאַ מיטריטש, האָבן מיר נישט לאַנג באַקומען, אָבער מיר ווילן הערן פון דיר, דו זאָלסט אונז אַן עצה געבן, וואָס מיר האָבן ווייטער צו טון. מען שטופּט דאָך אונז אויף פיטער — וואָס טוט מען?

— דאָ, זעסטו, מיטריטש, איז אַזאַ זאַך, — האָט אָנגעהויבן רעדן דער קאָזאַק מיטן אויערינגל אין צעקנייטשטן לעפּל פון אויער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער סאַמע טיר, דער זעלבער, וועלכן ליסטניצקי האָט אַמאָל באַליידיקט, נישט לאָזנדיק אים אויפקאָכן טיי אויף דער שוץ־בלעך פון דער אָקאָפּע: — דאָ קומען צו אונז פאַרשידענע אַגיטאַטאָרן, רעדן אונז אָן — גייט נישט אויף פּעטראָגראַד, מיר האָבן נישט נאָכוואָס צו פירן מלחמה צווישן זיך, און

נאָך אַזעלכע זאַכן. אויסהערן – הערן מיר זיי אויס, אָבער גלייבן – גלייבן מיר זיי נישט. פרעמדע מענטשן. אפשר ווילן זיי אונז אַ פּיסל אונטערשטעלן, – ווער ווייסט זיי ? וועלן מיר זיך אָפּזאָגן, וועט קאָרנילאָוו קעגן אונז די טשערקעסן אַרויסשיקן – און עס וועט ווידער זיין אַ בלוט-פאַרגיסונג. אָבער דו – ביסט אַן אונזעריקער, אַ קאָזאַק, און מיר גלייבן דיר און זענען דיר אפילו זייער דאַנקבאַר, וואָס האָסט אונז בריוועלעך פון פּיטער געשריבן און צייטונגען... דאָ, מוז מען מודה זיין, האָבן מיר געליטן אַ שטאַרקן מאַנגל אין פּאַפּיר, און מיר האָבן צייטונגען באַקומען...

– וואָס האַקסטו מיטן מויל, וואָס זאָגסטו ליגנט, חמור-קאָפּ ? – האָט איינער בייז איבערגעשלאָגן. – דו – קאָנסט נישט לייענען, מיינסטו – אַז אַלע זענען אַזוי בלינד, ווי דו ? ווי מיר וואָלטן די צייטונגען צום רייכערן באַנוצט ! פריער, איליאַ מיטריטש, האָבן מיר זיי פון עק ביז עק דורכגעלייענט.

– ער האָט אָנגעבעבעט, דער קרומער טייוול !

– „צום רייכערן” – איז אים איינגעפאַלן !

– אַ שוטה בלייבט אַ שוטה!

– ברידערלעך ! איך האָב נישט אין דעם זין געמיינט, – האָט דער קאָזאַק מיטן אויעריגל זיך פאַרענטפערט. – פאַרשטייט זיך, אַז פריער האָבן מיר די צייטונגען איבערגעלייענט...

– דו טאַקע האָסט געלייענט ?

– מיר איז נישט באַשערט געווען צו קענען לייענען, דערפאַר זאָג איך דאָך, אַז מען האָט בכלל געלייענט, און דערנאָך ערשט באַנוצט צום רייכערן...

בונטשוק, קאַרג שמייכלענדיק, איז געזעסן אויפן זאָטל, געקוקט אויף די קאָזאַקן ; אים איז אומבאַקוועם געווען צו רעדן זיצנדיק, ער איז אויפגעשטאַנען און, אויסדרייענדיק זיך מיטן רוקן צו דער לאַמטער, פּאַמעלעך, אָנגעשטרענגט און אומזיכער אָנגעהויבן רעדן :

– אין פּעטראָגראַד האָבן מיר נישט וואָס צו טון. קיין שום בונטן קומען דאָרט נישט פאָר. ווייסט איר נאָכוואָס מען שיקט אייך

אַהין ? אַראָפּוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג... אָט וואָס ! הער פּירט אייך ? — דער צאַרישער גענעראַל קאָרנילאָוו. נאָכוואָס דאַרף ער אַראָפּוואַרפן קערענסקין ? — כּדי אַליין צו פאַרנעמען זיין אָרט. זעט, סטאַניצע־לייט, די הילצערנע יאַרמע וויל מען אייך אויסטון, כּדי אַ שטאָלערנע אָנצוטון ! פון צווי שלעכטע זאַכן, דאַרף מען אויסקלויבן די ווינציקער שלעכטע. נישט אַזוי ? באַטראַכט אַליין : ביים צאַר האָט מען אייך געשלאָגן אין די ציין אַריין, אין דער מלחמה מיט אייערע הענט די הייסע קוילן געשאַרט. מען שאַרט אויך ביי קערענסקין, אָבער אין די ציין אַריין שלאָגט מען נישט. ביי קערענסקין איז כאָטש אַ ביסל בעסער. אָבער נאָך בע־סער וועט זיין נאָך קערענסקין, ווען די מאַכט וועט איבערגיין צו די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס ווילן נישט קיין מלחמה. ווען די מאַכט זאָל זיין ביי זיי אין די הענט, — וואָלט באַלד געוואָרן שלום. איך בין נישט פאַר קערענסקין, כאַפּט אים דער טייוול, — זיי אַלע האָבן איין פּנים ! — בונטשוק האָט אַ שמייכל געטון און, אָפּווישנדיק זיך מיטן אַרבל דעם שווייס פון פּנים, האָט ער ווי־טער גערעדט : — נאָר איך פאָדער אייך אויף נישט צו פאַרגיסן קיין אַרבעטער־בלוט און דערווייל פאַרטיידיקן די צייטווייליקע רע־גירונג. פאַרוואָס פאַרטיידיקן ? ווייל אויב עס וועט זיין קאָרנילאָוו, וועט רוסלאַנד ביז איבער די קניִען פאַרזינקען אין אַרבעטער־בלוט, ביי אים וועט שווערער זיין אַרויסצורייסן די מאַכט און אי־בערגעבן זי אין די הענט פון אַרבעטער־פאָלק.

— וואַרט נאָר אַ ווײַלע, איליאַ מיטריטש ! — האָט געזאָגט אַ נישט גרויסער קאָזאַק, אויך אַזאַ ברייטפּלייציטער, ווי בונטשוק, אַרויסגייענדיק פון די הינטערשטע רייען ; ער האָט זיך אויסגע־הוסט, אַ רייב געטון די הענט, ענלעכע צו וואַסער־אָפּגעשווענקטע לאַנגע וואָרצלען פון אַן אַלטן דעמב, און, קוקנדיק אויף בונטשוקן מיט שמייכלענדיקע, העל־גרינע, ווי יונגע בלעטלעך קלעפּיקע אויגן, האָט ער געפרעגט : — דו האָסט דאָ גערעדט וועגן דער יאַרמע... און די באָלשעוויקעס, ווען זיי וועלן קומען צו דער מאַכט, וואָס פאַר אַ יאַרמע וועלן זיי אונז אָנטון ?

— וואָס־זשע, דו וועסט אַליין אויף דיר אַ יאַרמע אָנטון ?

— וואָס הייסט — אַליין ?

— אַזוי איז עס דאָך. וואָרים ווער וועט זיין ביי די באָל־שעוויקעס ביי דער מאַכט ? — דו וועסט זיין, אויב מען וועט דיך אויסקלויבן, אָדער לוגין, אָדער אָט דערדאָזיקער פעטער. אַ גע־קליבענע מאַכט, אַ ראַט. האָסט פאַרשטאַנען.

— און אינדערהייך ווער ?

— ווידער ווען מען וועט אויסקלויבן. מען וועט דיך אויסקלויבן — וועסטו זיין אינדערהייך.

— צי קאָן דאָס אמת זיין ? און דו זאָגסט נישט קיין ליגנט, מיטריטש ?

די קאָזאַקן האָבן זיך צעלאַכט, גענומען רעדן אַלע אינאיי־נעם, אַפילו דער קאָזאַק, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טיר, איז אויך אַוועקגעגאַנגען אויף אַ מינוט און זיך אריינ־געמישט אין שמועס.

— און ווי איז ביי זיי וועגן דער ערד ?

— זיי וועלן זי ביי אונז נישט צונעמען ?

— די מלחמה וועלן זיי פאַרענדיקן ? אָדער אפשר זאָגן זיי בלויז אַצינד אַזוי, כדי מען זאָל מיט זיי האַלטן.

— דו דערציייל אונז אַלץ געוויסנהאַפט !

— מיר בלאָנזשען דאָ אַרום אין דער פינסטערניש.

— פרעמדע צו גלייבן איז געפערלעך. אַ סך פאַלשקייט...

— נעכטן האָט עפּעס אַ מאַטראָסל וועגן קערענסקין זיך צע־זונגען, מיר האָבן אים ביי די האָר אָנגענומען און פון וואַגאָן אַרויסגעוואָרפן.

— „איר, — האַווקעט ער, — סאָוועס !...” אַ קאָמישער !

— מיר פאַרשטייען נישט אָט די אַלע רייד, מיט וואָס עסט מען זיי ?

בונטשוק, דרייענדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט באַטאַפּט מיט די אויגן די קאָזאַקן, געוואַרט, ביז זיי וועלן זיך איינשטילן. ביי אים איז פאַרשוואונדן די לכתחילהדיקע זיכערקייט אין דערפאָלג

פון זיין אונטערנעמונג, און, באַהערשנדיק די שטימונגען פון די קאָזאַקן, איז ער שוין איבערצייגט געווען, אַז ער וועט פאַר יעדן פרייז פאַרהאַלטן דעם עשעלאָן אין נאַרווע. מיט אַ טאָג פריער, ווען ער האָט זיך געמאָלדן אין פעטראָגראַדער ראַיאָן־קאָמיטעט און זיך פאַרגעלייגט אַלס אַגיטאַטאָר פאַר אַרבעט צווישן די טיילן פון דער ערשטער דאָנער דיוויזיע, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו פעטראָגראַד, איז ער זיכער געווען אין דערפאָלג, אָבער ער איז אָנגעקומען קיין נאַרווע — און די זיכערקייט אין אים האָט זיך אַ וואַקל געטון. ער האָט געוואוסט, אַז עפּעס אַנדערע ווערטער דאַרף מען רעדן מיט די קאָזאַקן, מיט שרעק געפילט, אַז ער וועט נישט געפינען די געמיינזאַמע שפּראַך, ווייל, אומקערנדיק זיך מיט ניין חדשים צוריק אין די אַרבעטער־מאַסן, איז ער ווידער פעסט זיך צונויפגעוואַקסן מיט זיי, — אַרויסטרעטנדיק, האָט ער געוואוסט, אַז מען פילט און פאַרשטייט אים פון אַ האַלב וואָרט, און דאָ, מיט די קאָזאַקן, האָט זיך געפאָדערט אַן אַנדערע, האַלב־פאַרגעסענע שוואַרץ־ערדיקע שפּראַך, אַן עלאַסטישקייט פון אַ יאַשטשערקע, עפּעס אַ גרויסע קראַפט פון איבערצייגונג, — כדי נישט בלויז אויפצורייצן, נאָר אויך אָנצוצינדן, כדי צו פאַרניכטן די שרעק פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט, וואָס האָט שיכט אויף שיכט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרהונדערטער, אויסצוראָטן די טעמפּקייט, איינצופלאַנצן דאָס געפיל פון אייגענער גערעכטיקייט און פירן נאָך זיך.

לכתחילה, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער מיט זיין אייגן געהער אויפגעכאַפּט אין זיין קול אַ שטרויכלענדיקע אומזיכערקייט, עפּעס אַ פאַלשקייט, אַ געקינצלטקייט, ווי ער וואָלט פון דער זייט זיך איינגעהערט אין זיינע טרוקענע רייד, — זיך געשראָקן פאַר דער גרונדלאָזיקייט פון זיינע געברענגטע באַווייזן, פיינלעך געגנישטערט אין קאָפּ, געזוכט עפּעס גרויסע, שווערע ווערטער־בלאָקן, כדי מיט זייער הילף צו ברעכן, צו צעשמעטערן. און אָנשטאָט דעם מיט טיפער ביטערקייט געפילט, ווי עס רייסן זיך אָפּ פון זיינע ליפּן, ווי זייפן־בלאָזן, לייכטוואָגיקע פראַזן, און אין

קאָפּ פֿלאָנטערן זיך קאַסטרירטע גליטשיקע געדאַנקען. ער איז געשטאַנען, באַגאָסן מיט הייסן שווייס, שווער אָטעמענדיק. ער האָט גערעדט, דורכגעגבערט פֿון איין געדאַנק: „מיר האָט מען אָנגעטרייט אַזאַ גרויסע זאַך — און איך מאַך אַ תּל פֿון איר מיט די אייגענע הענט... קאָן קיין צוויי ווערטער נישט צונויפֿבינדן... וואָס־זשע איז דאָס מיט מיר? אַ צווייטער אויף מיין אָרט וואָלט גערעדט און איבערצייגט טויזנט מאָל בעסער... אָ, טייוול, ווי אומבאַהאָלפֿן איך בין!"

דער קאָזאַק מיט די גרינע קלעפּיקע אויגן, וואָס האָט זיך געפֿרעגט וועגן דער יאַרמע, האָט אים אַרויסגעשלאָגן פֿון צושטאַנד פֿון טעמפּער האַלב־פֿאַרגעסנקייט; דער שמועס, וואָס האָט זיך נאָכדעם אַנטוויקלט, האָט געגעבן בונטשוקן די מעגלעכקייט זיך אויפֿצוהייטערן, צו זיך צו קומען, און נאָכדעם, פֿאַרוואונדערט פֿון זיך אַליין, פֿילנדיק אַן אומגעווייטלעכן צופֿלוס פֿון כּוחות און רייכן אויסוואַל פֿון פֿאַרביקע, געשליפֿענע, שאַרפֿע ווערטער, האָט ער זיך אָנגעצונדן און, פֿאַרבאָרגנדיק הינטער דער אויסערלעכער רויִקייט די אָנגעפּלאָטענע געריי־צטקייט, האָט ער שוין וואָגיק און שפּאָטיש צעקלאַפּט די ביי־זווייליקע פֿראַגן, געפֿירט דעם שמועס ווי אַ רייטער, וועלכן ס'איז ענדלעך געלונגען צו באַהערשן דאָס נישט אויסגעריטענע, אין גאַלאָפּ־פֿאַרשיימטע פֿערד.

— נו, זאָג מיר: מיט וואָס איז שלעכט די צייטווייליקע רעגירונג?

— דעם לעניִנען אייערן האָבן דאָך די דייטשן געברענגט... ניין? פֿונוואַנען־זשע דען האָט ער זיך דערנומען?... ער איז פֿון אַ ווערבע אַראָפּגעפֿאַלן?

— מיטריטש, דו ביסט פֿון אייגענעם ווילן געקומען צו פֿאָרן, אָדער מען האָט דיך געשיקט?

— די קאָזאַקישע ערד וועמען וועט מען אָוועקגעבן?

— און מיט וואָס האָט זיך אונדז ביים צאַר שלעכט געלעבט?

— די מענשעוויקעס זענען דאָך אויך פֿאַרן תּאָלק?

— מיר האָבן דאָך אַן אַלגעמיינעם קאָזאַקן-קרייז, אַ פּאָלקס-מאַכט — צו וואָס טויגן אונז די ראַטן? — האָבן טייל קאָזאַקן געפרעגט.

מען איז זיך צעגאַנגען נאָך האַלבער נאַכט. אויף מאָרגן האָט מען באַשלאָסן צונויפצוזאַמלען ביידע סאָטניעס אויף אַ מיטינג. בונטשוק איז געבליבן נעכטיקן אין וואַגאָן. טשיקאַמאַסאָוו האָט אים פּראָפּאָנירט זיך צו לייגן מיט אים. זיך איבערגעצלמט פאַרן שלאָפן גיין, האָט ער נאָכן לייגן זיך אים מתרה געווען:

— דו, איליאַ מיטריטש, לייגסט דיך אפשר אָן מורא, זייַזשע מוחל... ביי אונז, טייערינקער, האָדעווען זיך לייז. אויב דו וועסט פאַרקראָכן ווערן — נעם נישט פאַר אומגוט. פון דעם אומעט האָבן זיך אַזעלכע לייז אָנגעהאָדעוועט, אַז ס'איז פּשוט אַן אומגליק! איטלעכע איז אַזוי גרויס, ווי אַ כאָלמאָגאָרער קאַלב. — שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער שטיל געפרעגט: — איליאַ מיטריטש, און פון וואָסער פאָלק שטאַמט לענין? קורץ, וואו איז ער געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן?

— לענין? — אַ רוס.

— האָ, האָ?!

— באמת, אַ רוס.

— ניין, ברודערקע! דו ווייסט, אפנים, ווייניק וועגן אים, — האָט טשיקאַמאַסאָוו מיט אַ טאָן פון אייגענער איבערגעוויכט אַ זאָג געטון מיט אַ באַס. — דו ווייסט פון וואָסער בלוט ער שטאַמט? — פון אונזעריקן. פון די דאָנער קאָזאַקן, אַ געבוירענער פון סאַלסקער קרייז, פון דער גרויספירשטלעכער סטאַניצע, — פאַרשטאַנען? ער האָט געדינט אַלס אַרטילעריסט, זאָגט מען. און ער איז אויך לויטן פנים ענלעך — פּעסטע באַקנביינער און די אויגן ווי ביי די ניזאָווער קאָזאַקן.

— וואו האָסטו דאָס געהערט?

די קאָזאַקן האָבן געשמועסט צווישן זיך, האָב איך ביי אַ געלעגנהייט געהערט.

— ניין, טשיקאַמאַסאָוו! — ער — איז אַ רוס, אַ געבוירע־נער פון דער סימבירער גובערניע.

— ניין, איך גלייב נישט. און עס איז גאַנץ פשוט פאַרוואָס איך גלייב נישט! פוגאַטשאָוו האָט געשטאַמט פון די קאָזאַקן? און סטיעפּאַן ראַזין? און יערמאַק טימאָפּיעוויטש? דאָס איז עס דאָך! אַלע, וואָס האָבן ראָס אָרימע פּאָלק אויפגעהויבן קעגן צאַר, — האָבן געשטאַמט פון די קאָזאַקן. און דו זאָגסט — פון דער סימבירער גובערניע. עס איז פשוט אַ באַליידיקונג, מיטריטש, צו הערן אַזוינס...

שמייכלענדיק, האָט בונטשוק געפרעגט:

— זאָגט מען, אַז ער איז — אַ קאָזאַק?

— ער איז טאַקע אַ קאָזאַק, נאָר ער זאָגט דאָס נאָך נישט אויס. איך, אַז איך גיב נאָר אַ קוק מיט די אויגן אויף אַ מענטש, — דערקען איך אים באַלד. — טשיקאַמאַסאָוו האָט פאַררייכערט, פאַרטראַכט אַ הוסט געטון און אַריינגעאָטעמט בונטשוקן מיט געדיכטן מאַכאָרקע־רויך אין פנים. — איך וואונדער מיך בלויז איין זאַך, און מיר האָבן שוין דאָ שטאַרק דיסקוטירט וועגן דעם: אויב ער, וולאַדימיר איליטש, איז אַן אונזעריקער, אַ קאָזאַק, אַן אַרטילעריסט, — פונוואַנען־זשע האָט ער אַזאַ ריזיק וויסן דערוואָרבן? מען זאָגט, אַז ער איז כלומרשט אין אָנהייב מלחמה אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן, זיך דאָרט געלערנט, און דערנאָך אַלע זייערע וויסנשאַפטן דערגאַנגען, און ווען ער האָט אָנגעהויבן זייערע אַרבעטער צו בונטעווען און פון די געלערנטע חוזק צו מאַכן, — האָבן זיי זיך אויף טויט דערשראָקן. „גיי, — זאָגן זיי — דו, מיט דיין גרויסן שטערן צו דיינע אייגענע, און זאָל דיך כריסטוס מציל זיין, וואָרים דו וועסט דאָ אונז אַזוי אָנפלאָנטערן, אַז מיר וועלן זיך דאָס גאַנצע לעבן דערנאָך נישט קאָנען אַרויסדריייען!" — און זיי האָבן אים קיין רוסלאַנד אַרויסגעשיקט, מורא געהאַט, ער זאָל זייערע אַרבעטער נישט אונטערהעצן. אָהאָ! ער, ברודער, איז שוין איינמאָל געקאָנטעוועט! — האָט טשיקאַמאַסאָוו, נישט אָן באַרימערישקייט, אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע פראַזע

און פריידיק זיך צעלאַכט אין דער פינסטערניש. — דו, מיטריטש, האָסט אים נישט געזען ? ניין ? אַ שאָד. מען זאָגט, ער האָט אַ שרעקלעך גרויסן קאָפּ. — ער האָט זיך אויסגעהוסט, אַרויסגעלאָזט דורך די נאָזלעכער אַ געלן סנאָפּ רויך און, צורייכערנדיק דאָס פּאַפּיראָסל, ווייטער געוועדט : — אָט אַזעלכע וואָלטן די באָבעס געדאַרפט וואָס מער צו געבוירן. שוין איינמאָל געקאָנטעוועט, האָ־האָ ! ער וועט נאָך נישט אַיין קייסער פון דער שטול אַראָפּזעצן... — און ער האָט אַ זיפץ געטון : — ניין, מיטריטש, דו שפּאַר דיך נישט מיט מיר : איליטש איז — אַ קאָזאַק... צוואָס אין אַ טעות אַריינפירן ! אין דער סיבירער גובערניע ווערן אַזעלכע נישט געבוירן.

בונטשוק האָט פאַרשוויגן, לאַנג געלעגן, שמייכלענדיק, נישט פאַרמאַכנדיק די אויגן.

ער איז נישט באַלד איינגעשלאָפן, — אים זענען טאַקע געדיכט באַפאַלן לייז, זיך צעקראָכן אונטערן העמד אין אַ הייס־איבלדיקער בייסעניש ; לעבן אים האָט געקרעכצט און זיך געקראַצט טשיקאַמאַסאָוו, עמעצנס פאַרסקענדיק־אומרויִק פערד האָט געשטערט דאָס דרימלען. ער איז שוין באַלד אינגאַנצן געהאַט איינגעשלאָפן, נאָר די צעקריגטע פערד האָבן זיך גענומען שלאָגן, טופּען, בייז הירזשען.

— באַלעווע, טייוול !... טר־ר־ר ! טר־ר־ר, פאַרשאָלטענער !... — האָט דער אויפגעשפּרונגענער דוגין אויסגעשריגן מיט אַ פאַרשלאָפן טענאָרל און מיט עפּעס שווערס אַ זעץ געטון דעם נאָענטן פערד.

בונטשוק, וועלכן די לייז זענען באַקראָכן, האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און, פעסטשטעלנדיק מיט פאַרדרוס, אַז דער שלאָף איז פון אים אינגאַנצן פאַרשוואונדן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן מיטינג. געפּרוווט זיך פאָרשטעלן — אין וואָס וועט זיך אויסדריקן די קעגנווירקונג פון די אָפיצירן, געשמייכלט : „זיי וועלן אַנטלויפן, אויב די קאָזאַקן וועלן איינשטימיק פּראָטעסטירן ; איבעריקנס, דער טייוול ווייסט

זיי! איך וועל מיך יעדנפאַלס דורכשמועסן מיטן גאַרניזאָן־קאָמי־טעט". צופעליק האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט אָן עפּיזאָד פון דער מלחמה, אָן אַטאַקע אין אָקטאָבער 1915 יאָר, און דערנאָך האָט דער זכרון, ווי דערפרייענדיק זיך, וואָס מען האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ באַקאַנטן, אויסגעטרעטענעם שטעג, עקשנותדיק און שאָדנ־פריידיק אָנגעהויבן אונטעררוקן שטיקלעך דערינערונגען: פּנימער, געשפּענסטיקע פּאָזעס פון דערהרגעטע רוסישע און דייטשישע סאָל־דאַטן, פאַרשידנאַרטיקע קולות, פאַרבלאָזע, דורך דער צייט־אָפּגע־ריבענע שטיקלעך פון אַמאָל־געזעענע פּייזאַזשן, אומאויסגעדריקטע, איבער עפּעס נישט פאַרגעסענע געדאַנקען, אינערלעכע קוים גע־אָנטע אָפּקלאַנגען פון קאַנאָנאַדעס, אַ ביז ווייטיק־שיינע, עטוואָס אַפּבליאַקירטע מויל־צייכענונג פון אַ פרוי, וועלכע ער האָט אַמאָל ליב געהאַט, און ווידער — ברעקלעך מלחמה: דערהרגעטע, פלאַ־כע בערגלעך פון ברידער־קברים...

בונטשוק האָט זיך אַ רודער געטון; אויפשטייענדיק, האָט ער זיך געזעצט, הויך געזאָגט אָדער בלויז אַ טראַכט געטון: „ביזן טויט אַריין וועל איך שוין טראָגן דידאָזיקע דערינערונגען, און נישט בלויז איך אַליין, נאָר אַלע, וואָס וועלן לעבן בלייבן. זיי האָבן צעקאַליעטשעט, באַשפּיגן דאָס לעבן!... פאַרשאָלטענע! פאַרשאָלטענע!... איר וועט אפילו מיטן טויט אייער שולד נישט אויסקויפן!..."

און ער האָט זיך נאָך דערמאָנט אָן דער צוועלפיעריקער לושען, אָן דער טאָכטער פון זיין פריינט, דעם פּעטראָגראַדער מעטאַל־אַרבעטער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה און מיט וועלכן ער האָט אַמאָל צוזאַמען געאַרבעט אין טולע. אין אָן אָוונט איז ער געגאַנגען איבערן בולוואַר. זי — דאָסדאָזיקע קינאַ־כיקע, דאַרע מיידעלע — איז געזעסן אויף אַ לעצטער באַנק, וואָוילגע־ריש צעשטעלט די דינע פיס און גערייכערט. אויף איר פאַרוועלקט פּנים — מידע אויגן, אַ ביטערקייט אין די ווינקלען פון די געפאַרבטע, פון פריער רייפקייט לענגלעכדיקע ליפּן. „איר דערקענט נישט, פּעטערקע?" — האָט זי הייזעריק געפרעגט, שמייכלענדיק מיט

פּראָפעסיאָנעלער אויסגעלערנטקייט, און אויפגעשטאַנען, גאָר קינ־דעריש הילפלאָז זיך פונאַנדערגעווייגט, זיך איינגעהאָרבעט און צוגעדריקט מיטן קאָפּ צו בונטשוקס עלנבויגן.

ער איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון דער פאַראַכ־טונג, וואָס האָט אַ פלייץ געטון אין אים, ווי אַ גיפטיקער גאַז; בלייך ווערנדיק, האָט ער גענומען קריצן מיט די ציין, קרעכצן. דערנאָך לאַנג זיך געריבן די האָריקע ברוסט, געציטערט מיט די ליפּן; אים האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַראַכטונג האָט אויפגע־זאָטן אין זיין ברוסט אין אַ הייסער מעטאַלענער שוימיקייט, — אויסדעמפנדיק, שטערט זי צו אָטעמען און פאַרשאַפט אים דערמיט אַ ווייטיק אין דער לינקער זייט אונטערן האַרץ.

ער איז נישט איינגעשלאָפן ביז אינדערפרי און מיטן טאָג צוגלייך, אַ געל־געוואָרענער, אַן אָנגעכמורעטער מער ווי תמיד, אַוועקגעגאַנגען אין קאָמיטעט אַריין פון די באַן־אַרבעטער, אָפּגע־שמועסט, זיי זאָלן דעם קאָזאַקן־עשעלאָן פון נאַרווע נישט אַרויס־לאָזן, און אין אַ שעה אַרום אַרויסגעגאַנגען זוכן די מיטגלידער פון גאַרניזאָן־קאָמיטעט.

ער האָט זיך אומגעקערט צום צוג אַכט אַ זייגער. געגאַנ־גען, פילנדיק מיטן גאַנצן קערפּער די פרימאָרגנדיקע לינדע קיל־קייט, פרייענדיק זיך אי מיטן וואָרשיינלעכן דערפאָלג פון זיין נסיעה, אי מיט דער זון, וואָס איז אַריבערגעשטיגן דעם פאַרזשאַ־ווערטן דאַך פון פאַקהאַוז, אי מיטן מוזיקאַלישן וואוילקלינגעוודיקן טעמבער פון פרויען־קול, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון נאָענט. פאַרטאָג האָט אַ פלייץ געטון אַ רעגן, אַ האַסטיקער, בשפע־דיקער און קורצער. די זאַמדיקע ערד לענגאויס דעם טאָר איז געווען אָפּגעשווענקט, געשטרייפט דורך די שפּורן פון די קליינע טייכעלעך, האָט געשמעקט מיט רעגן און נאָך אויפגעהאַלטן אויף איר אויבערפלאַך, דאָרט, וואו די רעגן־טראָפּנס זענען געפאַלן, אַ געדיכטע נעץ פון לייכט־צוגעטרוקנטע קליינע לעכעלעך — ווי פּאָקן וואָלטן זי געשטופּלט.

אויסמיידנדיק דעם צוג, איז קעגן בונטשוקן געגאַנגען אַן

אָפּיצירן אין אַ שינעל און הויכע מיט בלאָטע־באַשפּריצטע שטיוול. בונטשוק האָט דערקענט דעם עסאַול קאַלמיקאָוו, לייכט פאַרהאַלטן דעם טריט, אָפּגעוואַרט. זיי האָבן זיך צוגעפּגעטראָפן. קאַלמיקאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, קאַלט אַ פינקל געטון מיט די קרומע שוואַרצע אויגן.

— כאָרונזשי בונטשוק? דו ביסט אויף דער פריי? אַנטשולדיק, די האַנט וועל איך דיר נישט געבן...

ער האָט שטייף צונויפגעדריקט די ליפּן, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון שינעל.

— איך קלויב מיך נישט צו דערלאַנגען דיר די האַנט... דו האָסט דיך צוגעאײַלט, — האָט בונטשוק שפּאָטיש זיך אָנגערופן.

— וואָס־זשע, דו ראַטעוועסט דאָ די פעל דײַנע? אָדער... ביסט געקומען פון פּעטראָגראַד? נישט אַמאָל פון פרײַנט קערענסקין?

— וואָס זאָל דאָס זײַן — אַן אויספאָרשונג?

— באַרעכטיקטע נײַגיריקייט צום גורל פון אַ דינסט־חבר, וואָס האָט אַמאָל דעזערטירט.

בונטשוק, פאַרבאָרגנדיק אַ שמייכל, האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען.

— איך קאָן דיך באַרויִקן: איך בין דאָ אַהערגעקומען נישט פון קערענסקין.

— אָבער אין אָנבליק פון דער סכנה, וואָס רוקט זיך אָן, הערשט דאָך צווישן אײַך אַ רירנדיקע אײַניקייט. ווער־זשע ביסטו פאַרט? קיין שליפּעס טראָגסטו נישט, דער שינעל איז אַ זעלנערישער... — קאַלמיקאָוו האָט באַוועגט מיט די נאָזלעכער און מיט פאַראַכטונג און באַדייערינג געקוקט אויף בונטשוקס געהאָרבעטער פיגור. — אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר? איך האָב געטראָפן? — האָט ער זיך נישט דערוואַרט אויף קיין ענטפער, זיך אויסגעדרייט און מיט ברייטע טריט אַוועקגעגאַנגען.

בײַ זײַן וואַגאָן האָט בונטשוק געטראָפן דוגינען.

— וואו־זשע ביסטו? דער מיטינג האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

וואָס הייסט אָנגעהויבן?

— פשוט. אונזער סאָטניע־עסאַול קאַלמיקאָוו איז געהאַט אַוועקגעפאָרן, און היינט האָט ער זיך אומגעקערט פון פיטער אויף אַ לאַקאָמאָטיוו און צונויפגערופן די קאָזאַקן. ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן זיי אַגיטירן.

בונטשוק האָט זיך פאַרהאַלטן, אויסגעפרעגט ווען קאַלמיקאָוו איז אָפּקאָמאַנדירט געוואָרן קיין פעטראָגראַד. פון דוגינס רייד איז ער געוואויר געוואָרן, אַז יענער איז אָפּוועזנד געווען כמעט אַ חודש.

„איינער פון יענע אונטערדריקער פון דער רעוואָלוציע, וועלכע קאָרנילאָוו האָט געשיקט קיין פיטער מיטן אויסרייד זיך אויסצוּלערנען ווארפן באָמבעס. הייסט עס — אַ זיכערער קאָרנילאָוויעץ. מילא, גוט!" — האָט ער אָפּגעהאַקט אַ טראַכט געטון, אַוועקגייענדיק צוזאַמען מיט דוגינען צום אָרט פון מיטינג.

הינטערן פאַקהאַוז — אַ גרוילעך־גרינער שטאַכעטן־פּאַרקן פון קאָזאַקישע בלוזעס און שינעלן. אינמיטן, אַרומגערינגלט מיט אָפיצירן, איז אויף אַן איבערגעקערט פעסעלע געשטאַנען קאַלמיקאָוו און מיט שאַרף־אָפּגעהאַקטע זאַצן געשריגן:

— ...דערפירן ביז אַ זיגרייכן סוף! צו אונז האָט מען צוטרוי — און מיר וועלן דעם צוטרוי באַרעכטיקן! אַצינד וועל איך אייך איבערלייענען דעם גענעראַל קאָרנילאָווס טעלעגראַמע צו די קאָזאַקן.

ער האָט מיט איבערמעסיקער איילִיקייט אַרויסגענומען פון אַ זייטיקער קעשענע אין פרענטש אַ צעקנייטשטן בויגן פּאַפּיר, זיך דורכגעשעפּטשעט מיטן עשעלאָן־קאָמאַנדיר.

בונטשוק און דוגין זענען צוגעקומען, זיך אויסגעמישט מיט די קאָזאַקן.

קאָזאַקן, טייערע סטאַניצע־לייט! — האָט קאַלמיקאָוו דייטלעך און נישט אָן געריכטקייט געלייענט: — צי דען

נישט אויף די ביינער פון אייערע זיידעס האָבן זיך אויס-
געבריייטערט און זענען געוואַקסן די גרענעצן פון דער רו-
סישער מלוכה ? צי דען נישט דורך אייער מעכטיקער העל-
דישקייט, דורך אייערע העלדן-טאַטן, דורך אייערע קרבנות
און אייער הערצָיִשקייט איז שטאַרק געוואָרן דאָס גרויסע
רוסלאַנד ? איר פרייע זין פון שטילן דאָן, פון שיינעם קובאַן,
פון שטורמישן טערעק, מעכטיקע אָדלערס פון די אוראַלער,
אָרענבורגער, אַסטראַכאַנער, סעמירעטשענסקער און סיבי-
רער סטעפּעס און בערג און ווייטע זאַבייקאַל, אַמור און
אוסורי זענט תמיד געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער ערע
און רום פון אייערע פענער, און דאָס רוסישע לאַנד איז פול
מיט לעגענדעס וועגן די העלדן-טאַטן פון אייערע פאָטערס
און זיידעס. היינט האָט געשלאָגן די שעה, ווען איר מוזט
קומען צו הילף דעם פאָטערלאַנד. איך באַשולדיק די צייט-
ווייליקע רעגירונג אין מאַנגל פון אַנטשלאָסענער טעטיקייט,
אין אומוויסן און אומפעיִקייט צו רעגירן, אין צולאָזן די
דייטשן צום פולשטענדיקן באַלעבאַטעווען אין לאַנד, וועגן
וואָס עס זאָגט עדות דער אויפרייס אין קאַזאַן, וואו עס זע-
נען אויפגעריסן געוואָרן ביי אַ מיליאָן גראַנאַטן און
פאַרניכטעט געוואָרן *12.000* קוילנוואַרפער. נאָך מער.
איך באַשולדיק טייל מיטגלידער פון דער רעגירונג אין
אָפענעם פאַרראַט לגבי דעם פאָטערלאַנד און ברענג אַלס באַ-
וויַיז צו דעם פאָלגנדעס : ווען איך בין געווען אויף דער
זיצונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג אין ווינטער-פּאַ-
לאַץ, האָבן מיר די מיניסטאָרן קערענסקי און סאַווינקאָוו
אָנגעוויזן, אַז מען טאָר נישט אַלץ רעדן, ווייל צווישן די
מיניסטאָרן געפינען זיך אומזיכערע מענטשן. עס איז קלאָר,
אַז אַזאַ רעגירונג פירט דאָס לאַנד צו אומקום, אַז אַזאַ רע-
גירונג טאָר מען נישט גלייבן און דורך איר קאָן נישט
קומען קיין רעטונג פאַר דעם אומגליקלעכן רוסלאַנד...
דעריבער, ווען די צייטווייליקע האָט נעכטן, לטובת די

שונאים, געפאָדערט פון מיר אָפּצוטרעטן פון אַמט פון העכסטן הויפּט-קאָמאַנדיר, בין איך, ווי אַ קאָזאַק, לויט מיין פליכט-און ערע-חוב, געניים געווען זיך אָפּצוזאָגן אויסצופירן דידאָזיקע פאָדערונג, אויסקלויבנדיק בעסער דעם טויט אויפן שלאַכטפעלד, איידער די שאַנד און פאַרראַט פון פאָטערלאַנד. קאָזאַקן, העלדן פון דער רוסישער ערד! איר האָט צוגעזאָגט אויפצושטיין צוזאַמען מיט מיר פאַר דער רעטונג פון פאָטערלאַנד, ווען איך וועל דאָס האַלטן פאַר נייטיק. די שעה האָט געשלאָגן — דאָס פאָטערלאַנד געפינט זיך ערב דעם טויט! איך וואַרף מיך נישט אונטער די פאַראָרדענונגען פון דער צייטווייליקער רעגירונג און פאַר דער רעטונג פון פרייען רוסלאַנד גיי איך קעגן איר און קעגן יענע אומפאַראַנטוואָרטלעכע ראַטגעבער אירע, וועלכע פאַרקויפן דאָס פאָטערלאַנד. האַלט אונטער, קאָזאַקן, די ערע און דעם רום פון אומפאַרגלייכלעך-העלדישן קאָזאַקנטום, און מיט דעם וועט איר מציל זיין דאָס פאָטערלאַנד און די פרייהייט, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע. האָרכט-זשע און פירט אויס מיינע באַפעלן! גייט-זשע מיר נאָך! דעם 28-סטן אויגוסט 1917 י. העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר גענעראַל קאָרנילאָוו.

קאַלמיקאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע; צונויפלייגנדיק דאָס פּאַפּיר, האָט ער אויסגעשריגן

— די אַגענטן פון די באָלשעוויקעס און קערענסקין שטערן דער באַוועגונג פון אונזערע טיילן מיט דער באַן-ליניע. עס איז דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל פון העכסטן הויפּט-קאָמאַנדיר: אויב עס וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט דורכצופירן די איבערוואַרפונג מיט דער באַן, זאָל מען גיין אויף פּעטראָגראַד אין מאַרש-אָרדענונג. נאָך היינט טרעטן מיר אַרויס. גרייט אייך צום אויסלאָדענען!

בונטשוק, שטאַרק אַרבעטנדיק מיט די עלנבויגנס, האָט זיך דורכגעשטופּט און מיטן אַריין; ער איז נישט צוגעגאַנגען צום

קרייז פון די אָפיצירן, נאָר הויך, מיטינגמעסיק, אויסגעשריגן :

— חברים קאָזאַקן ! איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך פון די פעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן. אייך פירט מען אויף אַ בלוטיקער בירגער־קריג, פּאָגראָמירן די רעוואָלוציע. אויב אייך גלוסט זיך צו גיין קעגן פאָלק, אויב אייך גלוסט זיך צוריק אויפֿ־צושטעלן די מאָנאַרכיע און פירן די מלחמה אַזוי לאַנג, ביז איר אַלע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין מתים און קאַליקעס, — גייט !... אָבער די פעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן האָפן, אַז איר וועט נישט זיין קיין קינס. זיי שיקן אייך אַ פלאַמענדיקן ברידער־לעכן גרוס און ווילן אייך זען נישט אַלס שונאים, נאָר אַלס פאַר־בינדעטע...

מען האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן. עס איז אַנטשטאַ־נען אַ שרעקלעך געוויש, אַ שטורעם פון אויסגעשרייען האָט ווי אַראָפּגעריסן קאַלמיקאָוון פון פעסעלע. זיך אָנבייגנדיק, האָט ער מיט האַסטיקע טריט געגומען גיין אין דער ריכטונג פון בונטשוקן ; עטלעכע טריט פאַר אים האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן.

— קאָזאַקן ! דער כאָרונזשי בונטשוק האָט פאַראַיאָרן דעזער־טירט פון פראָנט, — איר ווייסט דאָס. וואָס־זשע, צי ווען מיר האָרכן דעם פחדן און פאַררעטער ?

דער קאָמאַנדיר פון דער זעקסטער סאָטניע, דער מיליטער־שער עלטסטער סוגין, האָט פאַרטייבט קאַלמיקאָווס קול מיט זיין דונערנדיקן באַס :

— אַרעסטירן אים, דעם מנוול ! מיר האָבן בלוט פאַרגאָסן, און ער האָט זיך געראַטעוועט אין הינטערלאַנד !... נעמט אים !

— מען נע־ע־מט נאָך נישט !

— זאָל ער רעדן !

— דאָס מויל דאַרף מען קיינעם נישט פאַרמאַכן. זאָל ער אויפקלערן זיין ריכטונג.

— אַרעסטירן !

— קיין דעזערטערן דאַרפן מיר נישט !

— רעד, בונטשוק!
— מיטריטש, זאָג זיי דעם אמת אין די אויגן אַריין!
— ני־דע־ר!...
— שטילער, צויגן־אייטער!
— גיב זיי! גיב זיי, בונטשוק! שנייד זיי איבער! שנייד איבער!

אויפן פעסעלע איז אַרויפגעשפּרונגען אַ הויכער קאָזאַק אָן אַ היטל, אַ מיטגליד פון פּולק־רעווקאָם. אויף זיין דינעם האַלז האָט שלאַנגיש זיך געדרייט אַ באַקעט־געשווירענער, געגאָלטער קאָפּ, ווי אַ שפּעט־האַרבסטיקע באַניע. ער האָט הייס אויפגעפּאָ־דערט די קאָזאַקן זיך נישט אונטערצוואַרפן דעם פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע, גענעראַל קאָרנילאָוו, גערעדט וועגן דער שעד־לעכקייט פון אַ מלחמה מיטן פאָלק, פאַרענדיקט זיין רעדע, ווענדנ־דיק זיך צו בונטשוקן:

— און איר, חבר, מיינט נישט, אַז אויך מיר, ווי די הערן אָפיצירן, פאַראַכטן אייך. מיר זענען צופרידן און שעצן אייך, ווי אַ פאָרשטייער פון פאָלק, און אויך דערפאַר שעצן מיר אייך, וואָס, זייענדיק אַן אָפיציר, האָט איר נישט אונטערגעדריקט די קאָזאַקן, נאָר זיך באַגאַנגען מיט זיי ברידערלעך. קיין גראָב וואָרט האָבן מיר פון אייך נישט געהערט, און מיינט נישט, אַז מיר, אומגעע־בילדעטע מענטשן, קענען זיך נישט אויף קיין באַהאַנדלונג, — אַ גוט וואָרט פאַרשטייט אויך אַ בהמה, מכל־שכן אַ מענטש. מיר נייגן זיך נידעריק צו אייך און בעטן איבערצוגעבן די אַרבעטער און סאָלדאַטן פון פּיטער, אַז מיר וועלן אויף זיי קיין האַנט נישט אויפהייבן!

ווי מען וואָלט אַ זעץ געטון אין פּויקן: דער רעש פון גיגנ־סטיקע אויסגעשרייען האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון געשפּאַנטקייט און, לייכט פאַלנדיק, ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט.

ווידער האָט אויפן פעסעלע זיך געוויגט, אויסבייגנדיק זיין שלאַנקן קערפּער, קאַלמיקאָוו. וועגן רום און דער ערע פון דאָן,

וועגן דער היסטאָרישער מיסיע פון קאָזאַקנטום, וועגן געמיינזאַם-פאַרגאָסענעם אָפיצירישן און קאָזאַקישן בלוט האָט ער גערעדט, שטיקנדיק זיך, בלייך ווערנדיק.

קאַלמיקאָוון האָט געטוישט אַ דיקער, בלאָנדער קאָזאַק. זיין גיפטיקע רעדע, וואָס איז געווענדט געווען קעגן בונטשוקן, האָט מען איבערגעריסן, — דעם אָראַטאָר האָט מען אַראָפּגעשלעפּט ביי די הענט. אויפן פּעסעלע איז אַרויפגעשפּרונגען טשיקאַמאַסאָוו. ווי צעהאַקנדיק אַ שייט האָלץ, האָט ער אַ פּאָכע געטון מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— מיר וועלן נישט גיין! מיר וועלן זיך נישט אויסלאָזן! אין דער טעלעגראַמע איז געשריבן, אַז די קאָזאַקן האָבן כלומרשט צוגעזאָגט צו העלפן קאָרנילאָוון, — אָבער ווער האָט אונז גע-פרעגט? מיר האָבן אים נישט צוגעזאָגט! די אָפיצירן פון קאָזאַקישן פאַרבאַנד האָבן צוגעזאָגט! גרעקאָוו האָט מיטן ווידל אָנגע-דרייט, — זאָל ער העלפן!...

אַלץ אָפּטער האָבן זיך געביטן די אַרויסטרעטנדיקע. בונ-טשוק איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם ברייטשטערנדיקן קאָפּ, זיין פּנים איז באַגאָסן געווען מיט אַן ערדישער רויטקייט, אויפן האַלז און די שלייפן האָט האַסטיק געקלאַפּט דאָס בלוט אין די אַרטעריעס. די עלעקטריזירטע אַטמאָספער איז אַלץ געדיכטער גע-וואָרן. עס האָט זיך געפילט, אַז נאָך עטוואָס — און די געשפּאַנט-קייט וועט אַרויספּלאַצן מיט עפּעס אַ זינלאָזער, בלוטיקער האַנד-לונג.

פון דער סטאַציע זענען איז אַ מחנה אָנגעקומען די סאָל-דאַטן פון גאַרניזאָן, און די אָפיצירן האָבן פאַרלאָזט דעם מיטינג.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דוגין, אַ פּאַרטאַפּעטער, צו-געלאָפן צו בונטשוקן.

— מיטריטש, וואָס טוט מען?... קאַלמיקאָוו האָט עפּעס צו-געטראַכט. זיי לאָדענען אויס די קוילנוואַרפערס, האָבן אַ רייטער ערגעץ אַוועקגעשיקט.

— קום אַהין. נעם צונויף אַ מאַן צוואַנציק קאָזאַקן, שנעלער!

ביים וואַגאָן פון עשעלאָן־קאָמאַנדיר האָט קאַלמיקאָוו מיט דריי אָפיצירן אויפגעלאָדנט דאָס מאַשינגעווער אויף פערד. בונטשוק איז צוגעגאַנגען דער ערשטער. זיך אומגעקוקט אויף די קאָזאַקן און אַריינשטעקנדיק די האַנט אין דער קעשענע פון שינעל, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ נייאינקן, זויבער־אָפּגעפּוצטן אָפיצירישן רעוואָלווער.

— קאַלמיקאָוו, דו ביסט אַרעסטירט! די הענט!...

קאַלמיקאָוו איז אָפּגעשפּרונגען פון די פערד, זיך זייטיק אָנגעדרייט, אַ כאַפּ געטון דעם רעוואָלווער־טאַש, אָבער נישט באַוויזן אַרויסצוציִען דעם רעוואָלווער: איבער זיין קאָפּ האָט אַ פייף געטון אַ קויל; פאַרלויפנדיק דעם קלאַנג פון שאָס, האָט בונטשוק מיט אַ דראָענדיק קול טויב אויסגעשריגן:

— די הענט!...

דאָס צינגל פון זיין רעוואָלווער האָט געלאָזן זיך אויפגעהויבן ביז אין דער העלפט, אויפדעקנדיק די שיס־נאָדל. קאַלמיקאָוו האָט אים נאָכגעפאַרשט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, שווער אויפגעהויבן די הענט, צוקנאַקנדיק מיט די פינגער.

די אָפיצירן האָבן נישט גערן אָפּגעגעבן דאָס געווער.

— און די שווערדן באַפעלט איר אויך אויסצוטוען? — האָט העפלעך געפרעגט אַ יונגער כאָרונזשי פון דער מאַשינגעווער־באַדינונג.

— יאָ.

די קאָזאַקן האָבן אַראָפּגעלאָדנט דאָס מאַשינגעווער פון די פערד און עס אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן.

— ביי דידאָזיקע אַוועקשטעלן אַ וואַך, — האָט בונטשוק זיך געווענדט צו דוגינען. — טשיקאַמאַסאָוו וועט אַרעסטירן די איבעריקע און זיי צושטעלן אַהער. דו הערסט, טשיקאַמאַסאָוו? און קאַלמיקאָוון וועלן מיר ביידע אַוועקפירן אין רעווקאָם פון גאַרניזאָן. עסאַול קאַלמיקאָוו, איך בעט צו גיין פאָרויס.

— פֿיין! פֿיין! — האָט איינער פֿון די אָפֿיצירן באַגייסטערט געזאָגט, אַריינשפּרינגענדיק אין וואַגאָן און באַגלייטנדיק מיט די אויגן בינטשוקן, דוגינען און קאַלמיקאָוון, וואָס האָבן זיך דערווייטערט.

— מיינע הערן! ס׳איז אַ חרפּה, מיינע הערן! מיר האָבן זיך אויפֿגעפֿירט, ווי קינדער! ס׳איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן אין דער געהעריקער צייט אַ זעץ צו טון דעמדאָזיקן אויסוואורף! ווען ער האָט אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער אויף קאַלמיקאָוון, האָט מען געדאַרפֿט אים אַוועקלייגן — און געענדיקט! — דער מיליטערישער עלטסטער סוקין האָט מיט פֿאָרוואורף געקוקט אויף די אָפֿיצירן און מיט ציטערנדיקע פֿינגער לאַנג אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פֿון פּאָרטסיגאַר.

— זיי זענען דאָך אַ גאַנצע אָפּטיילונג... זיי וואָלטן אַלע דערשאָסן, — האָט דער כאָרונזשי פֿון מאַשינגעווער באַמערקט.

די אָפֿיצירן האָבן שווייגנדיק גערייכערט, פֿון צייט־צו־צייט זיך דורכגעקוקט. די האַסטיקייט פֿון געשעענעם האָט זיי צעטומלט.

בייסנדיק דאָס שפּיצל פֿון דער שוואַרצער וואָנסע, איז קאַלמיקאָוו אַ געוויסע צייט געגאַנגען שווייגנדיק. זיין לינקער באַקנביין האָט געפֿייערט, ווי נאָך אַ פּאַטש. די באַגעגנטע איינוואוינער האָבן געקוקט פֿאַרוואונדערט, זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעשעפּטשעט. איבער נאַרווע איז געהאָנגען אַן אָפּבליאַקירטער, פֿאַרנאַכטיקער, כמורנער הימל. אויפֿן טאָר האָבן זיך גערייטלט די געפֿאַלענע בלעטער פֿון די בערעזעס — וואָס דער אויגוסט האָט פֿאַרלוירן, אַוועקגייענדיק. איבערן גרינעם קופּאָל פֿון צערקווע זענען אַריבערגעפֿלויגן קאַווקעס. ערגעץ נאָך דער סטאַציע, נאָך די בין־השמשותדיקע פֿעלדער, איז שוין אַראָפּגעזונקען די נאַכט, וואָס האָט געאָטעמט מיט קילקייט, און פֿון נאַרווע אין דער ריכטונג פֿון פּסקאָוו און לוגע האָבן איבערן הימלישן שטח געבלאָנזשעט, אָפּגעגרונטעוועטע מיט פֿאַרנאַכטיקן בלייוויס, צוויטיקע

וואָלקנס ; איבערגייענדיק די אומגעזעענע גרענעץ, האָט די נאַכט אַרויסגעשטויסן דעם בין־השמשות.

לעבן דער סטאַציע האָט קאַלמיקאָוו האַסטיק זיך אויסגע־דרייט און אַ שפּיי געטון בונטשוקן אין פּנים אַריין.

— מנו־וול !...

בונטשוק האָט זיך אָוועקגעבויגן פון שפּיי, אַ פאַרהייב גע־טון די ברעמען, לאַנג צונויפגעדריקט מיט דער לינקער האַנט דאָס געלענק פון דער רעכטער, וואָס האָט זיך געריסן אַראָפּצולאָזן אין דער קעשענע אַריין.

— גיי !... — האָט ער מיט אָנשטרענגונג אַרויסגעזאָגט.

קאַלמיקאָוו איז ווייטער געגאַנגען, זידלענדיק אויף אַ שרעק־לעכן אופן, שפּייענדיק מיט שמוציקע ווערטער־קלומפּנס, געבוירע־נע אויפן פּראָנט דורכן טויטן אומעט, פּחד, פאַרצווייפלונג און צער.

— דו ביסט אַ שפּיאָן ! אַ פאַררעטער ! דו וועסט באַצאָלן פאַר דעם ! — האָט ער אויסגעשריגן, אָפּט זיך אָפּשטעלנדיק, אָנ־גרייפנדיק בונטשוקן.

— גיי ! איך בעט דיך... — האָט יענער ביי יעדן מאָל גע־ראַטן.

און קאַלמיקאָוו, צונויפדריקנדיק די פויסטן, האָט ווידער זיך אָפּגעריסן פון אָרט, געגאַנגען מיט קורצע שטויסן, ווי אַן אַסטמאַ־טיש פערד. זיי זענען צוגעקומען צום וואַסער־טורעם. קריצנדיק מיט די ציין, האָט קאַלמיקאָוו געשריגן :

— איר זענט נישט קיין פאַרטיי, נאָר אַ באַנדע פינסטערע אויסוואורפן פון דער געזעלשאַפט ! ווער פירט אָן מיט אייך ! — דער דייטשישער גענעראַל־שטאַב ! באַל־שע־וויקעס... כאַ־כאַ־כאַ ! בענקאַרטעס ! אייער פאַרטיי, דאָסדאָזיקע פעבל, קויפט מען דאָך ווי אַ ה... כאַמעס ! כאַמעס !... איר האָט פאַרקויפט דאָס פאָטער־לאַנד !... איך וואָלט אייך אַלע אויף איין תליה... אָ־אָ־אָ־אָ ! די צייט וועט קומען !... דערדאָזיקער לענין אייערער האָט נישט

פאַר דרייסיק מאַרק פאַרקויפט רוסלאַנד ?! ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ מיליאָנדל — און עוקר געווען... דער קאַטאָרזשניק !...

— שטעל דיך צו דער וואַנט ! — האָט בונטשוק אויסגעצויגן אַ געשריי געטון און זיך פאַרהאַקט.

דוגין האָט דערשראָקן זיך אַ וואָרף געטון.

— איליאַ מיטריטש, וואַרט-צו ! וואָס גייסטו טון ? וואַרט אַ ווײַלע !...

בונטשוקס פּנים איז געווען שוואַרץ און צעקרימט פון ווילדן האַס. ער איז צוגעשפּרונגען צו קאַלמיקאָוון, פּעסט אים אַ זעץ געטון איבער דער שלייף. טרעטנדיק מיט די פיס דאָס היטל, וואָס איז אַראָפּגעפלויגן פון קאַלמיקאָווס קאָפּ, האָט ער אים צוגע-שלעפּט צו דער געמויערטער טונקעלער וואַנט פון וואַסער-טורעם.

— שטעל דיך !

— וואָס ווילסטו טון ! ? דו !... וואַג נישט !... וואַג נישט צו שלאָגן !... — האָט קאַלמיקאָוו געברומט, זיך אָקעגנשטעלנדיק.

טויב זיך אָנקלאַפּנדיק מיטן רוקן אָן דער טונקעלער וואַנט פון וואַסער-טורעם, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, פאַרשטאַנען :

— דערהרגענען ווילסטו ?

בונטשוק האָט, אָן אויסגעבויגענער, זיך געאײַלט, געריסן דעם רעוואָלווער, וואָס האָט מיטן צינגל זיך פאַרטשעפּעט אָן אונ-טערשלאַג פון דער קעשענע.

קאַלמיקאָוו האָט אַ טרעט געטון פאָרויס, שנעל פאַרקנעפּלט דעם שינעל אויף אַלע קנעפּלעך.

— שיס, הינטישער זון ! שיס ! זע, ווי רוסישע אָפיצירן קאָ-נען שטאַרבן... איך וועל אפילו פאַרן טוי-וי-...

די קויל האָט אים געטראָפן אין מויל. הינטערן וואַסער-טורעם האָט דורכגעבויערט די לופט און הויך אָפּגעקלינגען אַ היזעריקער עכאָ. זיך שטרויכלענדיק ביים צווייטן טריט, האָט קאַלמיקאָוו מיט דער לינקער האַנט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ און געפאַלן. ער האָט זיך אויסגעבויגן אין אַ קרומער דוע, אויסגעשפּיגן אויף דער ברוסט די ציין, וואָס זענען שוואַרץ געווען פון בלוט, זיס

אַ טשמאָקע געטון מיט דער צונג. ווי נאָר זיין רוקן האָט זיך אויסגעגלייכט, דערגרייכנדיק דעם פייכטן זשוויר, האָט בונטשוק אויסגעשאָסן נאָכאַמאָל. קאַלמיקאָוו האָט זיך אַ רודער געטון, איבערגעקערט אויף אַ זייט, ווי אַן איינשלאָפנדיקער פויגל אַרונטערגענומען דעם קאָפּ אונטערן אַקסל און קורץ אַ כליפּע געטון.

ביים ערשטן שייד-וועג האָט דוגין דעריאָגט בונטשוקן.

— מיטריטש... וואָס האָט זיך געטון מיט דיר, מיטריטש? פאַרוואָס האָסטו אים?

בונטשוק האָט לאַנג געטרייסלט מיט דוגינס אַקסלען; אַריינשטעכנדיק אים אין די אויגן זיין געשטאַלטן פעסטן בליק, האָט ער געזאָגט מיט אַ מאָדנע-רויִק, פאַרלאָשן קול:

— זיי אונז, אָדער מיר זיי!... קיין מיטלפּונקט איז נישטאָ. קיין געפאַנגענע זענען נישטאָ. פאַר בלוט — מיט בלוט. ווער וועמען... אַ מלחמה פון אויסראָטונג... פאַרשטאַנען? אַזעלכע ווי קאַלמיקאָוו דאַרף מען אומברענגען. דערשטיקן ווי שלאַנגען. אויך די, וואָס גאַווערן וועגן רחמנות, דאַרף מען דערשיסן... פאַרשטאַנען? וואָס האָסטו דיך באַגאַווערט? נעם דיך אין דער האַנט אַריין! זיי שלעכט! ווען קאַלמיקאָוו וואָלט געקומען צו דער מאַכט, וואָלט ער געשאָסן אין אונז, נישט אַרויסנעמענדיק דעם פּאַפּיראָס פון מויל, און דו... עך, ווייך בריאהלע!

ביי דוגינען האָט לאַנג זיך געטרייסלט דער קאָפּ, עס האָבן געקלאַפּט די ציין און עפּעס אומגעלומפּערט האָבן זיך געפּלאָנטערט די גרויסע פיס אין די פאַרגעלטע שטיוול.

איבער דער פוסטער קאָרטע פון געסל זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. בונטשוק האָט פון צייט-צו-צייט זיך אומגעקוקט. איבער אים האָבן אין דער פינסטערניש נידעריק זיך געשוימט שוואַרצע טרויער-וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אַוועקגעצויגן אין דער ריכטונג פון מזרח. דורך אַן עפענונג, פון קליינעם שטיקל אויגוסט-הימל, האָט ווי אַ גרין צעשיקלט אויג פון אַ טויטן געקוקט די אויסגעשטשירבעטע, אין נעכטיקן רעגן געוואַשענע לבנה. אויפן נאָענטן שייד-וועג זענען געשטאַנען צוגעדריקט איינער צום

צווייטן אַ זעלנער און אַ פרוי מיט אַ ווייס טיכל אויף די אַקסלען. דער זעלנער האָט אַרומגענומען די פרוי, זי צוגעצויגן צו זיך, עפּעס געשעפּכשעט, און זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן זיין ברוסט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געמירמלט מיט אַ פאַרכליניעט קול: „איך גלייב נישט! איך גלייב נישט", — און געלאַכט מיט אַ יונג פאַרשטיקט געלעכטער.

XVIII

דעם 27-סטן אויגוסט האָט אין פעטראָגראַד זיך דערשאָסן דער גענעראַל קרימאָוו, וועלכער איז אַהין אַרויסגערופן געוואָרן דורך קערענסקין.

מיט אויסדריקן פון אונטערטעניקייט האָבן גענומען פליסן אין ווינטער-פּאַלאַץ אַריין דעלעגאַציעס און די קאָמאַנדירן פון די טיילן פון קרימאָווס אַרמיי. מענטשן, וואָס זענען ערשט געגאַנגען אויף דער צייטווייליקער רעגירונג מיט באַוואָפנטער מאַכט, האָבן אַצינד ליבלעך זיך גענייגט פאַר קערענסקין און אים פאַרזיכערט אין זייערע געפילן פון הכנעהדיקער טרייקייט.

מאָראַליש צעקלאַפּט, האָט קרימאָווס אַרמיי נאָך געגוססט: אירע טיילן האָבן דורך אינערציע זיך געקייקלט צו פעטראָגראַד, אָבער די באַוועגונג האָט שוין פאַרלוירן יעדן זין, ווייל קאָרנילאָווס פּוטש האָט געהאַלטן ביים סוף. די כוחות פון דער רעאַקציע, וואָס האָבן אויפגעפלאַקערט ווי אַ בענגאַליש פייער, האָבן זיך געלאָשן, און דער צייטווייליקער אָנפירער פון דער רעפּובליק, — וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, אין משך פון די טעג פאַרלוירן די פליישיקייט פון זיינע פוכיקע באַקן, — האָט נאַפּאָלעאָנישמעטיק אונטערגעציטערט מיט די לידקעס פון זיינע פיס און שוין גערעדט אויף דער נאָענטסטער זיצונג פון דער רעגירונג וועגן „פּאָליטישער סטאַביליזאַציע".

אַ טאָג פאַר קרימאָווס טויט האָט דער גענעראַל אַלעקסעיעוו

באַקומען די נאָמינאַציע אויפן אַמט פון העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר. דער קאַראַקטער און קליינלעכער אַלעקסעיעוו, פאַרשטייענדיק די גאַנצע העסלעכע צווייזייטיקייט פון זיין לאַגע, האָט לכתחילה זיך אָפּגעזאָגט, אָבער דערנאָך אָנגענומען די נאָמינאַציע, גייענדיק בלויז נאָכן פאַרלאַנג צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון קאָרנילאָוון און די אַלע, וואָס זענען אויף וועלכן ס׳איז אופן פאַרמישט געווען אין דער אָרגאַניזירונג פון אַנטימלוכהשן בונט.

דעם 31־סטן האָט ער טעלעגראַפיש זיך פאַרבונדן מיט דער הויפּט־קוואַרטיר, באַמיענדיק זיך אויפצוקלערן קאָרנילאָווס באַציִונג צו זיין נאָמינאַציע און קומען אין דער הויפּט־קוואַרטיר. די לאַנג־ווייליקע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ הפסקה ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

דעם זעלבן טאָג איז ביי קאָרנילאָוון פאָרגעקומען אַ באַראַ־טונג פון די שטאַב־מיטגלידער און מענטשן, וואָס זענען נאָענט געווען צו קאָרנילאָוון. אויף דער פראַגע, וואָס איז דורך אים גע־שטעלט געוואָרן, וועגן דער צוועקמעסיקייט פון ווייטערדיקן קאַמף מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט די מערהייט אָנוועזנדיקע זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאָרזעצן דעמאָזיקן קאַמף.

— איך בעט אייך, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש, זיך אַרויס־צוזאָגן, — האָט קאָרנילאָוו זיך געווענדט צו לוקאָמסקין, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט פון דער באַראַטונג.

יענער האָט אין איינגעהאַלטענע, אָבער אַנטשלאָסענע ווער־טער זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פאָזעצן די ברידער־מלחמה.

— קאַפּיטולירן? — האָט קאָרנילאָוו געפרעגט, שאַרף אים איבעררייסנדיק.

לוקאָמסקי האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען.

— די אויספירן רעדן פאַר זיך אַליין.

דער שמועס האָט זיך געצויגן נאָך אַ האַלבע שעה. קאָרני־לאָוו האָט געשוויגן, אפנים מיט גרויס אָנשטרענגונג איינהאַלטנ־דיק די זעלבסט־באַהערשונג. ער האָט באַלד פונאַנדערגעלאָזט די באַראַטונג און אין אַ שעה אַרום אַריינגערופן צו זיך לוקאָמסקין.

— איר זענט גערעכט, אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש! — האָט ער אַ קנאַק געטון מיט די פינגער און מיד געזאָגט, קוקנדיק ערגעץ אין אַ זייט אַריין מיט פאַרלאָשענע, גרויע, ווי מיט אַש־באַשיטע אויגן: — אַ ווייטערדיקער ווידערשטאַנד וואָלט געווען אי נאַריש, אי פאַרברעכעריש.

ער האָט לאַנג געפּויקט מיט די פינגער, זיך איינהערנדיק אין עפּעס, אפשר אין מייזן־געלויף פון זיינע אייגענע געדאַנקען; נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער געפרעגט:

— ווען וועט קומען מיכאַיִל וואַסיליעוויטש?

— מאָרגן.

אַלעקסעיעוו איז געקומען דעם ערשטן סעפּטעמבער. ער האָט אין אָוונט פון זעלבן טאָג, אויפן באַפעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג, אַרעסטירט קאָרנילאָוון, לוקאָמסקין און ראָמאַנאָווסקין. פאַרן אַוועקשיקן די אַרעסטירטע אין האָטעל „מעטראָפּאָל“, וואו זיי האָבן געדאַרפט געהאַלטן ווערן אונטער אַ וואַך, האָט אַלעקסעיעוו אויג־אויף־אויג אין משך פון צוואַנציק מינוט גערעדט מיט קאָרנילאָוון; ער איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער אַ טיף־דערשיטערטער, כמעט נישט הערשנדיק איבער זיך. ראָמאַנאָווסקי, וועלכער האָט געפּרוווט אַריינגיין צו קאָרנילאָוון, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך זיין ווייב.

— אַנטשולדיקט, לאַוור געאָרגיעוויטש האָט געבעטן קיינעם צו אים נישט אַריינלאָזן.

ראָמאַנאָווסקי האָט געלויפיק אַ קוק געטון אויף איר צעוויינטן פּנים און אַוועקגעגאַנגען; זיינע וויַעס האָבן פון אויפרעגונג אַ מרוגע געטון, די שפּיצן פון די באַקן־ביינער זענען שוואַרץ געוואָרן.

אין בערדיטשעוו איז צומאָרגנס אַרעסטירט געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דרום־מערבדיקן פראָנט גענעראַל דעניקין, זיין שטאַב־אָנפירער — גענעראַל מאַרקאָוו, גענעראַל וואַנאָווסקי און דער קאָמאַנדיר פון דער באַזונדערער אַרמיי, גענעראַל ערדעלי.

אין ביכאָוו, אין דער פּרויען־גימנאַזיע, האָט אָן רום זיך פאַרענדיקט די קאָרנילאָוו־באַוועגונג, וואָס איז איינגעקלאַמערט געוואָרן דורך דער געשיכטע, זיך פאַרענדיקט, געבווירנדיק אַ בייע; וואו־זשע דען, אויב נישט דאָרט, זענען אויפגעקומען די ערשטע פּלענער פון דער שפּעטערדיקער בירגער־מלחמה און אָנגריף אויף דער רעוואָלוציע אין אַ געשלאָסענעם פּראָנט?

XIX

אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער, אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָט דער עסאַול ליסטניצקי דערהאַלטן אַ באַפעל פון פּאָלק־קאָמאַנדיר — צו קומען מיט דער סאָטניע צופוס אויפן פּלאַץ פון פּאַלאַץ.

אַרויסגעבנדיק אַ פאַראָרדענונג דעם וואַכמייסטער, האָט ליסטניצקי איילִיק זיך אָנגעטון.

די אָפיצירן זענען אויפגעשטאַנען, האָבן געגענעצט, געשאָלטן.

— אין וואָס האַנדלט זיך?

— אין די באָלשעוויקעס!

— מיינע הערן, ווער האָט מיר צוגענומען די קוילן?

— וואוהין מאַרשירן מיר?

— איר הערט: מען שיסט?

— וואו שיסט מען דאָרט? איר האָט האַלוצינאַציע פון געהער!

די אָפיצירן זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די סאָטניע האָט זיך איבערפאָרמירט אין אָפּטיילונג־קאָלאָנעס. ליסטניצקי האָט אין שנעלן מאַרש אַרויסגעפירט די קאָזאַקן פון הויף. דער נעווסקי איז געלעגן פוסט. ערגעץ האָבן זיך טאַקע געהערט איינציקע שאָסן. איבערן פּלאַץ פון הויף איז אַרומגעפאָרן אַ געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל, עס האָבן פּאַטראָלירט יונקערס. אין די גאַסן האָט

געהערשט אַ פּוסטע שטילקייט. ביי די טויערן פון ווינטער־פּאַלאַץ האָט די קאָזאַקן אויפגענומען אַ פּאַטראָל פון יונקערס און די קאָזאַקן־אָפיצירן פון דער פערטער סאָטניע. איינער פון זיי, דער סאָטניע־קאָמאַנדיר, האָט אָוועקגערופן ליסטניצקין אין אַ זייט.

— די גאַנצע סאָטניע איז מיט אייך?

— יאָ. וואָס איז דען?

— די צווייטע, פינפטע און זעקסטע זענען נישט געגאַנגען, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, נאָר די מאַשינגעווער־אָפּטיילונג איז מיט אונז. ווי איז די שטימונג פון די קאָזאַקן?

ליסטניצקי האָט קורץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— שלעכט! און דאָס ערשטע און פערטע פּולק?

— זיי זענען נישטאָ. די ווען ניט גיין. איר ווייסט, אַז מען ריכט זיך היינט אויפן אַרויסטרעטן פון די באָלשעוויקעס? דער טייוול ווייסט, וואָס עס קומט פאָר! — און ער האָט אומעטיק אָפּגעזיפצט: — מען וואָלט געדאַרפט עוקר זיין אויפן דאָן פון דער גאַנצער קאַשע...

ליסטניצקי האָט אַריינגעפירט די סאָטניע אין הויף. די קאָזאַקן האָבן צונויפגעשטעלט די ביקסן אין קאָזלעס, זיך צעגאַנגען איבערן הויף, וואָס איז אַזוי גרויס געווען ווי אַ פּלאַץ. די אָפיצירן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אָפּגעזונדערטן פליגל. זיי האָבן גערייכערט. זיך דורכגעשמועסט.

אין אַ שעה אַרום איז געקומען אַ פּולק יונקערס און אַ פרויען־באַטאַליאָן. די יונקערס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין וועסטיבול פון הויף, אַריינגעפירט דאָרט די קוילנוואַרפערס. דער פרויען־באַטאַליאָן איז פאַרזאַמלט געווען אין הויף. די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט, האָבן זיך געווענדט צו זיי מיט אויסגעלאַסענע וויצן. איינער פון זיי אין אַ קורצן שינעל האָט דער אוריאַדניק אַרזשאַנאָוו אַ פּעטשל געגעבן איבערן רוקן.

— דו, מומעשי, וואָלסט געדאַרפט קינדער האָבן, האָסטו דיך גאָר גענומען צו מאַנסבילשע זאַכן.

— האָב אַליין! — האָט מיט אַ קול פון אַ באַס זיך אָפּגעיאָגט די נישט העפלעכע מומע.

— ליבינקע מיינע! אויך איר זענט מיט אונז? — האָט דער אַלטגלויביקער און ווייבערניק טיוקאָווגאָוו זיך געטשעפּעט צו די פרויען.

— שלאָגן דאַרף מען זיי, די שמאָדערס!

— געלעכערט חייל! זיי וואָלטן בעסער אינדערהיים געזעסן. זיי האָבן דאָס נייטיק געדאַרפט.

— צוויי-רערדיקע ביקסן!

— פון פאָרנט — אַ זעלנער, און פון הינטן — נישט קיין פּאָפּ, נישט דער טייוול ווייסט וואָס... נאָר אויסצושפּייען גלוסט זיך!

— העי, דו, שטורעם-באַבע! פאַרנעם דעם הינטן, וואָרים איך וועל אים דיר מיט דער קאָלבע אָראָפּקלאַפּן!

די קאָזאַקן האָבן געקייכט פון געלעכטער, זיך פריילעך געמאַכט, קוקנדיק אויף די פרויען. אָבער מיטאָג-צייט איז די פריילעכע שטימונג פאַרשוואונדן. די שטורמערינס, פאָרמירנדיק זיך אין אָפּטיילונגען, האָבן געטראָגן איבערן פּלאַץ דיקע סאָסנע-קלעצער, פאַרבאַריקאַדירט דאָס טויער. עס האָט אָנגעפירט מיט זיי אַ שיינע באַבע פון מענערישן טיפּ, מיט אַ געאָרגי-מעדאַל אויפן אויסגעפּאַסטן שינעל. איבערן פּלאַץ האָט אָפּטער אָנגעהויבן פאַרבייפאָרן דער געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל, די יונקערס האָבן פון ערגעץ אַריינגעטראָגן אין הויף האַנט-קעסטלעך מיט קוילן און מאַשמעס צו מאַשין-געווער.

— אַלזאָ, סטאַניצע-לייט, האַלטן זיך!

— וועלן מיר, הייסט עס, זיך שלאָגן?

— און וואָס האָסטו געמיינט? מ'האָט דיך דאָ אַהערגעבערענגט די שטורמערינס אַרומצוכאַפּן?

אַרום לאַגוטינען האָבן זיך גרופּירט לאַנדסלייט, בוקאַנאָוו און סלאַשטשעוו. זיי האָבן וועגן עפּעס זיך באַראַטן, אַריבערגעגאַנגען פון איין אָרט אויפן צווייטן. די אָפיצירן זענען ערגעץ

פֿאַרשוואונדן. חוץ די קאָזאַקן און שטורמעדינס איז אין הויף קיינער נישט געווען. כמעט ביים סאַמע טויער זענען געשטאַנען די מאַשינגעווערן, איבערגעלאָזט דורך דער באַדינונג. זייערע שוץ־בלעכן האָבן געגלאַנצט.

פֿאַרנאַכט־צו האָט געכאַפּט אַ פֿרעסטל. די קאָזאַקן זענען אומרויִק געוואָרן.

— וואָס־זשע פֿאַר אַן אָרדענונג איז דאָס: זיי האָבן געבּרענגט אַהער צו פֿירן און האַלטן אונז דאָ אויפֿן הויף אָן עסן?!

— מען דאַרף ליסטניצקין געפֿינען.

— זוך דעם נעכטיקן טאָג! ער איז אין פּאַלאַץ, און די יונקערס לאָזן קיין אונזעריקן אַהין נישט אַריין.

— מען דאַרף שיקן אַ מענטש נאָך דער קיך, זאָלן זיי ברענגען צו פֿירן.

נאָך דער קיך האָט מען דעלעגירט צוויי קאָזאַקן.

— גייט אָן ביקסן, וואָרים מען וועט זיי אייך אַראָפּנעמען, — האָט לאַגוטין געראַטן.

אויף דער קיך האָט מען געוואַרט אַ שעה צוויי. נישט די קיך, נישט די שלוחים זענען צוריקגעקומען. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן די קיך, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויף, צוריק אַריינגעפֿירט די סעמיאָנאָווער סאָלדאַטן. פֿאַרנאַכט־צו האָבן די שטורמעדינס, פֿאַרזאַמלט ביים טויער, זיך צעשיט אין אַ געדיכטער קייט; ליגנדיק הינטער די קלעצער, האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן ערגעץ איבערן פּאַלאַץ.

די קאָזאַקן האָבן אין דער שיסעריי זיך נישט באַטייליקט, זיי האָבן גערייכערט און זיך געלאַנגווײַלט. לאַגוטין האָט פֿאַרזאַמלט די סאָטניע לעבן דער וואַנט און, קוקנדיק פֿאָרזיכטיק אויף די פֿענסטער פֿון פּאַלאַץ, אָנגעהויבן רעדן:

— אָט וואָס, סטאַניצע־לייט! מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טון. מען דאַרף אַוועקגיין; אַז נישט, וועלן מיר אומשולדיק ליידן. מען וועט אָנהייבן דעם פּאַלאַץ באַשיסן, און וואָס גייט עס אונז אָן? פֿון די אָפֿיצירן — איז קיין שפּור נישט געבליבן... וואָס־זשע

זענען מיר — פאַרשאָלטענע? וואָס דאַרפן דאָ אומקומען? היידאַ אַהיים, מיר האָבן דאָ נישט וואָס די ווענט אונטערצושפּאַרן! און די צייט־ווייליקע רעגירונג... אויף וואָסער טייוול דאַרפן מיר זי! ווי איז אייער מיינונג, סטאַניצע־לייט?

— מיר וועלן אַרויסגיין פון הויף, וועלן די באָלשעוויקעס אָנהייבן מיט די קוילנוואַרפערס אויף אונז צו פייערן.

— זיי וועלן די קעפּ אַראָפּנעמען!

— עס קאָן נישט זיין...

— וועסט דיך דעמאָלט גיין אויסטענהן!

— ניין, וועלן מיר שוין זיצן ביזן סוף.

— מיר זענען ווי די קעלבער, — אָפּגעגעסן, איז אין שטאַל אַריין.

— ווי עמעצער ויל, אָבער אונזער אָפּטיילונג גייט אַוועק!

— מיר גייען אויך!

— מען דאַרף שיקן מענטשן צו די באָלשעוויקעס, — זאָלן זיי אונז נישט טשעפּען, וועלן מיר זיי אויך נישט טשעפּען.

עס זענען צוגעקומען קאָזאַקן פון דער ערשטער און פערטער סאָטניע. זיי האָבן זיך בעראַטן נישט לאַנג. דריי קאָזאַקן צו איין מאַן פון יעדער סאָטניע זענען אַרויסגעגאַנגען פון טויער, און אין אַ שעה אַרום זיך אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון דריי מאַט־ראָסן. די מאַטראָסן זענען אַריבערגעשפּרונגען איבער די קלעצער, וואָס זענען אָנגעלייגט געווען ביים טויער און גענומען שפּרייזן איבערן הויף מיט פלומרשטער פרייקייט; זיי זענען צוגעקומען צו די קאָזאַקן, זיך באַגריסט. איינער פון זיי, אַ יונגער שוואַרץ־וואָנסיקער שיינער חברה־מאַן אין אַ צעשפּיליעטע ברעזענטן מאַנטל און אַראָפּגערוקט היטל אויפן קאַרק, האָט זיך דורכגע־שפּאַרט אינמיטן אַריין פון דער קאָזאַקן־מחנה.

— חברים קאָזאַקן! מיר, פאָרשטייער פון רעוואָלוציאָנערן פלאָט, זענען געקומען אייך פאָרלייגן צו פאַרלאָזן דעם ווינטער־פּאַלאַץ. איר האָט נישט וואָס צו פאַרטיידיקן אַ בורזשואַזע, אייך פרעמדע רעגירונג. זאָלן זי פאַרטיידיקן די בורזשואַזע זינדלעך,

די יונקערס. קיין איין סאָלדאַט איז נישט אויפגעשטאַנען פּאַרטיי־דיקן די צייטווייליקע רעגירונג, און אייערע ברידער — די קאָזאַקן פון ערשטן און פערטן פּולק — האָבן זיך פּאַרייניקט מיט אונז. ווער עס וויל גיין מיט אונז — זאָל אַוועקגיין לינקס.

— וואַרט־צו, ברידערל! — איז דער בראַווער אוריאַדניק פון דער ערשטער סאָטניע אַרויסגעטרעטן פּאָרויס. — אַוועקגיין וועלן מיר מיטן גרעסטן פאַרגעניגן... אָבער וואָס וועט זיין, אויב די באָלשעוויקעס וועלן אונז צעטרייבערן?

— חברים! אין נאָמען פון פּעטראָגראַדער מיליטעריש־רע־וואָלוציאָנערן קאָמיטעט גאַראַנטירן מיר אייך פולע זיכערקייט. קיי־נער וועט אייך נישט אָנרירן.

לעבן שוואַרץ־וואָנסיקן מאַטראָס איז געשטאַנען אַ צווייטער, ברייט־פּלייציקער און געשטופּלטער. ער האָט אַ קוק געטון אויף די קאָזאַקן, אויסדרייענדיק דעם דיקן אָקסן־האַלז און זיך אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט איבער דער בולטער ברוסט אין אויסגע־פּאַסטן מונדיר.

— מיר וועלן אייך באַגלייטן! איר, ברידערלעך, האָט נישט וואָס צו צווייפלען, מיר זענען אייך נישט קיין שונאים, אויך די פּעטערבורגער פּראָלעטאַריער זענען אייך נישט קיין שונאים, — די שונאים געפינען זיך אָט דאָרט...

ער האָט אָנגעוויזן מיטן טייטלענדיקן גרויסן פינגער אין דער זייט אַריין פון פּאַלאַץ און אַ שמייכל געטון, אויפדעקנדיק אַ שורה געדיכטע בייזע ציין.

די קאָזאַקן האָבן זיך געקווענקלט אין אומאַנטשלאָסנקייט. די פרויען־שטורמעריננס זענען צוגעקומען, אויסגעהערט, געקוקט אויף די קאָזאַקן און ווידער אַוועקגעגאַנגען פון טויער.

— הערט, איר, באַבעס! איר וועט גיין מיט זיי? — האָט אַ בערדיקער קאָזאַק אויסגעשריגן.

ער האָט זיך נישט דערוואַרט אויף קיין ענטפער.

— צענעמט די ביקסן און — געגאַנגען זאָל ווערן! — האָט לאַגוטין אָנגעשלאָסן אַ זאָג געטון.

די קאזאקן האבן צעכאפט די ביקסן און זיך אויסגעשטעלט.

— די קוילנוואַרפערס מיטנעמען? — האט א קאזאק פון דער מאשינגעווער־אפטיילונג געפרעגט דעם שווארץ־וואנסיקן באטראס.

— מיטנעמען. די קאדעטן זיי נישט איבערלאזן.

פארן אוועקגיין פון די קאזאקן האבן אין פולן קאמפלעט זיך באוויזן די סאטניע־אפיצירן. זיי זענען געשטאנען אין אן ענגער גרופע, נישט אראפנעמענדיק די אויגן פון די ים־ליכט. די סאטניעס האבן זיך אויסגעשטעלט און געריירט. פאראויס די אפטיילונג פון מאשינגעווער. די רעדלעך האבן לייכט אונטער׳עסקריפעט, געקלאפט איבער די נאסע שטיינער. דער מאטראס אין ברעזענטענעם מאנטל איז געגאנגען צוזאמען מיט דער פעדי׳ושטער אפטיילונג פון דער ערשטער סאטניע. דער הויכער בלאנדער קאזאק פון דער פיעדאסיעווער סטאניצע האט אים געהאלטן ביים ארבל און מיט א שולדיק־געריירטן מאן גערעדט:

— ליבינקער מיינער, צי וועלן מיר גיין קעגן פאלק? מיר זענען דאך דא צוליב נארישקייט ארייננעפאלן, און ווען מיר וואלטן געוואוסט, וואלטן מיר דען געקומען? — און ער האט שטארק געטרייסלט מיטן באטשופרינטן קאפ. — גלייב, אז מיר וואלטן נישט געגאנגען! בנאמנות, נישט געגאנגען!

די פערטע סאטניע איז געגאנגען די לעצטע. ביים טויער, וואו דער גאנצער פרויען־באטאליאן איז געדיכט פארזאמלט געווען, — איז פארגעקומען א פארהאלטונג. א פעסטער קאזאק, וואס איז ארויף אויף די קלעצער, האט דראענדיק און בארציגנד געטרייסלט מיטן באנאגלטן שווארצן פינגער:

— איר, שיסערינס, הערט מיך אויס! מיר גייען אצינד אוועק און איר בלייבט דא צוליב אייער ווייבערישער נארישקייט. געדענקט־זשע, איר זאלט נישט אפטון קיין נארישקייט! אויב איר וועט אונז אנהייבן שיסן אין רוקן, — וועלן מיר זיך אומקערן און אייך אויף קרעפל־כלייש צעהאקן. איר האט מיך פארשטאנען? נו, איז גוט! זייט־זשע דערווייל געזעגנט.

ער איז אראפגעשפרונגען פון די קלעצער, איילנדיק דער־

יאָגט י אַוועקגעגאַנגענע, פון צייט-צו-צייט זיך אומקוקנדיק צוריק.

י' קאָזאַקן גייען צו כמעט ביזן מיטן פלאַץ. אומקוקנדיק זיך, זאָגט איינער אויפגערעגט:

-- זעט, חברה! אַן אָפיציר לויפט אונז נאָך!

אַ סך דרייען, גייענדיק, ויס די קעפּ און קוקן. זיך צו-האַלטנדיק די שווערד, לויפט איבערן פלאַץ אַ הויכער אָפיציר.

ר פאָכעט מיט דער האַנט.

דאָס איז — אַטאַרשטשיקאָוו, פון דער דריטער סאָטניע.

— וועלכער?

— דער הויכער, מיטן ווערצעלע אויפן אויג.

— ער האָט זיך באַטראַכט מיטצוגיין מיט אונז.

— ער איז אַ טייערער חברהמאַן.

אַטאַרשטשיקאָוו דעריאָגט איילנדיק די סאָטניע, מען זעט פונ-ווי , ווי אויף זיין פנים ציטערט אַ שמייכל. די קאָזאַקן פאָכען מיט די הענט און לאַכן.

— גיכער, הער סאָטניק!

— פלינקער!

פון פאַלאַץ-טויער — אַ טרוקענער איינצלנער קלאַפּ פון אַ שאָס. אַטאַרשטשיקאָוו שטרעקט ברייט אויס די הענט, גיט זיך אַ וואַקל אַהינטער און פאַלט אויפן רוקן, באַוועגט שנעל מיט די פיס, אַרפּט זיך אויפן ברוק, פרוווט אויפשטיין. די סאָטניעס דרייען זיך אויס, ווי אויף קאָמענדע, מיטן פנים צום טויער. די באַדי..ג קניט ביים מאַשינגעווער. אַ געשאַרך פון די טאַשמעס. אָבער ביים פאַלאַץ-טויער הינטער די קלעצער זעט מען שוין נישט קיין ..עבעדיק נפש. די שטורמעריניס און אָפיצירן, וואָס זענען מיט אַ מי..ט צוריק דאָרט פאַרזאַמלט געווען, האָט דער שאָס ווי אָפּ-געלעקט. די סאָטניעס שטעלן ווידער זיך איילנדיק אויס, גייען שוין מיט אַ שנעלערן טריט. צוויי קאָזאַקן פון דער לעצטער אָפּטיי-לונג קערן זיך אום פון אָרט, וואו אַטאַרשטשיקאָוו איז געפאַלן. הויך, אַז די גאַנצע סאָטניע זאָל הערן, שרייט איינער:

— עס האָט אים אַ ביס געטון אונטערן לינקן אַקסל־ביין. ער איז פאַרטיק!

דאָס ריטמישע טרעטן קלינגט הויך און דייטלעך. דער מאַטראָס אין ברעזענטענעם מאַנטל קאָמאַנדעוועט:

— מיט לינקן אַקסל פאָרויס... אַרש!...

די סאָטניעס האָבן שלענגלענדיק זיך פאַרנומען לינקס. מיט שטילשווייגן האָט זיי באַגלייט דער פאַרשוויגענער געהאָרבעטער פאַלאַץ.

XX

עס איז געווען אַ וואַרעמער האַרבסט. פון צייט־צו־צייט זענען געפאַלן רעגנס. איבער ביכאָווע האָט זעלטן זיך געוויזן די אַנעמישע זון. אין אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַוועקפליען פון די ווילדע פייגל. אַפילו אין די נעכט האָט געקלונגען איבער דער קילער שוואַרצער ערד דאָס טרויעריק־אומרויִקע רופן פון די בושעלס. די פייגל האָבן זיך געאיילט, אַנטלויפנדיק פאַר די נאָענטע פרעסטלעך און קאַלטע צפון־ווינטן, וואָס בושעווען אינדערהייך.

די ביכאָווער אַרעסטאַנטן, פאַרמישטע אין קאָרנילאָווס ענין, האָבן געוואַרט שוין אַנדערהאַלבן חדשים אויף זייער משפט. אין משך פון דער צייט האָט זייער לעבן אין טורמע זיך ביסלעכווייז נאָרמאַליזירט און אָנגענומען, אויב נישט אינגאַנצן רעגולערע, איז אַלנפאַלס אייגנאַרטיקע, פעסט־אייגעשטעלטע פאָרמע. אינדערפרי נאָכן פרישטיק זענען די גענעראַלן געגאַנגען אויף שפּאַציר; אומקערנדיק זיך, האָבן זיי דערהאַלטן די פּאָסט, אויפגענומען די קרובים און באַקאַנטע, וואָס האָבן זיי באַזוכט, געגעסן מיטאָג, נאָך אַ שעה פון ליידיק גיין, געאַרבעט יעדער באַזונדער אין זיין צימער, אין די אָוונטן געווייינטלעך זיך פאַרזאַמלט ביי קאָרנילאָוון, לאַנגע שעהן געשמועסט און זיך באַראַטן.

אין דער פּרויען־גימנאַזיע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טורמע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געלעבט נישט אין קאָמפאָרט.

די אויסערלעכע וואַך האָבן געהאַלטן די סאָלדאַטן פון געאָרגי־באַטאַליאָן, די אינערלעכע — די טעקינצעס. אָבער דידאָזיקע וואַך, הגם זי האָט ביז אַ געוויסער מדרגה באַגרענעצט די פרייהייט פון די אַרעסטירטע, האָט אָבער דערפאַר געהאַט איין וויכטיקע מעלה: זי איז געווען איינגעשטעלט אַזוי, אַז די אַרעסטירטע האָבן צו יעדער צייט געקאָנט, אויב זיי וואָלטן נאָר געוואָלט, לייכט און זיכער אַנטלויפן. די גאַנצע צייט פון זייער פאַרבלייבן אין דער ביכאָווער טורמע, האָבן זיי אָן שטערונג זיך קאָמוניקירט מיט דער אויסערלעכער וועלט, אויסגעאיבט אַ דרוק אויף דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכקייט, פאָדערנדיק צוצואיילן די אויספאָרשונג און דעם משפּט, פאַרריבן די שפּורן פון בונט, אויסגעשנאַפּט די שטימונג פון אָפיצירנטום און אין ערגסטן פאַל זיך געגרייט צו אַנטלויפן.

קאָרנילאָוו האָט געזאָרגט וועגן דערהאַלטן לעבן זיך די איטרייע טעקינצעס, האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט קאַלעדינען, און יענער האָט אויף זיין פאַרלאַנג איילִיק אַוועקגעשיקט קיין טורקעסטאַן פאַר די הונגערנדע משפּחות פון די טעקינצעס עטלעכע וואַגאָנעס תּבֿואה. נאָך הילף פאַר די משפּחות פון די אָפיצירן — וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָרנילאָווס אַרויסטריט — האָט קאָרנילאָוו זיך געווענדט מיט אַ בריוו פון אַ גאַנץ שאַרפן אינהאַלט צו די גרויסע באַנקירן פון מאָסקווע און פעטראָגראַד; יענע האָבן נישט פאַרזוימט אַרויסצושיקן עטלעכע צענדליק טויזנט רובל, מורא האָבנדיק פאַר נישט באַקוועמע פאַר זיי רעוועלאַציעס. מיט קאַלעדינען האָט קאָרנילאָוו נישט איבערגעריסן זיין קאָרעספּאָנדענץ אַזש ביז נאָוועמבער. אין אַן אויספירלעכן בריוו, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו קאַלעדינען אין מיטן אָקטאָבער, האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן דער לאַגע ביים דאָן און וועגן

דעם, װי אַזױ די קאָזאַקן באַציִען זיך צו זײַן קומען אַהין. קאַלע־דין האָט געשיקט אַ פּאָזיטיװן ענטפער...

די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט צעװיגט דעם באָדן אונ־טער די פיס פון די ביכאָװער אַרעסטירטע. באַלד צומאָרגנס זענען אין אַלע זײַטן אַרײַן אַװעקגעשיקט געװאָרן קוריערן, און שױן אין אַ װאָך אַרום האָט װי אַן עכאָ פון עמעצנס אומרו פאַרן גורל פון די אַרעסטירטע אָפּגעקלונגען קאַלעדינס בריװ, אַדרעסירט צום העכסטן הױפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַל דוכאָנין, אין װעלכן ער האָט שטאַרק געבעטן צו באַפרײַען קאָרנילאָװן און די איבעריקע אַרעס־טירטע אױף קױציע. מיט דער זעלבער ביטע האָבן זיך געװענדט אין דער הױפּט־קװאַרטיר דער פאַרבאַנד־ראַט פון די קאָזאַקן־חיילות און דער הױפּט־קאָמיטעט פון אָפיצירן־פאַרבאַנד פון דער אַרמײ און פלאָט. דוכאָנין האָט אָפּגעשלעפּט.

דעם ערשטן נאָװעמבער האָט קאָרנילאָװ אים אַװעקגעשיקט אַ בריװ. דוכאָנינס באַמערקונגען אױף די מאַרגינעזן פון בריװ — זענען אַ קלאָרער באַװײַז פון דעם, װי מאַכטלאָז עס איז געװען די הױפּט־קװאַרטיר, װאָס האָט צו יענער צײַט פאַקטיש שױן גע־האָט פאַרלױרן יעדע מאַכט איבער דער אַרמײ און צוגעלעבט אין פּראָסטראַציע* אירע לעצטע טעג.

גערערטער הער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעװיטש!

דער גורל האָט אײַך געשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז פון אײַך איז אָפּהענגיק דאָס ענדערן דעם גאַנג פון די געשעענישן, װאָס האָבן אָנגענומען אַ פאַרניכטנדיקע װענדונג פאַרן לאַנד, דער עיקר אַ דאַנק דער אומאַנטשלאָסנקײט און ריקזיכט פון דער העכסטער אָנפירונג. פאַר אײַך קומט אָן אַ מינוט, װען אַ מענטש דאַרף אָדער ריזיקירן, אָדער אַװעקגײן, אַנדערש װעט פאַלן אױף אײַך די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַרן אומ־

* פּראָסטראַציע — פולשטענדיקער מאַנגל אין פיזישן כּוח.

קום פון לאַנד און חרפה פאַרן פולשטענדיקן פונאַנדער־פאַל פון דער אַרמיי.

לויט די נישט אויספירלעכע, אָפּגעריסענע ידיעות, וואָס דערטראָגן זיך צו מיר, איז די לאַגע אַ שווערע, דאָך נישט אומאויסגעגלעכע. אָבער זי וועט אַזעלכע ווערן, אויב איר וועט דערלאָזן, אַז די הויפּט־קוואַרטיר זאָל פאַרכאַפּט ווערן דורך די באָלשעוויקעס, אָדער איר וועט פרייוויליק אָנער־קענען זייער מאַכט.

דער געאָרגי־באַטאַליאָן, האַלב דעמאָראַליזירט דורך פּראָ־פּאַגאַנדע, און דאָס שוואַכע פּולק טעקינצעס, וואָס איר האָט צו אייער דיספּאָזיציע, זענען ווייט נישט גענוגנד.

פאָרזעענדיק דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די געשעענישן, מיין איך, אַז פאַר אייך איז נייטיק שוין אָנצונעמען אַזעל־כע מיטלען, וואָס זאָלן פעסט פאַרזיכערן די הויפּט־קוואַר־טיר און שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אָרגאַניזאַ־ציע פון ווייטערדיקן קאַמף מיט דער אַנאַרכיע, וואָס דער־נענטערט זיך.

אַלס אַזעלכע מיטלען האַלט איך:

1. תיכף ומיד איבערצופירן קיין מאָהילעוו איינס פון די טשעכישע פולקן און דאָס פּוילישע אולאַנער־פּולק.

ד ו כ אָ נ י נ ס ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: די הויפּט־קוואַרטיר האַלט זיי נישט פאַר אינגאַנצן זיכער: דידאָזיקע טיילן זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשלאָסן וואָפן־שטילשטאַנד מיט די באָלשעוו קעס.

2. פאַרנעמען אָרשע, סמאָלענסק, זשלאָבינע און האָמעל דורך די טיילן פון פּוילישן קאָרפּוס, וואָס זייַנע דיוויזיעס זאָלן פאַרשטאַרקט ווערן מיט דער אַרטילעריע פון די קאָ־זאַקישע פראָנט־באַטאַרייעס.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: כדי צו פאַרנעמען אָרשע און סמאָ־לענסק זענען קאָנצענטרירט געוואָרן די צווייטע קובאַנער די־

וויזיע און די בריגאַדע פון די אַסטראַכאַנער קאָזאַקן. דאָס פּולק פון דער ערשטער פּוילישער דיוויזיע איז נישט געוואונטשן צוצונעמען פון ביכאָווע צוליב דער זיכערקייט פון די אַרעסטירטע. די טיילן פון דער ערשטער דיוויזיע האָבן שוואַכע קאַדרען און שטעלן דעריבער נישט פאָר מיט זיך קיין רעאַלע קראַפט. דער קאָרפּוס האַלט זיך ביים פעסטן באַשלוס נישט צו מישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון רוסלאַנד.

3. קאָנצענטרירן אויף דער ליניע אָרשע–מאָהילעוו–זשלאָבין אַלע טיילן פון טשעכיש-סלאָוואַקישן קאָרפּוס, קאָרנילאָווער פּולק, מיטן אויסרייד אַריבערצופירן זיי אויף פּעטראָגראַד און מאָסקווע און אַ צוויי קאָזאַקן-דיוויזיעס פון דער צאָל מער זיכערע.

באַמערקונג: די קאָזאַקן האָבן אָנגענומען דעם אומפאַרציילעכן באַשלוס נישט צו שלאָגן זיך מיט די באָלשעוויקעס.

4. קאָנצענטרירן אין זעלבן ראַיאָן אַלע ענגלישע און בעלגישע געפּאַנצערטע אויטאָס און פאַרטרעטן זייער באַדינונג אויסשליסלעך מיט אָפיצירן.

5. קאָנצענטרירן אין מאָהילעוו און אין איינעם פון די נאָענטסטע פּונקטן, אונטער אַ זיכערער וואַך, דעם רעזערוו פון ביקסן, קוילן, קוילנוואַרפערס, אויטאָמאַטישע ביקסן און האַנט-גראַנאַטן צום פונאַנדערטיילן זיי צווישן די אָפיצירן און פרייוויליקע, וואָס וועלן אומבאַדינגט זיך פאַרזאַמלען אין אָנגעוויזענעם ראַיאָן.

באַמערקונג: דאָס קאָן אַרויסרופן עקסצעסן.

6. איינשטעלן אַ פעסטע פאַרבינדונג און גרינטלעכע איינשטימיקייט מיט די אַטאַמאַנען פון די דאָנער, טערער און קובאַנער חיילות און מיט די פּוילישע און טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמיטעטן. די קאָזאַקן האָבן זיך קלאָר אַרויסגעזאָגט פאַרן שאַפן אָרדענונג אין לאַנד. פאַר די פּאָליאַקן און

טשעכן איז די פראַגע פון שאַפן אָרדענונג אין רוסלאַנד — אַ פראַגע פון זייער אייגענער עקזיסטענץ.

מיט יעדן טאָג זענען די ידיעות געוואָרן אַלץ בהלהדיקער. אין ביכאָווע איז דער אומרו געוואַקסן. צווישן מאָהילעוו און בי־כאָווע האָבן כסדר קורסירט די אויטאָמאָבילן פון קאָרנילאָווס פראָ־טעקטאָרן, וואָס האָבן געפאָדערט ביי דוכאָנינען צו באַפרייען די אַרעסטירטע. דער קאָזאַקן־ראַט האָט זיך אפילו באַנוצט מיט גע־היימע דראָונגען.

דוכאָנין האָט זיך געפילט דערדריקט אונטער דער לאַסט פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט. ער האָט ערשט אַצינד קלאָר תופס געווען די גרויסע אחריות, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען מיטן אָננעמען די העכסטע אָנ־פירערשאַפט, — און זיך געוואַקלט. דעם 18־טן נאָוועמבער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג איבערצופירן די אַרעסטירטע אויפן דאָן, אָבער גלייך דיזאָזיקע פאַראָרדענונג געענדערט.

צומאָרגנס אינדערפרי איז צום פראָנט פון דער ביכאָווער תפיסה־גימנאַזיע צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז שטאַרק באַ־שפריצט געווען מיט בלאָטע. דער שאָפער האָט מיט הכנעהדיקער פאָרזיכטיקייט געעפנט דאָס טירל און פון אויטאָמאָביל איז אַרויס־געגאַנגען אַ נישט יונגער, שיין־געבויטער אָפיציר. ער האָט באַ־לייגט דעם וואַך־אָפיציר דאָקומענטן אויפן נאָמען פון גענעראַל־שטאַב־פּאָלקאָווניק קוסאָנסקי.

— איך בין פון דער הויפּט־קוואַרטיר. איך האָב אַ פּערזענ־לעכע פאַראָרדענונג צום גענעראַל קאָרנילאָוו. וואו קאָן איך זען דעם קאָמענדאַנט?

דער קאָמענדאַנט — פּאָדפּאָלקאָווניק פון טעקינער פּאָלק, ער־גאַרד — האָט גלייך צוגעפירט דעם געקומענעם צו קאָרנילאָוון. קוסאָנסקי האָט זיך פאָרגעשטעלט, און מיט באַטאָנונג און לייכט־באַמערקטער אַפעקטאַציע ראַפּאָרטירט:

— אין פיר שעה אַרום קומט קרילענקאָ קיין מאָהילעוו, וואָס

ווערט אָפּגעגעבן דורך דער הויפּט-קוואַרטיר אָן אַ שלאַכט. דער גענעראַל דוכאָנין האָט באַפוילן אייך איבערצוגעבן, אַז אַלע אַרעס-טירטע מוזן גלייך פאַרלאָזן ביכאָוו.

אויספרעגנדיק קוסאָנסקין וועגן דער לאַגע אין מאָהילעוו, האָט קאָרנילאָוו באַפוילן אַריינצורופן דעם פּאָדפּאָלקאָווניק עדגאַרד. זיך אָנשפּאַרנדיק מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט אָן בּרעג טיש, האָט ער געזאָגט:

— באַפרייט גלייך די גענעראַלן. זאָלן די טעקינצעס זיך צו-גרייטן צום אַרויסמאַרשירן צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. איך פאָר מיטן פּאָלק.

דעם גאַנצן טאָג האָבן אין דער מיליטערישער שמידעריי גע-סאָפּעט די בלאָז-זעק, די צעגליטע קוילן האָבן רויט געלויכטן, די האַמערס האָבן געקלונגען, די פערד ביי די געשטעלן האָבן בייז געהירזשעט. די טעקינצעס האָבן געקאָוועט די פערד, פאַרראַכטן די געשפּאַנען, געריייניקט די ביקסן, זיך געגרייט.

בייטאָג האָבן די גענעראַלן איינציקווייז פאַרלאָזט דאָס אָרט פון זייער אַרעסט, און אין דער טיפער טויבער נאַכט, ווען דאָס קליינע פּראָווינץ-שטעטל איז מיט פאַרלאָשענע פייערן פאַרזונקען געווען אין שלאָף, האָבן פון הויף פון דער ביכאָווער גימנאַזיע צו דריי אין אַ רייע אָנגעהויבן אַרויסרייטן רייטער. זייערע קראָ-שוואַרצע סילועטן האָבן רעליעף, ווי אויסגעקלעפּטע, זיך געוויגט אויפן פאָן פון שטאָלערנעם הימל. די רייטער, מיט אַראָפּגע-רוקטע הויכע פּאַפּאַכעס, זענען ענלעך געווען צו באַטשופּרינטע שוואַרצע פייגל. זיי האָבן פרירנדיק זיך געהאָרבעט אויף די זאָט-לען, געהילט די בוימלדיק-טונקעלע פּנימער אין די באַשליקן. אינ-מיטן פון דער פּאָלק-קאָלאָנע, לעבן פּאָלק-קאָמאַנדיר, פּאָלקאָווניק קוגלעכען, אויף אַ הויך דאַר פערד, האָט אַ געהאָרבעטער זיך גע-וויגט קאָרנילאָוו. ער האָט זיך געקרומט פון קאַלטן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן איבער די ביכאָווער געסלעך, געזשמורעט די שמאָ-לע אויגן-שפּאַלטן אויפן פּראָסטיקן אויסגעשטערנטן הימל.

דאָס וואָרקענדיקע טופּעריי פון די פריש-געקאָוועטע פער-

דישע פּאַדקאָוועס האָט אָפּגעקלונגען איבער די גאַסן, ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט און פאַרטייבט געוואָרן ערגעץ אין עק.

XXI

דאָס פּולק האָט אָפּגעטרעטן שוין דעם צווייטן מעת־לעת. פּאַמעלעך, מיט שלאַכטן, אָבער אָפּגעטרעטן. איבער די געבערגלטע פעלד־וועגן האָבן זיך געצויגן די טאַבאָרן פון דער רוסישער און רומענישער אַרמיי. די פאַרייניקטע דייטש־עסטרייכישע אָפּטיילונגען האָבן אַרומגענומען די אָפּטרעטנדיקע מיט טיפע פלאַנגען, באַמיענדיק זיך זיי איינצושליסן אין אַ רינג.

פאַרנאַכט־צו איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דעם *12*־טן פּולק און די אים שכנותדיקע רומענישע בריגאַדע דראָט אַרומגערינגלט צו ווערן. דער קעגנער האָט מיטן זון־פאַרגאַנג אַרויסגעשלאָגן די רומענער פון דאָרף כאָווינסק און זיך שוין צוגערוקט צו די הייכן „*480*“, וואָס גרענעצן זיך מיטן גאָלשינער באַרג־שפּיץ.

ביינאַכט האָט דאָס *12*־טע פּולק, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ באַטאַרייע פון קאַוואַלערישן באַרג־דיוויזיאָן, באַקומען אַ באַפעל צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין גאָלשינער טאָל. דאָס פּולק האָט אַרויסגעשטעלט וואַכן און זיך גענומען גרייטן צו דער באַגעגנטער שלאַכט.

די נאַכט איז מישקאַ קאָשעוואָי געווען אויף אונטערהערונג מיטן איינוואוינער פון זיין כוטאָר אַלעקסעי בישניאַקן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַן אָפּצוימונג פאַר שעפּסן לעבן אַ פאַרלאָזטן חרובן ברונעם. די לופט איז געווען אַ שניידיק־פראָסטיקע. איבערן צויטיק־וואָלקנדיקן הימל איז פון צייט־צו־צייט דורכגעפלויגן אַ פאַרשפּעטיקטע טשאַטע ווילדע גענז, וואָס האָבן מיט וואַכזאַמע געשרייען אָנגעצייכנט זייער ריכטונג. קאָשעוואָי האָט מיט פאַרדרוס זיך דערמאַנט, אַז מען טאָר נישט רייכערן און שטיל געמורמלט:

— אַ וואונדערלעך לעבן, אַלעקסעי !... די מענטשן גייען אַרום, טאַפּנדיק ווי בלינדע, גייען זיך צונויף און צעגייען זיך, טיילמאָל טרעטן זיי איינער דעם אַנדערן, מען לעבט דאָ אַזוי מיטן טויט אונטערן אָרעם און עס ווערט מאָדנע נאָכוואָס מען דאַרף דאָס אינגאַנצן ? לויט מיין מיינונג איז גאָרנישטאָ קיין שרעקלעכערס פון דעם, וואָס דער מענטש טראָגט אין זיך, וועסט עס מיט קיין זאַך נישט אויפקלערן... אָט ליג איך אַצינד לעבן דיר און ווייס נישט פון וואָס דו טראַכסט, און וועל דאָס שוין קיינמאָל נישט וויסן, און וואָס פאַר אַ לעבן דו האָסט פריער געהאַט — ווייס איך נישט, און דו ווייסט וועגן מיר אויך נישט... אפשר וויל איך דיך אַצינד דערהרגענען, און דו גיסט מיר גאָר אַ סוכאַרע, גאָרנישט חושד זייענדיק... די מענטשן ווייסן וועגן זיך ווייניק. איך בין געווען זומער אין שפּיטאָל, לעבן מיר איז געלעגן אַ סאָלדאַט, אַ געבוירענער פון מאָסקווע. האָט ער זיך אויף אַלץ געוואונדערט, אויסגעפרעגט ווי אַזוי די קאָזאַקן לעבן, וואָס און ווען. זיי מיינען — אַז דער קאָזאַק האָט נישט מער ווי די נאַהייקע, מיינען — ער איז אַ ווילדער, דער קאָזאַק, און אַנשטאָט אַ נשמה האָט ער אין זיך עפּעס אַ פלאַש אַזעלכע, און מיר זענען דאָך די זעלבע מענטשן : אי פרויען האָבן מיר פּונקט אַזוי ליב, אי מיידלעך צערטלען מיר, וויינען אויף אייגענעם אומגליק, פרייען זיך נישט פון פרעמדער פרייד... ווי אַזוי ביסטו, אַליאָשקאַ ? איך, ברידערקע, בין געוואָרן גיריק אויפן לעבן, — אַז איך דערמאָן מיך, וויפיל שיינע פרויען עס איז דאָ אויף דער וועלט, ווערט אַזש דאָס האַרץ אין מיר פאַרקלעמט ! איך טראַכט, אַז איך וועל אפילו אין משך פון גאַנצן לעבן נישט באַווייזן זיך צו ליבן מיט זיי אַלע, — און עס גלוסט זיך מיר אַזש שרייען פון קרענקונג ! אַזוי צאַרט בין איך געוואָרן צו פרויען, אַז איך וואָלט איטלעכע ביז ווייטיק ליב געהאַט, מיט איטלעכער זיך אָפּגעגעבן, אַבי זי וואָלט נאָר שיין געווען... און דאָ איז דאָס לעבן אַזוי נאַריש איינגעאָרדנט געוואָרן : מען רוקט דיר אַריין איינע אויפן גאַנצן לעבן — און טראָג דיך אַרום מיט איר... צו ווערט דאָס נישט

צוגעגעסן? דערצו האָבן זיי נאָך מלחמה אויסגעטראַכט...

— מען האָט דיר נאָך ווייניק איבערן רוקן דערלאַנגט, דו בוהיי אומגעלומפּערטער! — האָט ביעשניאַק גוטמוטיק אים אַ זידל געטון.

קאָשעוואָי האָט זיך איבערגעדרייט אויפן רוקן, געשוויגן, לאַנג געקוקט אין דער הויכער לערקייט און טרוימעריש שמייכלענדיק, אויפגערעגט צאַרט געגלעט מיט די הענט די קילע, אומצוטריטלעך-גלייכגילטיקע ערד.

אַ שעה פאַרן טוישן זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן. ביעשניאַק, וואָס האָט נאָך באַוויזן אויסצושיסן, האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אויסגעבויגן, קריצנדיק מיט די ציין, ווי זיך פאַרנייגנדיק פאַרן שטאַרבן. אַ דייטשישער ברייטער באַגנעט האָט אים צעשניטן דאָס אינגעווייד, אויפגעטרענט דעם פּענכער און שטייף אַ ציטער געטון, זיך אַריינשטעכנדיק אין דער חוט-השדרה. קאָשעוואָיען האָט מען אומגעוואָרפן מיט אַ קלאַפּ פון אַ קאָלבע. קעגן אַ האַלבער וויאָרסט האָט אים געטראָגן אויף זיך אַ פעסטגעבויטער לאַנדשטורמער. מישקאַ האָט אויפגעוואַכט, דערפילט, אַז ער פאַרכליניעט זיך מיט בלוט, אָפּגעזיפצט און, זיך אָננעמענדיק מיט כוח, אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג זיך אַראָפּגעריסן פון דייטשס רוקן. מען האָט אַ קלאַפּ געטון איבער אים מיט אַ זאַלפּ, אָבער די נאַכט און די קוסטעס האָבן אים מציל געווען. — ער איז אַנטלאָפן.

נאָכדעם ווי דאָס אָפּטרעטן האָט זיך פאַרענדיקט און די רוסיש-רומענישע אָפּטיילונגען זענען אַרויס פון זאַק, איז דאָס צוועלפטע פולק אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער פּאָזיציע, איבערגעפירט געוואָרן אין רוקן, לינקער פון זיין אָפּשניט אויף עטלעכע וויאָרסט. עס איז איבערגעלייגט געוואָרן אַ באַפעל פאַרן פולק צו פירן אַ דינסט פון אָפּצוימונג, אַרויסשטעלן וואַכן אויף די וועגן, אַכטונג געבן, אַז קיין דעזערטערן זאָלן נישט אַוועקגיין אין רוקן, פאַרהאַלטן זיי, נישט זשעלענדיק זיך צו באַנוצן געווער, און אונטער אַ וואַך אָפּפירן אין דיוויזיע-שטאַב.

מישקאַ קאָשעוואָי איז איינער פון די ערשטע באַשטימט גע־וואָרן צו גיין אויף וואַך. ער און נאָך דריי קאָזאַקן זענען אינ־דערפרי אַרויסגעגאַנגען פון דערפל און, לויט דער אָנווייזונג פון וואַכמייסטער, זיך אַוועקגעלייגט אין עק פון אַ קוקורוזע־פעלד, נישט ווייט פון וועג. דער וועג, אויסמיידנדיק אַ וועלדל, איז פאַרפאַלן געוואָרן איבערן געבערגלטן פלאַכלאַנד, וואָס איז געשטרייפט גע־ווען פון תבואה־בייטן. די קאָזאַקן האָבן אָבסערווירט איינציקווייז. נאָך מיטאָג האָבן זיי באַמערקט אַ גרופּע סאָלדאַטן פון אַ מאַן צען, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין דער ריכטונג צו זיי. די סאָלדאַטן זענען געגאַנגען מיט דער בולטער כוונה אויסצומיידן דאָס דערפל, וואָס האָט זיך געזען צופוסנס פון באַרג. צוקומענדיק צום וועלדל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, פאַררייכערט, אפנים זיך באַראַטן, דער־נאָך גענומען גיין אין אַ געענדערטער ריכטונג, האַסטיק זיך אָנ־דרייענדיק לינקס.

— אַ רוף טון זיי? — האָט קאָשעוואָי געפרעגט ביי די אי־בעריקע, זיך אונטערהייבנדיק פון צווישן די געדיכטע קוקוריזע־שטראַנגען.

— שיסט אויס אינדערהייך.

— העי, איר, שטייט נאָר!

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען פון די קאָזאַקן אויף אַ מהלך פון עטלעכע צענדליק קלאַפטער, דערהערנדיק דאָס שרייען, האָבן אויף אַ מינוט זיך פאַרהאַלטן און ווידער ווי אומגערן זיך געלאָזט גיין ווייטער.

— שטיי! — האָט איינער פון די קאָזאַקן אויסגעשריגן, אויסשיסנדיק איינמאָל נאָכן צווייטן אַ גאַנצן קוילן־מאַגאַזין.

מיט די ביקסן אין די הענט האָבן די קאָזאַקן דעריאָגט די פאַמעלעך־שפּרייזנדיקע סאָלדאַטן.

— פאַרוואָס, צום טייוול, שטייט איר נישט? פון וועלכער אָפּטיילונג? וואוהין גייט איר? דאָקומענטן! — האָט דער אוריאַד־ניק קאָליטשעוו, דער אָנפירער פון דער וואַך, צולויפנדיק אויסגע־שריגן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דריי האָבן איילִיק אַראָפּגענומען די ביקסן. דער הינטערשטער האָט זיך אָנגעבויגן, מיט אַ שטיקל טעלעפאָן־דראָט אַרומגעבונדן די אָפּגעריסענע פּאָדעשווע פון שטיוול. זיי אַלע זענען געווען שרעקלעך אָפּגעריסן, שמוציק. די פּאָלעס פון די שינעלן זענען געווען אָנגעשטאָכן מיט ברוינע הערעלעך פון שטעכעלקעס, — זיי זענען אַפּנים געלעגן די לעצטע נאַכט אין וואַלד, אין געדיכטעניש. צוויי זענען געווען אָנגעטון אין זומערדיקע היטלען, די איבעריקע — אין שמוציק־גרויע שעפּסענע פּאַפּאַכעס, מיט אָפּגעקנעפּלטע לאַפּן און נאָכהענגענדיקע בענדלעך. דער לעצטער, — קענטיק דער פירער, — אַ הויכער און זקניש־געהאָרבעטער האָט, ציטערנדיק מיט די דאַרע באַקנביינער, גענומען שרייען מיט אַ בייז קול אונטער דער נאָז:

— וואָס דאַרפט איר? מיר טשעפּען אייך? וואָס זענט איר צוגעשטאַנען?

— דאָקומענטן! — האָט אים דער אוריאַדניק איבערגעשלאָגן, אָננעמענדיק אַ שטרענגן טאָן.

דער בלוי־אויגיקער סאָלדאַט, אַ רויטער, ווי פריש־אויסגעברענטער ציגל, האָט אַפּערגענומען פון הינטערן פּאַסעק אַ גראַנאַט אין דער פאָרם פון אַ פלעשל; פאָכענדיק מיט אים פאַר דער נאָז פון אוריאַדניק און אומקוקנדיק זיך אויף די חברים, האָט ער גענומען שנעל רעדן מיט אַ יאַראָסלאַווער אויסשפּראַך:

— אָט האָסטו דיר, קליינער, אַ דאָקומענט! אָט! דאָס איז פאַר דיר אַ דאָקומענט אויף אַ גאַנץ יאָר! היט דיך, וואָרים אַז איך וועל אַ זעץ טון — וועסטו פאַרגעסן וואו די געדערים אָפּצוזוכן. פאַרשטאַנען? פאַרשטאַנען, צי ניין? פאַרשטאַנען?...

— דו באַלעווע נישט! — האָט דער אוריאַדניק זיך געכמורעט, שטופּנדיק אים מיט דער פויסט אין דער ברוסט אַריין. — באַלעווע נישט און שרעק אונז נישט, וואָרים מיר זענען שוין איבערגעשראָקענע. און אויב איר זענט דעזערטערן, — איז מאַרש אין שטאַב אַריין. דאָרט גיט מען זיך שוין מיט אַזעלכע חברהלייט אַן עצה.

זיך דורכבליקנדיק, האָבן די סאָלדאַטן אַראָפּגענומען די ביקסן.

איינער פֿון זיי, אַ שוואַרץ-וואָנסיקער און שטאַרק אויסגעמאַטערטער, לויטן אויסזען אַ גרובן-אַרבעטער, האָט אַ שעפּטשע געטון, איבערפֿירנדיק די צעמישטע אויגן פֿון קאָשעוואָיען אויף די איבעריקע קאָזאַקן:

— מיר וועלן אייך אַ נעם טון אויף די באַגנעטן!... אָפּגערוקט זיך! געגאַנגען זאָל ווערן! בנאמנות, כ׳וועל באַלד איינעם אַ קויל אַריינהאַקן!...

דער בלוי-אויגיקער סאָלדאַט האָט געדרייט איבערן קאָפּ מיטן גראַנאַט; דער הויכער געהאָרבעטער, וואָס איז געגאַנגען פֿאָרויס, האָט פֿאַרטשעפּעט מיטן פֿאַרזשאַווערטן שפּיץ פֿון באַגנעט דאָס געוואַנט פֿון אוריאַדניקס שינעל; דער ענלעכער צו אַ גרובן-אַרבעטער האָט געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין, זיך פֿאַרמאָסטן אויף מישקאַ קאָשעוואָי מיט דער קאָלבע, און ביי יענעם האָבן די פֿינגער געציטערט אויפֿן צינגל; און די ביקס, וואָס איז צוגעדריקט געווען צו דער זייט דורכן עלנבויגן, האָט זיך געטרייסלט; איינער פֿון די קאָזאַקן האָט אָנגעכאַפּט אַ נישט גרויס סאָלדאַטל ביים קאָלנער פֿון שינעל, אים געפֿירט אַזוי אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט און שרעקעוודיק געקוקט אויף די איבעריקע, מורא האָבנדיק פֿאַר אַ קלאַפּ פֿון הינטן.

עס האָבן געשאָרכט אויף די קוקורוזע-שטענגלעך די אויסגעטרוקנטע בלעטער. נאָכן בערגיקן פֿלאַכלאַנד האָבן אין פֿאַרשידענע שאַטירונגען זיך געבלויט די שפּיצן בערג. לעבן דערפֿל האָבן איבערן אָפּגעשניטענעם פֿעלד געבלאָנזשעט געלע קי. דער ווינט האָט אויפֿגעקנוילט נאָכן וועלדל דעם פּראָסטיקן שטויב. שלעפֿעריק און פֿרידלעך האָט אויסגעזען דער טונקעלער אָקטאָבער-טאָג; מיט גליקזעליקער רו און שטילקייט האָט געאָטעמט פֿון פּייזאַש, וואָס איז קאַרג באַשפּריצט געווען מיט זון. און נישט ווייט פֿון וועג האָבן אין זינלאָזן צאָרן זיך געאַמפּערט מענטשן, גרייט מיט זייער בלוט אָנצוזעטן די פֿון רעגן זאַטע פֿרוכטבאַרע פּעטע ערד.

די ליידנשאַפֿטן האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט און די

סאָלדאַטן און קאָזאַקן האָבן נאָך דער אויפרעגונג אָנגעהויבן רעדן פֿרידלעכער.

— מיר זענען ערשט מיט דריי מעת־לעת צוריק פֿון דער פּאָזיציע אַראָפּגענומען געוואָרן! מיר האָבן זיך נישט אין רוקן אַרומגעשלענדערט! און איר אַנטלויפֿט אָן חרפּה! פֿאַרלאָזט די חברים! ווער־זשע וועט דעם פֿראָנט האַלטן? עך, איר מענטשן!...
בײַ מײַן צײַט האָט מען ערשט נישט לאַנג אַ חבר דערשטאָכן — אויף אונטערהערונג געווען, און דו זאָגסט, מיר האָבן נאָך קיין פּולווער נישט געשמעקט. פּרוּוו נאָר דו אים אַזוי שמעקן, ווי מיר האָבן אים געשמעקט! — האָט קאָשעוואָי מיט רוגזה אַ זאָג געטון.

— וואָס איז דאָ צו טענהן! — האָט אים איינער פֿון די קאָזאַקן איבערגעשלאָגן: — קום אין שטאַב אַרײַן און פּטור אַן עסק!

— מאַכט פֿרײַ דעם וועג, קאָזאַקן! וואָרים גאָט איז מײַן עדות, אַז איך וועל שיסן! — האָט דער סאָלדאַט מיטן פּנים פֿון אַ גרובן־אַרבעטער פֿאַרזיכערט.

דער אוריאַדניק האָט אַ פֿאַרלוירענער אַ צענעם געטון די הענט:

— מיר קאָנען דאָס נישט טון, ברידערקע! אויב איר וועט אונדז צעשלאָגן, וועט אײַך אַלצאיינס נישט געלונגען אַנטרינען צו ווערן: דאָרט אין דערפֿל שטייט אונדזער סאָטניע...

דער הויכער געהאָרבעטער סאָלדאַט האָט דאָ געדראָעט, דאָ צוגערעדט, דאָ אָנגעהויבן הכנעהדיק בעטן, צום סוף, פֿאָרענדיק זיך, צעריסגענומען פֿון שמוציקן רוקזאַק אַ פֿלאַש, אַן איינגעפֿלאָכטענע אין שטרוי און מיט אַ חניפֿהדיק מרוגען צו קאָשעוואָיען, אָנגעהויבן שעפּטשען:

— מיר וועלן, קאָזאַקלעך, אויך אַ ביסל געלט געבן און אָט איז בראָנפֿן דײַטשישער, מיר וועלן נאָך עפּעס געפֿינען... לאָזט אונדז אָפּ, ווי גאָט איז אײַך ליב... קינדערלעך אינדערהיים, איר פֿאַרשטייט דאָך אַליין... מיר האָבן זיך אינגאַנצן אויסגע-

ברענגט, פון בענקשאַפט איינגעטרוקנט געוואָרן... ווי לאַנג איז דער שיעור ?... גאָט !... צי וועט ער אונז טאַקע נישט אָפּלאָזן ? — ער האָט איילִיק אַרויסגעצויגן פון דער כאָלעווע אַ בײַטל, אויסגעשאָקלט פון אים צוויי צעריבענע קערענקעס, עקשנותדיק זיי גענומען שטופּן קאָשעוואָיען אין דער האַנט אַריין. — נעם, נעם ! פו, גאָט מײַנער !... דו קווענקל דיך נישט... מיר וועלן זיך אַזוי אויך דורכשלאָגן !... געלט — דאָס איז גאָרנישט... מען קאָן אָן דעם אויך... נעם ! מיר וועלן נאָך צונויפקלויבן...

אָפּגעבריט פון חרפּה, איז קאָשעוואָי אַוועקגעגאַנגען פון אים, באַהאַלטנדיק די הענט הינטערן רוקן, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ. דאָס בלוט האָט אים האַסטיק אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין, אַרויסגעדריקט טרערן פון די אויגן : „איבער בעשניאַקן שלעכט געוואָרן... וואָס-זשע איז דאָס אַזוינס ?... אַליין בין איך קעגן מלחמה, און פאַרהאַלט מענטשן, — וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך ?... מאַמע געטרייע, איך האָב שוין אַזוי אויך גענוג שלעכטס אָפּגעטון ! בין איך טאַקע אַזאַ הונט געוואָרן !"

ער איז צוגעגאַנגען צום אוריאַדניק און אים אַוועקגעפירט אין אַ זייט ; נישט קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, האָט ער געזאָגט :

— לאָמיר זיי אָפּלאָזן ! ווי מיינסטו, קאָליטשעוו ? בנאמנות, לאָמיר זיי אָפּלאָזן !...

דער אוריאַדניק האָט אויך געבלאָנזשעט מיטן בליק, ווי ער וואָלט אין דעם מאָמענט אָפּגעטון עפּעס בזיונדיקס. ער האָט געזאָגט :

— זאָלן זיי גיין... וואָס וועסטו מאַכן מיט זיי ? מיר אַליין וועלן בקרוב דאָס זעלבע טון. וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן !

און אויסדרייענדיק זיך צו די סאָלדאַטן, האָט ער פאַרדראָסיק אויסגעשריגן :

— אויסוואורפן ! מ'האַנדלט מיט אייך העפלעך, ווי מיט אייגענע, און איר גייט אונז געבן געלט ? מיר האָבן ווייניק אונזער

אייגנס, צי וואָס ? — און ער האָט זיך אַנגעצונדן, — באַהאַלטס די בייטלען, וואָרים אַז ניִשט, וועל איך אייך אין שטאַב אַוועקפירן !...

די קאָזאַקן זענען אָפּגעטרעטן אין אַ זייט. קוקנדיק אויף די ווייטע פוסטע געסלעך פון דערפל, האָט קאָשעוואָי נאָכגעשריגן די אַוועקגייענדיקע סאָלדאַטן :

— העי ! קריכערס ! וואוּ־זשע פאַרנעמט איר זיך אויפן פרייען פעלד ? אָט איז אַ וועלדל, כאַפּט אייך אַריין, און ביינאַכט ווייטער ! איר וועט דאָך אויף אַ צווייטער וואָך אָנטרעפן, — זיי וועלן פאַרנעמען !

די סאָלדאַטן האָבן זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן, אַ ווײַלע שטיין געבליבן אין אומאַנטשלאָסנקייט, דערנאָך ווי וועלף, איינער הינטערן אַנדערן, אין אַ ברודיק־גרויער רייע זיך גענומען רוקן אין דער ריכטונג פון טאָל, וואָס איז געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט אָשינע.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער האָבן אָנגעהייבן זיך דערטראָגן צו די קאָזאַקן פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דער איבערקערעניש אין פעטראָגראַד. די שטאַב־אָרדינאַנסן, וואָס זענען געווינטלעך צום בעסטן אינפאָרמירט, האָבן באַשטעטיקט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און קערענסקין האָבן געכאַפּט די מאַטראָסן, אים אָפּגעשוירן, אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ ווי אַן אויסגעלאַסן מיידל און צוויי טעג אַרומגעפירט איבער די גאַסן פון פעטראָגראַד.

שפּעטער, ווען עס איז דערהאַלטן געוואָרן די אָפיציעלע ידיעה, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס, זענען די קאָזאַקן וואַכזאַם פאַרשוויגן געוואָרן. אַ סך האָבן זיך געפרייט, אין דער האָפענונג, אַז די מלחמה וועט פאַרענדיקט ווערן, אָבער אומרוּ האָבן פאַרשפרייט די טויבע אָפּגעריסענע קלאַנגען וועגן דעם, אַז דער דריטער רייטער־קאָרפּוס גייט צוזאַמען מיט קערענ־

סקין אויף פּעטראָגראַד און פון דרום רוקט זיך אָן קאַלעדין, וואָס האָט באַוויזן באַצייטנס צו קאָנצענטרירן אויפן דאָן די קאָזאַקן־פּאָלקן.

דער פראָנט איז זיך צעפאַלן. אויב די סאָלדאַטן זענען אין אָקטאָבער אַוועקגעגאַנגען אָפּגעזונדערט, אין נישט אָרגאַניזירטע גרופּעס, האָבן אין סוף נאָוועמבער פאַרלאָזט די פּאָזיציע גאַנצע ראָטעס, באַטאַליאָנען, פּאָלקן; טייל זענען אַוועקגעגאַנגען ליידיק, די גרעסטע טייל אָבער האָט מיטגענומען דאָס פאַרמעגן פון פּאָלק, מען האָט צעהאַקט סקלאַדעס, דערשאָסן אָפיצירן, געריבּט אויפן וועג און ווי אַ באַפרייטע, שטורמישע, ברייט־פונאַנדערגעגאָסענע לאַווע זיך געקייקלט אַהיים.

אין אָט דער געשאַפענער לאַגע איז געווען אַן אומזין דאָס באַשטימען פון צוועלפטן פּאָלק צו פאַרהאַלטן די דעזערטערן, און נאָכדעם, ווי עס איז צוריקגעוואָרפן געוואָרן אויף דער פּאָזיציע, בחינם זיך באַמיִענדיק צו פאַרשטופּן די לעכער און שפּאַלטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער אינפאַנטעריע, וועלכע האָט פאַרלאָזט די פּאָזיציע, — האָט דאָס פּאָלק אין דעצעמבער שוין אַליין זיך אַראָפּגענומען פון דער פּאָזיציע, אין מאַרש־אָרדענונג צוגעגאַנגען צו דער נאָענטסטער סטאַציע, פאַרלאָדנט דאָס גאַנצע פּאָלק־פאַרמעגן, די קוילנוואַרפער, די רעזערוו־קוילן, די פערד און זיך אַוועקגעלאָזט טיף קיין רוסלאַנד, וואו עס זענען כסדר פאָרגעקומען שלאַכטן.

דורך אוקראַינע האָבן זיך געצויגן די עשעלאָנען פון צוועלפטן פּאָלק צום דאָן. נישט ווייט פון זנאַמיאָנקע האָבן דאָס פּאָלק געפּרוּווט אַנטוואָפענען די באָלשעוויקעס. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געדויערט אַ האַלבע שעה. קאָשעוואָי און נאָך פינף קאָזאַקן, די פאָרזיצערס פון די סאָטניע־רעווקאָמען, האָבן געבעטן זיי דורכצולאָזן מיטן געווער.

— נאָכוואָס דאַרפט איר דאָס געווער? — האָבן געפרעגט די מיטגלידער פון דעפּוטאַטן־ראַט פון דער סטאַציע.

— די אייגענע בורזשויען און גענעראַלן צו שלאָגן!

קאַלעדינען דעם ווײדל אָפּצוהאַקן! — האָט פאַר אַלע געענטפערט קאָשעוואָי.

— דאָס געווער איז אונזערס, מיר וועלן עס נישט אָפּ־געבן! — האָבן די קאָזאַקן זיך געקאָכט.

די עשעלאָנען האָט מען דורכגעלאָזט. אין קרעמענטשוק האָט מען ווידער געפּרוווט זײ אַנטוואָפענען. מען האָט מסכּים געווען זײ דורכצולאָזן ערשט דעמאָלט, ווען די באַדינונג האָט אויסגע־שטעלט אין די געעפנטע טירן פון די וואַגאָנעס דאָס מאַשינגע־ווער, גענומען אויפן ציל די סטאַציע און אײנע פון די סאָטניעס, צעשיטנדיק זיך אין אַ קאַמף־ליניע, האָט זיך אויסגעלײגט אויף דער צווײטער זײט טאָר. הינטער יעקאַטערינאָסלאַוו האָט נישט געהאָלפן אויך די איבערשיסונג מיט אַן אָפּטײלונג רויטאַרמײער, — די פולקן זענען דאָך טײלוויז אַנטוואָפנט געוואָרן. מען האָט צו־גענומען דאָס מאַשינגעווער, העכער הונדערט קאַסטנס קוילן, די אַפּאַראַטור פון פעלד־טעלעפאָן און עטלעכע באַלן דראָט. אויפן פאָרשלאַג צו אַרעסטירן די אָפיצירן, האָבן די קאָזאַקן געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג. איבערן גאַנצן וועג האָבן זײ פאַרלוירן בלויז אײן אָפיציר — דעם פּולק־אַדיוטאַנט טשורקאָווסקין, וועלכן די קאָ־זאַקן אַלײן האָבן פאַרמשפּט צום טויט און דעם אורטײל האָבן אויסגעפירט דער באַטשופרינטער און עפּעס אַ רויטאַרמײער, אַ מאַטראָס.

דעם זיבעצנטן דעצעמבער פאַרנאַכט, אויף דער סטאַציע סינעלניקאָוואָ, האָבן די קאָזאַקן אַרויסגעפירט דעם אַדיוטאַנט פון וואַגאָן.

— דאָס איז עס דער, וואָס האָט פאַרראַטן די קאָזאַקן? — האָט פרײלעך געפרעגט דער שטשערבאַטע מאַטראָס, אַ באַ־וואָפנטער מיט אַ מאַוזער און יאַפּאַנישער ביקס.

— דו האָסט געמײנט — מיר האָבן אים נישט דערקענט? נײן, מיר האָבן זיך נישט טועה געווען, דער אײגענער איז ער! — האָט דער באַטשופרינטער סאַפּענדיק געזאָגט.

דער אַדיוטאַנט, אַ יונגער עסאַול, האָט מבולבל זיך אַרומגעקוקט, געגלעט די האָר מיט דער שווייסיקער האַנט און נישט געפילט נישט די קעלט, וואָס האָט געצופּט זיין פּנים, נישט די ווייטיק פון קלאַפּ מיט דער קאָלבע. דער באַטשופּרינטער מיטן מאַטראָס האָבן אים אַוועקגעפירט אַ ביסל ווייטער פון וואַגאָן.

— איבער אָט אַזעלכע טייוולאָנים בונטעווען זיך די מענטשן, אויך די רעוואָלוציע איז צוליב אַזעלכע אויסגעבראָכן... אוי־וי, דו, ליבינקער מיינער, טרייסל דיך נישט, וואָרים דו ווערסט דיך צעשיטן, — האָט דער באַטשופּרינטער געמירמלט און, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, זיך איבערגעצלמט.

— האַלט דיך, הער אונטערעסאַול!

— ביסט גרייט? — האָט דער מאַטראָס געפרעגט דעם באַטשופּרינטן, שפּילנדיק זיך מיטן מאַוזער און לוסטיקן ווייס־צייניקן שמייכל.

— גריי־יי־ט!

דער באַטשופּרינטער האָט נאָכאַמאָל זיך איבערגעצלמט, זייטיק זיך צוגעקוקט, ווי דער מאַטראָס שטעלט אַרויס אַ פוס, הייבט אונטער דעם מאַוזער, פאַרזשמורעט שאַרף דאָס אויג און, שטרענג שמייכלענדיק, האָט ער אויסגעשאָסן דער ערשטער.

הינטער טשאַפּלינאָ איז דאָס פּולק צופעליק אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַנאַרכיסטן און אוקראַינער, פאַרלוירן דריי קאָזאַקן אין דערהרגעטע און מיט כּוח זיך דורכגעריסן, מיט גרויס אָנשטרענגונג אָפּרייניקנדיק דעם טאָר, וואָס איז פאַרנומען געווען דורך די עשעלאָנען פון עפּעס אַ שיסער־דיוויזיע.

אין דריי מעת־לעת אַרום האָט דער ערשטער פּולק־עשעלאָן זיך שוין אויסגעלאָדנט אויף דער סטאַציע מילעראָוואָ.

די איבעריקע זענען שטעקן געבליבן אין לוגאַנסק.

אַ העלפט פון פּולק (די איבעריקע זענען זיך צעפאָרן אַהיים באַלד פון דער סטאַציע) איז אָנגעקומען אין כוטאָר קאַרגין. צו־

מאָרגנס האָבן זיי אויפן מאַרק פאַרקויפט די טראָפייען: די פערד, וואָס זיי האָבן אויפן פראָנט אָפגעשלאָגן ביי די עסטרייכער, איינגעטיילט דאָס געלט פון דער פולק-קאַסע, די מונדירונג.

קאָשעוואָי און די איבעריקע קאָזאַקן פון טאָטערישן כוטאָר זענען אַרויסגעריטן אַהיים אינאָוונט. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן באַרג. אונטן ביים ווייס-פאַרפרוירענעם געשלענגלטן טשיר איז געלעגן דער שענסטער פון אַלע כוטאָרס לענגאויס דעם אייבערשטן פלוס פון דאָן, דער כוטאָר קאַרגין. פון קוימען פון דער דאַמף-מיל איז אין שיטערע באַלעמלעך כסדר אַרויסגעשפרונגען דער רויך; אויפן פלאַץ האָט זיך געשוואַרצט אַן עולם. מען האָט געקלונגען צו דער אָוונט-תפילה. נאָכן קאַרגינער בערגל האָבן זיך קוים געזען די ווערבע-שפיצן פון קאַרגינער כוטאָר, הינטער זיי, הינטער דער פיאָלון-בלויקייט פון פאַרשנייעטן האָריזאָנט, האָט געפינקלט און רויט געשיינט די רויכיקע שקיעה, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ האַלבן הימל.

אַכצן רייטער האָבן געמיטן דאָס בערגל, איבער וועלכן עס האָבן זיך דערהויבן דריי מיט טוי-געפריר באַדעקטע ווילדע עפּל-ביימער, און אין פרישן שנעל-געלויף, אונטערסקריפּענדיק מיט די זאָטלען, זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון צפון-מזרח. די פראָסטיקע נאַכט האָט זיך גנביש געטייעט הינטערן באַרג-שפּיץ. די קאָזאַקן האָבן זיך געהילט אין די באַשליקן, איבערגעגאַנגען פון צייט-צו-צייט אין גאַלאָפּ. שאַרף און יעמערלעך האָט אָפגעקלונגען דאָס קלאַפּן פון די פּאָדקעוועס. פון אונטער די פערדישע קאָפּיטעס איז דער אויפגעוויקלטער וועג אַוועקגעפלאָסן אויף דרום; פון ביידע זייטן האָט זיך געהאַלטן דאָס פאַרפרוירענע שניי-הייטל, פאַרטשעפּעט אָן די גראָז-שטענגלעך, ביי דער שיין פון דער לבנה געבלישטשעט און אָפגעשלאָגן מיט פאַרשידן-קאָליריקן פליסיקן מאַטן פייער.

די קאָזאַקן האָבן שווייגנדיק אוּוטערגעטריבן די פערד. דער וועג איז אַוועקגעפלאָסן אויף דרום. אויף מזרח האָט אין

דובאָווער טאָל זיך געדרייט דער וואַלד. ביי דער זייט פון די פערדישע פיס האָבן אין פילע־קייטעלעך געשימערט די שפּורן פון האָזן־טריט. איבערן סטעפּ איז ווי אַ זילבער־באַשלאָגענער קאָזאַקישער פּאַסעק געלעגן דער מילך־וועג, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט דעם הימל.

פינפטע טייל

אין טיפן האַרבסט פון 1917־טן יאָר האָבן די קאָזאַקן אָנגעהויבן זיך אומקערן פון פראָנט. עס איז געקומען דער געעלטערטער כריסטאָניאַ מיט דריי קאָזאַקן, וואָס האָבן געדינט מיט אים אין 52־סטן פולק. עס האָבן זיך אומגעקערט דער אינגאַנצן באַפרייטער אַניקושקאַ, מיט די גלאַטע באַקן, ווי פריער, די אַרטילעריסטן טאָמילין איוואַן און יאַקאָוו פאָדקאָוואַ, נאָך זיי — מאַרטין שאַמיל, איוואַן אַלעקסעיעוויטש, זאַכאַר קאָראָליעוו, דער אומגעלומפערטהויכער באָרשטשעוו; אין דעצעמבער האָט אומגעריכט זיך באַוויזן מיטקאַ קאָרשונאָוו, אין אַ וואָך אַרום — אַ גאַנצע פאַרטיע קאָזאַקן, וואָס זענען געווען אין 12־טן פולק: מישקאַ קאָשעוואָי, פראָכאָר זיקאָוו, דעם אַלטן קאַשולינס זון — אַנדריי קאַשולין, יעפיפאַן מאַקסאַיעוו, סינילין יעגאָר.

אויף אַ הערלעך העל־געל פערד, וואָס ער האָט צוגענומען בײַ אַן עסטרײַכישן אָפיציר, איז געקומען גלײַך פון וואָראָניעזש דער אָפגעשטאַנענער פון זײַן פולק, ענלעכער צו אַ קאַלמיק, פעדאָט באַדאָווסקאָוו און דערנאָך לאַנג דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך דורכגעריסן דורך די רעוואָלוציאָניזירטע דערפער פון דער וואָראָניעזשער גובערניע און עוקר געווען די רויטגוואַרדייִשע אָפטיילונגען פון אונטער דער נאָז אַפער, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דער געשיקטקייט פון זײַן פערד.

באַלד נאָך אים האָבן זיך שוין באַוויזן פון קאַמענסק די אַנטלאָפענע פון באָלשעוויזירטן 27־סטן פולק: מערקולאָוו, פעטראָ מעליעכאָוו און ניקאָלאַי קאָשעוואָי. זיי האָבן דאָס געברענגט אין

כוטאָר אַריין די ידיעה, אַז גריגאָרי מעליעכאָוו, וואָס האָט געדינט די לעצטע צייט אין צווייטן רעזערוו-פּולק, איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און געבליבן אין קאַמינסק. דאָרט, אין 27-סטן פּולק, איז אויך געבליבן דער אַמאָליקער אומפאַרבעסערלעכער פערד-גנב מאַקסימקאַ גריאַזנאָוו, וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן צו די באָלשעוויקעס דורך דער נייקייט פון די אָנקומענדיקע אומקלאָרע צייטן און דער מעגלעכקייט הפקרדיק אַ לעב צו טון. מען האָט דערציילט וועגן מאַקסימקען, אַז ער האָט אַ פערד פון אומגעוויינלעכער קריפּלהאַפּטער מיאוסקייט, אָבער אויך אַזאַ אומגעוויינלעכער ווילדער געשיקטקייט; מען האָט געזאָגט, אַז מאַקסימס פערד האָט איבערן גאַנצן רוקן אַ נאַטירלעכן רעמעט פון זילבער-האָר, און דאָס פערד אַליין איז נישט הויך, נאָר לאַנג, און די קאָליר דערפון איז טיף-רויט, ווי עס קאָן נאָר רויט זיין אַן אָקס. וועגן גריגאָריען האָט מען ווייניק גערעדט, — נישט געוואָלט רעדן, וויסנדיק, אַז זיינע וועגן מיטן כוטאָר האָבן זיך צעשיידט, און צי זיי וועלן זיך אַמאָל צונויפגיין — ווייסט קיינער נישט.

די כאַטעס, אין וועלכע די קאָזאַקן האָבן זיך אומגעקערט אַלס באַלעבאַטים אָדער אָפּגעוואַרטע געסט, זענען פול געוואָרן מיט פרייד. דידאָזיקע פרייד האָט נאָך שאַרפער, נאָך אומרחמנותדיקער אונטערגעשטראָכן דעם טויבן אָנגעזאַמלטן צער פון יענע, וואָס האָבן אויף אייביק פאַרלוירן זייערע אייגענע און נאָענטע. אַ סך קאָזאַקן האָבן געפעלט, — זיי זענען אומגעקומען אויף די פעלדער פון גאַליציע, בוקאָווינע, מזרח-פּרייסן, אין די קאַרפּאַטן און רומעניען, זייערע טויטע קערפּערס זענען פאַרפוילט געוואָרן אונטער דער פאַניכידע פון האַרמאַטן-פייער, און אַצינד זענען די הויכע בערגלעך פון די ברידער-קברים פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדגראָז, די רעגנס האָבן זיי אַראָפּגעדריקט, דער שניי האָט זיי צוגעדעקט. און וויפיל מאָל די קאָזאַטשקעס זאָלן נישט אַרויסלויפן אין די בלויזע קעפּ אין די געסלעך אַריין און קוקן פון אונטער דער האַנט אַפּער, — וועלן זיי זיך נישט דערוואַרטן אויף די

האַרציק-געליבטע! וויפיל טרערן זיי זאָלן נישט פאַרגיסן פון די פאַרשוואָלענע אָפּבליאַקירטע אויגן, — וועלן זיי דאָך זייער ווייטיק נישט אָפּוואַשן! ווי הויך זיי זאָלן נישט יאָמערן אין די יאָרצייטן און געדענק-טעג, — וועט דאָך דער מזרח-ווינט זייער שרייען נישט דערטראָגן קיין גאַליציען און מזרח-פּרייסן, צו די פּלאַכע בערג-לעך פון די ברידער-קברים!...

מיט גראָז ווערן פאַרוואַקסן די קברים, — מיט אַלטקייט ווערט פאַרוואַקסן די ווייטיק. דער ווינט האָט אָפּגעלעקט די שפּורן פון די אַוועקגעגאַנגענע, — די צייט וועט אויך אָפּלעקן די בלוטי-קע ווייטיק און דעם זכרון פון יענע, וואָס האָבן זיך נישט דער-וואַרט אויף די אייגענע און וועלן זיך שוין נישט דערוואַרטן, ווייל קורץ איז דאָס מענטשלעכע לעבן און נישט קיין סך גראָז איז אונז אַלע באַשערט אויף דער ערד צו פאַרטרעטן...

עס האָט געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער האַרטער ערד פּראָ-כאָר שאַמילס ווייב. געביסן מיט די ציין דעם ערדערנעם דיל, זיך צוקוקנדיק, ווי דעם פאַרשטאָרבענעם מאַנס צוריקגעקומענער ברו-דער, מאַרטין שאַמיל, צערטלט זיין מעוברתדיק ווייב, ניאַנטשעט די קינדער און טיילט זיי איין מתּנות. זי האָט זיך געוואָרפן און קאָנוואולסיוו געצאַפּלט אויף דער ערד, און לעבן איר האָבן אין אַ שעפסן-קופּע זיך געטוליעט די קינדערלעך, געיאָמערט, קוקנדיק אויף דער מוטער מיט שרעק-פאַרכליניעטע אויגן.

צערייס אויף דיר, ליבינקע, דעם קאָלנער פון לעצטן העמד! רייס דיר אויס די פון ביטערן, שווער, לעבן שיטער-געוואָרענע האָר, צעבייס דיינע ביז בלוט-צעביסענע ליפּן, ברעך די פון אַר-בעט-פאַרקריפּלטע הענט, וואַרף דיך אויף דער ערד ביי דער שוועל פון דיין פוסטער כאַטע! דיין כאַטע האָט שוין נישט קיין באַלעבאָס, דו האָסט שוין נישט קיין מאַן, דיינע קינדערלעך האָבן שוין נישט קיין טאַטן — און געדענק, אַז קיינער וועט שוין קיינ-מאָל נישט קיין צערטל טון - נישט דיך, נישט דיינע יתומים, קיינער וועט דיך נישט באַפרייען פון די איבער די כוחות שווערער אַר-

בעט און אָרימקייט, קיינער וועט נישט צודריקן צו דער ברוסט דיין קאָפּ ביינאַכט, ווען דו וועסט אַוועקפאַלן, צעבראָכן פון מידקייט, און קיינער וועט דיר נישט זאָגן, ווי ער פלעגט דיר זאָגן: „נעם דיר נישט צום האַרץ, אַניסקאַ! מיר וועלן זיך דורכשלאָגן!" דו וועסט שוין נישט האָבן קיין מאַן, ווייל עס האָבן דיך אויסגעטרוקנט און מיאוס געמאַכט די אַרבעט, די נויט, די קינדער; דיינע האַלב-נאַקעטע קינדער מיט די אומריינע נעזלעך וועלן שוין נישט האָבן קיין טאַטן; דו וועסט אַליין אַקערן, אַליין בראָנעווען, זיך שטיקנדיק פון איבערמעסיקער אָנשטרענגונג, אַליין אַראָפּוואַרפן פון דער שנייד-מאַשין, פאַרלאָדן די תּבֿואה אויפן וואָגן, אַרויפהייבן מיטן היי-גאָפּל די שווערע סנאָפּעס ווייץ און פילן ווי עס רייסט זיך עפּעס אָפּ ביי דיר אונטן אין בויך, און דערנאָך וועסטו זיך קורטשן, צוגעדעקט מיט שמאַטעס און אָפּגיין מיט בלוט.

איבערקלויבנדיק אַלעקסיי ביעשניאַקס אַלטע וועש, האָט די מוטער געוויינט, געגאָסן מיט ביטערע קאַרגע טרערן, געשמעקט, נאָר בלויז דאָס לעצטע העמד, וואָס איז געבערענגט געוואָרן דורך מישקאַ קאָשעוואָי, האָט נאָך אויפגעהאַלטן אין די פאַלבן דעם ריח פון זונס שווייס און, צופאַלנדיק דערצו מיטן קאָפּ, האָט די אַלטע זיך געוויגט, יעמערלעך געקלאָגט, באַנעצנדיק דאָס שמוציקע באַוועלנע העמד מיט טרערן. עס זענען פאַריתומט געבליבן די משפּחות פון מאַניצקאָוו, אַפּאָנקאַ אָזיעראָוו, יעוולאַנטי קאַלינין, ליכאָווידאָוו, יערמאַקאָוו און אַנדערע קאָזאַקן.

בלויז נאָך איין סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו האָט קיינער נישט געוויינט — נישט געווען ווער עס זאָל וויינען. עס האָט געפּוסטעוועט זיין פאַרקלאַפּט הויז, דאָס האַלב-חרובֿע און פינסטערע אפילו אין די זומער-טעג. אַקסיניאַ האָט זיך אויפגעהאַלטן אין יאַגאָדנאָיע. ווי פריער האָט מען אין כוטאָר געהערט וועגן איר ווייניק, און זי איז אויך קיינמאָל נישט געקומען אין כוטאָר אַריין, — עס האָט זי אפּנים נישט געצויגן.

די קאָזאַקן פון די אייבערשטע סטאַניצעס פון דאָנער קרייז האָבן זיך אומגעקערט אַהיים גרופּעסווייז. אין די כוטאָרס אַריין

פון דער וויעשענסקער סטאַניצע האָבן אין דעצעמבער זיך אומ־געקערט כמעט אַלע פראָנט־קעמפער.

דורכן טאַטערישן כוטאָר האָבן טאָג און נאַכט זיך געצויגן שייקעס רייטער צו צען און פערציק מאַן, זיך ריכטנדיק אויף דער לינקער זייט דאָן.

— פונוואַנען, מיליטערלייט? — האָבן די אַלטע געפרעגט, אַרויסקומענדיק.

— פון שוואַרצן טייכל.

— פון ווינטערדיקן.

— פון דובראָווקע.

— פון רעשעטאָווער.

— דודאַרעווער.

— גאָראָכאָווער.

— אַלימאָווער, — האָבן די ענטפערס אָפּגעקלונגען.

— שוין גענוג מלחמה געפירט? — האָבן די אַלטע גיפטיק געפרעגט.

טייל פראָנט־קעמפער, די שטילערע און רויִקערע, האָבן גע־שמייכלט.

— גענוג שוין, פאָטערס! גענוג מלחמה געפירט.

— זיך אָנגעליטן, — אַהיים ציִען מיר.

און די העפטיקע און בייזע האָבן געשאָלטן אין דער מאַ־מען אַריין, געעצהט:

— פרווו נאָר דו גיין, אַלטער, אַ ביסל אַ רודער טון ווײדל!

— וואָס פרעגסטו דיך? וואָס גייט עס דיך אָן?

— איר, מויל־פּאַטשערס, זענט דאָ צופיל!

סוף ווינטער האָבן הינטער נאָוואָטשערקאַסק זיך שוין אָנ־גענומען די ערשטע זאָמען פון דער בירגער־מלחמה, אָבער אויף די אייבערשטע ברעגן פון דאָן, אין די כוטאָרס און סטאַניצעס, האָט נאָך געהערשט אַ בית־עולם־שטילקייט. אין די כאַטעס זענען בלויז פאַרבאָרגענערהייט פאָרגעקומען פאַמיליע־צאַנקערייען, וואָס

פלעגן זיך טיילווייז אַרויסרייסן אין דער עפנטלעכקייט: די אַלטע זענען נישט דורכגעקומען מיט די צוריקגעקומענע פון פראָנט.

וועגן דער מלחמה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט ביי דער רעזידענץ־שטאָט פון דער געגנט פון די דאָנער קאָזאַקן־חיילות, האָט מען געוואוסט בלויז פון הערן; שוואַך זיך פונאַנדערקלויבנ־דיק אין די ניי־אַנטשטאַנענע פּאָליטישע שטרעמונגען, האָט מען אָפּגעוואַרט די געשעענישן, זיך צוגעהערט.

ביז יאַנואַר האָט מען אויך אין טאָטערישן כוטאָר געלעבט שטיל. די פון פראָנט צוריקגעקומענע קאָזאַקן האָבן אָפּגערוט לעבן די ווייבער, זיך דערנערט, נישט פילנדיק, אַז ביי די שוועל פון די כאַטעס וואַרטן אויף זיי נאָך ערגערע אומגליקן און לאַסטן, ווי די, וואָס זיי איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין דער איבערגע־לעבטער מלחמה.

II

מעליעכאָוו גריגאָרי האָט אין יאַנואַר פון 1917־טן יאָר אַוואַנסירט אויף כאָרונזשי פאַר זיין אויסצייכענען זיך אין די שלאַכטן און באַשטימט געוואָרן אין צווייטן רעזערוו־פּולק אַלס אָפיציר פון אַן אָפּטיילונג.

נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט אַ לונגען־אַנטצינדונג, האָט ער אין סעפּטעמבער באַקומען אורלויב; ער האָט פאַרברענגט אינדערהיים אַנדערהאַלבן חדשים, זיך פאַרבעסערט נאָך דער קראַנקהייט, דורכגעגאַנגען די מעדיציניש קרייז־קאָמיסיע און ווידער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פּולק אריין. נאָך דער אָקטאָ־בער־איבערקערעניש איז ער באַשטימט געוואָרן אויפן אַמט פון סאָטניע־קאָמאַנדיר. צו דער צייט קאָן מען פאַררעכענען די אי־בערקערעניש אין זיינע שטימונגען, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים צוליב די אַרומיקע געשעענישן און טיילווייז אונטער דער

ווירקונג פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט איינעם פון די פּאָלק־אָפיצירן — מיטן סאָטניק יעפים איזוואַרין.

מיט איזוואַרינען האָט גריגאָרי זיך באַקענט דעם ערשטן טאָג פון זיין צוריקקומען פון אורלויב. דערנאָך כסדר זיך באַגעגנט מיט אים אין דער דינסט און אויסער דער דינסט און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין איינפלוס.

יעפים איזוואַרין איז געווען אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן קאָזאַק פון דער גונדאָראָווער סטאַניצע, זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין דער נאָוואָטשערקאַסקער יונקער־שול, נאָכן פאַרענדיקן זי, אַוועקגעגאַנגען אויפן פראָנט אין צענטן דאָנער קאָזאַקן־פּולק, אָפּגעדינט אין אים אַן ערך אַ יאָר, באַקומען, ווי ער פלעגט זאָגן, „אַן אָפיצירישן געאָרגי אויף דער ברוסט און פערצן שפּליטערס פון אַ האַנט־גראַנאַט אין אַלע געהעריקע און נישט געהעריקע ערטער" און, דורכמאַכנדיק זיין נישט לאַנג־דויערנדיקע מיליטערישע קאַריערע, איז ער אַריינגעפאַלן אין צווייטן רעזערוו־פּולק.

אַ מענטש פון אומגעוויינטלעכע פעיקייטן, אָן ספק אַ באַגאַבטער, אַ געבילדעטער אַ סך העכער פון דער נאָרמע, וועלכע איז געוויינטלעך קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן געוואָרן דורכן קאָזאַקישן אָפיצירנטום, איז איזוואַרין געווען אַ פאַרביסענער קאָזאַק־אויטאָנאָמיסט. די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אים אויפגעטרייסלט, געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצוּוויקלען און פאַרבינדנדיק זיך מיט די קאָזאַקישע קרייזן, וואָס האָבן געשטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט, האָט ער אַנטוויקלט אַ טיכטיקע אַגיטאַציע פאַר דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער געגנט פון די דאָנער קאָזאַקן־חיילות, פאַרן איינשטעלן יענע רעגירונגס־אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט ביים דאָן, איידער די קאָזאַקן זענען פאַרשקלאַפּט געוואָרן דורך גרויס־רוסלאַנד. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט געשיכטע, געהאַט אַ היציקן קאָפּ, אַ קלאָרן און ניכטערן שכל; הערלעך געמאָלן דאָס צוקונפטיקע פרייע לעבן אויפן דאָן — ווען עס וועט רעגירן אַ מעכטיקער קאָזאַקן־קרייז, ווען עס וועט

זיך נישט געפינען אין די גרענעצן פון דער געגנט קיין איין „רוסאַק“, און דאָס קאָזאַקנטום, מיט וואַכן אויף די אייגענע גרעניצן, וועט ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, אָן הכנעה, רעדן מיט אוקראַינע און גרויס-רוסלאַנד און פירן מיט זיי אַ האַנדל און אויסטויש. איזוואַרין האָט פאַרדרייט די קעפּ די פשוטע קאָזאַקן און דעם ווייניק-געבילדעטן אָפיצירנטום. אונטער זיין איינפלוס איז אויך אַרונטערגעפאַלן גריגאָרי. לכתחילה זענען פאָרגעקומען צווישן זיי הייסע וויכוחים, אָבער דער האַלבער אַנאַלפאַבעט גריגאָרי האָט זיך געפילט אַנטוואָפנט אין פאַרגלייך מיט זיין קעגנער, און איזוואַרין האָט אים לייכט צעקלאַפּט אין די וואָרט-קאַמפן. זיי האָבן געוויינטלעך געפירט די וויכוחים ערגעץ אין אַ ווינקל קאַזאַרמע, דערביי איז די סימפּאַטיע פון די צוהערער געווען אויף דער זייט פון איזוואַרינען. ער האָט אימפּאָנירט די קאָזאַקן מיט זיינע אָפּהאַנדלונגען; מאָלנדיק בילדער פון קינפטיקן אומאָפּהענגיקן לעבן, — האָט ער אָנגערירט דאָס אינטימסטע, דאָס צערטלעכסטע פון דער גרעסטער טייל פאַרמעגלעכע קאָזאַקן אויף די אונטערשטע ברעגן פון דאָן.

ווי אַזוי-זשע וועלן מיר לעבן אָן רוסלאַנד, אויב מיר האָבן גאָרנישט חוץ ווייץ? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

איזוואַרין האָט געדולדיק אויפגעקלערט:

— איך מיין נישט קיין זעלבסטשטענדיק אָפּגעזונדערט לעבן פון דאָנער קאַנט אַליין. אויף יסודות פון פעדעראַציע, דאָס הייסט פון פאַראייניקונג, וועלן מיר לעבן צוזאַמען מיט קובאַן, מיטן טערעק און די בערג-לייט פון קאַווקאַז. קאַווקאַז איז רייך אין מינעראַלן, דאָרט וועלן מיר געפינען אַלץ.

— און שטיין-קוילן?

— מיר האָבן אונטער דער האַנט דעם דאָניעצער באַסיין.

— געהערט ער דאָך צו רוסלאַנד!

— וועמען ער געהערט און אויף וועמעס טעריטאָריע ער געפינט זיך — דאָס איז נאָך אַ שטרייט-פראַגע. אָבער אפילו אין פאַל, ווען דער דאָניעצער באַסיין וועט אַוועקגעגעבן ווערן רוס-

לאַנד, — וועלן מיר אויך זייער ווייניק פאַרלירן. אונזער פעדע־ראַטיווער פאַרבאַנד וועט זיך באַזירן נישט אויף דער אינדוסטריע. לויטן כאַראַקטער — זענען מיר אַן אַגראַר־לאַנד; כדי אָנצווזעטן אונזער נישט גרויסע אינדוסטריע מיט קוילן, וועלן מיר זיי קויפן אין רוסלאַנד. און נישט בלויז קוילן, נאָר אויך אַ סך אַנדערע זאַכן וועט אונז אויסקומען צו קויפן אין רוסלאַנד: האָלץ, מעטאַל־אויסאַרבעטונגען וכדומה, און אַלס אויסטויש וועלן מיר זיי באַזאָרגן מיט ווייץ פון גוטן סאָרט, מיט נאַפט.

— וואָס־זשע פאַר אַ נוצן וועלן מיר האָבן פון דעם אָפּטיילן זיך?

— אַ גאַנץ פשוטן נוצן. קודם־כל וועלן מיר פטור ווערן פון דער פּאָליטישער אַפּוטרופּסות, צוריק איינשטעלן די אָרדענונג, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די רוסישע צאַרן, אַרויסשיקן אַלע פרעמד־צוגעוואַנדערטע. אין משך פון צען יאָר וועלן מיר דורכן אַריינפירן מאַשינען פון אויסלאַנד אַזוי אויפהייבן אונזער אינדוסטריע, אַז מיר וועלן רייכער ווערן צענפאַך. דידאָזיקע ערד — איז אונזערע, מיטן בלוט פון אונזערע זיידעס באַגאָסן, דורך זייערע ביינער אויסגעבעסערט, און מיר, באַזיגטע דורך רוסלאַנד, האָבן פיר הונדערט יאָר פאַרטיידיקט אירע אינטערעסן און נישט געטראַכט וועגן זיך. מיר האָבן אויסגאַנג צום ים. מיר וועלן האָבן די שטאַרקסטע און קאַמפּפעיִקסטע אַרמיי, און נישט בלויז אוקראַיִנע, נאָר אויך רוסלאַנד וועט נישט וואַגן אויפצוהייבן אַ האַנט קעגן אונזער אומאָפּהענגיקייט!

פון מיטעלער וואוקס, אַ שלאַנקער, אַ ברייטפּלייציקער, איז איזוואַרין געווען אַ טיפּישער קאָזאַק: געלבלעכע, די קאָליר פון נישט צייטיקן האָבער, געקרייזלטע וואָנטעס, דאָס פּנים טונקל־ברוין, דער שטערן אַ ווייסער, אַ משופּעדיקער, די אָפּגעברענטקייט האָט באַרירט בלויז די באַקן און זיך פאַרהאַלטן אויף דער גרענעץ פון די בלאָנדע ברעמען. ער האָט גערעדט מיט אַ הויכן בויגזאַמען טענאָר, אין רעדן געהאַט אַ טבע שאַרף אויסצוקרומען די לינקע ברעם און עפּעס אויף אַן אייגענעם שטייגער צו באַוועגן

מיט דער נישט גרויסער געהאָרבעטער נאָז; פון דעם האָט זיך געדאַכט, אַז ער שנאַפּט תּמיד עפּעס אויס. דער ענערגישער גאַנג, די זיכערע האַלטונג, דער אָפענער בליק פון די טונקעלע אויגן האָבן אים אויסגעטיילט פון די איבעריקע אָפיצירן אין פּולק. די קאָזאַקן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אַכטונג, אפשר נאָך מער, ווי צום פּולק-קאָמאַנדיר.

איזוואַרין האָט לאַנג געשמועסט מיט גריגאָריען, און פּילנ-דיק ווי דער נישט לאַנג פעסט-געוואָרענער באָדן רוקט זיך אים ווידער אַפּער פון אונטער די פיס, האָט ער איבערגעלעבט כּמעט דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל אין מאָסקווע, בשעת ער האָט אין סניע-גיראָווס אויגן-שפּיטאָל זיך דערנענטערט מיט האַראַנזשען.

נישט לאַנג נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איז צווישן אים און איזוואַרינען פאָרגעקומען אַזאַ שטייגער שמועס.

צערודערט פון די סתּירות, האָט גריגאָרי פּאַרזיכטיק אויס-געפרעגט וועגן די באָלשעוויקעס:

— אָבער דו זאָג מיר, יעפים איוואַניטש, די באָלשעוויקעס, לויט דיין מיינונג — צי זענען זיי גערעכט, צי נישט?

אויסבייגנדיק די ברעם אין אַ ווינקל, שפּאַטיש פאַרקרימענ-דיק די נאָז, האָט איזוואַרין אונטערגעכעכעט:

— צי זיי זענען גערעכט? כע-כע... דו, ליבינקער מיינער, רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלסט ערשט געבוירן געוואָרן... די באָלשע-וויקעס האָבן זייער פּראָגראַם, זייערע פּערספּעקטיוון און אויס-זיכטן. די באָלשעוויקעס זענען גערעכט פון זייער שטאַנדפּונקט, און מיר פון אונזערן. דו ווייסט ווי די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי רופט זיך? ניין? נו, פאַרוואָס-זשע זאָלסטו נישט וויסן? רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַ ר ב ע ט ע ר - פּאַרטיי. פאַרשטאַנען? אַר-בע-טער! אַצינד פלירטעווען זיי אויך מיט די פּויערן און קאָ-זאַקן, אָבער דער עיקר איז ביי זיי — דער אַרבעטער-קלאַס. פאַר אים ברענגען זיי באַפרייונג, פאַרן פּויערטום — אַ נייע, אפשר נאָך ערגערע, פאַרשקלאַפונג. אין לעבן קאָן נישט זיין אַזוי, אַז אַלע זאָל זיין גלייך. וועלן די באָלשעוויקעס זיין פון אויבן, —

וועט די אַרבעטער זיין גוט, די איבעריקע שלעכט. וועט די מאָ־נאַרכיע זיך אומקערן, — וועט די גוטבאַזיצער און אַנדערע זיין גוט, און די איבעריקע שלעכט. מיר דאַרפן נישט די, נישט יענע. מיר דאַרפן אייגענע, און קודם־כּל זיך באַפרייען פון אַלע אפּוטרופּסים — צי דאָס איז קאָרנילאָוו, קערענסקי, אָדער לענין. אויף אונזער שאַף־ברעט וועלן מיר זיך באַגיין אָן דידאָזיקע פּענדלעך. זאָל אונז גאָט היטן פאַר אונזערע פריינט, מיט די שונאים וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן.

— אָבער די מערהייט קאָזאַקן ציִען דאָך צו די באָלשעווי־קעס... דו ווייסט דאָס?

— גרישאַ, דו פריינט מיינער, פאַרשטיי אָט־וואָס — דאָס איז דער עיקר: אַצינד זענען די באָלשעוויקעס דעם קאָזאַק און פויער אויף דער האַנט. דו ווייסט פאַרוואָס?

— נו?

— דערפאַר... — איזוואַרין האָט קיילעכיק באַוועגט מיט דער נאָז און געלאַכט: — דערפאַר, וואָס די באָלשעוויקעס זענען פאַר שלום, פאַר שוין שליסן שלום. און די קאָזאַקן שטעקט שוין די מלחמה אָט וואו!

ער האָט הויך זיך אַ פּאַטש געטון איבערן שטייפן פאַר־ברוינטן האַלז און, אויסגלייכנדיק די חידושדיק־צעבויגענע ברעם, געשריגן:

— דעריבער שמעקן די קאָזאַקן מיט באָלשעוויזם און גייען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס. אָ־אָ־בער, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן און די באָלשעוויקעס וועלן אויסשטרעקן אַ האַנט צום קאָזאַקישן פאַרמעגן — וועלן די וועגן פון קאָזאַקנטום און די באָל־שעוויקעס זיך צעטיילן! דאָס איז באַגרינדעט און היסטאָריש אומ־פאַרמיידלעך. צווישן היינטיקן לעבנס־סדר פון די קאָזאַקן און סאָ־ציאַליזם, דעם ענד־ציל פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע — איז אַן אייביקער תּהום...

— איך זאָג... — האָט גריגאָרי טויב געבורטשעט, — אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט... מיר איז שווער אין דעם זיך פונאַנ־

דערצוקלויבן... איך בלאָנזשע, ווי אין אַ שניי־שטורעם אין סטעפּ...

— דו ווּעסט דיך פון דעם נישט אַרויסדרייען! דאָס לעבן וועט דיך נייטן זיך פונאַנדערצוקלויבן, און נישט בלויז נייטן, נאָר מיט געוואַלט דיך אַ שטויס טון אין וועלכער ס׳איז זייט אַריין.

דערדאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער. און אין נאָוועמבער האָט גריגאָרי צופעליק זיך באַגעגנט מיט אַ צווייטן קאָזאַק, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אויפן דאָן נישט קיין קליינע ראָלע, — גריגאָרי האָט זיך באַגעגנט מיט פיעדאָר פאָדטיאָלקאָוון, און נאָך קורצע וואַקלענישן האָט אין זיין נשמה ווידער איבערגעוואויגן דער פריערדיקער אמת.

דעם טאָג האָט אַ קאַלטער רעגן געטריפט פון מיטאָג אָן. פאַרנאַכט האָט זיך אויסגעלייטערט, און גריגאָרי האָט באַשלאָסן אַריינצוגיין צום אונטער־כאָרונזשי פון 28־סטן פולק דראָזדאָוון, וואָס האָט געשטאַמט פון זיין סטאַניצע. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ער שוין אָפּגעווישט די שטיוול אין שטרוי־מאַטראַצל און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דראָזדאָווס וואוינונג. אין צימער, וואָס איז אָנגעשטעלט געווען מיט פאַרדאַרטע פיגוסן און אויסגעריבן מעבל, האָט ער געטראָפן נישט בלויז דעם באַלעבאָס אַליין: אויף אַן אָפיציריש אויפלייג־בעטל איז געזעסן, מיטן רוקן צום פענסטער, אַ פעסטער, ברייט־פלייציקער קאָזאַק מיט שליפעס פון אַ וואַכ־ייסטער פון דער גוואַרדיע־אַרטילעריע. אויסבייגנדיק דעם רוקן, האָט ער ברייט צעשטעלט די פיס אין די שוואַרצע געוואַנטענע שאַראָוואַרן, צעלייגט אויף די קיילעכיקע ברייטע קניען אויך אַזעלכע ברייטע, געל־באַוואַקסענע הענט. די בלוזע האָט שטייף אַרומגענומען זיינע היפטן, זיך געקנייטשט אונטער די אָרעמס, שיער נישט געפּלאַצט אויף דער ברייטער בולטער ברוסט. אויפן סקריפּ פון דער טיר האָט ער אויסגעדרייט דעם קורצן פולבלוטיקן האַלז, קאַלט באַטראַכט גריגאָריען און באַהאַלטן אונטער די אָנגעקוואָלענע וויעס, אין די שמאָלע אויגן־לעכער, דאָס קילע ליכט פון זיינע אַפּלען.

— באַקענט זיך. דאָס, גרישאַ, איז במעט אונזערס אַ שכן, אַן אוסט־כאָפּערער, פּאָדטיאָלקאָוו.

גריגאָרי און פּאָדטיאָלקאָוו האָבן שווייגנדיק זיך געדריקט די הענט. זיך זעצנדיק, האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון צום באַלעבאָס.

— איך האָב דיר אָנגעבלאָטיקט — וועסט נישט שרייען ?

— ניין, שרעק דיך נישט. די באַלעבאָסטע וועט אויסווישן... טיי וועסטו טרינקען ?

דער באַלעבאָס — אַ נידעריק־געוואַקסענער, באַוועגלעכער, ווי קוועקזילבער, האָט אַ שנעל געטון אין סאַמאָוואַר מיטן נאָגל, וואָס איז פאַרברוינט געווען פון רייכערן, און מיט באַדויערן געזאָגט:

— עס וועט אויסקומען קאַלטע צו טרינקען.

— איך וויל נישט. באַאומרויִק דיך נישט.

גריגאָרי האָט מכבד געווען פּאָדטיאָלקאָוון מיט אַ פּאַפּיראָס. יענער האָט לאַנג זיך באַמיט אים אַרויסצונעמען פון דער רייע מיט זיינע דיקע פינגער; רויט ווערנדיק פון פאַרלעגנהייט, האָט ער פאַרדראָסיק געזאָגט:

— איך קאָן בשום אופן נישט... דער טייוול זאָל עס נעמען!

ער האָט ענדלעך אַרויסגעשאַרט דעם פּאַפּיראָס אויפן דעקל ן פאָרטסיגאַר און אויפגעהויבן אויף גריגאָריען זיינע שמייכל־ ־ק פאַרזשמורעטע, פון דעם נאָך שמעלערע אויגן. גריגאָריען איז עפעלן געוואָרן זיין פּשוטקייט. ער האָט געפרעגט:

— פון וועלכן כוטאָר?

— איך אַליין בין אַ געבוירענער פון קרוטאָווער, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו גערן געענטפערט. — דאָרט בין איך אויפגעוואַקסן, אָבער געלעבט האָב איך די לעצטע צייט אין אוסט־כלינאָווער. דער קרוטאָווער איז דאָך אייך באַקאַנט — מסתמא געהערט? ער גרענעצט זיך כמעט מיטן יעלאַנער. דעם פלעשאַקאָווער כוטאָר קענסטו? נו, און נאָך אים גייט מאַטוויעעוו, דערלעבן — דער טיוקאָווגאָווער כוטאָר פון אונזער סטאַניצע, און ווייטער אַ ביסל

געפינען זיך שוין אונזערע כוטאָרס, פון וועלכע איך שטאַם: דער איבערשטער און אונטערשטער קרוטאָוועך.

די גאַנצע צייט פון שמועס האָט ער זיך געווענדט צו גריגאָריען דאָ אויף „דו", דאָ אויף „איר", גערעדט פריי, און איינמאָל אפילו, היימיש ווערנדיק, באַרירט מיט דער שווערער האַנט גריגאָריעס אַקסל. אויף זיין גרויס, עפּוואָס געשטופּלט ראַזירט פּנים האָבן העל געלויכטן די טיכטיק-פּאַרדרייטע וואָנסעס. די איינגענעצטע האָר זענען גלאַט פּאַרקעמט געווען און האָבן לעבן די קליינע אויערן זיך געקרייזלט. ער וואָלט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ווען נישט די היפּשע פּאַרריסענע נאַז און די אויגן. אויפן ערשטן בליק איז נישט געווען אין זיי קיין שום אומגעוויינטלעכס, אָבער זיך צוקוקנדיק, האָט גריגאָרי כמעט דערפילט זייער בלייערנע שווערקייט. קליינינקע, ענלעכע צו שראַפּנעל-קיילעכלעך, האָבן זיי אַרויסגעלויכטן פון די שמאָלע אויגן-שפּאַלטן, ווי פון שיס-לעכער, דערדריקט דעם באַגעגנטן בליק, זיך איינגעקלעפּט אין איין אָרט מיט שווערער טויטער עקשנותדיקייט.

גריגאָרי האָט נייגיריק זיך צוגעקוקט צו אים און באַמערקט אַ געוויסן כאַראַקטעריסטישן שטריך: פּאָדטיאָלקאָוו האָט כמעט נישט געמרוגעט, — שמועסנדיק, האָט ער איינגעגראָבן דעם נישט פריילעכן בליק אין זיין מיטשמועסער און גערעדט, איבערפירנדיק די אויגן פון איין זאַך אויף דער צווייטער, דערביי זענען זיינע קורצינקע, פון דער זון אָפּגעזענקטע ברעמען געווען אַראָפּגעלאָזט און אומבאַוועגלעך. פון צייט-צו-צייט האָט ער בלויז אַראָפּגעזינקען די אָנגעקוואָלענע אויגן-לעדלעך און ווידער פלוצלינג זיי אויפגעהויבן, זיך צילנדיק מיט די אויגן-קיילעכלעך, דורכלויפנדיק מיט זיי אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

— דאָס איז טשעקאַווע, ברידער! — האָט גריגאָרי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום באַלעבאָס און פּאָדטיאָלקאָוון. — די מלחמה וועט זיך פּאַרענדיקן — וועט מען אָנהייבן לעבן גאָר אויף אַ נייעם שטייגער. אין אוקראַינע וועט רעגירן די ר אַ ד ע, ביי אונז — דער מ י ל י ט ע ר י ש ע ר ק ר י י ז.

— דער אַטאַמאַן קאַלעדין, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו מיט אַ האַלב קול אויסגעבעסערט.

— אַלץ איינס. וואָס איז דער חילוק?

— קיין חילוק איז טאַקע נישט, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו מסכים געווען.

— דער מאַמע רוסלאַנד בוקן מיר זיך אַצינד נידעריק, — האָט גריגאָרי ווייטער איבערדערציילט איזוואַרינס טענות, — וועלנדיק געוואויר ווערן, ווי אַזוי דראָזדאָוו און דערדאָזיקער ריז פון דער גוואַרדיע-אַרטילעריע באַציען זיך צו דעם. — אַן אייגענע מאַכט, אַן אייגענע אָרדענונג. די כאָכאָלן פון דער קאָזאַקישער ערד וועלן מיר אַראָפּטרייבן, די גרענעצן אויסברייטערן — און נישט וואַג זיך צו דערנענטערן! מיר וועלן לעבן ווי אונזערע זיידעס האָבן פאַרצייטנס געלעבט. איך מיין, אַז די רעוואָלוציע איז אונז אויף דער האַנט. ווי מיינסטו, דראָזדאָוו?

דער באַלעבאָס האָט זיך גענומען וויגן פון געלעכטער, פון האַסטיקע קערפּער-באַוועגונגען.

— אוודאי וועט בעסער זיין! די פריערן פאַרמאַטערן אונז לאָזן נישט לעבן. וואָס פאַר אַ טייוול איז דאָס — די אַמטלעכע אַטאַמאַנען זענען אַלע עפּעס אַזעלכע דייטשן — פאָן טאַובע, און פאָן-גראַבע, און נאָך אַזעלכע ענלעכע! ערד האָט מען די אַלע שטאַב-אָפיצירן צוגעטיילט... אַצינד וועט מען דאָך כאָטש אָפּאָטעמען.

— און רוסלאַנד וועט אויף דעם מסכים זיין? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו שטיל געפרעגט, זיך נישט ווענדנדיק צו קיינעם.

— נישקשה, זי וועט מסכים זיין, — האָט גריגאָרי פאַרזיכערט.

— און עס וועט ווידער זיין דאָס אייגענע... דער זעלבער באָרשטש, נאָר אַ ביסל שיטערער.

— וואָס הייסט?

— אַזוי. — פּאָדטיאָלקאָוו האָט פלינק אַ פיר געטון מיט די שראַפנעל-קייַלעכלעך פון די אויגן, געוואָרפן אויף גריגאָריען אַן אָנגעכמורעטן בליק פון אונטערן שטערן אַפער. — די אַטאַמאַנען וועלן ווידער מיט די אַרבעטנדיקע טון, וואָס זייער האַרץ וועט פאַר-

גלוסטן, שטעל דיך גלייך פאר יעדן פון זייערע וואוילגעבוירנהייטן, און ער וועט דיך מיט דער בלאָטע גלייך מאַכן. אויך מיר... נישקשה פון לעבן... אַ שטיין אויפן האַלז, און פון יאַר אַראָפּ!

גריגאָרי איז אויפגעשטאַנען. דורכמעסטנדיק דאָס ענגע צי־מערל מיט זיינע טריט, האָט ער עטלעכע מאָל זיך צוגעררירט צו פאָדטיאָלקאָווס צעשטעלטע קניען און, שטיין בלייבנדיק פאַר אים, געפרעגט:

— ווי אַזוי־זשע דען?

— ביזן סוף.

— ביז וועלכן?

— אויב שוין איינמאָל אָנגעהויבן — אַקער זשע ביז צום לעצט. אויב שוין דעם צאַר און די קאָנטר־רעוואָלוציע בייגעקו־מען — דאַרף מען זיך באַמיִען, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין צום פאָלק. און דאָס איבעריקע — איז מעשהלעך, קינדער־שפּילעכלעך. אַמאָל האָבן אונז אונטערגעדריקט די צאַרן, און היינט, אויב נישט די צאַרן, וועלן אונז אַנדערע אונטערדריקן אַזוי, אַז מיר וועלן אַזש פּישטשען!...

— וואָס־זשע, פאָדטיאָלקאָוו, איז דיין מיינונג?

און ווידער האָבן די שווערע שראַפּנעל־קיילעכלעך פון זיינע אויגן אָנגעהויבן אַרומלויפן, זיך זוכנדיק אַן אָרט אין ענגן צימער.

— אַ פאָלקס־מאַכט... אַ געוויילטע. וועסט ווידער אונטער דער גענערעלישער לאַפּע אַרונטערפאַלן, — וועט ווידער זיין מלחמה, און דאָס דאַרפן מיר נישט. עס דאַרף איינגעפירט ווערן אַזאַ מאַכט אויף דער גאַנצער וועלט, — אַז דאָס פאָלק זאָל נישט אונטערגעדריקט ווערן, נישט אויסגעראָטן ווערן דורך מלחמה! וואָרים וואָס וועט דען אַזוי זיין?! אַלטע שאַראָווארן, ווי דו זאָלסט זיי נישט איבערדרייען, — וועלן אַלץ די זעלבע לעכער בלייבן. — הויך אַ פּאַטש געבנדיק זיך איבער די קניִען, האָט פאָד־טיאָלקאָוו גיפּטיק אַ שמייכל געטון, אַנטפּלעקט די דראָבנע, צאָל־רייך־געדיכטע ציין. — מיר דאַרפן זיך האַלטן וואָס ווייטער

פון די עלטסטע, וואָרים אַז נישט, וועט מען אונז אַזוי איינ־שפּאַנען, אַז עס וועט נאָך ערגער זיין, ווי ביים צאַר.

אָנכאַפּנדיק מיט דער האַנט אין דער לופט עפּעס אומדער־גרייכבאַרס, האָט גריגאָרי אָנגעשטרענגט געפרעגט:

— די ערד וועלן מיר אַוועקגעבן? אַלע צו שטיקלעך איינ־טיילן?

— ניין... נאָכוואָס? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו זיך פאַרלוירן און אַזוי ווי אומעטיק געוואָרן. — די ערד וועלן מיר נישט אָפּטרעטן. צווישן זיך איינטיילן, ביי די גוטבאַזיצער צונעמען, וואָרים די פויערים טאָר מען נישט געבן. וועסט אָנהייבן טיילן — וועלן זיי אונז פאַרהונגערן.

— און ווער וועט איבער אונז רעגירן?

— מיר אַליין! — איז פּאָדטיאָלקאָוו הייטער געוואָרן. — מיר וועלן נעמען די מאַכט אין די אייגענע הענט אַריין — דאָס איז דער ציל. זאָל מען נאָר אונז אַ ביסל די זאָטל־רימענס נאָכלאָזן, וועלן מיר אויך באַווייזן פון די קאַלעדינס פּטור צו ווערן!

זיך אָפּשטעלנדיק ביים פאַרהויכטן פענסטער, האָט גריגאָרי לאַנג געקוקט אויף דער גאַס אַרויס, אויף די קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין עפּעס אַ קאָמפּליצירטן שפּיל, אויף די פייכטע דעכער פון די קעגנאיבערדיקע הייזער, אויף די בלייך־גרויע צווייגן פון נאַקעטן טאָפּאָל־בוים אין דער פּאַליסאַדע און נישט געהערט וועגן וואָס דראָזדאָוו מיט פּאָדטיאָלקאָוון האָבן אים געפרעגט. ער האָט פּיינלעך זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין דעם פּלאָנטער פון געדאַנקען, דורצוטראַכטן עפּעס, צו באַשליסן.

אַ מינוט צען איז ער אַזוי געשטאַנען און געשוויגן, שרייבנדיק איניציאַלן אויף דער שויב. אויף יענער זייט פענסטער האָט אי־בערן דאַך פון אַ נידעריק הויז פאַרגייענדיק געטליעט די ערבי־ווינטערדיקע פאַרוועלקטע זון: ווי אַרויפגעשטעלט מיטן ראַנד אויפן פאַרזשאַווערטן שפּיץ דאַך, האָט זי פייכט זיך גערויטלט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט אָט־אָט זיך אָפּרייסן און אַראָפּ־קאָלערן אויף דער אָדער יענער זייט דאַך. פון שטאָט־גאָרטן

האבן, אפגעהאקטע דורכן רעגן, שארכענדיק זיך געקייקלט בלעטער און, אנטלויפנדיק פון אוקראינע, פון לוגאנסק, האט איבער דער סטאניצע, אלץ שטארקער ווערנדיק, געהיידאמאקעוועט ד״ר ווינט.

III

נאוואטשערקאסק איז געווארן דער צענטראל־פונקט פון אלע אנטלאפענע פאר דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע. צו די נידעריקע ברעגן פון דאן זענען זיך צונויפגעפלאסן די הויכע גענעראלן, וואס האבן אמאל באשטימט דעם גורל פון דער צעפאלענער רוסישער ארמיי, האפנדיק אויף דער שטיצע פון די רעאקציאנערע דאנער, טראכטנדיק פון דעם פלאצדארם צו אנטוויקלען און פירן דעם אנגריף אויף סאוויעט־רוסלאנד.

דעם צווייטן נאוועמבער איז קיין נאוואטשערקאסק אנגעקומען, אין דער באגלייטונג פון ריטמייסטער שאפראן, דער גענעראל אלעקסעיעוו. זיך דורכשמועסנדיק מיט קאלעדינען, האט ער זיך גענומען ארגאניזירן די אפטיילונגען פון די פרייוויליקע. די פון צפון אנטלאפענע אפיצירן, יונקערס, שטורמיסטן, שטודירנדיקע, דעקלאסירטע עלעמענטן פון די סאלדאטן־טיילן, אקטיווסטע קאנטער־רעוואלוציאנערן פון די קאזאקן און פשוט מענטשן, וואס האבן געזוכט שטארקע איבערלעבונגען און הויכע געהאלטן, געצאלטע אפילו מיט קערענקעס, — האבן געשאפן דעם סקעלעט פון דער שפעטערדיקער פרייוויליקער ארמיי.

אין די לעצטע טעג פון נאוועמבער זענען געקומען די גענעראלן דעניקין, לוקאמסקי, מארקאוו, ערדעלי. אין דער צייט האבן אלעקסעיעווס אפטיילונגען שוין געציילט העכער טויזנט באגנעטן.

דעם 6־סטן דעצעמבער האט אין נאוואטשערקאסק זיך באוויזן קארנילאוו, וואס האט אויפן וועג איבערגעלאזט זיין וואך

פון די טעקינצעס און אַן איבערגעטועגער זיך דערשלאָגן צו די גרענעצן פון דאָן.

קאַלעדין, וואָס האָט אין משך פון דער צייט באַוויזן צו קאָנצענטרירן ביים דאָן כמעט אַלע קאָזאַקן-פּולקן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן רומענישן און דייטש-עסטרייכישן פראָנט, האָט זיי אויסגעשפּרייט איבערן באַן-מאַגיסטראַל* נאָוואָטשערקאַסק-טשאָרטקאָוו-ראָסטאָוו-טיכאָרעצק. אָבער די קאָזאַקן, וואָס זענען שוין מיד געווען פון דער דריי-יעריקער מלחמה און האָבן זיך אומגעקערט פון פראָנט רעוואָלוציאָנער-געשטימט, האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן חשק זיך צו שלאָגן מיט די באָלשעוויקעס. אין די פּולקן איז געבליבן אפשר אַ דריט-חלק פון דער נאָרמאַלער צאָל רייטער.

די פּולקן, וואָס האָבן זיך צום בעסטן אויפגעהאַלטן — דאָס 27, 44 און 2 פון רעזערוו — האָבן זיך געפונען אין דער קאַמיענסקער כטאַניצע. אַהין זענען אין זיין צייט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פעטראָגראַד דאָס אַטאַמאַנער און קאָזאַקישע פּולק פון דער לייב-גוואַרדיע. די פון פראָנט-צוריקגעקומענע פּולקן — דאָס 58, 52, 23, 28, 12, 29, 35, 10, 39, 23, 8 און 14-טע און די באַטאַרייעס — די 6, 32, 28, 12 און 13-טע זענען איינקוואַרטירט געווען אין טשאָרטקאָוו, מילעראָווע, ליכאָיע, גלובאָקאָיע, זוויערעוו און נאָך אין ראַיאָן פון די גראָבנס. די פּולקן, וואָס זענען באַשטאַנען פון כאָפּערער און אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז זענען אָנגעקומען אויף די סטאַציעס פילאָנאָוואָ, אוריופּינסק, סעבריאַקאָוו; זיי זענען דאָרט געשטאַנען אַ געוויסע צייט, דערנאָך ביסלעכווייז איינגעגאַנגען.

מעכטיק האָבן געצויגן צו זיך די היימישע כאַטעס, און עס איז נישט געווען אַזאַ כוח, וואָס זאָל קאָנען אָפּהאַלטן די קאָזאַקן פון סטיכישן דראַנג אַהיים. פון די דאָנער פּולקן איז בלויז דאָס 1, 4 און 14-טע געווען אין פעטראָגראַד, אָבער אויך די האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן נישט אויף לאַנג.

* מאַגיסטראַל — ליניע, וואָס פאַרייניקט די וויכטיקסטע פונקטן.

געוויסע, באַזונדערס נישט זיכערע, טיילן האָט קאַלעדין זיך באַמיט צו דעפאָרמירן, אָדער איזאָלירן דורך אַרומרינגלען זיי מיט די מער זיכערע.

סוף נאָוועמבער, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געפּרוּווט מאַרשירן אויפן רעוואָלוציאָנערן ראָסטאָוו מיט די פּראָנט-טיילן, האָבן די קאָזאַקן, צוקומענדיק צו אַקסייסק, זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין אָנגריף און אומגעקערט צוריק. די ברייט-פונאַנדערגעוויקלטע אָרגאַניזאַציע פאַר צונויפקלעבן די צעשפּליטערטע אָפּטיילונגען האָט געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן: דעם 27-סטן נאָוועמבער איז קאַלעדין שוין אימשטאַנד געווען צו אָפּערירן מיט פעסטע פּריוווי-ליקע אָפּטיילונגען, אויסבאַרגנדיק כּוחות אויך ביי אַלעקסעיעוון, וואָס האָט צו יענער צייט שוין געהאַט עטלעכע באַטאַליאָנען.

דעם צווייטן דעצעמבער איז ראָסטאָוו פאַרנומען געוואָרן אין אַ קאַמף דורך די פּריווויליקע אָפּטיילונגען. מיט קאָרנילאָווס קומען איז אַהין איבערגעטראָגן געוואָרן דער אָרגאַניזיר-צענטער פון דער פּריווויליקער אַרמיי. קאַלעדין איז געבליבן אַליין. די קאָזאַקן-טיילן האָט ער פונאַנדערגעוואָרפן איבער די גרענעצן פון דער געגנט, זיי צוגערוקט צו צאַריצין און דער סאַראַטאָווער גו-בערניע, אָבער פאַר אַקטועלע אויפגאַבן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ שנעלע דערליידיקונג, האָט ער באַנוצט בלויז די פּאַרטיזאַנישע אָפיצירן-אָפּטיילונגען; בלויז אויף זיי האָט זיך געקאָנט שטיצן די שוואַכע מיליטערישע מאַכט, וואָס איז פון טאָג צו טאָג אַלץ מער איינגעגאַנגען.

פאַר דער פּאַציפיקאַציע פון די דאָניעצער גרוב-אַרבעטער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די פריש-ווערבירטע אָפּטיילונגען. א ן מאַקיעעווער ראַיאָן האָט זיך אויסגעצייכנט דער עסאַול טשערניצ-צאָוו, דאָרט האָבן זיך אויך געפונען די טיילן פון רעגולערן 58-סטן קאָזאַקן-פּולק. אין נאָוואָטשערקאַסק האָבן זיך אויף שנעל פאָרמירט די אָפּטיילונגען פון סעמילעטאָוו, גרעקאָוו און אויך אַנדערע קאָמפּאַניעס; אויף צפון, אין כאָפּערער קרייז, איז צונויפגעקלעבט געוואָרן פון אָפיצירן און פּאַרטיזאַנער די אַזוי גערופענע „אָפּטיי-

לונג פון סטיענקאַ ראַזין״. אָבער פון דריי זייטן האָבן זיך שוין דערנענטערט צו דער געגנט די קאָלאָנעס פון די רויט־אַרמייער. אין כאַרקאָוו, אין וואָראָנעזש האָבן זיך געזאַמלט די כּוחות, וואָס האָבן געדאַרפט אָנהייבן דעם קאַמף. עס זענען געהאָנגען איבער דאָן וואָלקנס, זיי זענען אַלץ גערדיכטער געוואָרן, שוואַרצער געוואָרן. די ווינטן פון אוקראַינע האָבן שוין דערטראָגן דאָס האַרמאַטן־דונערן פון די ערשטע שלאַכטן. שווערע טעג האָבן זיך אָנגערוקט אויף דער דאָנער געגנט. אַ צייט פון אומקום האָט זיך דערנענטערט.

I

איבער נאָוואָטשערקאַסק זענען שטיל פאַרבייגעשוואומען העל־געלע, ברוסטיקע וואָלקנס, אין דער פאָרם פון באַרקעס. אין דער העכסטער בלויקייט, הינטער די וואָלקנס, גלייך איבערן לויכטנדיקן קופּאָל פון סאָבאָר, איז אומבאַוועגלעך געהאָנגען דער גרויער געקרייזלטער קאַראַקול פון אַ פעדערדיקן וואָלקן, זיין לאַנגער עק האָט כוואַליענדיק זיך אַראָפּגעלאָזט און ראָז געווילבערט ערגעץ איבער דער קריוויאַנער סטאַניצע.

די זון איז אויפגעשטאַנען אַ מאַטע, אָבער די פענסטער פון אַטאַמאַנישן פּאַלאַץ האָבן זי אָפּגעשפּיגלט און בלענדנדיק געלויכטן. אויף די הייזער האָבן געפינקלט די שיפּועים פון די בלעכערנע דעכער, די פייכטקייט פון אָווגט־רעגן האָט דערהאַלטן אויף זיך דער בראָנזענער יערמאַק, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין סיבירער קרוין אין דער ריכטונג פון צפון.

איבער דער קרעשטשענסקער שיפּוע האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאָזאַקישע פוסגייער־אָפּטיילונג. די באַגנעטן פון זייערע ביקסן האָבן העל געפינקלט אין דער זון. אין דער קרישטאָלענער שטילקייט, וואָס איז געשטערט געוואָרן דורך די זעלטענע דורכגייער און גערויש פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער דראָזשקע, האָבן קוים זיך געהערט די שטילע טריט פון די קאָזאַקן.

דעם פרימאָרגן איז מיטן מאָסקווער צוג געקומען קיין נאָוואָטשערקאַסק איליאַ בונטשוק. ער איז דער לעצטער אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן, גלייכמאַכנדיק אויף זיך די פּאָלעס פון זיין אָפּגעטראָגן נישט פּאַסיק מאַנטל און פילנדיק זיך נישט זיכער און אומבאַקוועם אין דער ציוויל-קליידונג.

אויפן פּעראָן האָט שפּאַצירט אַ זשאַנדאַרם מיט צוויי יונגע מיידלעך, וואָס האָבן צוליב עפּעס געלאַכט. בונטשוק האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. די ביליקע, שטאַרק-אָפּגעריבענע וואַליזע האָט ער געטראָגן אונטערן אָרעם. איבערן גאַנצן וועג, ביז דער פאָרשטאָט, האָט ער כמעט נישט באַגעגנט קיין מענטשן. אין אַ האַלבער שעה אַרום, קוימלעך דורכשניידנדיק די שטאָט, האָט בונטשוק זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליין האַלב-חרוב הייזל. שוין זייער לאַנג נישט רעמאָנטירט, האָט דאָס הייזל אויסגעזען נעבעכדיק. די צייט האָט אַרויפגעלייגט דערויף איר לאַפּע, און אונטער איר לאַסט איז איינגעפאַלן דער דאַך, האָבן זיך אויסגעקרומט די ווענט, האָבן די לאָדנס גענומען נאַכלעסיק נאָכהענגען און די פענסטער האָבן פּאַראַליטיש זיך אויסגעבויגן. בונטשוק האָט געעפנט דאָס טירל, אומרויִק דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס הויז און דעם קליינעם הויף, אייליק אַוועקגעשפּרייזט צום גאַנעק.

אין ענגן פאָרצימערל האָט אַ העלפט אָרט פאַרנומען אַ קופערט מיט פאַרשידן אַלטוואַרג. אין דער פינסטער האָט בונטשוק זיך אַ קלאַפּ געטון אין דער קני אָן זיין קאַנט, — נישט פילנדיק קיין ווייטיק האָט ער געעפנט די טיר. אין דער פעדערשטער נידעריקער שטוב איז קיינער נישט געווען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער און נישט טרעפנדיק דאָרט קיינעם, שטיין געבליבן אויף דער שוועל. פון שרעקלעך-באַקאַנטן ריח, וואָס איז אייגן געווען בלויז דעם הויז, האָט זיך ביי אים פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט מיט אַ בליק אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מעבלירונג: אַ שווערער אָרון מיט איקאָנעס אין פעדערשטן ווינקל פון שטוב, אַ בעט, אַ טישל, אַ שפּיגעלע, געפלעקט פון אַלטקייט, אינדערהייך, פאָטאָגראַפיעס, עטלעכע אָפּגענוצטע ווינער שטולן, אַ ניי-מאַשין, אַ סאַ-

מאַוואַר אויף דער באַנק, מאַט פון לאַנגן נוצן. מיט אַ האַרץ, וואָס האָט פּלוצלינג האַסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן, אַריינציענדיק די לופט דורכן מויל, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם, האָט בונ-טשוק זיך אויסגעדרייט און, אַוועקוואַרפנדיק די וואַליזע, אַריינגע-געקוקט אין דער קיך; פּונקט אַזוי פריינטלעך ווי אַמאָל האָט אים באַגריסט דער גרינלעכער, מיט פּוקסין געפאַרבטער, ברייט-בייכי-קער אויוון; פון הינטערן סיצענעם פאַרהענגל האָט אַפּער-געקוקט די אַלטע געפלעקטע קאַץ; אין אירע אויגן האָט געלויכטן אַ מיושבדיקע כמעט מענטשלעכע בייגיריקייט, — אפשר, עס איז דאָ זעלטן ווער געקומען אויף באַזוך. אויפן טיש איז אין אומאָרדע-נונג געשטאַנען אומגעוואַשן געפעס, אויף אַ טאַבורעטקע איז גע-לעגן אַ קניילעכל וואָל, עס האָבן געפינקלט שפּיזלעך, אַריינגע-שטעקטע פון אַלע פיר זייטן אין אַ נישט פאַרענדיקטן זאָק.

גאָרנישט האָט זיך דאָ געענדערט אין משך פון די אַכט יאָר. ווי בונטשוק וואָלט ערשט נעכטן פונדאַנען אַוועקגעגאַנגען. ער איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק. פון דער טיר פון דער שאָפע, וואָס האָט זיך געפונען אין עק הויף, איז אַרויסגעגאַנגען אַ גע-האָרבעטע אַלטיטשקע, אַ געבויגענע דורכן לעבן און דעם אַלעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

„מאַמע!... צי דאָס איז זי טאַקע?..." בונטשוק איז מיט ציטערדיקע ליפּן איר אַקעגנגעלאָפן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און עס פאַרדריקט אין דער פויסט.

— וועמען דאַרפט איר? וועמען? — האָט די אַלטע אומ-רויק געפרעגט, שטיין בלייבנדיק אומבאַוועגלעך און אויפהייבנדיק די האַנט איבער די אָפּבליאַקירטע ברעמען.

— מאַמע!... — האָט ביי בונטשוקן טויב פון דער קעל זיך אַרויסגעריסן. — וואָס-זשע — דו דערקענסט מיך נישט?...

ער האָט מיט שטרויכלענדיקע טריט זיך דערנענטערט צו איר, געזען, ווי די מוטער האָט זיך אַ וואַקל געטון פון זיין אויס-געשריי, ווי פון אַ קלאַפּ, געוואָלט אפשר לויפן, נאָר די כוחות האָבן זי פאַרלאָזט און זי איז געגאַנגען נישט גלייך, ווי קעמפנ-

דיק קעגן אַ ווינט. בונטשוק האָט זי אונטערגעכאַפּט שוין אַ פאַלנ־דיקע. קושנדיק איר קליין געקנייטשט פּנים, און די אויגן, וואָס זענען מאַט געוואָרן פון שרעק און ווילדער פרייד, האָט ער הילפ־לאָז און אָפּט געמרוגעט מיט די אויגן.

— איליושאַ!... איליושענקאַ!... זונעלע! איך האָב דיך נישט דערקענט... גאָט, פונוואַנען האָסטו דיך דערנומען?... — האָט די אַלטע געשעפּטשעט, באַמיענדיק זיך אויסצוגלייכן און שטיין בלייבן אויף די אָפּגעשוואַכטע פיס.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז. און דאָ ערשט, נאָך די איבערגעלעבטע מינוטן פון טיפער אויפרעגונג, האָט בונטשוקן ווי־דער אָנגעהויבן אַרן דאָס פרעמדע מאַנטל, — עס האָט אים זשע־נירט, געדריקט אונטער די אָרעמס, געשטערט יעדע באַוועגונג. ער האָט מיט פאַרלייכטערונג עס אויסגעטון און זיך געזעצט צום טיש.

— איך האָב שוין נישט געגלייבט דיך צו זען אַ לעבעדיקן!... וויפיל יאָר מיר האָבן זיך נישט געזען. ליבינקער מיינער! ווי אַזוי־זשע האָב איך דיך געזאָלט דערקענען, אַז דו ביסט אַזוי אויס־געוואַקסן, געעלטערט געוואָרן!

— נו, וואָס מאַכסטו, מאַמע? — האָט בונטשוק שמייכלענ־דיק אויסגעפרעגט.

זי האָט דערציילט אומגעבונדן און זיך געפּאָרעט: געגרייט צום טיש, אַריינגעשיט קוילן אין סאַמאָוואַר און, צעשמירנדיק אי־בערן פאַרוויינטן פּנים די טרערן און דער ריס פון די קוילן, איז זי נישט איינמאָל צוגעלאָפן צום זון, אים געגלעט איבער די הענט, זיך געטרייסלט, צוגעדריקט צו זיין אַקסל. זי האָט אָנגע־וואַרעמט וואַסער, אַליין אים אויסגעוואַשן דעם קאָפּ, אַרויסגענו־מען פון ערגעץ אויף דער דנאָ פון קופערט ריינע וועש, וואָס איז שוין געל געוועזן פון אַלטקייט, אָנגעקאָרמעט דעם טייערן גאַסט און ביז האַלבע נאַכט געזעסן, נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זון, יסגעפרעגט, ביטער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אויפן שכנותדיקן גלאָקן־טורעם האָט שוין אויסגעקלונגען

צוויי אַ זייגער, ווען בונטשוק האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער איז גלייך איינגעשלאָפן און אין שלאָף פאַרגעסן די קעגנוואַרט. עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אַז ער, אַ קליין דרייסט לערן-ייִנגל פון דער פאַך-שול, איז זיך שטאַרק אָנגעלאָפן, האָט זיך געלייגט, שלאָפט איין, און אַז פון דער קיך וועט די מאַמע באַלד עפענען די טיר און שטרענג פרעגן: „איליושאַ, האָסט געמאַכט די לעקציעס אויף מאָרגן?" — און אַזוי איז ער טאַקע איינגעשלאָפן מיט אַ פאַרגליווערטן אָנגעשטרענגט-פריידיקן שמייכל.

ביז אינדערפרי איז די מוטער צו אים עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען, גלייך געמאַכט די קאָלדרע, דאָס קישן, געקושט זיין גרויסן שטערן מיט דער קרימלעך-אַראָפּגעפאַלענער בלאָנדער טשופּרינע, און מיט שטילע טריט אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ טאָג אַרום איז בונטשוק אַוועקגעפאָרן. אינדערפרי איז געקומען צו אים אַ חבר אין אַ זעלנערישן שינעל און ניי היטל פון האַקי-קאָליר, עפּעס שטיל אים געזאָגט, און בונטשוק האָט זיך גענומען פאָרען, שנעל איינגעפּאַקט די וואַליזע, אַריינגעוואָרפן די פּאָר וועש, וואָס די מוטער האָט אים אויסגעוואַשן, שמערצלעך זיך קרימענדיק, אָנגעטון דאָס מאַנטל. ער האָט זיך איילנדיק געזעגנט מיט דער מוטער, צוגעזאָגט צו זיין אין אַ חודש אַרום.

— וואוהין פאָרסטו, איליושאַ?

— קיין ראָסטאָוו, מאַמע, קיין ראָסטאָוו. איך וועל בקרוב קומען... דו... דו, מאַמע, האָב נישט קיין עגמת-נפש! — האָט ער אונטערגעגעבן מוט דער אַלטער.

זי האָט איילִיק אויסגעטון דאָס קליינע צלמל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלז, געקושט דעם זון, איבערגעצלמט אים און עס אים אָנגעטון. אירע פינגער, אייז-קאַלטע, האָבן געציטערט.

— טראָג דאָס, איליושאַ. דאָס איז פון הייליקן ניקאָלאַי פון מירליקיע. פאַרהיט און באַשירעם, הייליקער וואוילטעטער, באַשיץ און זיי מציל... ער איז איינער ביי מיר... — האָט זי געשעפּטשעט, זיך צודריקנדיק מיט הייסע אויגן צום צלמל.

פעסט אַרומנעמענדיק דעם זון, האָט זי זיך נישט איינגע-

האַלטן. די ווינקלען פון די ליפן האָבן אַ ציטער געטון, זיך ביטער אויסגעצויגן אַראָפּ. אויף בונטשוקס האָריקער האַנט איז ווי ביי אַ זומער־רעגן אַראָפּגעפּאַלן איין וואַרעם טראָפּנדל, אַ צווייטס. בונ־טשוק האָט צענומען אויף זיין האַלז די מוטערס הענט, — און אָנ־געכמאַרעטער אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק.

סוף פון זעקסטן בוך.